STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08056

GIBOYRIM FUN DER NAKHT

Chaver-Paver

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גיבורים פון דער נאַכט

כאַווער-פּאַווער

גיבורים פון דער נאַכט

ראָמאַן פון אידישע פּאַרטיזאַנען אין פּוילן



כאַווער-פּאַווער בוך-קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.
1950

צייכענונג אין שער־בלאַט פון **זוני מאָוד**

GEBOIRIM FUN DER NACHT

Chaver Paver

●

Copyright 1950, by
GERSHON EINBINDER
Los Angeles, Calif.

●

Published by
CHAVER PAVER BOOK COMMITTEE
Los Angeles, Calif.

PRINTED IN THE U.S.A. 209

כאַווער-פּאַווער בוך-קאָמיטעט:

קלמן מרמר — ערן-פּאָרזיצער
מאַקס בערגמאַן — פּאָרזיצער
יעקב לון — עקזעקוטיוו-סעקרעטאַר
סעם קלאַפּערמאַן — קאַסירער

וויצע פּאָרזיצערס:

וויליאַם קעסנער הערי גאָלדסטיין נאַדיאַ לון

עקזעקוטיווע:

א. אָלקין, דזשעני גלאַדסטאָן (מיאַמי), מ. געלער, סעידי דאָראָשקין, ב. דעגלין, ג. הורוויץ, פּוליע טשערנער, מעימי יאַשון, פּאָולין ליפּסאָן (אָקלאַנד), ראָוז סטעפּקין, פּאָולין קאָפּעלאָף, לינאַ קלאַפּערמאַן, מילדרעד און חיים לאַסניק, לעאָ ראָוז, מערי ריטשמאַן, סאָניאַ ראַיער, ב. פּרימאַק, צירל דאָבזשינסקי.

אַ האַרציקן דאַנק ג. נאַפּטולין פּאַר מיטהעלפן אַרויסצוגעבן דעם בוך אין אָנדענק פון איר מאַן נעיטן נאַפּטולין.

כאַווער-פּאַווער בוך-קאָמיטעט.

אין אָנדענק פון

ל ע נ אָ ר

די טאָכטער פון

מינאַ און הערי גאָלדסטיין

וואָס איז אַזוי פרי אַוועק פון דער וועלט.

פסח האָט געטראַכט, אַז אויב ער וועט בלייבן לעבן, און די וועלט וועט נאָך אַלץ זיין אַ וועלט, מוז ער זיך טרעפן מיט אַ שרייבער און אים אַלצדינג דערציילן.

פסח איז געבליבן לעבן, און די וועלט איז נאָך אַלץ געווען אַ וועלט, און ווען ער איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ שרייבער און אים אַלצדינג דערציילט . . .

מען זאָל זיך גאָרניט קאָנען באַגיין אָן אונז

דאָס דאָרף ליובען, אין דעם געגנט צווישן כעלם און וולאָדעווע, איז ווי פון דער נאַטור אַליין באַשאַפן געוואָרן זיך צו באַהאַלטן דאָרטן פון די נאַציס. פאַרוואָרפן פון דער גרויסער וועלט, 25 קילאָמעטער פון אַ באַן, צען קילאָמעטער פון אַ הויפּט־וועג, אַרום און אַרום, בלויז וואַלד, און טיפער אין וואַלד — גרויסע ווילדערנישן.

דאָס דאָרף ליובען, וואו ס'האָבן געוואוינט אַן ערך פינף הונדערט משפחות, איז באַשטאַנען בלויז פון איין לאַנגער אויסגעצויגענער גאַס, מיט ווייסע אוקראַינישע כאַטעס, מיט רויטע פריזבעס, מיט שטרויענע קוטשמע־דעכער, מיט ברונעמס, כמעט לעבן יעדן הויז, מיט לאַנגע שטע־קענס ביי די ברונעמס, צו די שפּיצן צוגעבונדן הילצערנע עמערס אויף אָנ־צושעפּן וואַסער, און נאָענט דערביי גרין־שימלענדיקע קאַרעטעס אויף אָנ־צוטרינקען די בהמות.

סטעפּאַנ'ס כאַטע האָט שוין פאַרמאָגט אַ בלעכענעם דאַך. דער איינ־ציקער בלעכענער דאַך אין דאָרף, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ פאַר־ריסן שטאָטיש־היטל צווישן אַזויפיל פּשוט'ע פויערשע קוטשמעס.

ער האָט אויך געהאַט אויף זיין פאָדווירע אַן אַנדער מין ברונעם, אַ ברונעם מיט אַ קאָרבע, און מיט אַ שטריק אַרומגעוויקלט דער קאָרבע. און געשטאַנען איז די כאַטע אויך נישט דאָרטן וואו אַלע איבעריקע כאַטעס שטייען, נאָר סאַמע אין דער הויך אויפן באַרג.

— מיט מיינע אייגענע צוויי הענט, — האָט סטעפּאַן געוויזן פּסח'ן זיינע פאַרהאַרטעוועטע מאַזאָליסטע פויערשע ידים — מיין טאַטע געוועזן אַן ערדלאָזער, אָבער איך . . .

ער איז איצט געוואַלדיק דערהויבן סטעפּאַן דראָגאָוואָי. ער האָט זיך געבראַכט אַ שקלאַף פון צווייטן דאָרף האַליא, און ער גייט איצט אַרום מיט זיין שקלאַף איבער דער פאָדווירע (הויף) און ווייזט אים זיין באַ־לעבאַטישקייט. און זיין ווייב מארפא גייט אויך נאָך. אַביסל פונדער־וויטנס גייט זי נאָך, און היט זיך. ס'גייט אויך נאָך זיין מאַמע די אַלטע זאכאריכע, און זיין טעכטערל לענקא, און דער גרויסער געלער הונט, אַז.

— וויפיל קי פאַרמאָגט דיין טאַטע? — טוט סטעפּאַן פּלוצלונג אַ שטעל אָפּ זיין טעכטערל לענקא.

— פּופּצן קי פאַרמאַגט מיין טאַטע, — האָט דאָס אַכט־יאַריק מיידעלע מיט די פּלאַקסענע צעפּעלעך, מיט דעם באַשפּרענקלטן פּנים אויסגעזונגען, און אין אירע בלויע אייגעלעך איז געווען אַ מין דערשרעק.

— און וויפיל פערד? — פרעגט סטעפּאַן גאַנץ שטרענג.

— פיר, גרויסע, שטאַרקע פערד.

— און שעפּעלעך?

— צוואַנציק שעפּעלעך, און צען בינשטאָקן, און צוואַנציק העקטאַר פּאַשע־פעלד און וואַלד, — וואַרט שוין ניט לענקאַ ביז דער טאַטע זאָל איר שטעלן פראַגן, — און פערציק העקטאַר תבואה פעלד, און אַ סאַד מיט פּרוכט ביימער, און אַ הויז מיט אַ בלעכענעם דאַך.

— זעסט, ווי זי איז אַ קלוגע ביי מיר, — כאַפּט ער אַריין איר נעזל אין זיינע צוויי פינגער און טוט דאָס אַ פּאַרקלעם.

— דו, היראָד, דו! — גיט אים זיין אַלטע מאַמע אַ דערלאַנג מיט איר איינגעשרומפּענער פויסט אין זיין שטאַרקער מענערשער ברוסט, כאַפּט דאָס וויינענדיקע אייניקל און קושט איר אויס דאָס בלאָס־געוואָרענע נעזעלע.

כאַ, כאַ, — צעלאַכט זיך סטעפּאַן — מיין מאַמע שלאָגט מיך!

און דער גרויסער געלער הונט, אַז, שפּרינגט אַרום זיין באַלעבאָס, לעקט אים די הענט, רייבט זיך אָן זיינע קני, קאַוואַטשעט פון ווייטאָג און פון פרייד, ווען יענער דערלאַנגט אים אַ בריקע מיטן פוס אין בויך אַריין.

און פּסח דער שקלאַף? אי ער האָט עפּעס מורא, אי ער שמייכלט. מורא האָט ער, וואָס ס'דאַכט זיך אים אויס, אַז ער איז נאָך אַלץ נאַקעט.

ווען ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשע, אויפן וועג לעבן דער סאָוועטי־שער גרענעץ, האָבן אים די נאַציס געכאַפּט און אים אויסגעטאָן מוטער נאַקעט. פון דעמאָלט אָן, ווי ס'דאַכט זיך אים אַלץ אויס, ווען ער שטייט פאַר פרעמדע מענטשן, אַז ער איז אַנטבלויזט, אויפגעדעקט.

האָט ער מורא פּסח, דער הויכער בחור, מיט די אויפגעהויבענע אַקס־לען, אָבער ער טוט ליבלעך שמייכלען. צו אַלעמען שמייכלט ער. צו דעם באַלעבאָס, צו דער באַלעבאָסטע, צו זייער טעכטערל, צו זייער אַלטער מאַמען, און אפילו צום הונט, צו דעם גרויסן געלן, באַוואַקסענעם הונט, וואָס וויל ניט אַראָפּנעמען דאָס אויג פון אים, דעם פרעמדן, און האַלט זיך גרייט אַ וואָרף צו טאָן אויף אים, אין איין אויגנבליק, אויב מען וועט באַדאַרפן.

און ווען סטעפּאַן האָט אים שפּעטער אַנידערגעשטעלט אויסצורייניקן דעם אָפּפאַל אין די קי־שטאַלן, האָט פּסח ווידער געשמייכלט.

פון דעם שאַרף־זויערן ריח דאָרט האָט זיך אים אָנגעהויבן צו דרייען דער קאָפּ, אָבער ער האָט זיך שוין געשטאַרקט, און ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט מיט גרויס ברען, מיט אַפּפּערוויליקייט.

פון דעם אופן, ווי אַזוי פּסח וועט אויסריייניקן דאָס מיסט פון די קי־שטאַלן, הענגט שוין אָפּ זיין לעבן. פון יעדער שטיקל אַרבעט, וואָס ער וועט דאַרפן טאָן אויף סטעפאַנ׳ס באַלעבאַטישקייט, העגנט שוין אָפּ זיין לעבן.

איידער זיי זיינען אָנגעקומען אין דאָרף ליובען האָט פּסח איינגעז׳־חזר׳ט מיט סאָניאַ׳ן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל:

— זאָלן מיר זיך אַזוי סטאַרען, זאָלן מיר טאָן די אַרבעט, וואָס מיר וועלן דאַרפן טאָן, אַזוי גוט, אַז מען זאָל אונז גאָרניט וועלן אַפּלאָזן, אַז מען זאָל זיך גאָרניט קאָנען באַגיין אָן אונז . . .

אָבער וואָס פּלוצלונג האָט אָנגעהויבן דונערן?!

און פּסח וואָלט גאָר געדאַרפט גיין געוואויר ווערן, וואָס סאָניאַ מאַכט. און אַלע טאָג פאַרזאָגט ער שוין זיך אַליין מיטן האַרבן וואָרט, אַז פּאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט, בלי שום תירוץ, וועט ער גיין געוואויר ווערן, וואָס סאָניאַ מאַכט, אָבער, אַז ס׳קומט דער פאַרנאַכט קאָן ער זיך גאָרניט רירן און שלאָפט איין, ווען ער האַלט נאָך דעם ביסן אין מויל.

ס׳איז דערפאַר, וואָס ער סטאַרעט זיך אַזוי ביי דער אַרבעט, האָרעוועט ער זיך אַזוי אָן, אַז ס׳קומט דער פאַרנאַכט זאָגן זיך שוין אָפּ אַלע אברים צו טאָן עפּעס. נאָר שלאָפן ווילן די אברים, אַוועקפאַלן און פאַרגעסן זיך.

ער האָט זי געזען היינט קנייטן ליים מיט די פיס. סטעפאַן האָט אים ביי טאָג געשיקט רייטנדיק אויף אַ פערד פון פעלד צוריק אין דאָרף אַריין ברענגען דעם שאַרף־שטיין, איז פּסח פאַרבייגעפאַרן קיריל׳ס הויז און זי געזען אויף דער פאַדווירע (הויף).

די קליידלעך פאַרקאַטשעט ביז איבער די קני, מיט אירע קלאָר־ווייסע נאַקעטע פיס, האָט זי זיך געטאָפּטשעט אין ליים פאַרמישט מיט צוי פון פערד און פון קי. דאָס האָט איר מסתמא די קיריליכע געהייסן מאַכן אַ קלעפּעכץ פאַר די ווענט פון שטאַל. ער בויט אַ נייעם שטאַל, קיריל.

דאָס וואַרשעווער מיידעלע, מיט די גרויסע פורפור־בלויע אויגן, וואָס

האָט זיך אַזוי שיין געקאָנט אָנטאָן זיך, און פּוצן זיך, און פּוידערן זיך, און שמירן זיך די ליפּעלעך, און וואָס איז אומגעגאַנגען אַ קאָקעטישע אין אירע קליינע שוואַרצע שיכעלעך מיט די הויכע קאַבלוקן, טאַנצט איצ־טער מיט אירע פּאַרבלאָטיקטע פּיסלעך אין קלעפּעכץ פון ליים, געמישט מיטן אָפּפאַל פון די פערד און קי.

זי האָט אים ניט באַמערקט, און ער האָט ניט געוואָלט זי זאָל אים באַמערקן, און ער איז גיך פאַרבייגעריטן. אָבער היינט פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, בלי שום תירוץ, וועט ער שוין קומען געוואויר ווערן, ריידן צו איר גוטע רייד און זי שטאַרקן.

איז געקומען דער פאַרנאַכט, אויסגעשפּאַנט דעם וואָגן, אַריינגעפירט די צוויי פערד אין שטאַל, זיי פאַרמישט עסן, אַרויס פון דער שטאַל און זיך געלאָזט צום גאַניק, וואו מען האָט אים אַרויסגעטראָגן זיין וועטשערע, אָבער ער ווייסט ניט, ווי אַזוי, און ער ליגט שוין אויסגעצויגן אין וואָגן, אין דער שמעקענדיקער שטרוי . . .

— שלאָף ניט, פּסח, שלאָף ניט! — מאָנט ביי אים עמיצער זייער שטרענג.

ווען ער איז געווען אַ אינגל, איז אויך געווען אַזוי ווי איצט. ער, קוים צוועלף יאָר דעמאָלט אַלט געווען, און ער פלעגט קומען פאַרנאַכט פון דער אַרבעט ביי וועבעריי, אַזוי מיד, אַזוי מיד, אפילו ניט געוואָלט עסן, נאָר שלאָפן.

— פּסח, פּסח, — רופט אים איצט מארפּא פון גאַניק — וועטשערע, וועטשערע.

אָבער פּסח איז שוין מוחל די וועטשערע. ער לעבט שוין ניט אויף דער וועלט. ער לעבט שוין אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ פריערדיקער וועלט, ווען ס'איז נאָך געווען גוט, ווען פּוילן איז נאָך געווען פּוילן, און וואַרשע איז נאָך געווען וואַרשע. גראָדע מיט אַ סך שלעכטסקייטן, אָבער אויך מיטן ביסעלע גוטן.

און וואָס פאַר אַביסעלע פון גוטן, האָט געקאָנט טרעפן אַ אידישן בחור אין פּוילן, אַן אַרבעטער־בן־אַרבעטער?

ער גייט אום מיט סאָניאַ'ן אין קראַשינסקי'ס גאָרטן. ס'איז פרילינג פאַרנאַכט. ס'שמעקט אַ מחיה.

און ער שעמט זיך גאָר צו גיין מיט סאָניאַ'ן אין קראַשינסקי'ס גאָרטן, ווייל זי איז בלויז פערצן יאָר אַלט, און ער איז שוין אַ בחור באַלד אַכצן יאָר אַלט.

שוין דאָס אמת'ע מיידעלע, אָט־די סאָניא. אַ מיידעלע, וואָס מען

פרעגט זיך נאָך אויף איר. אַט לאַכט זי פון אים, און מאַכט חוזק פון אים, און אַט גאָר שטעלט זי אים אָפּ און רופט זיך אָן צו אים מיט אַזאַ תמימות:

— ווי קומט דאָס, וואָס איר וואוינט ביי אונז אין הויז, באַלד אַ גאַנץ יאָר, און איר האָט נאָך קיינמאָל מיך ניט פאַרבעטן אַרויסגיין מיט אייך אַביסל שפּאַצירן? שעמען מעגט איר זיך!

אַ מיידעלע פון פערצן יאָר זאָל דיר אַזוי אַ זאָג טאָן צו אַ בחור. מען דאַרף דאָס קאָנען! אָבער זי, סאָניא, קען דאָס שוין. זי קאָן זיך שפּילן מיט אירע חבר׳טעס אין הויף אין קינדערשע שפּילן, ווי שפּרינגען איבער אַ שטריק, פּאַטשן די גומענע פּילקע, און זי קאָן אויך, דערזעענדיק פּלוצ-לונג אַ בחור, מאַכן צו אים אַזוינע אויגעלעך, ווי זי וואָלט שוין געווען ווער ווייסט, ווי דערפאַרן אין אַזוינע זאַכן.

פאַרדריסט דאָס אים, פּסח׳ן, וואָס זי מאַכט אייגעלעך צו יעדן פרעמדן בחור, און ער שטראָפט זי, און ער מוסר׳ט זי:

— סטייטש, דו ביזט דאָך נאָך אַ קינד, ווי שעמסטו זיך ניט?

אָבער דאָס קינד קושט אים גאָר אין די ליפּן. אין קראַשינסקי׳ס גאָרטן, אין דער פינצטערער אַלייע, קושט זי אים אין די ליפּן, דריקט זיך צו אים אַזוי הייס, ברענט ווי אַ פייער און לאָזט אים גאָרניט אָפּ.

— ווען חתונה האָבן פאַר מיר? — פליסטערט זי אים אַריין אין אויער.

אַ מיידעלע פון פערצן יאָר זאָל פרעגן אַ בחור פון אַכצן, צי ער וויל חתונה האָבן פאַר איר? לאַכט זי און זאָגט, אַז זי איז שוין פון לאַנג ניט קיין פערצן יאָר אַלט, נאָר גאָר אַכצן יאָר. און דאָס וואָס ער דאַרף זיך שטעלן פאַר אַ סאָלדאַט, זאָגט זי אים, מאַכט אויך ניט אויס, זי וועט וואַרטן אויף אים אפילו גאַנצע פינף יאָר. אָבער ער, פּסח, גלויבט איר ניט, מחמת איר טבע פון וואַרפן גלייך אייגעלעך צו יעדן איינעם פרעמדן בחור, וואָס זי דערזעט.

זי דאַרף גאָרנישט מאַכן קיין אייגעלעך, כדי בחורים זאָלן צוגעזאָטן ווערן צו איר. מען דאַרף נאָר אַ קוק טאָן אויף איר טאַנצנדיקן גאַנג, אויף איר שפּילעוודיקן מאָך פון אירע קאַפּריזנע אַקסעלעך, אויפן דריי פון איר געכוואַליעטן קאָפּ בלאָנדע האָר. אַ קליינינקע, דווקא, אָבער מיט גרויסע הייסע אויגן, הייסע, וועלנדיקע און אָפּשפּעטנדיקע.

— ווערסט זען, פּסח, — מאַכט זי צו אים אין אידיש, און ריידן רעדט זי צו אים אידיש נאָר ווען מען קושט זיך, ווען מען האַלזט זיך, — ווערסט זען, פּסח, מיר וועלן נאָך וויסן פון אַ סך גליק צוזאַמען.

יאָ, זיי וועלן וויסן אַ סך גליק צוזאַמען. ער וועט אַרבעטן, זי וועט אַרבעטן. זיי וועלן זיך ערגעץ דינגען אַ דירה. זי פאַרמאָגט דאָך אַזוינע גאָלדענע הענט. די ערשטע וואָך, וואָס זי האָט זיך געשטעלט אַרבעטן ביי הענטשיקעס, האָט זי זיך שוין אויסגעלערנט די גאַנצע מלאכה, אַקו־ראַט ווי זי וואָלט שוין געאַרבעט ווער ווייסט וויפיל יאָרן. יאָ, זיי וועלן חתונה האָבן און זיין גליקלעך צוזאַמען.

אָבער וואָס האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן דונערן? ניין, ס׳דונערט ניט. דאָס פאַלן באָמבעס פון הימל. די רשעים, די נאַציס, וואַרפן באָמבעס אויף וואַרשע.

— אוי, סאָניע, לאָמיר אַנטלויפן, לאָמיר זיך ראַטעווען . . .

ער האָט געזאָגט, אַז זי איז זיין שוועסטער

האָט זיך פּסח אויפגעכאַפּט אין קאַלטן שווייס. אָבער ס׳דונערט ניט. ס׳פאַלן ניט קיין באָמבעס פון הימל, נאָר, אַז, דער גרויסער געלער באַוואָקסענער הונט, האָוקעט אויף אים.

און די לבנה און הימל איז אַזוי הויך, און פאַר׳כישוף׳ט דאָס גאַנצע דאָרף, און דאָ זינגט מען ערגעץ אין דער וויט אוקראַינישע לידער, שיינע בענקנדיקע לידער.

אוי, ער וועט לויפן צו סאָניע׳ן. ס׳לויכטן זיך נאָך די פענצטערלעך אונטן אין דאָרף. נאָך פּרי, הפּנים. ווייזט אויס, ניט אָפּגעשלאָפן קיין סך.

און לויפנדיק צו סאָניע׳ן, וואונדערט ער זיך וועגן חלום, וואָס ער האָט ערשט גע׳חלומ׳ט. וואונדערט זיך בכלל, וואָס וועגן ער חלומ׳ט פון סאָניע׳ן אין זיין שלאָף, קומט אויס, אַז זי איז בלויז פערצן יאָר אַלט.

די מעשה איז, וואָס ווען ער איז נאָר־וואָס געקומען פון לובלין קיין וואַרשע, נאָך דעם, וואָס זיין טאַטע און מאַמע זיינען געשטאָרבן, און זיך אַריינגעקליבן צו זיי אין קעלער־שטוב, אויף דער פאַוואַ גאַס, איז זי טאַקע מער פון פערצן יאָר ניט אַלט געוועזן.

און ווי קליין זי איז געוועזן, האָט זי שוין אָנגעהויבן נאָכצומאַכן די גרויסע מיידלעך מיט איר פּוצן זיך, מיט אירע פּירובגען, מיט איר קוקן אויף אינגלעך.

עפּעס האָט זי שוין פאַרמאָגט אַ באַזונדערע קענטעניש אַ קוק צו טאָן אויף אַ אינגל. אַזוי פון דער זייט האָט זי דאָס געטאָן, און עפּעס האַלב

אומשולדיק, אָבער דער בחור, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון איר קוק, איז שוין געוואָרן ווי אָפּגעבריט.

⁂

ער האָט געזאָגט, אַז זי איז זיין „שוועסטער״, ווען ער איז אָנגעקומען מיט איר אַהער אין דאָרף ליובען. נאָך וואָס האָט ער אַזוי געזאָגט, האָט ער זיך קלאָר ניט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג. אָבער ער האָט עפּעס געפילט, אַז ס׳וועט אַזוי גלייכער זיין.

זיין „שוועסטער״ סאָניע, שוין די אמת׳ע שוועסטער, נאָך קיין וואָך ניטאָ אין דאָרף, און זי זיצט איצט שוין אויפן גאַניק מיט צוויי בחורים.

— מיין ברודער, — מאַכט סאָניע צו די צוויי בחורים, — באַקענט זיך.

הייסט איינער וואַסיל, און דער צווייטער מיראָן. מיראָן איז אַ נידעריקער, מיט אַ צעפּלעטשטער נאָז, מיט צוויי ביסטרע קוקערס. וואַסיל איז אַ הויכער, אַ קוטשאַרעווע, מיט יונגע רוסיאָווע וואָנצעלעך.

און ווי זיי האָבן זיך אויסגעפּוצט די דאָזיקע צוויי יונגע פּויערן לכבוד סאָניע׳ן! ביידע אין בלויע ברייטע שאַראַוואַרעס, מיט רויטע גאַרטלען אַרומגעבונדן. ביידע אין לייוונטענע העמדער אויסגענייט מיט רויטע בלימעלעך ביי די הויכע קאָלנערס. ביידע אין גלאַנציקע שטיוועלעך.

און ערשט איצט האָט פּסח געזען, ווי קלוג ער איז געווען, ווען ער האָט געזאָגט אויף איר, אַז זי איז זיין שוועסטער. וואָלטן זיי געוואוסט, אַז ער איז איר חתן, וואָלטן שוין די דאָזיקע צוויי אוקראַיינישע בחורים, ניט געקוקט אויף אים מיט אַזוינע פריינטלעכע אויגן. און טאַקע דערפאַר וואָס ער איז אַ ברודער, קאָן ער זיך שוין דערלויבן אָנשרייען אויף איר און זאָגן:

— פאַרוואָס גייסטו ניט שלאָפן? דו ווייסט דאָך, אַז ס׳שאַדט דיר, אַז דו רוסט זיך ניט גוט אויס. האַיידאַ, שלאָפן. און איר, חברה, וועט איר שוין אַוודאי מוחל זיין.

וואָס דען זאָלן זיי זאָגן, אַז מען איז איר ניט מוחל? ניט נאָר איז מען איר מוחל, נאָר מען בעט שוין אויך מחילה ביי אים, פּסח׳ן, וואָס זיי האָבן פאַרהאַלטן זיין שוועסטער.

פאַרבלייבט שוין אויך ניט פּסח לעבן קיריל׳ס גאַניק. גייט אַוועק באַגלייך מיט די אַנדערע צוויי בחורים, געזעגנט זיך מיט זיי און לאָזט זיך קלעטערן אַרויף צו סטעפּאַנ׳ס הויז מיט אַ שווער האַרץ.

ער ווייסט, פּסח, ווער וואַסיל איז, און ווער מיראָן איז. דאָס זייבען

צווײ אוקראַינער נאַציאָנאַליסטן, וואָס חבר׳ן זיך מיט די נאַציס. ער האָט נאָך געהערט פון זײ אין צווייטן דאָרף האַליאַ בײם פּעטער נחומ׳ען אין הויז . . .

ווײל זיך אָבער סטעפאַן באָרען מיט פּסחין

און דער כיטרער סטעפּאַן האָט געוואוסט, אַז פּסח וועט זיך אַוודאי וועלן טרעפן מיט די ליובעגער אידן, האָט ער דאָס אויך באַוואָרנט. ער האָט אים פּשוט געזאָגט אָפן, ניט דווקא מיט בײזן, נאָר דאָך שטרענג:

— כל־זמן דו אַרבעטסט בײ מיר, טאָר מען דיר ניט זען ריידן מיט קײן שום אידן. וואַרף זיך ניט אין די אויגן.

און געבענקט האָט ער זיך צו טרעפן מיט אַ ליובענער אידן, אַז ס׳איז אים ממש דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ווען ער וועט זיך טרעפן מיט אַ ליובענער אידן, און מען וועט זיך אויסריידן אײער פאַרן אַדערן דאָס האַרץ, וועט מען ווערן געשטאַרקט.

און ער אַליין, פּסח, זעט שוין אויס, ווי אַ יונגער דאָרפישער פּויער.

די באַלעבאָסטע האָט אים אויפגעגייט פון גראָבן ווייסן לייוונט אַ פּאָר פּליודערן און אַ ברײט העמד, און אים געגעבן סטעפּאַנ׳ס אַלטן שטרייענעם קאַפּעליוש, קאָן מען שוין ניט דערקאָנען פון דער ווייטנס, אַז דאָס איז דער אידישער בחור, פּסח. אָבער פון דער נאָענט וואָלט מען גלייך דערקאָנט, מחמת זײנע אויגן, ברוינע, שמאָל געשניטענע, טיף־לויכטנדיקע, פינקלען מיטן אייביקן טרויער, און אויך מיט דעם אייביקן ווילן צו לעבן.

נאָך אין וואַרשע האָט ער שוין פון צײט צו צייט פאַרזוכט אַ ביסן, וואָס איז ניט אַזוי כשר לויטן אידישן דין. אָבער מיט דער סאלא (אייג־געזאַלצן רוי חזיר־פעטס), וואָס מען האָט אים געגעבן דאָ אין הויז, האָט ער זיך געוואָרגן די ערשטע צײט.

פון דער קיך בײ סאָניע׳ס מאַמע אין הויז, וואו ער האָט געוואוינט, האָבן זיך געטראָגן געשמאַקע הײמישע ריחות פון די אידישע געקעכצן: אַ ראָסל־פלייש פאַרפּראַוועט מיט אַ קנאָבעלע; אַ יויך פון עוף, וואָס האָט געשמעקט מיט פּעטרישקע; געהאַקטע פיש מיט אַ פעפערדיקן טעם. דאָ אין הויז האָט געטראָגן פון מאַרפאַ׳ס קיך מיט גאָלע פעטע ריחות, פרעמדע רויע ריחות, ניט פאַר זיין אידישן מאָגן. אפילו דאָס פלייש פון אַ שעפּ־

סעלע איז שוין ניט געווען גוט צו זיין גומען. אָבער מיט דער צייט זיך שוין צוגעוואוינט. ווען די געדערים ווערן ממש צעריסן פון הונ־גער, שלינגט מען שוין אַלצדינג.

צו דער פירונג, אָבער, אין הויז, האָט ער זיך שוין ניט געקאָנט צו־געוואוינען. סטעפּאַן האָט געגרעבצט הויך אויף אַ קול ביים עסן, און אויך זיך אפילו ניט געשעמט צווישן מענטשן צו לאָזן ווינט פון אַן אַנדערן טייל פון קערפּער.

און דאָס, וואָס ער, סטעפּאַן, האָט שטאַרק ליב געהאַט אַן אַ פּאַרוואָס, אָן אַ פּאַרוועז, אין גוטן מוט גראָדע, דערלאַנגען אומגעריכט אַ פּאַרפּאַר זיין מאַרפּאַ'ן אין איר היפּשן פון־אונטן, האָט שוין פסח'ן אויך געעקלט.

מאַרפּאַ, פון אַ יאָר 35, מיט אַ קלאָר ווייסן פּוכלען האַלז, מיט היפּשע אַרויסשפּאַרנדיקע ברוסטן, מיט געדיכטע געלע צעפּ, מיט אַ פּאַרריסן קור־נאָסע נעזל, מיט תאווה'דיקע דיקלעכע ליפּן, מיט פּאַרשייטע גרוילעך־בלוילעכע אויגן, האָט זיך גראָדע געהיט ניט אויסצוקומען צו איר מאַן מיט יענעם טייל קערפּער, וואָס כאַפּט פּעטש. אָבער איר היטן זיך, איז שוין עפּעס געווען, ווי אַ מין רייצן זיך, ווי אים אויפמערקזאַם צו מאַכן צו יענעם אָרט.

און געפּאַטשט האָט ער ניט מיט אַ לייכטער האַנט, טאַקע מיט כוח, און נאָך יעדן פּאַטש, אויב פסח איז געשטאַנען דערביי, זיך אָנרופן מיט אַ פריילעכן וואונק:

— זי איז ביי מיר אַ געלערנטע, מיין באַבאַ. קאָן לייענען און שרייבן פּויליש און אוקראַיניש, ווי אַ וואַסער.

זי האָט טאַקע געקאָנט לייענען און שרייבן, מאַרפּאַ, פּויליש און אוקראַיניש, ווי אַ וואַסער, און דאַריבער האָט איר שוין, ווייזט אויס, ניט געפּאַסט, זיך אָנצוטאָן, ווי די איבעריקע פּויערטעס אין דאָרף, און געפּאָרן אָפּט קיין וולאָדעווע זיך נייען קליידער לויט די שטאָטישע מאָדעס.

סטעפּאַן, אַ הויכער פּויער מיט אַ ווילדן רוסיאַוון טשוב האָר אויפן קאָפּ, ווי ביי אַ קאָזאַק, מיט צוויי געדיכטע געלע וואָנצעס, מיט כיטרע כלומר'שט ווייכע, גרוילעכע אויגן, איז גאַרניט געווען מיד נאָך אַ טאָג אַרבעט אין פּעלד. זיך רק געזוכט צו ווילדעווען, אַרויסווייזן זיין כוח. דעם גרויסן געלן הונט פלעגט ער פּאַרמוטשען. אים געשליידערט, אים געבריקעט, אים אָנגעטאָן אַלערליי רשעותן. אָבער די חיה האָט דאָס איי־בערגעטאָרגן אי מיט פּיין, אי מיט ליבשאַפט. מיט פסח'ן האָט זיך אים אויך געוואָלט ווילדעווען, זיך פּאַרמעסטן אין גבורה.

— קום זיך באָרען, פסח. ביזט דאָך עפּעס אַ שטאַרקער.

ער איז געוואָלדיק מיד, פּסח, נאָך אַ טאָג אַרבעט אין פעלד. ער פאַלט שוין ניט גלייך אַנידער שלאָפן, ווי אין די ערשטע טעג, אָבער ער וואָלט געוואָלט זיצן אויף דער פּריזבע און רוען.

וויל זיך אָבער סטעפּאַן באַרען מיט פּסח׳ן, און פּסח איז אים מוחל דאָס באַרען. זיך קיינמאָל ניט געהאַט צו ליב געהאַט צו באַרען, כאָטשבי ער איז זייער אַ קרעפּטיקער, אפשר אַ סך קרעפּטיקער, ווי סטעפּאַן.

און פּסח, דער שקלאַף, מוז שוין טאָן אַלצדינג, וואָס דער באַלעבאָס הייסט. גייט ער זיך באַרען. און זי, מאַרפּאַ, לאַכט מיט אַ קוויטש, מיט אַ ווייבערשן אויסגעלאַסענעם קוויטש, און זי וויל גאָר, אַז פּסח זאָל זיגן:

— ביזט אינגער פון אים, — שרייט זי, — גיב אים אַ צעלייג אויף די לאָפּעטקעס, אַז דער רוח זאָל אים נעמען.

און ער, פּסח, וואָלט גראָדע אים געקאָנט אַ שליידער טאָן, ער פילט שוין אין זיינע מוסקולן, אָבער ניט אין דעם ליגט די געפאַלנקייט פון מענטשן, וואָס מען וועט דיך אַ שליידער טאָן ביים באַרען זיך, און ער לאָזט זיך שוין צעלייגן פון באַלעבאָס. ניט מיטאַמאָל לאָזט ער זיך, כדי סטעפּאַן זאָל ניט חושד זיין.

טריאומפירט סטעפּאַן, און מאַרפּאַ איז שטאָלץ מיט איר מאַנצביל, און לענקא הענגט זיך אָן אויפן טאַטענ׳ס פּלייצעס און קוויטשעט פון פרייד, און די אַלטע זאַכאַרעכע שמייכלט מיט איר ציינלאָזן מויל.

און פּסח שמייכלט אויך. הויבט זיך אויף, טרייסלט זיך אָפּ די קליידער און זעצט זיך צו אויף דער פּריזבע, און טראַכט זיך זיינע געדאַנקען, און בענקט זיך זיינע בענקשאַפטן.

ער וואָלט זיך אַזוי געוואָלט טרעפן מיט אַ ליובענער אידן, ס׳גייט אים ממש אויס דאָס האַרץ. אַרום אַכט משפחות זיינען זיי דאָ פאַראַן, אָבער זיי ווייזן זיך שוין אויך ניט אָפּן פאַר מענטשן. זיי באַהאַלטן זיך אויס. אַ פּאָר משפחות זיינען אַוועק קיין וואָלאָדעווע און דאָרטן שוין פאַר־בליבן, די איבעריקע זיינען געוואָרן באַטראַקעס און פּאַסטוכער ביי זייערע באַקאַנטע פּויערים.

מיין נאָמען איז וואַנקאַ . . .

די פעלדער צעאַקערט, אויך פּאַרזייט, און מען האָט געוואַרט אויף רעגן און גוטער פּאַגאָדע, ס׳זאָל אויפגיין פון דער ערד די אַריינגעלייגטע מי מיט ברכה און מיט שפע.

איז דער רעגן און דער טוי געפאַלן אין צייט, און די זון האָט געשיינט פּונקט דעמאָלט, ווען מען האָט באַדאַרפט, און אַז ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען און די פּויערים האָבן דערזען: כי טוב, אַז ס׳איז גוט, האָבן זיי מורא געהאַט צו ריידן פון דעם, כדי ניט געבן קיין עין הרע.

און אַז די תבואות זיינען אויפגעגאַנגען אַביסל העכער, האָט מען שוין דערקאָנט לויט אַלע סימנים, אַז אויב ס׳וועט ווייטער גיין, ווי ס׳איז געגאַנגען ביז אַהער, וועט היינטיקן זומער זיין אַזאַ ברכה, וואָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן און געזען געוואָרן אין זייערע מקומות.

און אַזוי ווי זיי האָבן פון קיין צופּיל ברכה אַלע זייערע יאָרן ניט געוואוסט, האָט מען זיך ניט געגלויבט די אייגענע אויגן, און מען האָט זיך געשראָקן, אַז די ברכה זאָל ניט ווערן קיין קללה, און אַז ס׳וועט קומען צום שניידן, זאָל מען, חס וחלילה, ניט שניידן מיט טרערן.

און אַז ס׳איז אָנגעקומען דער חודש יוני, האָבן זיך אָנגעהויבן צו טראָגן פינצטערע קלאַנגען. וואָס? ווען? האָט מען ניט געוואוסט, נאָר מען האָט דערשמעקט, אַז די דייטשן גרייטן זיך צו עפּעס.

און אין דער ערד האָט ער, פּסח, שוין אויך אַ חלק. שווערע האָרעוואַניע האָט ער אַריינגעלייגט אין דער ערד ביים אַקערן און זייען. און איצטער וואַרט ער אויף רעגן אין צייט און גוטער פּאַגאָדע, ס׳זאָל אויפגיין דאָס פעלד פון זיין אַריינגעלייגטער מי, מיט שפע און מיט ברכה.

און אַז ער האָט דערזען אויפגיין די ערשטע שפּראָצונגען, איז דאָס געווען ביי אים אַ גרויסער יום־טוב. ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז ער איז געווען אַן עדות פון מעשה יצירה, דעם פּראָצעס פון געבוירן און שאַפן. ער אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט, האָט שוין געהאָלפן דעם פּראָצעס פון געבוירן און שאַפן.

די אויגן זיינען געוואָרן ביי אים אַזוי קלאָר און ליכטיק. סאָביע האָט אים דאָס באַמערקט. קיינמאָל, האָט זי געזאָגט, זיינען זיינע אויגן נאָך ניט געווען אַזוי קלאָר און ליכטיק.

די מעשה איז, וואָס פון אינגלווייז אָן, אַז ער האָט געליטן מיט די אויגן. ס׳האָט זיך גענומען פון דער צייט, ווען מען האָט אים אַלס אינגער

אינגל אָפּגעגעבן צו דער אַרבעט אין דער שטריקעריי. דער דאָקטאָר האָט טאַקע געזאָגט, אַז דאָס איז דערפֿאַר, וואָס ער איז נאָך אַזוי יונג, און מוז אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן שווער.

ער וועט זיך אפשר שוין איינגאַנצן אויסהיילן די אויגן, דאָ אין דער גוטער שמעקנדיקער לופט. באַזונדערס שמעקט דאָ די לופט פֿאַרטאָג, ווען די זון האַלט ערשט אין אויפגיין, און ער טרייבט די בהמות אין וואַלד, וואו ס׳געפינען זיך סטעפּאַנ׳ס פּאַשע פעלדער.

איידער ס׳וועט רייף ווערן די תבואה און ס׳וועט זיך אָנהויבן די גרויסע אַרבעט אין פעלד, האָט אים דערווייל סטעפּאַן געמאַכט פּאַר אַ פּאַסטוך.

מיט דער פּאַסטוך-טאָרבע אַריבערגעהאַנגען אויפן אַקסל, און מיטן פּאַסטוך-שטעקן אין דער האַנט, אַ באָרוועסער, אין לייוונטענע קליידער, מיט אַ גרויסן שטרויענעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, טרייבט ער די בהמות אין וואַלד, באַגלייט פון דעם היפּשן געדיכט באַוואַקסענעם געלן הונט, אַז.

די טאָרבע מיט עסנוואַרג הענגט אים מאַרפּאַ אַרויס, אַלע פֿאַרטאָג, אויפן פּאַרקאַן. און שטענדיק איז שוין אין דער טאָרבע דאָ אַ שפּע מיט גוטע זאַכן: אַ שטיק קאַלבאַס, קנישעס פון ווייצשל, אַ האַלב ווייצן ברויט, ציבעלעס מיט רעטעכלעך. די באַלעבאָסטע באַמיט זיך שוין צופיל פאַר אים.

ווי יוסף הצדיק פאַר פּוטיפר׳ס ווייב, אַזוי דאַרף ער, פּסח, זיך שוין היטן פאַר סטעפּאַנ׳ס ווייב. אירע הייסע אויגן שטענדיק, ווי זיי רופן אים, ווען קיינער איז ניטאָ דערביי.

און אפשר דאַכט זיך אים גאָר אויס. אפשר וויל ער גאָר, זי זאָל אים רופן מיט די אויגן. דער זינדיקער חומר אין מענטשן. אָך, אָך, ס׳טראַכט זיך אַזויפיל ווען מען איז איינער אַליין אין וואַלד מיט דער טשערעדע.

ס׳טראַכט זיך אויך, וואָס עס קומט אויף אים אַרויף אַ שולדיקייט בשעת ער וויל זיך פאַרגעסן אין דער צופרידנקייט פון זיין ציטוויילעכער זיכערקייט: אַלע אידן אין פוילן קרעכצן אַזוי ביטער הינטערן שווערן יאָך פון די רשעים, די נאַציס, און ער לעבט זיך אַ זיכער לעבן . . .

צו די פּאַשע-פעלדער אין וואַלד דערגרייכט שוין ניט קיין שום קרעכץ און זיפץ פון די אידן אין פוילן. ס׳איז שלום דאָרטן, פרידלעכקייט, און אַזאַ איינשלעפערנדיקע שטילקייט . . .

***

די בהמות צופּן זיך די זאַפטיקע קרייטעכצער. דער גרויסער שווע-רער הונט, אַז, ליגט לעבן זיינע פיס און דרעמלט, און מען קאָן מיינען,

אַז ער זעט שוין גאַרניט, וואָס אַרום אים טוט זיך, אָבער ווען אַ קו, אָדער אַ שעפּעלע פאַרגלוסט זיך אָפּצוטרעטן צו וויט, פאַרקריכן אויסער די גרענעצן פון זיין באַלעבאָס׳ פעלדער, אַזוי טוט ער בליץ־שנעל אַ שפּרונג אויף, טוט זיך אַ צעיאָג אַזוי פלינק, גאַרניט לויט זיין היפּשקייט און שווערקייט, און ברענגט צוריק דעם שולדיקן צו דער טשערעדע מיט אַ בייז האַווקעריי.

דער דאַזיקער אַז איז צו סטעפּאַנ׳ען אַזוי צוגעבונדן, אַז ער קאָן אַזש ניט עסן און ניט שלאָפן, ווען יענער פאַרט אַוועק אין שטאָט אַריין און בלייבט דאָרטן איבערנאַכט. צו אים, פּסח׳ן, איז ער אויך זייער אַזוי צוגעבונדן, ווי צו סטעפּאַנ׳ען. ער פאַרמאָגט אַ גרויסן כוח, פּסח — די ליבלעכקייט אין אים, וואָס קויפט שוין אָפּ די הערצער סיי פון מענטשן און סיי פון הינט. נאָך פון קליינערהייט אָן, אַז ער קאָן אַזוי ליבלעך שמייכלען צו אַלעמען, אפילו צו שונאים. אפשר וועט שוין דער דאַזיקער כוח אים דורכפירן דורך אַלע סכנות, און ער וועט בלייבן לעבן. און כל זמן ער וועט לעבן, וועט שוין סאָניע אויך לעבן.

זי וועט לעבן, סאָניע. ער, פּסח, וועט שוין זען אַז זי זאָל לעבן, ער איז ערב פאַר איר. ערב פאַר איר טאַטע און מאַמע, און פאַר אַלע מענטשן, און פאַר דער גאַנצער וועלט. הימל און ערד וואָלטן שוין אייביק גע־וויינט, ווען אַזאַ זעלטן־שיינע מיידלשע באַשעפעניש קומט אום פאַר דער צייט . . .

די בהמות צופּן זיך די זאַפטיקע קרייטעכצער. דער גרויסער שווע־רער הונט אַז, ליגט לעבן זיינע פיס און דרעמלט . . . פּלוצלונג, ווי פון הינטער דער ערד, איז אויסגעוואַקסן אַ מענטש. אַזוי שטיל איז ער אַרויס פון צווישן די ביימער אין וואַלד, אַז אפילו דעם הונט׳ס גאַר־וואַכזאַמע אויערן, האָבן ניט געכאַפּט זיינע טריט.

און אויך האָט זיך שוין אַז אויפגעפירט זייער מאָדנע, ווען ער האָט דעם פרעמדן באַמערקט: גראָדע זיך אַ לאָז געטאָן אויף יענעם מיט גאַלע רציחה, אָבער מיטאַמאָל, ווי ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געבליבן ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד.

דער פרעמדער, אָנגעטאָן אין שוואַרצע שיך, מיט הויכע געשני־רעווטע כאָליעוועס, אין אַ גרויסן אָפּגעריבענעם שטויב־מאַנטל, וואָס האָט אים דערגרייכט בלויז ביז אין די קני, אין אַ וואָלאָסיפּעדן היטל, איז געווען אַ מיטלוואוקסיקער פויל, מיט אַ גראָבער קורצער נאָז. די האָר אויפן קאָפּ זיינען שוין געווען ווייס, אָבער פון זיינע גאָר לעבעדיקע גרויסע אויגן האָט אַרויסגעשטראָמט אַזאַ קראַפט, וואָס האָט שוין געצוואונגען סיי דעם

מענטשן, און סיי די חיה בליבן שטיין פאַר אים אין גרויסער געהאַרכזאַמקייט. ער האָט געהאַט אַ רעוואָלווער אויך, אָבער ער האָט אים ניט געהאַלטן אין דער האַנט, געלעגן ביי אים אין קעשעניע, ערשט שפּעטער געוויזן פּסח׳ן דעם רעוואָלווער.

ער האָט פּסח׳ן נאָכדעם דערציילט, אַז ער איז געשטאַנען פאַרשטעקט הינטער די בוימער ביים ראַנד וואַלד, אַ היפּשע צייט אים נאָכגעקוקט און פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ איד. אפילו ווען פּסח וואָלט ניט געווען קיין איד, בלויז אַ פּאַסטוך, וואָלט ער אויך צוגעגאַנגען צו אים, מחמת פּאַסטוכער זיינען גוטע צעטרעגער פון זיין שליחות. און זיין שליחות איז צוגרייטן די פּויערים צום אויפשטאַנד קעגן די אַריינדרינגער. זאָל מען זאַמלען געווער אין געהיים, און וואַרטן אויף אַ צייכן, וויל ס׳בויט זיך אין דער שטיל אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין גאַנץ פּוילן, וואָס וועט דערלאַנגען אַזאַ קלאַפּ די נאַצישע חיות, אַז זיי וועלן שוין פאַרזאָגן זייערע קינדער און קינדס־קינדער אויף אייביק ניט צו קריכן אין פרעמדע לענדער.

און אויך אין זיין שליחות צו די פּויערים, זיי זאָלן שאַנעווען די אידן, וויל די אידן וואָס ליידן ערגער פון אַלע, וועלן זיין די געטרייסטע קעמפער קעגן אַלגעמיינעם שונא אין פאַרשטייענדיקן קאַמף.

פּסח האָט געוואָלט, אַז דער פרעמדער זאָל נאָך זיצן לעבן אים, מחמת אַזאַ גוטער כוח האָט געשטראַלט פון זיין וואַרעמער, וואויל־מענטשלעכער שטימע, אָבער יענער האָט זיך געאיילט, זיך געוואָלט טרעפן מיט נאָך אַנדערע פּאַסטוכער.

— מיין נאָמען איז וואַנקאַ, — האָט ער געזאָגט פּסח׳ן ביים געזעגענען זיך, און אַז מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זיך אפשר נאָך טרעפן . . .

עפּעס דאַרף געשען . . .

יענעם פאַרנאַכט זיינען די פּויערים פון דאָרף לאַנג, לאַנג געשטאַנען מיט די פּנים׳ער פאַרריסן צו מערב־זייט און זיך געשראָקן, וואָס די זון פאַרגייט אין אַזאַ מאָדנער רויטקייט.

— בלוט וועט זיך גיסן אויף דער וועלט, — האָט געזאָגט דער גאַר אַלטער קוזמאַ, — טייכן בלוט וועלן זיך גיסן.

און געזוכט האָבן די פּויערים פון ליובען יענעם פאַרנאַכט אַ סימן אין הימל, מחמת ביי טאָג איז אין דאָרף אַריינגעפאָרן אַ לאַנגער זילבער־

שיינענדיקער אויטאָמאָביל, מיט הויכע דייטשישע עלטסטע.

דער לאַנגער זילבער־שיינענדיקער אויטאָמאָביל, איז צוגעפאָרן צום סאָלטיס (סטאַרשינא, עלצטער) הויז און גלייך איז די סאָלטיכע געלאָפן אָן אָן אָטעם אין פעלד אַריין רופן איר מאַן, און דער סאָלטיס מיט זיין זון וואסיל זיינען אין אַ האַלבער שעה שפעטער געקומען גיך רייטנדיק אויף די פערד.

איינער פון די דייטשישע עלטסטע האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן דעם סאָלטיס, ער האָט זיי אַלעמען אַריינגעפירט צו זיך אין הויז אַריין, און דעם זון וואַסילי׳ן געהייסן שטיין אינדרויסן.

די סאָלטיכע, וואָס איז שפּעטער געקומען צופוס פון פעלד, האָט מען אויך ניט אַריינגעלאָזט אינעווייניק אין הויז, און זי איז געשטאַנען מיטן זון אינדרויסן. אַז די דייטשן זיינען סוף כל סוף אַרויס פון דאָרטן און אָפּ־געפאָרן, האָבן שוין אַלע אין דאָרף, וואָס זיינען געשטאַנען פון דערווייטנס און צוגעקוקט, דערזען אויפן סאָלטיס פּנים, אַז ער איז עפּעס זייער צע־טראָגן און צעטומלט. און אַז מען איז צו צו אים און אים געפרעגט, וואָס אַזוינס האָבן די דייטשישע עלטסטע אים געזאָגט, האָט ער געענטפערט, אַז זיינע ליפּן מוזן זיין געשלאָסן, אַז ניט וועלן זיי אים שיסן. אפילו זיין אייגענער ווייב קאָן ער שוין גאָרניט אויסזאָגן.

נאָך דעם זעלביקן אָוונט, ווען פסח איז, אין שייער צווישן שמעקנ־דיקן היי, שוין געהאַט אָפּגעשלאָפן אַ שטיק נאַכט, ווי פּלוצלונג האָט אים סטעפאַן צעוועקט און אים געזאָגט, אַז ער איז געווען ביים סאָלטיס אין הויז, און יענער האָט אים געראָטן אויסצובאַהאַלטן פסח׳ן אויף אַ פּאָר טעג. איז זאָל ער פאַרטאָג, גאָר גאָר פאַרטאָג, אַרויסטרייבן די בהמות אויף די פּאַשע־פעלדער און זאָל זיך מיטנעמען די אַלטע בורקע און די פּלאַכטע, מחמת ער וועט שוין דאַרפן נעכטיקן אַ פּאָר נעכט אין וואַלד.

***

דאָס גאַנצע דאָרף איז שוין געשלאָפן, ווען פסח האָט זיך גע׳גנב׳עט צו קיריל׳ס הויז. אַראָפּקומענדיק פון באַרג, זיינען די הינט פון די נאָענטע הייזער געלאָפן צו אים. זיי קאָנען אים שוין פון לאַנג, פסח׳ן. אָפטמאָל שפּעט אין דער נאַכט, ווי זיי זעען אים אַראָפּגיין פון באַרג. די ערשטע צייט זיינען זיי געווען שרעקלעך בייז אויף אים, און אויפגעהויבן גרויסע ילְלות, אָבער נאָך דעם האָבן זיי זיך צוגעוואוינט צו אים און זיינען גאָר געלאָפן צו אים, ווי מען לויפט צו אַ פריינט. ער האָט געקאָנט ריידן צו

זיי, מיט אַזאַ קול, וואָס געווינט שוין צוטרוי. דווקא אין אידיש גערעדט צו זיי.

— נו, שאַ, שאַ, כלבים׳לעך, וואָס האָוקעט איר אַזוי. איך וועל אייך ניט טאָן קיין שלעכטס, און איר טוט מיר ניט קיין שלעכטס. נו, שאַ, שאַ.

און ס׳איז שוין ניט געווען דאָס לשון, ווי די גוטסקייט אין זיין קול, און אפשר אויך דער ריח זיינער, וואָס האָט צוגעטראָפן די ליובענער היבט.

איז ער געגאַנגען צו סאָניען, אַרומגערינגלט פון אַ מחנה היבט, און יעדערער פון זיי האָט געוואָלט זיין נאָענט לעבן אים, זיך רייבן ביי זיינע קני, און כאַפּן אַ גלעט פון אים.

סאָניע שלאָפט אויך אין שייער, און די טיר פון שייער איז פאַר־ריגעלט מיט אַ שווערן פאַררוקער. קלאַפּט איצט פסח שטילערהייט אין דער הילצערנער וואַנט. דריי גיכע און צוויי קורצע קלעפּ. אָבער סאָניע שלאָפט דאָרט, הפנים, זייער געשמאַק, און הערט ניט, ווי איר פסח קלאַפּט אין דער וואַנט.

— אוי, סאָניעשע, עפן, ס׳איז איך, פסח, — האָט ער צוגעלייגט זיינע ליפּן צו די שפּאַלטן פון די ברעטער, און גערופן שטיל און אויסגעצויגן.

האָבן זי די קלעפּ אין וואַנט ניט אויפגעוועקט, אָבער זיין קול יאָ. מיט פחד האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און אים גיך אַריינגעלאָזט אינעווייניק.

— אוי ווי איז מיר, פסח׳שע! וואָס איז געשען?

ס׳איז נאָך גאָרניט ניט געשען. אָבער דאָס וואָס סטעפּאַן הייסט אים ניט קומען אין דאָרף אַריין, נאָר בלייבן אין וואַלד נעכטיקן מיינט דאָס, אַז עפּעס דאַרף געשען. מסתמא דאַרפן אָנקומען דייטשן אין דאָרף אַריין, איז ער זי געקומען וואָרענען. זי קוקט טאַקע ניט אויס, ווי קיין אידישע, אָבער דערפאַר איר פּרוואַישע רייצנדיקייט קאָן נאָך אַמאָל זיין ערגער. אַחוץ דעם קאָן נאָך טרעפן, אַז עמיצער וועט זי מסר׳ן. קיריל וועט זי אַוודאי באַשיצן, ער וועט ניט וועלן אָנווערן אַזאַ געטרייע שקלאַפין.

— אָבער אויב, חס וחלילה, די סכנה איז זייער גרויס, אַנטלויף צו סטעפּאַנ׳ס פּאַשע־פעלדער. דו ווייסט דאָך שוין וואו ס׳איז.

און זאָל זי זיך ניט וואַרפן אין די אויגן. זאָל זי זיך האַלטן די גאַנצע צייט אינעווייניק אין שייער. און אפשר זאָל זי גאָר פאַרבינדן די באַק, ווי די ציין וואָלטן איר ווי געטאָן . . .

פופצן קילאָמעטער פון דער סאָוועטישער גרענעץ

די זון איז ווידער פאַרגאַנגען מיט אַ מאָדנער רויטקייט, און באַשפּריצט אַלע וואָלקנס, ווי מיט בלוט. די בהמות האָבן שוין מערער ניט געצופּט דאָס גראָז. זיי האָבן געוואַרט. זיך אַלע געשטעלט לעבן זייער פּאַסטוך, און געקוקט אויף אים און געוואונדערט זיך.

עפּעס איז געשען היינט, האָבן די בהמות געטראַכט, אַזוינס וואָס איז אויסער דעם סדר פון טאָג. זיי ווייסן שוין, אַז איידער די זון זעצט זיך, טרייבט זיי דער פּאַסטוך צונויף און פירט זיי צוריק אַהיים, און היינט גאָר רירט זיך ניט זייער פּאַסטוך, זיצט אָנגעשפּאַרט אין דיקן דעמבענעם בוים און שווייגט.

דער הונט אַז איז אינגאַנצן אויסער זיך. שטייט לעבן פּסח'ן און ניט ער האָרוקעט אויף אים, נאָר לאָזט אַרויס אַזוינע האַלדז־קלאַנגען, פּונקט ווי ער וואָלט גערעדט צו אים, פּונקט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ טענה צו אים, ווי איינער זאָגט:

— וואָס איז דער מער מיט דיר, מענטש, דו זעסט דען ניט, אַז ס'איז פון לאַנג צייט?

די זון איז שוין פון לאַנג פאַרגאַנגען. אַ קילקייט איז אַרויסגעקומען פון וואַלד און זיך געלייגט אויף די פּאַשע־פעלדער. אַז, דער הונט, האָט ניט געקאָנט איינרוען, געלאָפן אַלע מאָל צום עק פעלד. ער האָט באמת ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן, צי בלייבן מיט דער טשערעדע, צי גאָר לויפן אַהיים.

און ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט אַהיים. געבענקט נאָכן באַלעבאָס' קול, וואָס זאָל אָנשרייען אויף אים, אים געבן אַ שטורכע מיטן פוס אין בויך, און מאַכן צו אים:

— העי, דו, אַז, דו הינטישער זון, זיבעציק כאָליערעס אויף דיר.

ס'איז נאָך געבליבן אַ שטיק ליכטיקייט אין מערב, אָן אָפּשיין פון גאָלד און פייער, און דער אָפּשיין איז געווען, ווי האָפענונג צו פּסח'ן. אפשר איז גאָרניט געשען אין דאָרף. אפשר וועט זיך סטעפּאַן באַווייזן אינגיכן און וועט זאָגן:

— קום אַהיים, אומזיסט זיך געשראָקן.

האָט זיך דער אָפּשיין אויך אָפּגעטאָן און ס'איז געוואָרן רעכט נאַכט. און די מעלקנדיקע קי האָבן געמוקעט מיט צער. ס'איז זיי געווען זייער

שווער צו טראָגן די פולע אייטערס מיט מילך, וואָס האָט זיך ביי זיי אָנ־געזאַמלט פון אַ גאַנצן טאָג, און ס׳טוט זיי שטאַרק וויי.

אָבער סטעפּאַן האָט זיך סוף כל סוף געיאַוועט. רייטנדיק אויף אַ פערד איז ער אָנגעלאָפן. ער דערציילט פּסח׳ן, אַז דאָס דאָרף פון איין עק ביזן אַנדערן איז איבערגעפּאַקט מיט דייטשישע זעלנער. זיי זיינען אָנגעקומען מיט טאַנקען, מיט קאַנאָנען, אויף אויטאָמאָבילן און אויף מאָ־טאָר־ציקלעטן, און אויך אויף פערד . . . זיי וועלן אָפּעסן ביים דאָרף דעם קאָפּ. אין יעדן הויז שטייען איין זעלנער. די פויערים האָבן מורא אַוועק־צוגיין אין די פעלדער אויף דער אַרבעט, און איבערלאָזן די כאַטעס מיט זייער האָב און גוטס . . . און ער, פּסח, וועט שוין דאַרפן איבערנעכטיקן אין וואַלד. אפשר מאָרגן אויך. אפשר איבערמאָרגן אויך. אפשר אַ היפּשע צייט. מחמת מען ווייסט גאָרניט אויף ווי לאַנג זיי וועלן פאַרבלייבן אין ליובען. און ניט נאָר אין ליובען, אַלע דערפער אַרום זיינען געפּאַקט מיט מיליטער . . .

— זאָל דאָס זיין, — רופט זיך אָן פּסח מיט אַ ליבלעכן שמייכל — אַז זיי קלייבן זיך אָנפאַלן אויף רוסלאַנד?

— שאַ, נאָר, שאַ נאָר, — איז סטעפּאַן געבליבן שטיין מיט אויסגע־גלאָצטע אויגן, — אָנפאַלן אויף רוסלאַנד גאָר? זיי האָבן דאָך אַן אָפּמאַך? און אַחוץ דעם אויף אַזאַ ריזיק לאַנד? זיי זיינען משוגע, צי וואָס?

— אָבער וואָס טוען זיי דאָ, פּופּצן קילאָמעטער פון דער סאָוועטישער גרענעץ?

— שאַ נאָר, שאַ, — ווערט יענער ווידער אַן אָפּגעבריטער, — טאַקע פופצן קילאָמעטער פון דער סאָוועטישער גרענעץ . . .

שוין ניט צו מערב־זייט, נאָר צו מזרח־זייט . . .

און אויף דער פינפטער נאַכט, נאָענט צום פאַרטאָג, האָט פּסח זיך מיט־אַמאָל אויפגעכאַפּט פון שלאָף אין גרויס פּחד. די אַלע פינף נעכט שלאָפנ־דיק אין וואַלד, פלעגט זיך פּסח אויפכאַפּן נאָענט צום פאַרטאָג, מחמת ס׳פלעגט אים ווערן קאַלט פון דעם פרימאָרגן טוי. אָבער דאָס מאָל איז דאָס ניט געווען צוליב דעם פרימאָרגן־טוי, דאָס מאָל איז דאָס געווען צוליב דעם, וואָס די ערד אונטער אים האָט זיך צעברומט . . .

ס׳האָט זיך אויך צעברומט דער וואַלד, און די גאַנצע נאַכט אַרום . . . ערגעץ ווייט האָט מען געשאָסן פון טויזנטער שווערע האַרמאַטן . . .

באַלד האָבן אָנגעהויבן צו פליען עראָפּלאַנען, איין עסקאַדראָן נאָכן אַנדערן. זייער הויך אין הימל זיינען זיי געפלויגן, די סטראַשנע אומ־מענטשלעכע מחבלים, און פסח קאָן זיי נאָך פון וואַרשע, די סטראַשנע אומ־מענטשלעכע מחבלים.

ווען סטעפאַן איז שפּעטער אָנגעקומען מיט דער טשערעדע, האָט ער דערציילט פּסח׳ן, אַז נאָך נעכטן, קוים וואָס ס׳איז געוואָרן נאַכט, האָבן זיי אָנגעהויבן אָפּציען, די דייטשן. ביז אייבעם זיינען זיי אַוועק אין דער ריכ־טונג פון דער סאָוועטישער גרענעץ.

— גאָט מיינער, גאָט באַרעמהאַרציקער, — האָט זיך דער פּויער געצלמ׳ט מיט גרויס פרומקייט, — ס׳זאָל כאָטש ניט אָנקומען דער פראָנט אַהער אין דאָרף אַריין.

***

פאַרנאַכט האָט שוין פּסח אַליין געטריבן די טשערעדע אַהיים. און אין דאָרף, אויף דער איין און איינציקער גאַס, זיינען כמעט אַלע פּויערים מיט זייערע משפּחות געשטאַנען פאַר זייערע הייזער און געקוקט דער־שראָקענע צום הימל, און דאָס מאָל שוין ניט צום מערבֿ־זייט, נאָר צו מזרח־זייט. ס׳איז דאָרטן געווען מורא׳דיק רויט . . .

***

פּסח׳ן האָט סטעפאַן קיינמאָל ניט פאַרבעטן אינעווייניק אין הויז צו וועטשערע, נאָר אים אַרויסגעטראָגן אויפן גאַניק, צי אין דער סטאָדאָלע. יענעם פאַרנאַכט האָט ער אים שוין יאָ פאַרבעטן.

— שטענדיק עסטו אינדרויסן, ווי אַן אָרעמאַן, — האָט ער נאָך געהאַט אַ טענה צו אים, — ביזט דאָך ביי מיר, ווי אַן אייגענער.

ביים עסן, האָט סטעפאַן אַלץ גערעדט צו פּסח׳ן וועגן דעם ביטערן גורל פון די אידן, און אַז דאָס האַרץ טוט אים וויי, זעענדיק ווי די נאַציס זיינען זיך נוקם אָן זיי; און ווען ער קאָן אויספירן, וואָלט ער אַ סך אידן גענומען צו זיך און זיי געגעבן שוץ, ווי ער גיט אים, פּסח׳ן, שוץ.

שפּעטער, אינדרויסן אויף דער פריזבע, האָט שוין סטעפאַן גערעדט גאַנץ אָפן צו פּסח׳ן. ער איז זיכער, אַז די דייטשן וועלן ליידן אַ מפּלה. די רויטע אַרמיי וועט זיי טרייבן ווי די הינט. און ווער ווייסט, אפשר מאָרגן, אפשר איבערמאָרגן, וועלן זיך די באָלשעוויקעס יאָ ווען אין דאָרף אַריין. אַלע אין דאָרף ווילן, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן געווינען.

— ווייל זיי זיינען דאָך אונזערע ברידער, — האָט זיך דער כיטרער

בעל־הגוף געקלאַפּט אין האַרצן אַריין, — היגטערן פוילישן יאָך האָבן מיר שטענדיק אַרויסגעקוקט אויף זיי, זיי זאָלן אונז קומען באַפרייען. אַ, וואָס זאָגסטו, זיי וועלן קומען די באָלשעוויקעס?

— ווער ווייסט? — איז אויך פּסח געוועז כיטרע, — ווער קאָן וויסן וועגן אַזוינע זאַכן?

— וואָס מיינסטו, ווער ווייסט? — איז סטעפּאַן כלומר׳שט געוועז אויף אים אין כעס, — זיי וועלן קומען, מאָרגן, איבערמאָרגן, און אַז זיי וועלן קומען, — איז ער גלייך געוואָרן זיס — וואָס־זשע וועסטו זאָגן, פּסח, אַז זיי וועלן דיך פרעגן אויף מיר?

— וואָס קאָן איך דען זאָגן? — מאַכט פּסח טאַמעוואַטע, — קיין שלעכטס קאָן איך דאָך ניט זאָגן.

— אַוודאי קאָנסטו ניט זאָגן קיין שלעכטס, — האָט דער פּויער אויפגעלויכטן, — דו וועסט שוין זיי זאָגן, ווי אויף צו להכעיס די נאַציס, האָב איך דיר געגעבן שוץ. און ווי איך בין גוט צו דיר, ווי צו אַ ברודער. וועסטו זיי אויך זאָגן, ווי איך אַליין אַרבעט זייער שווער. שטענדיק שווער געאַרבעט. איך בין ניט קיין פּריץ. איך בין אַ פּויער, אַ זון פון אַ פּויער... און דיר קומט דאָך ביי מיר געלט. מיינסט, אַז איך האָב פאַרגעסן. סטעפּאַן פאַרגעסט קיינמאָל ניט. איצטער האָב איך קיין געלט ניט, נאָר נאָך שניטצייט, וועל איך דיר שוין געבן, וואָס דיר קומט. .

שפּעטער מיט עטלעכע טעג, ווען ס׳זיינען אָנגעקומען די ידיעות וועגן די דייטשישע זיגן, האָט סטעפּאַן שוין גאָר אַנדערש גערעדט צו פּסח׳ן:

— פאַרפאַלן, — האָבן זיינע גרויע אויגן געשיינט מיט שאָדן־פרייד.

— דאָס איז אַזאַ מאַכט, וואָס קיינער קאָן זיך שוין ניט אָקעגנשטעלן. ס׳וועט לאַנג ניט בעמען און זיי וועלן זיין אין מאָסקווע. נאָך ביטאָ אַזאַ פּאָלק, וואָס זאָל קאָנען אַזוי האַלטן מלחמה ווי זיי. און וואָס, וואָס, מיר, אוקראַינער, דאָ אין פּוילן, קאָנען זיך שוין ניט באַקלאָגן אויף זיי. זיי זיינען גוט צו אונז. אַ סימן, דו זעסט דאָרטן די צערקווע אינמיטן דאָרף, איז דאָס גאָר געווען אַ קאָשטשאָל פריער איידער די דייטשן זיינען אַריין. די פּאָליאַקן האָבן אונז ניט געלאָזט האָבן אונזער אייגענע צערקווע. אָבער ווי באַלד די דייטשן זיינען אַריין, האָבן זיי גלייך צוגענומען ביי די פּאָליאַקן דעם קאָשטשאָל און אונז, אוקראַינער, אָפּגעגעבן פאַר אַ צערקווע. זיי וועלן אונז נאָך געבן זעלבסטשטענדיקייט אויך, מיט אַן אייגענעם פּרעזידענט, צי אַ קעניג, מיט מיניסטאָרן, מיט אַן אייגענער פּאָליציי. מיר האָבן שוין אַן אייגענע פּאָליציי. פאַר קיין וואָלאָדעווע צי קיין כעלם,

וועסטו זען, ווי אונזערע אוקראַינער דרייען זיך אַרום אַלס פּאָליציאַנטן. און איר, אידן, דאַרפט גאָרניט קיין מורא האָבן, אַז מיר וועלן ווערן די באַ־לעבאַטים פון לאַנד, ס'וועט אייך זיין אַ סך בעסער, ווי אונטער די פּאַ־ליאַקן, און ווי אונטער די דייטשן, שמועסט מען דאָך ניט . . .

אויף צוויי טעלעגראַף־סלופּעס

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ווען ס'האָט ערשט אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג, ווי פּלוצלונג, גיך, גיך, איינער נאָכן אַנדערן, באָם־גלאָן, באָם־גלאָן, — האָבן זיך צעקלונגען מיט מורא די גלעקער אין קלויסטער . . .

ס'איז ניט געווען זונטאָג, ס'איז אויך ניט געווען קיין חגא, ס'איז אויך ניט געווען דאָס קלינגען פון טרעוואָגע, ווי ווען אַ פייער ברעכט אויס אין דאָרף, אָבער דאָך איז געווען אַן אָנזאָג פון פּחד אין דעם זייער גיכן קלינ־גען פון די קלויסטער־גלעקער.

סטעפּאַן איז אַריינגעלאָפן אין דער סטאָדאָלע, וואו פּסח איז געשלאָפן, און אים געזאָגט, אַז ס'זיינען געקומען אין דאָרף אַריין „עס. עס.״־לייט מיט אוקראַאינער פּאָליציי פון וואָלאָדעווע, און אַרומגערינגלט דאָס גאַנצע דאָרף. אין וואַלד אַריין, קאָן שוין פּסח ניט אַנטלויפן. זאָל ער זיך אַרויפכאַפּן אויפן בוידעם, און זיך באַהאַלטן צווישן היי.

פון זיין באַהעלטעניש אויפן בוידעם, דורך די שפּאַלטן פון דאָך, האָט שוין פּסח געזען, וואָס ס'טוט זיך אין דאָרף.

ער האָט געזען, ווי אוקראַינישע פּאָליציאַנטן טרייבן פון די הייזער פּויערים און פּויערטעס, און אפילו קליינע קינדער און אַלטע לייט. קיין איין כאַטע האָבן זיי ניט אויסגעלאָזט. צום קלויסטער האָט מען זיי גע־טריבן. סאָניע'ן האָט ער אויך געזען, ווי מען טרייבט זי צום קלויסטער. מיט אַ פאַרבונדענער באַק איז זי געגאַנגען, אַקוראַט, ווי די ציין וואָלטן איר ווי געטאָן.

די זון איז שוין אויפגעגאַנגען. די גאָר־העלע זומערדיקע זון. מען האָט אַרויסגעטראָגן פון סאָלטיס' הויז אַ טיש מיט צוויי בענקלעך. צוויי „עס. עס.״ עלטסטע האָבן זיך געזעצט ביים טיש אויף די צוויי בענקלעך. גלייך האָבן אוקראַינישע פּאָליציאַנטן אַרויסגעפירט פון סאָלטיס' הויז צוויי פּויערים, זייערע הענט געבונדן פון הינטן. אַן עלטערער פּויער, און אַן איינגערער פּויער. מען האָט זיי צוגעשטופּט צום טיש, וואו די „עס.־עס.״ עלטסטע זיינען געזעסן.

דערנאָכדעם זיינען ביידע „עס. עס.״ עלטסטע אויפגעשטאַנען, און איינער פון זיי האָט געלייענט פון אַ פּאַפּיר. און לויט ווי די פויערים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, בשעת דער „עס. עס.״ עלטסטער האָט געלייענט פון אַ פּאַפּיר, האָט שוין פּסח פאַרשטאַנען, אַז באַלד דאַרף פאַרקומען זייער אַ שרעקלעכע זאַך.

און ווען ער האָט דערזען, פּסח, ווי צוויי פּאָליציאַנטן קריכן מיט שטריק אויף צוויי באַזונדערע טעלעגראַף־סלופּעס, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט דערביי, האָט ער שוין פאַרשטאַנען געננוי, וואָס דאָס מיינט . . .

און דערנאָכדעם האָט מען אויפגעבונדן די הענט פון עלטערן פויער, און פון איינגערן פויער. און דער עלטערער פויער האָט אַראָפּגענומען ס׳היטל און זיך געבוקט טיף ביזן גאַרטל, פאַר דער גאַנצער עדה פויערים, און דער יונגער פויער האָט אויך אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך גע־בוקט טיף ביזן גאַרטל פאַר דער גאַנצער עדה פויערים . . .

און דערנאָכדעם . . . און דערנאָכדעם האָט שוין פּסח פאַרמאַכט די אויגן, און בלויז געהערט אַ פאַרדומפּן געוויין, אַ געוויין, ווי ס׳זאָל אַרויס־קומען פון דער טיף פון דער ערד.

שפּעטער, ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט די זון געשיינט, אַזאַ העלע, אַזאַ פריילעכע, און פון ביידע טעלעגראַף־סלופּעס האָבן אַראָפּגע־האַנגען צוויי פויערים, איינער אַן עלטערער און דער צווייטער אַ איינ־גערער. דער עלטערער איז שוין געווען איינגעשטילט, דער איינגערער האָט זיך נאָך געוואָרפן . . .

***

אַ טאַטע מיט אַ זון, האָט סטעפּאַן שפּעטער דערציילט פּסח׳ן. פּעטראָ טרינקאַ מיט זיין זון איוואַן. פאַר ניט צושטעלן זייער סכום קאָנטינגענט, האָבן די דייטשן זיי געהאַנגען. און קאָנטינגענט האָט געמיינט, אַז יעדער פויער האָט געמוזט אָפּגעבן צו די נאַציס, צו אַ באַשטימטער צייט, אַ היפּשן טייל פון זיינע תבואות, פּרוכטן און בהמות.

דריי טעג און דריי נעכט האָבן פּעטראָ און איוואַן, טאַטע און זון, גע־מוזט הענגען אויף די צוויי טעלעגראַף־סלופּעס, פאַר דעם גאַנצן דאָרף אין די אויגן. און דאָ איז נאָך ניט געווען אַזאַ גרויסע גערעטעניש, ווי יענעם זומער. דער ווייץ איז שוין געווען העכער פון דעם העכסטן פויער אין דאָרף, גאָלדענע כוואַליענדיקע טייכן אויף אַלע פעלדער . . . די געדיכטע הרעטשקע האָט פאַרלאָקט דאָס אויג, ווי מחנות פלאַטערלעך מיט פאַנטאַסטישע קאָלירן. די געקרייזלטע שירם־אַרטיקע בלעטלעך פון דער קאַרטאָפליע מיט די געלבלעך־ווייסע בליאונגען, זיינען אַרויסגע־

שאָסן געוואָרן יענעם זומער מיט גרויס פרייד. לויט די גראָב־אָדערדיקע פּעט־גלאַנציקע, גרינע בלעטלעך פון די בוריקעס, האָט מען זיך שוין גע־קאָנט משער זיין, וואָס פאַר אַ היפּשע הויפּטלעך ס׳וואַקסן אין דער ערד. די צווייגן פון די פּרוכטבוימער האָבן זיך אַזש געבראָכן פון דער שווערער־טייערער משא. זיי האָבן געבערענט די צווייגן פון די פּרוכט־בוימער, מיט רויטע ווייַנשל און מיט ברוינע קאַרשן, און די באַרן, די עפּל, די פלוימען, די פערישקעס, וואָס האָבן געהאַלטן אין רייף ווערן, זייַנען געווען מערער, ווי די בלעטלעך אויף די צווייַגן.

אָבער אין דאָרף פאַרן קלויסטער אויף די צוויי טעלעגראַפישע סלופּעס, זייַנען געהאַנגען אַ טאַטע און אַ זון מיט אַרויסגעשטעקטע שוואַרצע צינגער, מיט צעקרימטע פּנים׳ער. זיך געוויגט ווען דער ווינט האָט גע־בלאָזן און געדרייט זייערע פּנים׳ער צו אַלע פיר עקן פון דער וועלט . . .

ער וועט מיך מסר׳ן, האָט פסח געטראַכט . . .

און די טעג זייַנען געשטאַנען אַזוינע גאָלדענע, טרוקענע, פּונקט אַזוינע טעג באַדאַרף מען פאַר שניט־צייַט; פּונקט אַזוינע טעג באַדאַרף מען כדי אַראָפּצונעמען די ברכה פון די פעלדער.

דאָס גאַנצע דאָרף איז שוין איבערגעלאָזט געוואָרן צו די קלײנע קינ־דער. יעדע האַנט, האָט מען געדאַרפט צום שניט. אַלטע טאַטעס און אַלטע מאַמעס, וואָס האָבן קוים געקאָנט זיך האַלטן אויף די פיס, האָט מען אויך מיטגענומען אין פעלד.

אָבער קיין פריילעכע געזאַנגען האָבן זיך שוין ניט געהערט, ווען מען איז געפאָרן אַהיים פון דער אַרבעט. מחמת זייער מי איז געווען פאַרן טייוול. דעם גרעסטן חלק פון דער מי האָט מען באַדאַרפט אָפּגעבן דעם טייוול.

*
**

פסח איז שוין געגאַנגען מיט דער קאָסע צווישן דעם ים פון די ווייצן־זאַנגען, אַקוראַט ווי ער און זייַנע אבות אבותיו וואָלטן געווען בלויז פּויערים.

אַ וואונדער געווען דער דאָזיקער וואַרשעווער אידישער בחור צווישן אַלע פּויערים. אַ שטאָטישער אידישער בחור זאָל דיר גלייך כאַפּן אַלע קענטעניש פון ערד־אַרבעט, און נאָך אַריבעריאָגן סטעפּאַנ׳ען אַליין, וואָס האָט אַ שם אין גאַנצן געגנט.

אַ גרויסע פרייד געווען אויף פּסח׳ן. אַזאַ פרייד פון אַרבעט, ווי די פרייד פון אַרבעט אין פעלד, האָט ער נאָך קיינמאָל ביז אַהער ניט גע־וואוסט. אַ פרייד, וואָס האָט דערגרייכט ביז עקסטאַז.

אין דעם קלאַנג: ציר, ציר פון דער קאָסע, וואָס האָט געשניטן די זאַנגען, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי ער הערט אַ קול, וואָס האַלט אין איין איבער׳חזר׳ן: לעב אין אַרבעט . . . לעב און אַרבעט . . .

איין מאָל טיף אין דער נאַכט, ווען דאָס גאַנצע דאָרף איז געשלאָפן מיט אַ פאַרגעסענעם שלאָף, מיט אַ שלאָף, וואָס ווי מען וואָלט זיך אַראָפּ־געלאָזט טיף, טיף אין אַ ווייך־אויסגעבעטן טאָל, און מען בלאָנדזשעט דאָרטן אַרום שוין אייביק, אייביק, האָבן פּלוצלונג אַלע הינט פון דאָרף זיך צעהאַווקעט מיט אַ מורא׳דיקער האַווקעריי.

די פויערים, וואָס זיינען אַרויס אינדרויסן האָבן זיך איבערגע־רופן פון פאַדווירע צו פאַדווירע, און ס׳האָט זיך אויגנבליקלעך צעטראָגן די נייעס, אַז ס׳האָבן זיך אַריינגע׳גנב׳עט אין דאָרף צען רויטע אַרמייער, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון נאַצישער געפאַנגענשאַפט.

און דעם צווייטן טאָג אויף אַלע טעלעגראַף־סלופּעס אין דאָרף, און ביים סאָלטיס אויף דער טיר פון הויז, זיינען געווען אויסגעקלעפּט בלעט־לעך, וואָס זאָגן בפירוש, אַז פאַר אויסבאַהאַלטן אַ פלעניק (אַ קריגס־גע־פאַנגענעם), וועט מען דאָס הויז פאַרברענען, און דעם פויער דערשיסן.

*****

אין אַ פּאָר טעג אַרום, פאַרנדיק מיט סטעפאַנ׳ס משפּחה אין פעלד אַריין, האָט פּסח דערזען צוויי פון די דאָזיקע פלעניקעס, אָנגעטאָן אין לייוונטענע הויזן און העמדער, ווי די איבעריקע פויערים פון דאָרף.

אין קאַטשעוואַנ׳ס וואָגן זיינען זיי געפאָרן. קאַטשעוואַן האָט זיי מיט־גענומען מיט זיך אין פעלד אַריין. איינער איז געווען אַ הויכער, מיט אַ געדיכטער פאַטלע רוסיאַווע האָר, מיט גיכע, גיכע, גרויע אייגעלעך, מיט שפּיציכיקע באַקן־ביינער, ווי ביי אַ טאַטער, מיט אַ דינעם האַלז. דער צווייטער גאָר אַ יונגער, אַזוי יונג, ווי אַ בחור׳ל פון זעכצן יאָר. זיין קאָפּ איז געווען אָפּגעגאָלט ביז צו דער הויט, און זיינע צוויי אויערן האָבן אַרויסגעשטעקט פוןביידע זייטן, פּונקט ווי צוגעקלעפּטע שטיקלעך.

פּסח האָט זיך צו זיי געגריסט, און זייערע פּנים׳ער האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ רירנדיקער אויפגעלויכטקייט, פון דעם, וואָס ער האָט זיך צו זיי געגריסט.

סטעפאַן האָט זיך ניט געגריסט צו זיי. געווען אין כעס. ער האָט ניט געוואָלט ליידן, וואָס די פויערים אין דאָרף באַהאַלטן אויס די פלע־

ניקעס, און דאָס וועט ברענגען אַ גרויס אומגליק.

שפּעטער אין פעלד, מיטאָג־צייט, זיצנדיק הינטערן געדיכטן באַרן־בוים, וואָס איז געוואַקסן לעבן דער מעזשע (שמאָלער גראָבן וואָס שיידט אָפּ איין פעלד פון אַנדערן), האָט סטעפּאַן זיך אָנגערופן צו פּסח'ן:

— וואָס ציען אַזוינס אונזעריקע צו די אַנטלאָפענע פּלעניקעס? אונ־זערע ברידער? מיר זיינען שוין לאַנג ניט קיין ברידער. זיי האָבן אונז קיינמאָל ניט געהאָלפן, ווען די פּאָליאַקן האָבן אונז אַזוי ביטער געדריקט. פאַרוואָס זיינען אויף דער וועלט דאָ אַזויפיל נאַראָנים? אָבער קלוגע מענטשן דאַרפן שוין ניט ליידן פון די נאַראָנים.

פּסח האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר ליבלעך געשמייכלט צו סטעפּאַנ'ען. אָבער אין האַרצן איז געוועזן מורא. ער האָט פּלוצלונג אין זיין באַלעבאָס דערזען אַ גרויסן גזלן. עפּעס האָבן אַ בליק געטאָן סטעפּאַנ'ס אויגן מיט זייער ניט קיין גוטן בליק, ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן: „קלוגע מענטשן דאַרפן שוין ניט ליידן פון די נאַראָנים."

ער וועט זיי מסרן, האָט פּסח געטראַכט מיט פּחד. ער, סטעפּאַן, וועט אים אויך מסר'ן, אַז ס'וועט קומען די צייט, און ער וועט אים שוין מער ניט דאַרפן האָבן ביי זיך אויף דער באַלעבאַטישקייט . . .

אַ דייטש מיט אַן איינגעקאָרטשעטן קאַרק . . .

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, פאַרנאַכט, האָט סטעפּאַן זיך אָנגערופן צו פּסח'ן, אַז מאָרגן פאַרטאָג וועט ער אים שוין ניט מיטנעמען אין פעלד אַריין, נאָר אַז ער זאָל בעסער אַוועק מיט די בהמות אין וואַלד אַריין, מחמת דייטשן וועלן אפשר קומען אין דאָרף.

פונוואַנעט ווייסט סטעפּאַן, אַז דייטשן וועלן אפשר קומען אין דאָרף? ער ווייסט שוין סטעפּאַן. שטענדיק ווען דייטשן דאַרפן קומען אין דאָרף אַריין, ווייסט ער שוין מיט אַ טאָג פריער.

אויף מאָרגן, אַרום אַ האַלבן טאָג, האָבן זיך צום וואַלד דערטראָגן דאָס שיסן פון ביקסן. לויט דער ריכטונג, האָט שוין פּסח געוואוסט, אַז דאָס שיסעריי קומט פאָר אין דאָרף.

אין אַ האַלבער שעה אַרום, האָט דער הונט אַז, וואָס האָט געדרעמלט לעבן פּסח'ס פיס, זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט, געבליבן שטיין מיט זיך צו־הערנדיקע אויערן, און אין אַ וויילע אַרום, זיך געלאָזט לויפן צום עק וואַלד מיט אַ פריילעך האַווקעריי.

סטעפּאַן איז געקומען צורייטן אויף אַ פערד, אַ דערשראָקענער, און גלייך געהייסן פּסח׳ן איבערלאָזן די טשערעדע און אַריינלויפן טיף אין וואַלד.

און פּסח קען שוין זייער גוט דעם טיף פון וואַלד. ניט איין מאָל זיך אַריינגעכאַפּט אין דער געדיכטעניש און געזוכט דאָרטן אַ גוט ערטעלע אויף צו באַהאַלטן זיך, אויב מען וועט דאָס באַדאַרפן.

דאָס גוט ערטעלע איז געווען אַ דיקער אַלטער דעמב, מיט זייער געדיכטע צווייגן. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן צו קלעטערן אויפן בוים, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ שאָרך צווישן די צווייגן, און ער האָט דערזען ווי אַ קראָליקל האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען שנעל, שנעל, פון צווייג צו צווייג ביז סאַמע צום שפּיץ, און דאָרטן שוין פאַרבליבן.

האָט ער מקנא געווען דאָס קליינע געלע חיה׳לע מיט קליינטשיקע אַרויסשטאַרטשנדיקע בורשטינענע אייגעלעך, און מיטן פוכיקן געדיכטן לאַנגן געלן ווידל, אַ באַשעפעניש אַזאַ, וואָס האָט זיך צוגעוואוינט גאָר פון די אוראַלטע צייטן, אַזוי פלינק צו קלעטערן אויף ביימער, כדי זיך אויסצובאַהאַלטן פון שונא.

אַמאָל, אַמאָל, גאָר אין די אַלטע צייטן, האָבן פּסח׳ס אור־אור־עלטערן אויך געקאָנט קלעטערן אויף די ביימער, אפשר אַזוי פלינק, ווי דאָס קראָליקל. ער, אָבער, קאָן שוין אַזוי פלינק ניט קלעטערן, די הענט גליטשן זיך, זיין קערפּער איז אַזוי שווער און ציט צו דער ערד . . . און וואָלט ניט זיין האַרץ געקלאַפּט אַזוי שטאַרק.

ס׳האָבן זיך דערהערט טריט ווייט אין וואַלד, און אויך מענטשלעכע שטימען. דאָס וועווערקע פון אויבן אויפן שפּיץ האָט, ווייזט אויס, אויך דערהערט טריט און מענטשלעכע שטימען. האָט ער געקוקט מיט גרויס פּחד אין זיינע שנעלע, שנעלע אייגעלעך אַראָפּ צו פּסח׳ן, וואָס איז געזעסן אַן איינגעקאָרטשעטער פאַרשטעקט אויף אַ געדיכטער צווייג.

און אַז די טריט האָבן זיך דערנעענטערט, האָט דאָס חיה׳לע געגעבן בליציק אַ לויף אַראָפּ פון בוים צום גראָז, און גלייך זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ צווייטן בוים, און מערער פון דאָרטן ניט אַרויס.

אַ דייטש האָט זיך באַוויזן, מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס. אַ העלם אויף זיין קאָפּ, אַ רויטער שראַם אויף זיין נאָז, מיט אַן איינגעקאָרטשעטן קאַרק, געשפּאַנט אין זיינע גרויסע שטיוול טריט ביי טריט, און פון זיינע רשעות׳דיקע אויגן האָט אַרויסגעקוקט בלויז איין כוונה: כאַפּ אים! הרג׳ע אים!

פּסח׳ס האַרץ האָט געשלאָגן, ווי מיט האַמערס . . . די געדאַנקען ביי

אים, זיינען געלאָפן גיך, גיך . . . איין געדאַנק האָט אים געשטופּט מיט אַמאָל אַראָפּפאַלן פון בוים גלייך אויפן נאַצי מיט זיין גאַנצער משא און אים אָנכאַפּן ביים האַלז און דערוואָרגן. אַ צווייטער געדאַנק האָט אים געהאַלטן אויף צוריק מיט אַלע כוחות און אים געהייסן אָפּוואַרטן, אפשר וועט דער נאַצי אים ניט באַמערקן . . .

דער נאַצי האָט אים ניט באַמערקט, זיך אויסגעדרייט מיט די פּליי־צעס, דער קאַרק ביי אים איינגעקאָרטשעט, דער באַהעלמטער קאָפּ פאַרריסן צו די בוימער, און די ביקס סטראַשנדיק אויסגעצויגן, פונקט ווי ער וועט באַלד אויסשיסן.

ער האָט ניט אויסגעשאָסן, גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די בוימער. פּסח האָט נאָך לאַנג געהערט זיינע שטילע טריט, וואָס האָבן גע־טראָטן פאָרזיכטיק צווישן די גראָזן און די אָפּגעפאַלענע טרוקענע בלעטלעך . . .

ער האָט געמיינט, אַז ס׳איז שוין נאַכט, אָבער ווען סטעפּאַן האָט גע־געבן איין לאַנגן און איין קורצן פייף, און פּסח איז אַרויס פון וואַלד, איז נאָך געווען ליכטיק, די זון האָט זיך ערשט געהאַלטן אין זעצן.

— איך האָב שוין געמיינט, אַז צוליבן פלעניק, פאַלסטו שוין אויך אַריין, — האָט סטעפּאַן געשמייכלט דערלייכטערט.

— וואָס פאַר אַ פלעניק?

— דער אַנטלאָפענער פלעניק. אַ נאַקעטער איז ער אַנטלאָפן מיט אַ ביקס, און וואוהין? סאַמע אין דער ריכטונג. צו מיינע פּאַשע־פעלדער. ווען איך קום ניט צולויפן דיך וואָרענען, ביסטו שוין אַ פאַרטיקער. אַלע דייטשן זיינען דאָ געווען און אויך די אוקראַינער פּאָליציי.

און סטעפּאַן דערציילט אים שוין די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי דער פלעניק איז אַנטלאָפן:

פאַרטאָג האָבן זיך געיאָוועט אַ פופציק דייטשן מיט צען אוקראַיִנישע פּאָליציאַנטן און האָבן אַרומגערינגלט דאָס גאַנצע דאָרף. פון שטוב צו שטוב זיינען זיי געגאַנגען זוכן, אָבער די פלעניקעס אין ערגעץ ניט גע־פונען. זשוק, אַן אוקראַיִנישער פּאָליציאַנט, אַ זאַמאָלאָדיטשער, איז איינ־געפאַלן זיי צו זוכן אין צערקווע (קלויסטער), מען האָט זיי טאַקע דאָרטן געפונען. פון דאָרטן האָט מען אַלע צען געבראַכט צום צווינטער, זיי אויסגעטאָן נאַקעט, און יעדן איינעם געגעבן אַ ריסקאָל (גראָבאייזן) אין די הענט צו גראָבן אַ קבר פאַר זיך.

איינער פון זיי, אַ הויכער פלעניק, האָט פלוצלונג אַזוי גראָבנדיק פאַר זיך דעם קבר, געגעבן בליץ־שנעל אַ שפּרונג צום פּאַרקאַן פון צווינ־

טער, און איידער מען האָט זיך נאָך געכאַפּט, איז ער שוין געווען פון יענער זייט.

צוויי דייטשן און דער אוקראַינער פּאָליציאַנט זשוק האָבן זיך גלייך געלאָזט נאָכלויפן, אָבער יענער איז שוין פאַרשוואונדן געוואָרן, ווי די ערד וואָלט אים איינגעשלונגען.

די פּויערים, וואָס זיינען געשטאַנען דערביי און צוגעקוקט, ווי די פּלעניקעס גראָבן קברים פאַר זיך, האָבן גראָד געוואוסט, וואוהין דער אַנטלאָפענער איז פאַרשוואונדן. זיי האָבן אים געזען אַריינשפּרינגען אין דער סטערטע שטרוי, וואָס איז געלעגן ביי פּאַלאשקאַ'ן אויפן הויף, אָבער זיי האָבן זיך געמאַכט ניט ווייסנדיק. זיי האָבן אפילו אויסגעמיטן אײנגאַנצן צו קוקן אין דער ריכטונג, וואו די סטערטע שטרוי האָט זיך געפונען.

זשוק אָבער, וואָס קוקט טאַקע אויס שוואַרץ און גלאַנציק ווי אַ זשוק, באַזונדערס אין זיינע פיר־עקיכדיקע ברעמען, האָט זיך גלייך געלאָזט צו דער סטערטע שטרוי, און אָנגעהויבן דאָרטן צו שאַרן, ווי פּלוצלונג האָבן זיך אַרויסגעשטעקט צוויי הענט פון דעם שטרוי, אָנגעכאַפּט דעם מיאוסן נפש ביים האַלז און אים אָנגעהויבן צו וואַרגן. איינער פון די דייטשן, וואָס האָט געזוכט אויף דער אַנטקעגנדיקער פּאַדווירע (הויף), האָט דערהערט דאָס כאָרכלען, און זיך גלייך געלאָזט צו דער סטערטע.

די פּויערים, וואָס זיינען געשטאַנען פונדערווייטנס, און צוגעזען דאָס אַלעס, האָבן אָנגעהויבן שרייען: „לאָווי! לאָווי!" (כאַפּ, כאַפּ), ווען דער דייטש האָט זיך געלאָזט לויפן צו דער סטערטע שטרוי. מיט זייער כלומרשט שרייען: „לאָווי, לאָווי", האָבן זיי דערווייל געצוואונגען דעם פּלעניק זיך אומקוקן, און דערזען די סכנה. האָט ער אַרויסגעריסן די ביקס ביים כאָרכלענדיקן זשוק'ן, אַריבערגעשפּרונגען פּאַלאשקאַ'ס פּלויט, און גלייך נעלם געוואָרן אין וואַלד (פּאַלאַשקאַ'ס פּאַדווירע געפינט זיך טאַקע האַרט ביים וואַלד).

אָבער איידער ער האָט אוספייעט אַריבערצושפּרינגען דעם פּלויט, האָט דער דייטש, וואָס האָט זיך געלאָזט לויפן צו דער סטערטע, אויסגעשאָסן אויף אים.

שפּעטער האָבן די פּויערים, וואָס די דייטשן האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך זיי העלפן זוכן דעם אַנטלאָפענעם, געזען „שליאַדן (שפּורן) פון בלוט אין וואַלד, נאָענט לעבן סטעפּאַנ'ס פּאַשע־פעלדער, אָבער זיי האָבן זיך געמאַכט ניט ווייסנדיק.

סטעפּאַנ'ען האָבן די דייטשן אויך מיטגעשלעפּט זוכן דעם פּלעניק, אָבער ער האָט זיך שוין אַרויסגעגליטשט און געלאָפן פּסח'ן וואָרענען . . .

וואָס־זשע טוט דאָ די אָרעמע פּאַלאַשקאַ? . . .

פּסח האָט שוין יענעם אָוונט אויך גענעכטיקט אין וואַלד, הינטערן גרויסן שטיין, וואָס געפינט זיך סאַמע ביים ראַנד, אויף סטעפּאַנ׳ס פּאַשע־פּעלדער. הינטערן גרויסן ברייטן שטיין, האָט מען זיך אפילו אויך גע־קאָנט פאַרבאַהאַלטן. דאָרטן האָט ניט געוואַקסן קיין גראָז, און די ערד איז געווען טרוקן.

אָבער שלאָפן האָט פּסח ניט געקאָנט. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער גע־הערט טריט פון דעם אַנטלאָפענעם פּלעניק. ער האָט אים אפילו געזען שטיין לעבן שטיין, איינגאַנצן אַ נאַקעטער מיט דער ביקס אין דער האַנט.

פּאַרטאָג, ווען פון דער זון איז קוים, קוים געווען אַ ליכטיק שפּעל־טעלע אין מזרח, האָט ער טאַקע דערהערט אמת׳ע טריט. פון הינטערן שטיין געזען, ווי אַ פויערטע שפּאַנט אַ באָרוועסע אין גראָז באַס פון דעם פּרימאָרגן־טוי. מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס שפּאַנט זי, און קוקט זיך אַלעמאָל אַרום אין אַלע זייטן.

דאָס איז טאַקע געווען פּאַלאַשקאַ, וואָס אויף איר פּאָדווירע איז גע־לעגן די סטערטע שטרוי, וואו דער פּלעניק האָט זיך באַהאַלטן.

— אַ גוטער מאָרגנדל דיר, -- האָט זי זיך פרום פאַרנויגט פאַר פּסח׳ן, און אויסגעזונגען דעם „אַ גוטער מאָרגנדל דיר" מיט דעם שיינעם נוסח פון פרייַנטלעכקייט, וואָס בלויז אוקראַאינער פויערטעס קאָנען דאָס טאָן.

— אַ גוט מאָרגנדל אייך אויך, מומעטשקע, — האָט פּסח אויסגעזוּנגען צו איר, מיט דעם זעלביקן נוסח, — וואָס ווען איר זאָגן גוטס?

פּאַלאַשאַקע איז די אָרעמסטע פויערטע פון דאָרף. דער שטרויענער דאַך פון איר הויז האָט לאַנג געדאַרפט פאַרריכט ווערן, אָבער קיינער פאַר־ריכט אים ניט. מיט איר מאַן האָט געטראָפן אַן אומגליק מיט פינף יאָר צוריק. די פּוילישע פּאָליציי, פאַר ניט צאָלן קיין ציַנזן צו דער צייט, האָט אים פאַרשפּאַרט אין דער וואָלדעווער טורמע. דאָרטן האָבן זיי אים, הפּנים, שטאַרק געשלאָגן אין קאָפּ אַריין, און ער איז אַרויס פון דאָרטן אַ גע־רירטער פון זינען.

פירט פּאַלאַשקאַ אַליין די באַלעבאַטישקייט, מיט איר שוואַכן אויסגע־דאַרטן גוף. פּסח האָט זי געזען גיין נאָכן אַקער אין פרילינג אויף איר פּאַס פעלד. איר אויסגעמאָגערט פערדל האָט געשלעפּט דעם אַקער, און די אויסגעדאַרטע באַלעבאָסטע, מיט די איינגעבויגענע שוואַכע פּלייצע־לעך, איז נאָכגעגאַנגען דעם אַקער. האָט שוין דער אַקער טיף ניט אויפ־

געריסן די ערד, און די תבואה איז אויפגעגאַנגען אויף איר פעלד זייער שיטערלעך.

וואָס־זשע טוט דאָ די אָרעמע פּאַלאַשאַקאַ אַזוי פרי אין פאַרטאָג, אויף סטעפּאַנ׳ס פּאַשע־פעלדער, מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס ? און וואָס האַלט זי דאָרטן אין זעקל ?

זי האָט שוין אויך ניט געקאָנט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, — האָט זי געזאָגט, — זי האָט רק געטראַכט פון פלעניק, וואָס איז אַנטלאָפן מוטער־נאַקעט פון איר פאַדווירע. ס׳איז אַ גרויסע בושה פאַר דער וועלט, ווען גאָט׳ס קנעכט, און אַ מאַנצביל נאָך דערצו, זאָל אומגיין מוטער־נאַקעט אויף דער ליכטיקער וועלט. און זי האָט דערפילט, ווי זי האָט געזינדיקט מיט דעם, וואָס זי האָט אים דערזען מוטער־נאַקעט, און ווי זי זינדיקט אויך מיט דעם, וואָס זי טוט עפּעס ניט צו פאַרדעקן זיין נאַקעטקייט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי שוין געטראַכט פון אים, און זי וועט ניט קאָנען רוען, ביז זי וועט ניט צודעקן זיין נאַקעטקייט. דעריבער האָט זי זיך געלאָזט צו סטעפּאַנ׳ס פּאַשע־פעלדער, ווייל אַ סך פויערים האָבן געזען דעם פלעניק אַנטלויפן אין דער ריכטונג. זוכט זי אים שוין פון פאַרטאָג אַרום דעם אָרט, און אַזוי ווי זי מוז באַלד אַוועק אויף איר פעלד סאָפּן די בוריקעס, דעריבער וועט זי ביי פּסח׳ן איבערלאָזן דאָס זעקל. אויב דער נאַקעטער פלעניק געפינט זיך אין די מקומות, וועט ער שוין אַליין זוכן עמיצן אַ פאַסטוך און בעטן הילף . . .

***

אין זעקל זייבען געווען אַלטע פאַרלאַטעטע לייוונטענע הויזן, אַ בורקע מיט לעכער, אַ פּאָר פּאַסטאָלעס מיט שנירלעך, און אַ גרויסער קניש פון קאַשע, אויך אַ שטיקל ריין אויסגעוואַשענע לייוונט.

דאָס ערשטע מאָל פון זינט ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשע, אַז ער האָט זיך באַגעגנט, פּסח, פּנים צו פּנים, מיט אַזאַ רינדיקער, תמימות׳דיקער גוטסקייט. און דאָס האָט אים שוין געגעבן האָפענונג, פּסח׳ן, פאַר זיך אַליין. כל־זמן ס׳געפינט זיך נאָך אַזאַ גוטסקייט, אויב אפילו ס׳איז דאָ בלויז איינע אַזאַ פּאַלאַשקע אין אַ דאָרף, וועט שוין די וועלט ניט אונטערגיין.

און ערשט איצטער האָט ער פאַרשטאַנען דעם געדאַנק פון דער מעשה אין חומש, ווען אברהם האָט זיך געבעטן ביי גאָט : אויב ס׳וועלן זיך געפינען כאָטש אַ פּאָר צדיקים, וועסטו אויך איבערקערן די שטאָט

סדום ? און גאָט האָט געזאָגט צו אברהמ׳ען, אַז אויב ס׳וועלן זיך געפינען כאָטש אַ פּאָר צדיקים, וועט ער שוין סדום ניט איבערקערן.

***

דער אַנטלאָפענער פלעניק האָט זיך ניט געיאָוועט פאַר פסח׳ן, נאָר שפּעטער מיט עטלעכע טעג. האָט מען אין דאָרף גערעדט, אַז מען האָט אים געזען אין סקראַדניצער וואַלד מיט אַנדערע אַנטלאָפענע פלעניקעס. מען האָט אויך דערציילט, אַז אין אַנדערע וועלדער גייען אויך אַרום אַנטלאָפענע פלעניקעס, אייניקע שוין מיט ביקסן, און היינטער פאַרצעווע, האָבן זיי געמאַכט אַן אָנפאַל אויף אַ דייטשישן טראַנספּאָרט מיט מעל.

דאָס זיינען געווען די ערשטע אָנזאָגן פון דער פאַרטיזאַנישער באַוועגונג, וואָס האָט מיט דער צייט פאַרכאַפּט די גאַנצע געגנט אַרום.

די רויטע גנב׳טע, אַ ניכפּה אויף איר . . .

דער פעטער נחום פון צוויטן דאָרף האָליא, האָט דורך וואַסיליי׳ן, דעם סאָלטיס זונדל, געשיקט אַ בריוועלע צו פסח׳ן אין אידיש און אים געלאָזט וויסן, אַז סאָניע׳ס מאַמע האָט זיך אַרויסגעריסן פון וואַרשע, און זי געפינט זיך איצט ביי אים אין הויז.

האָבן פסח און סאָניע, נאָך דעם זעלביקן טאָג זיך געלאָזט גיין צופוס אין דאָרף האָליא, וואָס איז אַן אַכט קילאָמעטער אַהין.

סטעפאַן האָט זיך נישט איינגעג׳עקשנ׳ט און פסח׳ן געלאָזט פריי יענעם טאָג, כאָטשבי ער האָט אים אַזוי נויטיק געדאַרפט האָבן אין פעלד. כל־זמן די גוטע פאָגאָדע (וועטער) האַלט אָן, איז יעדע מינוט טייער, און יעדע פאָר פלייסיקע הענט זיינען מיט גאָלד גלייך, און פסח׳ס הענט, צו דער אַרעבט, האָבן אַזוי פיל ווערט, ווי זיינע, סטעפאַנ׳ס, און אפשר נאָך מערער. און געלאָזט פריי האָט ער אים, מחמת ער האָט געוואוסט, דער כיטרער סטעפאַן, אַז אויב דו ווילסט, אַז דיין שקלאַף זאָל אַרבעטן פאַר דיר געטריי, דאַרפסטו אים ניט אָפּהאַלטן ווען ס׳האַנדלט זיך צו גיין זיך זען מיט אַ מאַמען און קיריל האָט נאָכגעטאָן סטעפאַנ׳ען.

ווי אַזוי זיי שטייען און גייען באָרוועסע, אין זייערע פויערשע קליידער, האָבן זיי זיך געלאָזט אויפן וועג, אָבער זייערע שטאָטישע קליידער האָט סיי סאָניע און סיי פסח מיטגענומען פאַרפּאַקט אין די זעקלעך.

סאָניע האָט זיך איינגעהאַלטן פון צו וויינען. כל זמן זיי זיינען געגאַנגען מיטן וועג צווישן די פעלדער, אָבער ווען זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין וואַלד, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ גרויסן געוויין. אין וואַלד הערט קיינער ניט, אַחוץ די בוימער.

פּסח האָט גוט געוואוסט, הלמאַי זי וויינט, מחמת אין צעטעלע וואָס דער פעטער נחום האָט געשיקט מיט וואַסיל׳ין, איז נאָר געשטאַנען, אַז איר מאַמע האָט זיך אַרויסגעריסן פון וואַרשע, אָבער וועגן איר טאַטן, איז גאָרניט געווען דערמאָנט. איז שוין אַ סימן, אַז זי האָט שוין מער ניט קיין טאַטן . . .

***

און דעם גאַנצן וועג צום דאָרף האַליא, זעט מען דורך די בוימער, ווי אויף די פעלדער, אָנגעבויגענע פויערים און פויערטעס, און קינדער אויך, האַלטן אין איין מאַכן מיט די הענט צווישן די זאַנגען. און דער ציר, ציר, פון די סערפּן טראָגט זיך פון אַלע עקן אין וואַלד אַריין, און ווערט אָפּגעשלאָגן צוריק פון די בוימער מיט אַ פאַרטויבטן מעטאַלענעם ווידער־קול.

און אַזוי ווי זיי זיינען אָנגעקומען נאָענט צום דאָרף האַליא, האָבן זיי דערהערט פון ערגעץ אַ קול, וואָס שילט זיך. אין אידישן לשון האָט זיך דאָס קול געשאַלטן מיט אַ וואַרשעווער טעם:

— אַ ניכפּה אויף דיר, רויטע כאַליערע, יאָך וועל דיך קאַטעווען ביז בלוט, יאָך וועל דיך דער׳הרג׳ענען, משומדת׳טע.

זיי לאָזן זיך ביידע נאָכן קול, ווי זיי זעען צווישן די בוימער אַ טשערעדע בהמות אויף אַ פּאַשע־פעלד, און אַ פּאַסטוך אין ליוונטענע קליידער יאָגט זיך מיט אַ שטעקן נאָך אַ רויטער קו, וואָס לויפט גלייך אין דער תבואה אַריין.

פּסח האָט אים תיכף דערקענט, דעם דאָזיקן פּאַסטוך, וואָס האָט זיך געיאָגט מיט אַ נערוויאישן יאָגן זיך, איין אַקסל אַראָפּגעלאָזט, דעם האַלז פאַרקערעוועט אין אַ זייט, ווי ער וואָלט מסוכן קיין צייט ניט געהאַט.

טאַקע אין דעם דאָזיקן אַראָפּגעלאָזטן אַקסל און פאַרקערעוועטן האַלז, האָט אים פּסח גלייך דערקענט.

— אוי, סאָניע, ס׳איז דאָך נח׳קע, — לויכט פּסח אויף, — נח׳קע דער שאָופער, וואָס פלעגט אָפט שטיין מיט זיין טעקסי אויף דער זאמענהאָף גאַס.

אָבער סאָניע קאָן ניט נח׳קען. דערפאַר קאָן אים פּסח זייער גוט. ער האָט זיך מיט אים געחבר׳ט אין וואַרשע. כאָטשבי נח׳קע איז עפּעס

שטענדיק ניט געווען קיין צופרידענער, שטענדיק גערעדט מיט אַ בייזער און מיט אַ טענה, אָבער דאָך איז געווען גוט מיט אים זיך צו חבר'ן, עפּעס האָט מען אים געקאָנט גוט־ברודעריש קלאַפּן אין דער פּלייצע, חוזק מאַכן פון אים, און ער האָט זיך געלאָזט.

יאָ, דאָס איז געווען נח'קע מיט די שוואַרצע גיכע אויגן. אַזוינע גיכע, אַז מען האָט זיי קיינמאָל ניט געזען, קוקן גלייך, נאָר אין די זייטן, אַהין און אַהער. און פּלייצעלעך און הענטעלעך האָט ער פאַרמאָגט גאָר גערעטענע.

פּסח האָט אים איין מאָל געזען שלאָגן אַ דאַזאָרעץ (אַ דוואָרניק) אויף זאַמענהאָף, וואָס איז געווען אַ גרויסער אַנטיסעמיט, און אים בשום אופן זיך ניט געלאָזט אָפּשטעלן מיט זיין טעקסי לעבן זיין טויער. גיך, גיך, האָט אים נח'קע געשלאָגן, ווי ער וואָלט מסוכן קיין צייט נישט גע־האַט, און דאַרף שנעל זיך אָפּפּאַרטיקן מיט אים.

— נח'קע, — שרייט פּסח אויס, — אַ רוח דיר אין דיין טאַטנ'ס טאַטן אַריין.

און נח'קע לויפט מיט די אויגן גיך, גיך, און זיינע נאָזלעכער פּאָכען אויף גיך, גיך, ווי ער וואָלט געשמעקט די לופט . . . און אַז נח'קע האָט פּסח'ן דערקאָנט, איז ער כּלומר'שט נישט איבעררראַשט געוואָרן. מיט אַ בייזער מינע האָט ער אים אויסגעשטרעקט די האַנט, און זיך אָנגערופן, נאַכלעסיק:

— יאַק שמאַש, פּסח (וואָס מאַכסטו, פּסח?).

און ער פרעגט גאַרניט, נח'קע, פונוואַנעט און פון וואָס. און ס'איז ביי אים עפּעס אויך נאַטירלעך, וואָס פּסח איז אָנגעטאָן ווי אַ פּאַסטוך, און סאָניע, וואָס ער האָט זי אַ פּאָר מאָל געזען אין וואַרשע מיט פּסח'ן, איז אויך אָנגעטאָן ווי אַ פּויערטע.

— ווי אַזוי קומסטו אַהער, נח'קע?

וויל נח'קע ניט ריידן, ווי אַזוי ער קומט אַהער. זיין האַרץ איז געוואַלדיק בייז קעגן דער רויטער קו און ער פאַרקלאָגט זי, די בהמה, פאַר פּסח'ן און סאָניע:

— אַזאַ משומדת'טע, אַ ניכפּה אויף איר, נאָר זי היט מיך, ווי באַלד איך פאַרקוק זיך אויף אַ מינוט, אַזוי באַלד איז זי ניטאָ און מען דאַרף זי זוכן צווישן ווייץ. ווייץ ווילט זיך איר, ניט קיין מכה. די אַנדערע בהמות זיינען צופרידן מיט די גראָזן, אָבער זי, די רויטע גנב'טע, נאָר זי קריכט וואו מען באַדאַרף ניט. אָבער וואַרט אויס, יאַך וועל זיך שוין אָפּרעכענען מיט איר.

***

זיי האָבן פאַרלאָזט נח׳קען מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. נח׳קע האָט זיי דערציילט, ווען פּסח איז צוגעשטאַנען צו אים, ווי אַזוי ער מיט זיין אַלטער מאַמען זיינען אַנטלאָפן פון וואַרשע קיין סאָסנאָוויץ צו זיין כלה, און ווי אַזוי די נאַציס האָבן דער׳הרג׳עט אי זיין מאַמען, און אי זיין כלה׳ן.

און ער האָט זיי געוויזן די פאָטאָגראַפיע פון זיין כלה. פון אַ סך פּאַפּירלעך האָט ער אַרויסגעוויקלט די פאָטאָגראַפיע, וואָס ער טראָגט זי שטענדיק אַרום מיט זיך, אין דער פּאָסטוך־טאַרבע. האָבן זיי דערזען אַ היפּש־געפּאַקטע אידישע יונגע טאָכטער מיט לאַנגע געדיכטע צווי צעפּ, און מיט אַ גילדן קייטעלע און קליין דאַמען־זייגערל צוגעשטעפּט צום קאָפּטל, דאָרטן, וואו ס׳האָבן זיך אַרויסגעהויבן אירע פול־אָנגעגאָסענע מיידלשע ברוסטן. מיט ברוינע גאָר־ליכטיקע אויגן האָט זי אַראָפּגעקוקט פון בילד, די כלה זיינע, מיט אַ ליב־פאַרשעמטן שמייכל אויף אירע זאַפּטיקע פולע ליפּן.

ווען זיי האָבן זיך געזעגנט מיט אים און זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָבן זיי פּלוצלונג דערהערט אַ געוויין, אַ געדיכטער אי־בערגעבראָכענער מאַנסבילשער געוויין. סאָניע האָט זיך געוואָלט אומקערן צוריק, האָט זי פּסח ניט געלאָזט.

— זאָל ער, זאָל ער, — האָט איר פּסח געזאָגט, און זיך אויך געוואָלט צעוויינען.

זיין כלה, פּסח׳ס, לעבט נאָך. אָט שפּאַנט זי לעבן אים, די שענסטע פון אַלע וואַרשעווער מיידלעך, די קלאָר־הויטיקע, די גאָלדן־האַריקע, די בלוי־אויגיקע, די זיס־שמעקנדיקע. ער האָט זי כמעט מיט געוואַלד אַרויסגעריסן פון וואַרשע. זי האָט ניט געוואָלט איבערלאָזן איר טאַטעשע מיט דער מאַמעשע.

ווען די נאַציס זיינען אַריין אין וואַרשע, און באַלד איז מען געוואויר געוואָרן זייערע שוידער־מעשים איבער די אידישע מיידלעך, האָט ער זי גלייך אַרויסגעריסן פון דאָרטן. ער האָט איר פּנים און האַלז באַשמירט מיט רויטע פלעקן, אַקוראַט, ווי זי וואָלט געווען קרעציק. ער האָט איר פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַן אַלט ברודיק טיכל, מען זאָל ניט אַרויסזען דאָס גאָלד פון אירע האָר. ער האָט זי אָנגעטאָן אין אַלטע קאָפּטלעך און קליידלעך, מען זאָל ניט זען די פיינע בויגעוודיקע מיידלשע ליניעס. ס׳זאָלן זיך ניט וואַרפן אין די אויגן אירע פולע שפּיציק־רונדע יונג־פרויענשע ברוסטן.

ער איז געלאָפן מיט איר צו דער סאָוועטישער גרענעץ, ווייל אין סאָוועטן־לאַנד, האָט ער געהערט, האָט שוין אַ אידישער בחור ניט מורא

מען זאָל טאָן געוואַלד־מעשים איבער זיין כלה.

ביי דער סאָוועטישער גרענעץ, האָבן אים די נאַציס געכאַפּט, בשעת ער האָט געוואַרט לעבן טייך, אַז דער שיפער דער שמוגלער, וואָס האָט סאָניע׳ן נאָר־וואָס אַוועקגעפירט צו יענעם ברעג, זאָל זיך אומקערן נאָך אים. דאָס שיפל האָט געקאָנט האַלטן בלויז צוויי מענטשן.

מען האָט אים אויסגעטאָן נאַקעט, און אַ נאַקעטן אים געפירט אין שטאָט אַריין, צו דער דייטשישער קאָמאַנדע. מען האָט אים געשלאָגן מכות־רצח, מען האָט אים דריי טעג און דריי נעכט ניט געגעבן קיין עסן, און קיין טרינק וואַסער. ער האָט שוין געהאַלטן ביים שטאַרבן, אָבער דאָס איינציקע שטיקל פרייד, וואָס סאָניע איז שוין דאָרטן אין גוטן לאַנד, האָט אים געשטאַרקט.

דערנאָכדעם האָט מען אים פאַרשיקט אין אַ שקלאַפן־לאַגער, וואו טויזנטער אידן פון די דערבייאיקע שטעטלעך האָבן אויסגעלייגט אַ באַן־ליניע אין די בלאָטעס לעבן דער סאָוועטישער גרענעץ.

ער איז אַנטלאָפן פון שקלאַפן־לאַגער מיט נאָך אַנדערע אידישע בחורים. און ער האָט זיך דערשלאָגן צום פעטער נחום אין דאָרף האַליא. אַז ער איז אַריינגעקומען אין הויז פון פעטער נחום, איז אַ מיידל אים געפאַלן אויפן האַלז, וואָס האָט אויסגעקוקט, ווי סאָניע.

און ס׳איז טאַקע געווען סאָניע. פון אינמיטן טייך האָט זי געצוואונגען דעם שיפער זיך אויסדרייען אויף צוריק, ווען זי האָט דערהערט, אַז איר פסח איז אין אַ סכנה.

ניט אומזיסט, האָט זי אים געשוואוירן אין קראַשינסקי׳ס גאָרטן, אין דער פינצטערער אַלייע, ביי דער העל־שיינענדיקער לבנה הויך אין הימל, אַז זי וועט אים שוין זיין געטריי ביזן סוף פון אירע יאָרן.

און כאָטשבי ס׳איז געווען אויף אים אַזאַ גרויסע פרייד, ווען ע ר האָט זי אומגעריכט דערזען ביים פעטער נחום׳ען אין הויז, אָבער דאָך האָט אים באַנג געטאָן, וואָס זייענדיק אַזוי נאָענט פון יענעם געבענטשטן לאַנד, האָט זי זיך אומגעקערט צוריק.

— אוי, סאָניע׳שע, נאָך וואָס האָסטו דאָס געטאָן?

— וואו דו וועסט זיין, וויל איך אויך זיין, — האָט זי אים געענטפערט מיט פיין און מיט געטריישאַפט.

ממה נפשך, וועלן מיר בלייבן לעבן . . .

— וואו איז דער טאַטע ?

וואו איז טאַקע דער טאַטע ? חס וחלילה ניט דאָס, וואָס זי טראַכט איבער. די נאַציס האָבן שוין אין דער וואַרשעווער געטאָ אַ סך טאַטעס אומגעבראַכט, אָבער נאָך ניט איר טאַטן מחמת זיי דאַרפן האָבן איר טאַטן. ער קאָן מאַכן זייף, און זיי דאַרפן האָבן זייף.

אָבער אַהיים גיין אַלע פאַרנאַכט האָט מען אים שוין ניט געלאָזט. אים מיט נאָך אידן זייפן־מאַכער, האָט מען אַלע נאַכט פאַרשלאָסן אין דער פאַבריק.

ער הונגערט, איר טאַטע, און ס׳איז ניט אַזוי דער הונגער, וואָס ער האָט מורא, אַז פון אָפּגעשוואַכטקייט, וועט ער שוין ניט קאָנען אַרבעטן, און אַז ער וועט ניט קאָנען אַרבעטן, וועט מען אים, חס וחלילה, דערשיסן.

אַזוי דערציילט סאָניע׳ן איר מאַמע גיטל. און זי קוקט שוין ניט אויס ווי איר מאַמע פון פריער. אַ פאַרביטערטע מאַמע. מחמת איר מאַמע איז נאָך געווען אַ יונגע, ווען סאָניע איז מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק אַנט־לאָפן מיט פסח׳ן פון וואַרשע. קוים פערציק יאָר אַלט געווען. איצטער זיצט פאַר איר אַן אַלטע אידענע מיט גרויע האָר, מיט אויסגעטריקנטע ביינער.

די מאַמע גיטל וועט זיך אומקערן צוריק קיין וואַרשע, אַזוי זאָגט זי בפירוש. זאָל זי זיך נאָר דאָ אַביסל אונטערפילנעווען ביי איר ברודער נחום׳ען, קומען אַביסל צו זיך, וועט זי זיך אומקערן צוריק קיין וואַרשע מיט אַ זעקל עסנוואַרג פאַרן טאַטן. מען קאָן אַריינשמוגלען אין דער פאַבריק פעקלעך עסן. זי קאָן עמיצן אַ מענטשן, וואָס איז פאַרבונדן מיט די נאַציס, און ער וועט דאָס שוין טאָן פאַר איר.

וועט אָבער סאָניע ניט לאָזן איר מאַמען פאָרן צוריק. זי וועט בעסער אַליין פאָרן. וועט מיטנעמען אַ זעקל עסנוואַרג און זיך אַריינ׳גנב׳ענען אין דער געטאָ.

לאַכט גיטל צו איר בת־יחיד׳קעלע, לאַכט ווי צו אַ קליין קינד, וואָס האָט געזאָגט אַ געראָטענע חכמה. לאַכט אויך דער פעטער נחום. ס׳איז מסתמא בלויז געזאָגט. אָבער פסח׳ן פאַלט אַראָפּ דאָס האַרץ. ער דער־שרעקט זיך. זי קאָן דאָס נאָך טאָן. מחמת ער האָט קיין מאָל נאָך ניט געזען אַזאַ קוק אין אירע אויגן. דער קוק פון אַ מענטשן, וואָס וועט גיין פאַר׳עקשנ׳ט צו זיין ציל, אפילו די סכנה זאָל לויערן אויף יעדן טריט.

און ווי קאָן ער איר זאָגן, אַז זי זאָל ניט פאָרן, און ניט איינשטעלן

איר לעבן צוליב איר טאָטן. אַז דאָס איז אַזוי הויך מענטשלעך. ס׳איז שוין ניטאָ קיין העכערס פון דעם . . .

***

און דער פעטער נחום, דער הויכער פעטער נחום מיט דער ברענענ־דיקער רויטער באָרד, דער גביר אין דער משפחה, ווי ער שעמט זיך איצט פאַר זיין שוועסטער גיטל, און פאַר זיין פלימעניצע סאָניע, און פאַר זיין פלימעניצע׳ס חתן, וואָס ער איז אַזוי הילפלאָז . . .

אַלע יאָר וואָס פסח האָט געוואוינט ביי ירחמיאל דעם זייפן־מאַכער אין קעלער־שטוב, איז דער נאָמען פון פעטער נחום ניט אַראָפּגעגאַנגען פון די ליפּן. ער איז געווען שטענדיק די גרויסע האָפענונג אין זייער אָרעם לעבן. טאָמער איז געוואָרן ענג אין דער פרנסה, האָט מען געשריבן אַ בריוו צו פעטער נחום׳ען, און ער האָט גלייך זיך אָפּגערופן מיט אַ בריי־טער האַנט. און אַז ירחמיאל איז געוואָרן קראַנק, האָט מען ווידער גע־שריבן אַ בריוו צום פעטער נחום׳ען, און יענער האָט גלייך געשיקט הילף. און אַז אין די שטאַרקע הייסע זומער־טעג, ס׳איז ניט געווען אויסצוהאַלטן פון דער שטיקעניש אין דער קעלער־שטוב, האָט מען זיך געקוויקט מיט דעם, וואָס מען האָט גערעדט וועגן פעטער נחום׳ס פעלדער און גרויסן גאָרטן, און וועגן דעם אייגענעם טייך, וואָס ער פאַרמאָגט.

— ס׳איז פּוסטע מעשיות, — האָט ער איצט זיך מודה געווען פאַר אַלעמען אין די אויגן, — איך וועל מוזן אָוועקגעבן די מיל, די אויל־פאַבריק, די פעלדער, אפילו מיין שטוב, און אַליין ווערן אַ פּאַסטוך ביי עמיצן פון מיינע באַקאַנטע גויים. איז ממה נפשך, וועלן מיר בלייבן לעבן און די וועלט וועט זיין אַ וועלט, און זיי וועלן מיר וועלן אומקערן מיין פאַרמעגן, איז דאָך מה טוב, אלא וואָס דען, ניין, איז דאָך אויך די אייגענע מעשה . . .

דער גרויסער נסיון . . .

אין האַרבסט, ווען ס׳איז שוין ניט געווען קיין סך אַרבעט אויף די פעלדער, איז סאָניע אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. איר באַלעבאָס, קיריל, וואָס האָט געהאַט אַ ברודער אין וולאָדעווע, דער הויפּט פון דער דאָרטיקער פּאָליציי, האָט זיך דערשלאָגן אַן אַרישן פּאַספּאָרט פאַר איר.

קיריל דאַרף זייער נויטיק האָבן לעדער אויף שטיוול פאַר זיך און זיין

הויז-געזינט, און אויך לייוונט אויף העמדער, און אין די אַרומיקע שטעט־לעך האָבן די דייטשן בײַ די אידישע קרעמער צוגענומען אַלע סחורות. אָבער דאָרטן, אין וואַרשע, זאָגן מענטשן, קאָן מען נאָך פאַר גוט געלט קריגן די אַלע נויטיקע זאַכן.

קיריל האָט זי אָפּגעפירט צום באַן. פּסח איז מיטגעפאָרן בלויז צו דעם אָרט, וואו דער וועג פאַרקערעוועט זיך צום וואַלד. און אַז ער האָט זיך מיט איר געזעגנט און זיך געלאָזט צוריק אין דאָרף אַריין, האָט זיך אים שוין אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע מעשה מיט סאָניע׳ן איז געווען אַ חלום. קיינמאָל ניט געווען קיין סאָניע, קיינמאָל וועט ניט זיין קיין סאָניע, ס׳איז בלויז אַ שיינע איינריידעניש, וואָס ער טראָגט זיך אַרום אַלע זיינע בחור׳ישע יאָרן . . .

***

שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג איז אויך סטעפּאַן אַוועקגעפאָרן. קיין סאָסנאָוויץ האָט ער זיך געלאָזט, און געזאָגט, אַז ער וועט איבערשטיין דאָרטן איבערנאַכט.

און אַז סטעפּאַן איז אָפּגעפאָרן, זיינען מאַרפאַ׳ס אויגן געוואָרן אָפּן־רופנדיקע. אַ מיטל־יאָריקע פרוי איז זי, פול מיט לייב, פול מיט זאַפטן, און ער אַ יונגער שטאַלטנער בחור, וואָס איז אַזוי אויסטערליש מיט זיין געצוימטער גבורה.

מען האָט יענעם טאָג געגראָבן אויפן פעלד די קאַרטאָפל. אַלע האָבן געגראָבן: פּסח, מאַרפאַ, די זאַכאַרעכע, אַחוץ לעניקאַ׳ן. זי האָט האָט געוואָרפן די אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל אין גרויסע שטרויענע קוישן.

מאַרפאַ האָט מיטגענומען אַ האַנט־שפּיגעלע אין פעלד, און פון צייט צו צייט, געכאַפּט אַ קוק אויף זיך. די אַלטע זאַכאַרעכע האָט דאָס באַ־מערקט, און באַדויערט אין האַרצן איר זון, וואָס האָט זיך נעבעך גע־דאַרפט פאַרשלייערן מיט אַזאַ פרוי, וואָס פּאַטשקעט זיך און איידלט זיך, און פירט זיך ווי אַ פּריצה׳טע . . .

אין אַ פּאַטשיילע מיט קווייטעלעך פון פאַרשיידענע קאָלירן, איז איר קאָפּ געווען פאַרבונדן, מיט די עקן אַרונטערצו, איר לייוונטענע בלוזע, מיט די אויסגענייטע בלימעלעך, איז איר געווען צעקנעפּלט אויבן ביים האַלז, און זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז בשעת זי בויגט זיך אַן, ווייזט זיך די נאַקעטקייט פון אירע אויבערשטע טיילן ברוסטן. בויגט זי זיך זייער אָפּט איבער איר מאָטיקע (ספּעציעלער גראָב־אייזן פאַר קאַרטאָפּ־ליעס), און קוקט צו פּסח׳ן, און ציט זיין בליק צו זיך, און רויטלט זיך, און

זי ברענט פון דער היץ פון דער זון, און פון דער היץ פון איר אייגענעם קערפּער, אַן זי איז פאַר׳שיכור׳ט פון אַלע געווירציקע ריחות, וואָס טראָגן זיך פון פעלד.

צו מיטאָג צייט, ווען מען האָט זיך געזעצט אין שאָטן פון באַרן־בוים, האָט אים מאַרפאַ אָפּגעשניטן אַ גרעסערן שטיק ווייץ־ברויט, און אויך אים געגעבן אַ היפּשן שטיק קניש אָנגעפּילט מיט קעז, און אַלץ זיך גערויטלט, און אַלץ געברענט, און די אַלטע זאַכאַרעכע האָט דאָס אויך באַמערקט און איז געוואָרן אויף דער וואָך.

און פאַרנאַכט, אַז אַלע זיינען געפאָרן אַהיים, אויפן וואָגן אָנגע־לאָדן מיט די שטרויענע קוישן פול מיט קאַרטאָפליעס, האָט פּסח גע־טראַכט, אַז ער וואָלט שוין געטאָן די קלוגסטע זאַך, ווען ער נעכטיקט היינט ניט אין דער היים.

***

און די זון איז פאַרגאַנגען און די נאַכט איז אָנגעקומען. מילי־מי־ליאָסן שטערן זיינען אַרויס אויפן הימל. אַ קילקייט און אַ פייכטקייט האָט געצויגן פון דער ערד. נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, און ס׳וועט זיך שטעלן דער האַרבסט מיט די רעגנס.

זי איז אַרויסגעקומען פון הויז, מאַרפאַ, אַן אויסגעפּוצטע, און זיך גע־זעצט לעבן אים אויף דער פּריזבע, און געשוויגן. ביידע האָבן געשוויגן.

ס׳האָבן זיך געטראָגן פון איר די ריחות פון אַ פרוי, ווען זי איז הייס און באַגערט. ער האָט מורא געהאַט צו פאַרבלייבן דאָ אויף דער פּריזבע לעבן איר, טאָמער, חלילה, פאַרלירט ער דעם ווילן איבער זיך, און ס׳קאָן פירן צו גרויס אומגליק. ער האָט געזוכט עפּעס אַ תירוץ זיך אויפהייבן און אַוועקגיין. אָבער ער האָט קיין שום גוטן תירוץ ניט געקאָנט געפינען.

גוט כאָטש, וואָס וואַסילי איז אָנגעקומען און איבערגעריסן די אָנ־געלאָדענע שווייגעניש. וואַסילי איז געווען אין וואָלאָדעווע, גאָרניט גע־וואוסט, אַז סאָניע איז אַוועקגעפאָרן. ערשט ווי ער קערט זיך אום פון וואָלאָ־דעווע אין דאָרף אַריין — ביטאָ סאָניע, און ער האָט גראָדע איר געבראַכט אַ מתנה פון שטאָט, טשאָקאָלאַטלעך האָט ער איר געבראַכט. און טשאָקאָ־לאַטלעך קאָן מען שוין ניט קריגן איבער גאַנץ פּוילן. וויל אפשר פּסח אַ טשאָקאָלאַדקעלע? ניין, אַ דאַנק, פּסח וויל ניט. אפשר וויל מאַרפאַ?

דאָס טשאָקאָלאַדקעלע וואָלט זי גאָר געדאַרפט באַהאַלטן און דאָס געבן איר טעכטערל לענקאַ, מאָרגן, ווען זי וועט אויפשטיין פון שלאָף. אַי, אַי, אַ זינדיקע מאַמע איז זי. אַליין שוין אויפגעגעסן דאָס טשאָקאָלאַדקעלע.

און דער הײנט, אַז, ער קאָן זיך קײן אָרט ניט געפינען. ער בענקט נאָך זײן באַלעבאָס משוגע, נערװועז. גײט אַלעמאָל צו צי די מענטשן, באַשמעקט זײ נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, אפשר פּאַרט איז זײן האַר דאָ צװישן זײ. אָבער שמעק־אַהין, שמעק־אַהער, ס׳איז פּוסטע מעשׂיות.

— ס׳איז גאָר אַ סברא, אַז ער, װאַסילי, טרעט אַרײן אין דער פּאָליצײ, — רופט זיך אָן דער יונגער פּויער און ער טוט אַ קוק אויף די מענטשן, צו זען װאָס פאַר אַן אײנדרוק די דאָזיקע מעלדונג האָט געמאַכט אויף זײ. שמײכלט צו אים פּסח ליבלעך, און מאַרפאַ צעלאַכט זיך. װאָס מען זאָל שוין ניט זאָגן איצט, לאַכט זי. עפּעס אַזאַ לוסטיקײט האָט זי אָנגעכאַפּט נאָכדעם, װי זי האָט אויפגעגעסן דאָס טשאָקאָלאַדקעלע.

יאָ, ס׳איז אַ סברא, אַז ער, װאַסילי, טרעט אַרײן אין דער פּאָליצײ, און ער דערצײלט זײ די גאַנצע מעשׂה, װי זײן טאַטע, דער סאָלטיס, האָט אים, װאַסילי׳ן, מיטגענומען קײן װלאָדעװע. זײן טאַטע האָט עפּעס גע־דאַרפט האָבן צו דער דײטשישער קאָמאַנדע, און אַזױ װי מען זיצט דאָרטן בײם קאָמענדאַנט און מען שמועסט זיך דורך, װי דער הױפּט, הער מורזאַ, דער געשטופּלטער מיט די רױטע װאָנציעס, קוקט אַזױ אױף אים זײער אױפמערקזאַם, אױף װאַסילי׳ן, הײסט דאָס, טראַכט װאַסילי בײ זיך: „װאָס קוקט ער אַזױ אױף מיר, איז מײן פּנים אױסגעשמירט?“ ערשט, װי ער רופט זיך אָן, דער הער מורזאַ, הײסט דאָס, צו זײן טאַטן, רופט ער זיך אָן: „אַזאַ פײנער יונג, װי דײן זון, װאָלט זיך געקאָנט נוצלעך מאַכן אין דער פּאָליצײ“ . . .

***

נאָכדעם װאָס װאַסילי איז אַװעק, איז מאַרפאַ געװאָרן זײער באַרײ־דעװדיק. דער טעם פון שאָקאָלאַד, האָט איר דערמאָנט אין די מײדלשע יאָרן, װען די שענסטע בחורים פון דאָרף האָבן זיך גע׳שדכנ׳ט צו איר, און פלעגן איר ברענגען אָפטמאָל צוקערקעס און אויך טשאָקאָלאַדעס. אָבער, פּסח, האָט זי דערפילט, הערט זיך אײנגאַנצן ניט צו צו דעם, װאָס זי דער־צײלט אים. ער איז גאָר געװען שטאַרק פאַרטאָן אין זײנע אײגענע גע־דאַנקען. ער האָט געטראַכט װעגן דעם, אַז ס׳קאָן נאָך זײן װאַסילי זאָל װערן אַ פּאָליצײמאַן, און ער און סאָניע װעלן זיך אפשר מוזן אָפּטראָגן פון דאָרף . . .

— װעגן װאָס טראַכסטו, פּסח? — האָט זי זיך צוגערוקט נאָענט צו אים.

— אָ, װעגן דעם און יענעם . . . — האָט ער געענטפערט און האָט ניט

געהאַט קיין כוח זיך אָפּצורוקן פון איר.

און ווידער אַמאָל האָבן זיי ביידע, זיצנדיק אויף דער פּריזבע, איינער לעבן אַנדערן, געשוויגן, לאַנג געשוויגן, ביז פּסח האָט זיך אַ ריס געטאָן, זיך אויפגעהויבן און געזאָגט אַ שולדיקער:

— אַ גוטע נאַכט, באַלעבאָסטע. איר דאַרפט שוין אויך זיין רעכט מיד...

האָט זי אים גאָרנישט געענטפערט, נאָר געבליבן זיצן אויף דער פּריזבע, ווי אַן אָפּגענאַרטע. לאַנג, לאַנג געזעסן איינע אַליין אין דער שטילער קאַלטער נאַכט, און ס׳איז איר געווען אַזוי אומעטיק אויפן האַרצן, אַזש ביז צום וויינען . . .

וואָס ווייס איך וועגן גאָלד ? . . .

סטעפּאַן איז דעם צווייטן פאַרנאַכט אַהיים געקומען, און, אַז האָט זיך אויף אים געוואָרפן אי מיט פרייד, אי מיט געוויין, אַ געוויין פון אַ מין פּיעסטשען זיך.

מאַרפאַ האָט זיך זייער שיין אויסגעפּוצט לכבוד זיין קומען. זיך אָנגעטאָן אין שוואַרצן באַרכאַטנעם סאַראַפאַן, פאַרשלייערט זיך אין אירע אַלע זעקס שנירלעך רויטע קרעלן, אין די שטאָטישע שיך מיט די גרינע ביינערדיקע קנעפּלעך, מיט אירע געלע צעפּ אַרומגעדרייט עטלעכע מאָל איבער איר קאָפּ, איז זי געלאָפן איר מאַן אַנטקעגן אַ האַרציקע אַ ליבנדיקע.

פּסח׳ן האָט סטעפּאַן פאַרבעטן אינעווייניק אין הויז עסן וועטשערע ביים טיש מיטן גאַנצן הויז־געזינט. נאָכן עסן, האָט סטעפּאַן אים געזאָגט, אַז ער וויל אים ווייזן אַ גאָלדן זייגערל, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין סאַסנאָוויץ, און זאָל ער, פּסח, זאָגן מבינות, צי ס׳איז פון עכטן גאָלד.

האָט פּסח אַ לאַך געטאָן אין זיך. ווייל פונוואַנעט זאָל ער וויסן, צי ס׳איז פון עכטן גאָלד. ער האָט קיינמאָל קיין גאָלד ניט פאַרמאָגט. אָבער ווייזט אויס, אַז ס׳איז שוין אָנגענומען ביי די פויערים, אַז דער איד דאַרף דיר וויסן וועגן גאָלד.

דער באַלעבאָס האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גרין פּליושן שאַכטעלע, ציטערדיק־פאַרזיכטיק אויפגעעפנט דאָס דעקל און אַרויסבאַקומען פון דאָרטן אַן איידל־אויסגעאַרבעט דאַמען־זייגערל, מיט אַ דין קייטעלע.

און פּסח האָט זיך גלייך דערמאָנט אין נח׳קעס כלה. אויף דער פאָטאָגראַפיע, וואָס נח׳קע האָט אים געוויזן, הענגט איבער זיין כלה׳ס ברוסט, פּונקט אַזאַ זייגערל מיט אַזאַ מין דין קייטעלע.

און אפשר איז דאָס טאַקע איר זייגערל? און אויב ס׳איז ניט איר זייגערל, איז דאָס זייגערל פון אַן אַנדער אידישער כּלה אין סאָסנאָוויץ.

האָט פּסח שוין ניט געקאָנט צוימען זיינע פינגער און זיי האָבן זיך צעציטערט, ווען זיי האָבן אָנגערירט דאָס גאָלדענע זייגערל. און דער כיט־רער סטעפּאַן האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס יענעמס פינגער האָבן זיך צעציטערט.

— ס׳איז שלעכט, פּסח, מיט אייערע אידן, — וויל איצט סטעפּאַן אַרויסווייזן כלומרשט זיין מיטגעפיל, — דו דאַרפסט דאַנקען גאָט, וואָס דו ביזט ניט אין שטאָט. שוין פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, אַז איך פלעג קויפן לעדער ביי איינעם אַ איציק קראָסני, אַן ערלעכער איד געווען, ניט פון די מאַשעניקעס. קום איך איצטער צו זיין קראָם, איז זיין קראָם פאַרמאַכט, און די שכנים האָבן געזאָגט, אַז די דייטשן האָבן אים דער־הרג׳עט. מען הרג׳עט אידן אין די שטעט אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַר־וועןן. דאַרפסט זיך שעצן גליקלעך, וואָס דו ביסט ביי מיר. איז וואָס־זשע זאָגסטו, פּסח, דאַרפסט דאָך זיין אַ מבין, איז דאָס אמת׳ער גאָלד?

— וואָס וויים איך וועגן גאָלד? — ענטפערט אים פּסח קידער־ווידער־דיק, — איך האָב קיינמאָל מיט קיין גאָלד ניט געהאַנדלט, קיינמאָל אפילו קיין גאָלד ניט געהאַלטן אין די הענט. אָבער מען קאָן זען לויטן אויס־קוק אַליין, אַז ס׳איז אַ טייערע זאַך.

***

פון זינט די רעגנס האָבן אָנגעהויבן פאַלן, רופט מען פּסח׳ן אַלע פאַר־נאַכט אַריין אינעווייניק אין שטוב עסן וועטשערע ביים טיש מיטן גאַנצן הויז־געזינט.

מען עסט אַלע אינאיינעם פון דער גרויסער שוואַרץ־־ברוינער שיסל, מיט הילצערנע פּאַלאָניקעס (לעפל). צי דאָס איז אַ זופּ פון קאַרטאָפלעס באַגאָסן מיט בוימל, צי דאָס איז אַ באַרשטש באַשמאַלצן מיט חזיר־פעטס. ער עסט, פּסח, ווי אויף הפקר. וואָס מערער כוח אָנפּאַקן אין זיינע אברים, כדי ער זאָל קאָנען איבערטראָגן די נעץ, און די קעלט און די שווערע אַרבעט.

און אַז מען ענדיקט די וועטשערע און סטעפּאַן זאָגט דעם הונט, ער זאָל אַרויסגיין, ווייסט שוין פּסח, אַז דאָס מיינט מען אים אויך. וויל נישט דער הונט פאַרלאָזן די וואַרעמע שטוב, און די נאָענט־קייט פון זיין האַר. הריטשעט ער, וויינט מיט אַזאַ דיגעם רחמנות׳דיקן געוויין. ס׳העלפט שוין אָבער ניט קיין מעשיות. ער מוז זיך אָפּטראָגן. הייבט זיך פּסח אויך אויף, זאָגט אַ גוטע נאַכט און גייט אַרויס אין

וויסטן פינצטערן רעגנדיקן אינדרויסן. ביידע, סיי דער הונט און סיי פּסח, לאָזן זיך אין דער בלאָטע צו דער סטאָדאָלע.

און דאָרטן, אין דער סטאָדאָלע, מאָשטשען זיך ביידע אין אינעם היי. סיי פּסח, סיי אַז. אַז ווערט גלייך אַנטשלאָפן. אָבער פּנ׳ח קאָן שוין ניט איינ־שלאָפן. דער רעגן האַלט אין איין קלאַפּן איבערן דאַך, און דערציילט אים אַ לאַנגע, לאַנגע מעשה פון עלנט, פון וואָרלאָזיקייט.

שוין באַלד אַ חודש, און מען הערט גאָרניט פון סאָניע׳ן. און אפשר וועט ער שוין קיינמאָל ניט הערן. אַזוי פיל טויזנטער און טויזנטער אידן האָבן זיי שוין דערמאָרדעט, און אַזוי פיל אידישע כלות צווישן זיי. זייערע גאָלדענע זייגערלעך מיט די דינע קייטעלעך, קויפן אויף די רייכע פּויערים פון די דערפער ביי די דייטשן, און געבן דאָס צו זייערע פרויען.

מאַרפאַ טראָגט שוין דאָס גאָלדענע זייגערל פון נח׳קעס כלה. צו אירע קרעלן טשעפּעט זי דאָס צו, און ס׳הענגט אַראָפּ באַרימעריש איבער איר קאַפּטל מיט די היפשע צעשפּאַרטע ברוסטן.

דער רעגן האַלט אין איין קלאַפּן אין דאַך אַריין פון דער סטאָדאָלע, און אינדרויסן איז אַ חושך, אַ וויסטעניש און אַ הפקר׳דיקייט.

— שלאָף שוין, פּסח, שלאָף! — רעדט צו אים אַ היימיש געטריי קול.

ער מיינט, אַז דאָס איז זיין מאַמעס קול, אָבער אין אמת׳ן איז דאָס זיין אייגן קול, דאָס קול פון זיין יונגן כוח, דאָס קול פון זיין לעבנס־קוואַל.

— שלאָף שוין, פּסח, שלאָף! דו דאַרפסט זיין געזונט און שטאַרק, כדי צו קאָנען לעבן.

— לעבן? לעבן? — פּיעסטשעט ער זיך פאַר דעם היימישן גע־טרייען עמיצן, — ווער דאַרף דאָס לעבן?

— דו דאַרפסט! דו דאַרפסט! — שרייט אָן אויף אים זייער שטרענג דאָס קול פון זיין יונגן כוח, — אַלע דאַרפן מיר, דערצו זיינען מיר גע־בוירן געוואָרן . . .

און פּסח האָט זיך געיאָגט באַרג אַראָפּ

ווען פּסח איז געזעסן אין אָוונט אין הויז ביים טיש מיטן גאַנצן הויז־געזינט, און געגעסן וועטשערע, האָט זיך די טיר אויפגעריסן און וואַסיל איז אַריינגעלאָפן מיט דער גרויסער בשורה:

— פּסח, דיין שוועסטער סאָניע, שוין דאָ צוריק.

אָבער ס׳האָט זיך אַלעמען אויסגעוויזן, אַז פּסח איז גאָרניט נתפּעל

געוואָרן פון דער דאַזיקער בשורה. זיך ניט אַ כאַפּ געטאָן, נאָר זייער רואיק געבליבן זיצן ביים טיש, און געוואַרט אויף זיין ריי אַריינצוטאָן דעם לעפל אין דער גרויסער שוואַרץ־ברוינער ערדענער שיסל מיט דער זופּ פון קאַרטאָפליעס. האָט פּסח לייטיש געוואַרט ביז סטעפּאַן האָט אַריינגעטאָן זיין לעפל, ביז די זאַכאַרעכע האָט אַריינגעטאָן איר לעפל, ביז מאַרפאַ און לענקאַ האָבן אַריינגעטאָן זייערע לעפל . . .

און ער האָט זיך ניט געריִרט פון טיש ביזן לעצטן לעפל, ביז ס'איז שוין מערער גאָרניט געווען אין דער ערדענער שיסל, ביז ער האָט ניט אַריינגעוואָרפן די לעצטע קרישקע ברויט אין זיין מויל.

און סטעפּאַן, וואָס האָט חושד געווען די גאַנצע צייט, אַז סאָניע איז עפּעס אַנדערש צו אים, ניט קיין שוועסטער, איז עפּעס איצט צעטומלט געוואָרן.

אָבער אינדרויסן איז שוין פּסח געלאָפן, און וואָסיל האָט אים אַזש ניט געקאָנט נאָכלויפן. געטאַלאָפּטשעט זיך אין דער בלאָטע, און געיאָגט באַרג אַראָפּ, זיך געגליטשט און געפאַלן.

און אַז ער איז אַריינגעלאָפן מיט וואָסילי'ן אין קיריל'ס הויז, איז דאָרטן געווען אַ גרויסע שמחה. אויפן טיש זיינען געלעגן פּעקלעך לע־דער און אַ פּאַק מיט אַ לייוונט. זי האָט אויך געבראַכט דער קירילעכע אַ קאָלירטע פּאַטשיילע פון וואַרשע.

און סאָניע? אויף איר פּנים סימנים פון גרויסע שווערע איבערלע־בענישן. עלטער געוואָרן סאָניע מיט אַ פּאָר יאָר. אַרום די ווינקלען פון איר מויל האַרטע קנייטשן.

— אוי, פּסח'שע, פּסח'שע! — איז זי אַרויפגעפאַלן אויף זיין האַלדז.

— אוי, פּסח'שע, פּסח'שע!

זי מוז אים גלייך אויפן אָרט דערציילן פון אַלצדינג, פון אַלצדינג. קיין שום שלעכטס האָט איר ניט געטראָפן ניט אויפן וועג אַהין, און ניט אויפן וועג צוריק. אויפן וועג אַהין האָט זי זיך צוגעזעצט צו אַן אַלטן פּוילישן פּאַן, וואָס איז אויך געפאָרן קיין וואַרשע, און שוין ניט אָפּגע־טראָטן פון אים, און ס'איז אויסגעקומען, ווי ער וואָלט געווען איר באַ־גלייטער. צי ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זי איז אַ אידישע? ביין. ער האָט זיך ניט אָנגעשטויסן. מחמת זי רעדט דאָך פּויליש אַזוי ווי אַ וואַסער, און זי אַליין קוקט דאָך אויס אַזוי עכט פּויליש. און אפשר האָט ער זיך יאָ אָנגעשטויסן, ווער ווייסט? אָבער ער איז געווען זייער פריינטלעך צו איר.

און אויפן וועג צוריק איז זי שוין געזעסן איינע אַליין. אַ סך מענטשן געווען אין וואַגאָן, אָבער מענטשן האָבן מורא געהאַט צו ריידן איינער צום

אַנדערן. מען האָט אפילו מורא געהאַט צו קוקן איינער אויפן אַנדערן. אָבער ס׳איז איר געווען ניחא, וואָס קיינער רעדט ניט צו איר און קוקט ניט אויף איר, מחמת זי איז געווען אַזוי צעבראָכן. איר טאַטן האָט זי שוין גאָרניט דערקענט. דאָס פּנים שוואַרץ, ווי די ערד, און אַזוי אָפּגעפאַלן, אַ סקעלעט. ס׳איז אַדאַנק שימקע נאַכאַלניק, וואָס ס׳איז איר געראָטן אַריין אין דער געטאָ, און זיך זען מיטן טאַטן. ער קאָן דאָך, פּסח, שימקע׳ן, וואָס האָט געוואוינט אויפן זעלבן הויף, וואו זיי. ער איז איצט אַ פּאָליציאַנט, און האָט שוין אונטערגעשמירט דאָרטן, וואו מען באַדאַרף, מען זאָל איר טאַטן אָפּגעבן די פּעקלעך עסן . . .

*
**

— אוי, פּסח, פּסח! אידן זייַנען געשוואָלן פון הונגער. מתים וואַלגערן זיך אויף די גאַסן און קיינער קוקט זיך ניט אום אויף זיי. אוי, פּסח, פּסח...

„איך ווער פאַרפרוירן אויף טויט"

נאָך אַזאַ קאַלטער ווינטער שוין לאַנג, לאַנג ניט געווען. מען האָט געפונען אַלע טאָג פאַרפרוירענע פייגעלעך אויף דער ערד. זאַווערוכעס האָבן געדרייט בייטאָג און ביינאַכט. אין גאָרטן זייַנען דיביימער געווען פאַרשאָטן מיט שניי כמעט ביז צו די שפּיצן. צווישן הויז און די שטאַלן האָבן פּסח און סטעפּאַן געדאַרפט מאַכן אַלע אינדערפרי טונעלן אויף דורכצוגיין.

און אין דאָרף האָט מען זיך דערציילט פון די אַנטלאָפענע רוסישע פּלעניקעס, וואָס קומען אַרויס פון וואַלד אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, קלאַפּן אין די פענצטער און בעטן זיך אַריין.

און די נאַציס האָבן אויפגעקלעפּט וואָרנונגען אויף אַלע טעלעגראַף סלופּעס, אַז פאַר אַריינלאָזן אַן אַנטלאָפענעם פּלעניק אין הויז, קומט טויט־שטראָף. אָבער לויט דעם האַווקען פון די הינט שפּעט ביינאַכט ביי די פּאַדווירעס דאָ און דאָרט, האָט מען זיך שוין געקאָנט משער זיין, אַז געוויסע פּויערים לאָזן די פּלעניקעס יאָ אַריין צו זיך אין די כאַטעס, ניט קוקנדיק דאַרויף, וואָס ס׳דראָעט זיי טויט־שטראָף פאַר דעם.

ווי אַזוי־זשע לעבן זיי פאַרט, די דאָזיקע פאַרטיזאַנען־פּלעניקעס, דאָרטן אין וואַלד, אין אַזעלכע מערדערלעכע פרעסט, און אין אַזעלכע ווילדע זאַווערוכעס? — האָט פּסח אָפט געטראַכט, — ניט אַנדערש, אַז זיי מוזן זיין די גרעסטע גבורים פון דער וועלט. און אויב ס׳וועט אים אויך אויס־

קומען, חס וחלילה, אַנטלויפן אין וואַלד און מוזן לעבן פּונקט ווי זיי, ווי אַזוי וועט ער דאָס קאָנען איבערטראָגן אפילו איין טאָג? און ער, ווי ער, אָבער סאָניע?

פּסח איז מיטן אָנקומען פון די שטאַרקע פרעסט שוין געשלאָפן אין הויז, אויף דער ערד לעבן אויוון, אויסגעבעט אויף שטרוי. און ער, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדערע גלוסטונג צום שלאָף נאָך פון די אינגל־יאָרן, האָט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט גאָר פאַרלוירן דעם שלאָף.

זיינע אויערן זיינען געוואָרן גוואַלדיק וואַך צום האַווקען פון הינט ערגעץ אין דאָרף. און אַז ער האָט דערהערט דאָס האַווקען פון הינט ערגעץ אין דאָרף, האָט ער זיך שוין אויסגעמאָלן דאָס גאַנצע בילד. געזען דעם פּלעניק, זיינע פיס אין שמאַטעס, אין אַ קורץ צעפליקט רעקל, אין צעריסענע וואַטאָווע הויזן, מיט אַ דין זומער־היטל אויפן קאָפּ, מיט אָפּגעפרוירענע אויערן, די הענט און דאָס פּנים צעביסן פון קעלט און פול מיט וואונדן, קלאַפּט אין פענצטער און בעט זיך אַריין.

און לויט דעם ווי די הינט האָבן געהאַווקעט האָט ער געוואוסט, צי מען האָט דעם פּלעניק יאָ אַריינגעלאָזט צי ניט. אויב זיי האָבן באַלד אויפגעהערט, איז געווען אַ סימן, אַז מען האָט דעם פּלעניק יאָ אַריינגעלאָזט, אויב אָבער זיי האָבן געהאַלטן אין איין האַווקען און זיך רייסן מיט גרויס רציחה, איז דאָס שוין געווען אַ שלעכטער סימן.

סטעפּאַן האָט פאַרקלאַפּט די פענצטער מיט אייזערנע שטאַנגען, פּונקט ווי אין אַ טורמע, און געהאַלטן אויף ביינאַכט אַ ביקס אין הויז.

און געוואונדערט האָט זיך פּסח, וואָס קיינמאָל נאָך ניט דורכן ווינטער האָט קיין פּלעניק אין סטעפּאַנ׳ס פענצטער ניט געקלאַפּט, און זיך געבעטן אַריין. אפשר ווייסן שוין דאָרטן די פּלעניקעס אין וואַלד, אַ וועלכע כאַטע מען דאַרף אויסמיידן?

אָבער איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, ווען ס׳האָט געדרייט אַ שרעקלעכע זאַווערוכע אינדרויסן, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אויך אין סטעפּאַנ׳ס פענצטער.

האָט סטעפּאַן זיך ניט געפרעגט, ווער איז דאָרטן, נאָר געלעגן אויפן אויוון און זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק. אַלע אין הויז האָבן זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק, נאָר אַז, וואָס האָט גענעכטיקט אין שטוב, זינט די גרויסע פרעסט, האָט זיך געריסן מיט זיין גאַנצן האַלדז.

— באַלעבאָס, האָט זיך געהערט פון יענער זייט פענצטער אַ בעטנדיק פאַרצווייפלט קול, — לאָז אַריין, אין נאָמען פון קריסט.

שווייגט דער גאַנצער וואַרמער אינעווייניק פון דער כאַטע, ווי אויף

צו׳להכעיס. קיינער רירט זיך ניט פון אָרט, באַר דער הונט קאָמאַנדעוועט.

— עפּנט גוט מענטשן! איך ווער פאַרפרוירן!

(און ס׳וועט אפשר זיין אַ צייט, וואָס ער, פּסח, וועט אַזוי קלאַפּן אין אַזאַ רשעות׳דיקער זאַווערוכע, ערגעץ אין פענצטער פון אַ כאַטע און זיך בעטן אַריין און מען וועט אים אויך ניט אַריינלאָזן . . .).

— איך ווער פאַרפרוירן אויף טויט, פריינטעלעך ,טייערע! — וויינט דאָס קול אינדרויסן . . .

און שפּעטער, נאָכדעם וואָס דאָס קלאַפּן האָט אויפגעהערט, נאָכדעם, וואָס ס׳איז אַ ווייל שטיל געווען, און דאָס האַווקען פון די הינט האָט זיך שוין געהערט פון אַן אַנדערער פּאַדווירע, האָט מאַרפאַ אויפן אויוון גע־זיפצט אַ דערלייכטערטע. די אַלטע זאַכאַרעכע האָט זיך גע׳צלמ׳ט דאָרטן ערגעץ אין דער פינצטער, און געשעפּטשעט אַ תפילה:

— אָך, יעזוס קריסטוס! אָך, פאָטער באַרעמהערציגער! טו ראַ־טעווען דיינע פּראַוואָסלאַווגע מענטשן!

און נאָך שפּעטער האָט סטעפּאַן גערעדט צו מאַרפאַ׳ן, און דווקא מיט גוטסקייט אין זיין קול, מיט רחמנות. ער האָט איר דערציילט, ווי אַזוי יעראָסים דער הויכער, איז געפאָרן מיט אַ פולן וואָגן קאָנטיגענט (שטייערן) קיין כעלם, מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, האָט ער געזען, יעראָסים, ניט ווייט פון טראַקט, אַ גרויס נאַקעט פעלד אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן, און דער פראָסט איז דעמאָלט געווען 30 גראַד. ס׳זיינען געווען דאָרטן אַן ערך 40 טויזנט רוסישע פּלעניקעס אונטערן אָפענעם הימל, געשוואָלענע פון הונגער און פון קעלט. זיי האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן, זיך געהאַלטן אַרומגענומען, ווי מיידלעך האַלטן זיך אַרומגענומען מיט בחורים. די שטאַרקערע האָבן געהאַלטן אין איין שפּרינגען, און קלאַפּן זיך מיט די הענט אין די ברוסטן אַריין. אַ סך זיינען געשטאַנען לעבן די דראָטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, און זיך געבעטן ביי די דורכפאָרנדיקע פּויערים עפּעס עסן. האָט זיי יעראָסים אַריינגעוואָרפן זיין גאַנצע טאָרבע מיט ברויט. אָבער וואָס האָט דאָס געקלעקט?

מיט צוויי וואָכן צוריק איז יעראָסים, דער הויכער, ווידער געפאָרן קיין כעלם און אויך מיט קאָנטיגענט, און ווידער פאַרבייגעפאָרן דאָס פעלד אַרומגעצוימט מיט דראָטן, אָבער פון די 30 טויזנט זיינען שוין מערער ניט געבליבן, ווי פינף טויזנט.

— אָך, יעזוס קריסטוס! — האָט זיך אויך מאַרפאַ גע׳צלמ׳ט און גע־זיפצט מיט רחמנות.

— יאָ, — האָט סטעפּאַן ווייטער גערעדט, — דער מענטש איז איצט

הפקר, אַ מענטש קאָן איצט פאַרלירן זיין לעבן, ניט מיר, ניט דיר. מען דאַרף איצט זיין זייער פאָרזיכטיק. אַך, אַך! — האָט ער אויך פרום אַ זיפץ געטאָן.

און וואָס ווייטער ס'איז געשען אויפן איוון דאָרטן איז פסח'ן געווען זייער פיינלעך זיך צוצוהערן, ס'איז געשען דאָס וואָס ס'געשעט צווישן יעדן פּאָר פאָלק, ווען זיי ליגן זייט־ביי־זייט אין דער פינצטער און זייערע לייבער ווערן דערוואַכט איינער צום צווייטן . . .

דוד טערנאָווער איז געווען אַ אידישער פּריץ

ערב פּורים איז פסח צוגעגאַנגען צו סטעפּאַנ'ען, פאַרנויגט זיך פאַר אים ביזן גאַרטל און זיך אָנגערופן:

— הערט נאָר, באַלעבאָס: איך אַרבעט אַזוי געטריי פאַר אייך די גאַנצע צייט, און איך קלאָג זיך ניט. ס'איז מיר גוט ביי אייך. נאָר וואָס־זשע דען, ס'בענקט זיך זייער שטאַרק מיר און סאָניע'ן, זיך צו זען מיט אונזערע אייגענע אין האַליא. מאָרגן איז אַ אידישער יום־טוב, פּורים הייסט ער. מוזט איר שוין מיך אָפּלאָזן כאָטש פאַר איין טאָג, און דערפאַר וועל איך אַרבעטן פאַר אייך נאָך געטרייער.

האָט סטעפּאַן געלאַכט. ס'האָט אים הנאה געטאָן, וואָס זיין שקלאַף בוקט זיך פאַר אים מיט אַזאַ געהאָרכזאַמקייט, און רעדט צו אים מיט גרויס דרך־ארץ. ער, סטעפּאַן, האָט זיך אויך אַזוי אַמאָל געבוקט פאַרן פּריץ, כראַביע זאַמאָנסקי, ווען ער איז געווען אַ באַטראַק (אַן אַרבעטער) ביי אים אויפן פאָלוואַרעק, און אויך מיט אַזאַ דרך־ארץ גערעדט צו אים.

— גוט, פּסח, — האָט אים סטעפּאַן אַ קלאַפּ געטאָן גוט־ברודעריש איבער דער פּלייצע, — קאָנסט פאַרנאַכט אָוועקגיין און קומען ערשט מאָרגן, און די בהמות וועל איך שוין אַליין אויסמעלקן.

און אַז סטעפּאַן האָט אָפּגעלאָזט פּסח'ן, האָט אויך קיריל אָפּגעלאָזט סאָניע'ן, און זיי נאָך אויסגעליען זיין פערדל מיטן שליטעלע.

קיין האַליא זיינען זיי אָנגעקומען ווען ס'איז שוין צוגעפאַלן דער אָוונט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן פעטער נחום'ס הויז מיטן גרינעם גאַניק. דער גאַניק איז געווען פון גאָלע פענצטערלעך. קאָלירטע פענצטערלעך, ווי ביי די פּריצים. דאָס גרויסע הויז, דעם פעטער נחום'ס, האָט אויך אויסגעקוקט פּריצ'יש, מיט אַ בלעכענעם רויטן דאַך, מיט גרויסע פענצטער, מיט אַ פאַרקאָן פון ווייסע שטאַכעטן אַרום גאָרטן. אויך איז געווען

עלעקטריק אין הויז, איבערגעצויגן פון דער מיל.

ווען פסח און סאָניע זיינען אַרויף אויפן גאַניק און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, ערשט ווי ס׳קומט אַרויס די סאַלטיכע מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט געווען די באַלעבאָסטע פון הויז.

זי איז טאַקע געווען די באַלעבאָסטע פון הויז. זי האָט זיי געזאָגט מיט אַ ליבן שמייכל, אַז זייער פעטער נחום מיט זיין פאַמיליע וואוינען שוין ניט דאָ, אַז זיי וואוינען שוין אין דער כאַטע הינטער דער מיל, ביי זייער געוועזענעם סטאַראָזש.

אין דער איינגעפאַלענער סטאַראָזש׳ס כאַטע מיט אַן אַלטן שטרויענעם דאַך, האָבן זיי געטראָפן די גאַנצע משפחה, דעם פעטער נחומ׳ס: צוויי זין, מיט די שנירן, מיט די אייניקלעך, מיט סאָניע׳ס מאַמען, מיט דער מומע חיה׳ן, אָבער ניט דעם פעטער נחום. דער פעטער נחום איז מיט אַ וואָך צוריק אַפּגעפאָרן קיין סאָסנאָוויץ, געזאָלט דאָרטן אָפּזיין בלויז איבערנאַכט און קומען צוריק.

מען האָט דאָס ניט געוואָלט אַרויסברענגען אויף די ליפּן. אָבער מען האָט געוואוסט, אַז דער פעטער נחום וועט שוין קיינמאָל ניט קומען צוריק.

זיי זיינען אַלע אַוועק אין דוד טערנאָווער׳ס שולכל, ניט ווייט הינטער האַליא, אפילו די קליינע קינדער מיטגענומען. דאָרטן, אין דוד טער־נאָווער׳ס שולכל, וועלן היינט אָוונט זיין אַ סך אידן, און די איינציקע טרייסט איצט איז צו זיין צווישן אַ סך אידן.

דוד טערנאָווער איז געווען אַ אידישער פּריץ. פאַרמאָגט אַ סך פעל־דער און וועלדער, און פּולוואַרקס, און גרויסע טשערעדעס קי און שעפּע־לעך, און אפילו אַ רייכן אויטאָמאָביל אויף אַרויסצופאָרן.

ער האָט אויפגעבויט אַן אייגן שולכל אויף איינעם פון זיינע פּול־וואַרקס אין טערנאָווע, און אידן פון די נאָענטע דערפער פלעגן קומען אַלע שבת און יום־טוב דאַוונען אין זיין שולכל.

פּסח, איידער ער האָט זיך פאַרדונגען צו סטעפּאַנ׳ען, פלעגט אַמאָל אַ שבת גיין מיטן פעטער נחומ׳ען אין טערנאָווער שולכל. דוד טערנאָווער איז שטענדיק געזעסן אויבן אָן לעבן אָרון־קודש, אין זיינע גאָלדענע פּענ־סנע, מיט דער בלאָנדער פיין־צוגעשוירענער באָרד אַלאַ באַראָן הירש, מיטן אויסגעכאַליעטן גביר׳יש־ראָזעווען פּנים, און האָט זיך ווינציק־וואָס אָנגעקערט מיט דעם קהל פּשוט׳ע דאָרפס־אידן. זיך אפילו ניט אומגע־קוקט אויף זיי, בלויז ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָכן דאַוונען אים אָפּ־געבן אַ „גוט־שבת“.

איצטער האָט אים פּסח געטראָפן נאָך אַלץ פון אויבן אָן לעבן אָרון־

קודש, אָבער אין פֿויערשע קליידער אָנגעטאָן, אין אַ סוויטקע, און אין אַ גרויער פוטערנער קוטשמע, און די גאָלדענע פּענסנע האָט זיך שוין גאָר־ניט געפּאַסט צו זיין איצטיקן הולך. ער האָט שוין ניט געוואָרט מען זאָל צוגיין אים באַגריסן, נאָר געשמייכלט מיט אַ ברודערלעכן שמייכל צו יעדן איינעם דאָרפס־אידן, וואָס איז אַריינגעקומען אין שולכל.

און דאָס שולכל איז געווען געפּאַקט מיט אידן, ווייבער און קינדער, און כמעט אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן אין פויערשע קליידער, אין פּו־טערנע, אָפּגעריבענע קוטשמעס, אין אַלטע פאַרלאַטעטע סוויטקעס, אָדער אין לאַנגע בורקעס אַרומגעגאַרטלט מיט שטריק.

אַלע אידן פון די אַרומיקע דערפער, מיט זייערע ווייבער און קינדער, זיינען געווען שקלאַפן ביי די פויערים. פּרייוויליקע שקלאַפן. מען איז נאָך געווען צופרידן, וואָס מען האָט זיי אָנגענומען אַלס שקלאַפן.

נח׳קען, האָבן פּסח און סאָניע אויך געטראָפן. אין אַ לאַנגער ברוינער בורקע ביז אין די פּיאַטעס, מיט אַ שטריק אַרומגעגאַרטלט. און די קוטשמע זיינע, אַ הויכע, אַ שוואַרצע, אַ שמויסענע, איז געזעסן אויף אים, ווי אָר־מיסטענע, ווי עפּעס מען האָט זי אים אָנגעטאָן אויף חוזק.

און דער גאָר־יונגער רב, פון שטענדיק אָן אַ מאָגערער, איז איצט, פון זינט ער איז געוואָרן אַ פּאַסטוך, געווען גאָלע רוחניות, גאָרניט קיין גוף, נאָר גאָלע אויגן, העל־לויכטנדע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געשיינט מיט אָן אַ שיעור געטריישאַפט און אמונה. ער האָט כמעט אַ גאַנצן ווינ־טער ניט פאַרזוכט קיין לעפל געקעכץ, זיך בלויז געשפּייזט מיט ברויט און קאַרטאָפל. אפילו קיין מילך ניט געוואָלט טרינקען. איז שוין גאָר־ניט געבליבן פון אים אין זיין לאַנגער בורקע, נאָר די זיידן־גלאַנציקע שוואַרצע פּיאות, און דאָס שיטערע יונג בערדל, און די הייליקע אויגן.

דער יונגער רב מיטן קוים־קוים גוף האָט פאַרשטאַנען מיט זיין קלוג־שאַפט, אַז די פּשוטע דאָרפס־אידן פאַרשטייען זייער ווייניק דעם פּירוש־המלות (באַדייט פון ווערטער), האָט ער די מגילת אסתר פאַרטייטשט אין אידיש, פּסוק נאָך פּסוק אויסגעזונגען, סיי אויף לשון־קודש, סיי אויף אידיש.

— ו־י־ה־י־ בימי אַח־ש־ו־רוש, און ס׳איז גע־ווע־ען אין די צייטן פון אַ־ח־ש־ו־רוש . . .

ער האָט געוואָלט שטאַרקן זייערע הערצער, זיי געבן בטחון, זיי זאָלן זיך אָפּלערנען אַ משל פון יענער צייט ווען המן האָט געוואָלט דער׳הרג׳ענען, פאַרטיליקן, און מאַכן פאַרלירן אַלע אידן, אָבער גאָט, ברוך הוא, האָט זיי געראַטעוועט אין צייט.

און די עדה דאָרפס אידן, וואָס האָבן ערשט איצטער פאַרשטאַנען די מעשה פון פורים, האָבן זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן זיין טרייסטנדיק קול, און געגלויבט מיט זייער גאַנצער תמימות, אַז ס׳וועט איצטער אויך אַזוי זיין, ווי ס׳ווערט דערציילט אין דער מגילת אסתר. די שרעקלעכע גזירה וועט פאַרביטן ווערן און אידן וועלן נאָך זיין אידן, און אין די הייזער וועלן וואַרטן, פונקט ווי אַמאָל, די גרויסע פורים־קוילעטשן, און מען וועט זיך טראָגן שלח־מנות׳ן, און זינגען „צ־ה־ל־ה וש־מ־ח־ה״ (אַ שאַלונג און אַ פרייד) . . .

ווי גאָט איז דיר ליב, ניטע . . .

נאָך פורים איז וואַסילי אַוועק קיין וואָלאָדעווע און אַריינגעטראָטן אין דער דאָרטיקער פּאָליציי, וואָס איז באַשטאַנען פון אוקראַינער און פוילישע נאַציאָנאַליסטן. אַ היפּשע צייט זיך ניט באַוויזן אין דאָרף, אפילו אין אַ חגא. ערשט צו שניט־צייט האָט ער זיך געיאָוועט.

אין דאָרף האָט מען דערציילט, אַז דעם סאָלטיס זונדל, וואָס איז שטענדיק געווען אַ וואויל בחור׳ל, בלויז אַן אויסשטעלער פאַר די מיידלעך, אָבער בטבע ניט קיין רשע, האָט שוין ניט איין אידן דערשאָסן פון זינט ער איז געוואָרן אַ פּאָליציאַנט.

יעדע נאַכט איז וואַסיל געקומען צו סאָניע׳ן צו גאַסט, אָבער שוין ניט געקומען, ווי אַ מאָל, דער שעמעוודיקער בחור, וואָס וויל געפעלן דעם מיידל מיט זיין לייטישקייט, מיט זיין גוט קול, מיט זיינע פיינע מאַניערן, גאָר שוין געקומען אַן אויסגעפּוצטער אין זיין פּאָליצייאישער אוניפאָרם אַ חוצפּה׳דיקער, אַ הפקר׳דיקער.

איז פסח אויך געקומען יעדן אָוונט צו סאָניע׳ן, און געהיט דעם שייגעצ׳ס יעדן אויסדרוק אויפן פּנים, יעדן ריר זיינעם.

— אַ ברודער זאָל זיין אַזוי צוגעבונדן צו אַ שוועסטער, און זי ניט אַרויסלאָזן פון אויג, — האָט וואַסיל איין מאָל אַ זאָג געטאָן מיט פרעכקייט צו פסח׳ן, — אפשר ביזטו איר ניט קיין ברודער, זאָג דעם אמת.

— מחמת מיר זיינען אין דער פרעמד, — האָט פסח צו אים געשמייכלט מיט זיין באַוואוסטן ליבלעכן שמייכל, וואָס אַנטוואָפנט, וואָס נעמט צו די בייזקייט, — און דערפאַר זעען מיר זיך אַזוי אָפט.

און וואַסילי, ווי אומיסטנע, האָט זיי געהאַלטן אין דערמאַנען נאָך

אַמאָל און נאָך אַמאָל, אַז ס׳וועט שוין ניט זיין גוט מיט אַלע אידן אין פּוילן.

— איך ווייס, — האָט ער געמאַכט געהיימניספול, — פון זינט איך בין אין דער פּאָליציי, ווייס איך אַ סך זאַכן.

און אַזוי ווי דער איד איז שוין סיי ווי סיי הפקר, האָט ער זיך איצט פאַרגונען אַ סך פּריוויליגיעס מיט סאָניע׳ן, און גראָדע פּסח׳ן אין די אויגן. ער האָט געקאָנט אַ כאַפּ טאָן סאָניע׳ן זייער גראָב ביי איר טאַליע, זי צו־דריקן צו זיך און צעלאַכן מיט אַ פרעכן געלעכטער.

און פּסח פאַרבאַהאַלט דעמאָלט זיינע הענט אין די קעשענעס. ער האָט איצט מורא פאַר זיינע אייגענע הענט. זעלטן ווען אין זיין גאַנץ בחור׳יש לעבן האָט ער באַנוצט זיינע שטאַרקע הענט אויף צו שלאָגן זיך. איצטער וויל ער מיט זיי שלאָגן, און שלאָגן שטאַרק, מיט האַרץ. ער געטרויט שוין איצט ניט זיינע הענט. זיי קאָנען אים אומגליקלעך מאַכן.

אָבער האַלטן די הענט אין קעשענע איז אויך ניט גוט, ווייל אין דער קעשענע דערפילן זיי דאָס מעסערל. אַ שאַרף קלינגל פאַרמאָגט דאָס מעסערל. אין איין אויגנבליק קאָן מען דאָס אָן עפן טאָן, מען דאַרף נאָר געבן אַ קוועטש ביי אַזאַ קנעפּעלע.

ווי קאָן דען פּסח שטעכן אַ מענטשן, נעמען און אַריינהאַקן דאָס קלינגל מיט געוואַלט אין אַ מענטשנס האַרצן, אפילו אין אַ מערדערס האַרצן, און בלוט זאָל זיך צעשפּריצן, דאָס הייליקע מענטשלעך בלוט?

איין מאָל, אין אַ זונטאָג ביי טאָג, אין קירילס גאָרטן, איז וואַסילי גאָר געוואָרן הפקר און גראָב אַ כאַפּ געטאָן סאָניע׳ן ביי די ברוסטן. זי האָט אים גלייך אַ פּאַטש געטאָן אין דער האַנט און זיך געוואָלט כלומרשט צעלאַכן, ווי די יונגע פּויערטעס אין דאָרף לאַכן, ווען מענער דערלויבן זיך מיט זיי אַזוינע פרייהייטן. אָבער זי האָט זיך שוין ניט געקאָנט צע־לאַכן, מחמת ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף פּסח׳ן, האָט זי דערזען אַ גרויסע סכנה. זי האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַמינעם. ס׳גאַנצע בלוט איז אים אַוועק פון פּנים, מיט די אויבערשטע ציין זיך איינגעביסן אין זיין אונטערשטער ליפּ, די הענט זייער שטאַרק געהאַלטן אין די קע־שענעס.

— ווי גאָט איז דיר ליב, — האָט סאָניע אויסגעשריען אין גרויס פּחד — ניטע . . .

הער נאַר, פסח . . .

אויפן צווייטן טאָג, האָט מען גערעדט אין דאָרף, אַז דאָס לעבן פון אידישן בחור פסח, וואָס דינט ביי סטעפּאַן ראַגאָוואַי, איז אין אַ גרויסער געפאַר. מען האָט דערציילט, אַז וואַסילי האָט זיך באַרימט פאַר מיראָנען, זיין חבר, און אויך אַנדערע מענטשן מעגטשן זיינען געשטאַנען דערביי און האָבן דאָס געהערט, אַז ער וועט מיט זיינע אייגענע הענט דערשיסן פסח׳ן, און סאָניא׳ן אַוועקנעמען מיט זיך קיין וולאַדעווע.

צו סטעפּאַנ׳ס אויערן איז אויך אָנגעקומען דער דאָזיקער קלאַנג, און ער איז תיכף אַוועק צום סאָלטיס. דער סאָלטיס האָט אים פאַרזי־כערט, אַז פסח׳ן וועט גאָרניט געשען. ער וועט שוין פאַרזאָגן זיין וואַסילי׳ן מיטן האַרבן וואָרט, אַז ער זאָל ניט דערוועגן זיך אַרויפלייגן קיין פינגער אויף פסח׳ן צי אויף סאָניע׳ן.

וואַסיל איז אַוועקגעפאָרן קיין וולאַדעווע, און מער זיך שוין ניט באַוויזן אין דאָרף, אָבער פסח האָט שוין ניט געוואוסט פון קיין רו . . .

***

און יענער טאָג איז געווען גראַדע אַזאַ טאָג, וואָס זאָגט גאָרניט צו קיין שלעכטס. אַ טאָג אַזאַ אין אָנהויב האַרבסט, וואָס איז געווען גאָלע גאָלד, און דער הימל גאָלע בלוי, און די לופט גאָלע דורכזיכטיקייט.

אין יענעם טאָג זיינען אויך ווילדע גענז געפלויגן אונטערן הימל. דאָס האָבן זיי זיך געצויגן, ווי פאַראַיאָרן אין דער צייט, און ווי טויזנטער און טויזנטער פאַראַיאָרנס אין דער צייט, אין די וואַרעמע לענדער.

און אין יענעם טאָג איז פסח געווען איינער אַליין אין פעלד, געגאַנגען מיטן אַקער און אויפגעריסן די ערד. פאַס נאָך פאַס, שורה נאָך שורה.

און אַז די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן, און ער האָט זיך געלאָזט מיט פערד און וואָגן אַהיים, איז שוין דער סוף־טאָג געווען אַזאַ, וואָס זאָגט אויך ניט צו קיין שלעכטס. ער איז פאַרגאַנגען דער טאָג אין אַ טייך פון לויטער קלאָרקייט, לויטער ליכטיקייט.

צופאָרנדיק צו דער פאָדווירע, האָט ער דערזען, ווי אויפן גאַניק שטייט סטעפּאַן מיט זיין גאַנצער משפחה, און אַלע קוקן אַזוי מאָדנע אויף אים, פסח׳ן.

און אַז ער האָט זיי אַלעמען געזען אַזוי שטיין אויפן גאַניק, און קוקן אַזוי מאָדנע ווי ער פאָרט אָן מיט די פערד און וואָגן, איז אים געוואָרן קאַלט אין אַלע אברים. ער האָט עפּעס גלייך געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן און זיך לאָזן לויפן.

— אַ גוט אַונט דיר, פּסח, — בוקט זיך פֿאַר אים סטעפֿאַן ביזן גאַרטל,
— הער נאָר פּסח, די צייט פֿון אויפֿהאַלטן זיך ביי מיר איז אַריבער. ס׳איז היינט אָנגעקומען זייער אַ שטרענגער באַפֿעל פֿון דער מאַכט, אַז קיין שום איד טאָר זיך שוין ניט געפֿינען אין דאָרף. פֿאַר אויסבאַהאַלטן אַ אידן איז — טויט־שטראָף, קאָן איך דיך שוין מער ניט אויסבאַהאַלטן. איך בין געווען צופֿרידן מיט דיר, האָסט מיר געדינט געטרייער, ווי אַן אייגענער זון . . . מיין מאַרפֿאַ האָט פֿאַר דיר צוגעגרייט אַ פּעקל מיטצונעמען אין וועג. דאָרטן וועסטו געפֿינען צוויי ברויט, אַ שטיק סאַלאָ, אויך אַ וואַרעם לייבל מיט אַ פּאָר הויזן.

געפֿעלט ניט פּסח׳ן יענעמס גוטסקייט. קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, אפֿשר ליגן צווישן די בוימער באַהאַלטן דייטשן. ווי באַלד ער וועט זיך אַרויסלאָזן פֿון דער פֿאַדווירע, וועלן זיי אַרויף אויף אים און אים כאַפּן.

— קום, וועל איך דיך אַביסל באַגלייטן, — מאַכט צו אים סטעפֿאַן פֿאַטערלעך, נאָכדעם ווי פּסח האָט איינגעפּאַקעוועט זיינע זאַכן, וואָס ער נאָך געבראַכט מיט זיך פֿון האַליאַ.

בוקט זיך פּסח פֿאַר מאַרפֿאַ׳ן ביזן גאַרטל אַריין, און שמייכלט ליב־לעך. בוקט זיך אויך פֿאַר דער אַלטער זאַכאַרעכע, און פֿאַר דער קליינער לענקאַ׳ן. ענטפֿערן זיי אויך מיט אַ בוקן זיך צו אים.

סטעפֿאַן באַגלייט אים אַרויס דער פֿאַדווירע, דער הונט, אַז, לויפֿט אויך נאָך.

— הער נאָר, פּסח, — שטעלט זיך אָפּ סטעפֿאַןביים פֿוס פֿון באַרג, — לויטן באַפֿעל פֿון די דייטשן מוז זיך יעדער דאָרפֿס־איד יאָווען אין וואָלאָדעווע, און זיך פֿאַררעגיסטרירן אין דער געטאָ, אָבער איך ראָט דיר ניט. דו ווייסט דאָך, וואָס ס׳דערוואַרט דיך אין דער געטאָ. מיין עצה, זאָלסט אַוועק אין וואַלד. זוך אָפּ די פּלעניקעס, זיי מיט זיי. דאָרטן ביסטו זיכערער ווי אין וואָלאָדעווע. און אַז ס׳וועט דיר זיין שטאַרק קאַלט, אָדער דו וועסט הונגעריק, קום אַמאָל צו מיר ביינאַכט. נאָר ס׳מוז זיין אַ פֿינצ־טערע נאַכט. און היט זיך, אַז קיינער פֿון דאָרף זאָל דיך ניט דערזען, און קלאַפּ אָן אין פֿענצטער מיט דריי גיכע קלעפּ און צוויי לאַנגזאַמע קלעפּ, וועל איך וויסן, אַז ס׳איז דו. און אַז דו וועסט דאָרטן זיין צווישן די פּלע־ניקעס, דערצייל זיי פֿון מיר. דערצייל זיי, ווי גוט איך בין געווען צו דיר די גאַנצע צייט. דערצייל זיי אויך, אַז מיין האַרץ איז מיט זיי, מיט די רוסישע. גיי מיט גאָט . . .

הכלל, אידן, די נאַכט שטייט ניט . . .

— וואוהין וועסטו גיין? — האָט קיריל צו איר גערעדט פּאַטערלעך, ווען פסח מיטן זאַק אויף די פּלייצעס איז געקומען נאָך סאָניע'ן. — איך האָב אַ שוואָגער אין פּאָכיל, וועסטו אָפּזיין ביי אים אַ צוויי־דריי חדשים, דאָרטן קאָן מען דיך ניט אַלס אידישע, און אַן אַרישן פּאַספּאָרט האָסטו דאָך. זיי אָפּ ביי מיין שוואָגער ביז וואָנעט די דייטשן וועלן אויפהערן זוכן די דאָרפס־אידן, און נאָכדעם וועל איך דיך נעמען צוריק צו מיר. און וועגן וואַסילי'ן זאָרג זיך ניט. מיין ברודער, וועלכער איז דער גאַנצער מאַכער אין וואָלאָדעווער פּאָליציי, וועט אים ניט לאָזן דיר קיין שלעכטס טאָן.

— און וואוהין וועסטו גיין? — בעט זיך אויך ביי סאָניע'ן די קירי־לעכע, — ווייסט דאָך, וואָס מען טוט מיט די אידן?

האָט זי פּסח אָוועקגענומען אָן אַ זייט, און געזאָגט צו איר מיט אַ קול, וואָס איז אי געלע געטריישאַפט, אי גאַלע שטרענגקייט:

— באַרעכן זיך נאָר, סאָניע, זייער גוט. איך וויל אָוועק אין וואַלד. אָבער דו, ווי אַזוי וועסטו קאָנען לעבן אין וואַלד. אפשר איז שוין גלייכער ווי זיי זאָגן דיר.

האָט זי אים איצט געענטפערט פּונקט אַזוי ווי זי האָט אים געענט־פערט דעמאָלט, ווען ער איז אַנטלאָפן פון אַרבעטס־לאַגער לעבן דער סאָ־וועטישער גרענעץ, און פונקט ווי רות פון מואב האָט געענטפערט נעמי'ן:

— וואו דו וועסט זיין, וועל איך אויך זיין; וואוהין דו וועסט גיין וועל איך אויך גיין.

***

גייען זיי. ס'איז שוין אָוונט. אַ קילער אָוונט. ס'שמעקט איבערן גאַנצן דאָרף מיט ווייניקע עפּל, מיט צוגערויכערטע חזיר־פליש און מיט קאַל־טער האַרבסטיקער פייכטקייט.

ווען זיי זיינען געקומען צום עק דאָרף, איז זיי פּאַלאַשקאַ אַנטקעגנ־געקומען מיט צוויי פולע עמערס וואַסער. זי האָט אַנידערגעשטעלט די צוויי עמערס אויף דער ערד, זיך צעשמייכלט מיט איר גאַנצן אייַנגעדאַרטן פּנים און געזאָגט:

— אַ גוטן אָוונט, גוטע מענטשן. וואוהין איר וועט שוין ניט גיין וועט זיין מיט מזל, ווייל איך בין איך אַנטקעגנגעקומען מיט צוויי פולע עמערס וואַסער.

— הלוואי! ס'זאָל זיין מיט מזל! — האָבן פסח מיט סאָניע'ן זיך אָפּגערופן.

— ס׳וועט זיין מיט מזל, ס׳וועט זיין! — האָט פּאַלאַשקאַ געענטפערט מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט, — איר וועט זען.

און כאַטשבי פּסח מיט סאָניע׳ן האָבן ניט געגלויבט, אַז צוויי פולע עמערס וואַסער איז אַ סימן אויף מזל, אָבער דאָך האָבן פּאַלאַשקע׳ס גוטע רייד געשטאַרקט זייערע הערצער.

***

ס׳איז שוין געווען כמעט נאָענט צו אַ האַלבער נאַכט, ווען זיי זיינען אָנגעקומען צו דער מומע לאה׳ס שטיבל הינטער דער מיל. די פענצטער זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט שוואַרצע שאַלן און זיי האָבן קיין ברעקל שיין ניט דורכגעלאָזט. סאָניע האָט צוגעלייגט דעם אויער צו דעם פענצ־טער און געהערט אַ שעפּטשען פון אַ סך מענטשן.

אינעווייניק איז געווען געפּאַקט. אַלע לעבן־געבליבענע אידן פון האַליאַ זיינען זיך אַהער צוזאַמענגעקומען, כדי איבערצוזיין אַלע אינאיינעם די נאַכט, און פאַרטאָג זיך לאָזן קיין וואָלאָדעווע אין דער געטאָ. קיין שום פויער האָט שוין ניט געוואָלט אויסבאַהאַלטן ביי זיך קיין אידן.

— וואָס הייסט איר וועט גיין קיין וואָלאָדעווע? — האָט פּסח אויס־געשריען בייז און ביטער, — איר ווייסט דען ניט, וואָס ס׳טוט זיך דאָרטן?

— וואוהין דען זאָלן מיר גיין? — האָט דער אַלטער דוד האַליער געפרעגט מיט אַ געפאַלן קול.

— אין וואַלד! — האָט פּסח געענטפערט מיט גבורה, — די פּלעניקעס האַלטן זיך שוין דאָרט אויף העכער אַ יאָר, און די נאַציס האָבן נאָך אפילו ניט געכאַפּט איינעם פון זיי.

— אַ מכה וועל יאָך זיי גיין, ניט קיין וואָלאָדעווע, — האָט זיך נח׳קע אָנגערופן אַ פאַרכמורעטער, — אין וואַלד אַריין, דאָס איז די בעסטע עצה.

— אָבער, ווי אַזוי וועלן מיר לעבן אין וואַלד? — האָט גע׳טענה׳ט חיה, סאָניע׳ס מומע, — אין וואַלד לעבן נאָר חיות, און אַזוינע מענטשן, וואָס זיינען באַזונדערע גבורים, און גאָרניט נעמט זיי.

— און אַז מיר וועלן שוין גיין אין וואַלד, — האָט דער אַלטער דוד האַליער ווידער זיך אָנגערופן, — וועלן די דייטשן דען דאָרטן אונז ניט זוכן?

— די מעלה פון אַ וואַלד, — האָט אַ זאַג געטאָן לייזער, מאיר דעם וואַלד־סוחר׳ס זון, און זיין אָפּגעלישעט פאַרברענט פּנים, האָט זיך אָפּגע־גאָסן מיט רויטקייט, מחמת ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן, ווי ער האָט גע־רעדט פאַר אַזויפיל אידן, — די מעלה פון אַ וואַלד איז, וואָס אַז דו ליגסט

דאָרטן פאַרשטעקט קאָנסטו הערן, ווי מען קומט אָן פונדערוווייטן. אַז מען איז אין וואַלד באַקומט מען זייער שאַרפע אויערן. איך ווייס, אַפּגעוועזן דאָרטן מיט מיין טאַטן, זאָל האָבן ס׳ליכטיקע גן־עדן, גאַנצע חדשים. מ׳קאָן אפילו הערן, ווי אַ בלאַט פאַלט פונדערווייטנס.

— פערד, בהמות, טפשים, שוטים, — האָט זיך נח׳קע צעשריגן אויף אַ קול, — דאָרטן אין וואָלדעווע איז אַ זיכערער טויט. אויב ניט היינט איז מאָרגן, אויב ניט מאָרגן איז איבערמאָרגן.

— ווען מיר האָבן כאַטש ביקסן, — איז דוד האַליער שוין געוואָרן אַביסל נאָכגעביקער.

— מיר וועלן האָבן ביקסן אויך, — האָט פּסח זיך פּלוצלונג דערפילט עפּעס ווי אַ פירער, וואָס דאַרף שטאַרקן די וואַקלדיקע, אפילו מיט אַזויגע צוזאָגן, וואָס ער ווייסט אפילו ניט צי זיי וועלן מקוים ווערן, — הכלל, די נאַכט שטייט ניט . . . אידן, גערירט זיך! קאָלדרעס מיטנעמען. פלאַכטעס, בורקעס, עסנוואַרג, שוועבעלעך, מעסערס . . .

כאָטש קריגן איין ביקס

ס׳איז שוין געווען גאָר שפּעט אין דער נאַכט. נאָך אַ צוויי שעה און ס׳הויבט שוין אָן טאָגן. אויפן הימל האָבן געשיינט די מיליאָנען שטערן שאַרף־העלע און אומ׳רחמנות׳דיקע. די בוימער אין דער טיפער פינצטער־ניש, האָבן אויסגעזען ווי משונה׳דיקע געשפּענסטן. ווי אַ טשערעדע שע־פעלעך האָבן זיך די מענטשן צונויפגעפּרעסט זייט ביי זייט. מען האָט מורא געהאַט זיך אָפּרוקן איינער פון אַנדערן. די ערד הינטער די פיס האָט גע־שראָקן. דער טריט ווייטער האָט געשראָקן.

ס׳וואָלט שוין געווען גאָר ניחא מען זאָל בלייבן שטיין, און אַזוי אָפּשטיין ביז די פינצטערניש וועט אויסרינען, און אַז עס וועט ווערן אַביסל ליכטיקער, וועט מען אפשר ניט מורא האָבן צו גיין ווייטער.

מען איז געקומען צום ראַנד פון וואַלד. דוד האַליער האָט גע־ראָטן מען זאָל צו ווייט ניט אַוועק, ווייל די שפּייז, וואָס מען האָט מיט־גענומען, וועט דאָך אויף לאַנג ניט קלעקן און מען וועט דאַרפן גיין צו די באַקאַנטע פויערים בעטן עסן, זאָל מען זשע ניט זיין צו ווייט פון דאָרף.

פּסח האָט אָבער געוואָלט וואָס טיפער אַריין אין וואַלד, אפשר וועט מען זיך אָנשלאָגן אויפן אָרט, וואו די פּלעניקעס האַלטן זיך אויף. לייזער,

וואָס האָט אַזוי גוט געקענט דעם וואַלד, האָט אָבער מסכּים געווען מיט דוד האַליער. זאָל מען זיך אָפּשטעלן צווישן דער געדיכט באַוואַקסענער יונגער בעריאָזע און פון דאָרטן וועט ער שוין מאָרגן, ער מיט פּסח׳ן, גיין זוכן די פּלעניקעס.

מען האָט פון די פּלאַכטעס און רעדנעס געמאַכט אַ ביידל פאַר די פרויען. פאַר די מענער איז שוין ניט געווען גענוג פּלאַכטעס אויפצו־שטעלן אַ ביידל, האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז צווישן די ביימער הינטערן קאַלטן אויסגעשטערנטן הימל און זיך איינגעדעקט מיט זייערע קאָלדרעס.

די ערשטע נאַכט, וואָס זיי נעכטיקן אין וואַלד, אין פינצטערן שרעקנ־דיקן וואַלד, וואָס שמעקט מיט אַ פאַרוויאַנעטער בלעטערדיקער פייכט־קייט, וואָס אָטעמט אויף זיי מיט אַ מין קעלט, ווי אין אַ טיפן קעלער. קיינער האָט ניט געקאָנט צומאַכן קיין אויג. וויסטער יאוש איז געווען אין האַרצן. וואָס וועט דער מאָרגנדיקער טאָג ברענגען? דוד האַליער לייענט קריאת שמע. אין דער הויך לייענט ער, כּדי יעדער איינער זאָל הערן. דעם טייטש פון די ווערטער ווייסט ער ניט, אָבער ער שטויסט זיך שוין אָן, אַז די ווערטער ווערן גערעדט צו גאָט, און אַז זיי בעטן, די ווערטער, ביי גאָט, ער זאָל באַשיצן זיין אידיש פאָלק פון יעדער סכנה און ער זאָל שיקן די גוטע מלאכים מיטן מלאך גבריאל אין דער שפּיץ, זיי זאָלן האַלטן וואַך כּל־זמן דער גוף וועט שלאָפן.

פּסח האָט געהאַלטן פאַסטן. מיטן אָפענעם מעסער איז ער געשטאַנען פאַרשטעקט אונטער אַ בוים, זיך איינגעקוקט אין דער פינצטערניש און געזען טאָקע נאָר פינצטערניש און פינצטערניש . . . ער האָט זיך איינגע־הערט אין דער שטילקייט און געהערט טאָקע בלויז נאָר שטילקייט אין שטילקייט.

פון צייט צו צייט האָט עמיצער ווי אַ קראַץ געטאָן די שטילקייט, ווי עמיצער וואָלט אַ לויף געטאָן מיט זייער לייכטע טריט איבער די אַראָפּ־געפאַלענע טרוקענע בלעטלעך אויף די גראָזן.

דאָס האַרץ זיינס האָט זייער הויך און דייטלעך געקלאַפּט, און ער האָט גאָר געפילט ווי עס קלאַפּט ניט דאָרטן וואו ער שטייט, נאָר גאָר ערגעץ אַנדערש, ערגעץ אין דער פינצטערניש פון אַנטקעגן קלאַפּט דאָס האַרץ.

ער האָט זיך גאַרניט געערעכט און איז געוואָרן אַ פירער. און ער דאַרף שוין זיין ערב פאַר זייערע לעבנס. עלף נפשות האָט ער אַרויסגעפירט.

ער און סאָניע, איר מאַמע, דוד האַליער מיט זיינע צוויי טעכטער, די

מומע חיה. די צוויי ברידערלעך אַנשל און יענקל, לייזער און נח׳קע. די איבעריקע, די גאַר עלטערע אידן און די פרויען מיט די קליינע קינדער, זיינען געבליבן דאָרטן אין האַליא און פאַרטאָג וועלן זיי זיך אויפהויבן און אַוועק אין דער וואָלדעווער געטאָ.

כאַטש קריגן איין ביקס. מיט איין ביקס וועט מען שוין קריגן אַ צווייטע. מיט אַ ביקס קאָן מען אַריינגיין צו אַ פּויער אין הויז און פּשוט מיט סטראַשונקעס צווינגען ער זאָל אָפּגעבן זיין געווער. און אַ סך פּויערים האָבן געווער פאַרבאַהאַלטן אין די קעלערס, ווייסט שוין פּסח זייער גוט. ווען די פּוילישע אַרמיי איז געלאָפן פון פראָנט, זיינען אַ סך ביקסן געבליבן אין די דערפער. אין די הענט פון זיין באַלעבאָס איז אַריינגעפאַלן אַזאַ ביקס פון יענער צייט. מען דאַרף עס אַרויס׳גנב׳ענען. הינטער דער שטרוי אין דער שאָפּע האַלט ער זי שטענדיק.

און אַז מען וועט שוין האָבן ביקסן, ווי אַזוי וועט מען בכלל קענען לעבן אין וואַלד? און וואָס וועט זיין, אַז דאָס עסן וועט זיך אויסלאָזן? און אויב עמיצער וועט קראַנק ווערן? און אַז די רעגנס וועלן זיך אָנהויבן? און אַז די פרעסט וועלן אָנקומען? וועט מען דערלעבן די פרעסט?

און עס באַפאַלט פּסח׳ן אַזאַ גרויסע מרה־שחורה. ער וואָלט געוואָלט ערגעץ אַנטלויפן, די מינוט אַנטלויפן, איבערלאָזן סאָניע׳ן אויך . . .

קום מער ניט צו מיר, אַז ניט וועל איך דיר שיסן . . .

מען איז אָפּגעווען אַ וואָך צייט אויף דעם דאָזיקן אָרט צווישן דער געדיכטער יונגער בעריאָזע. אַזוי נאָענט פון דאָרף און קיין איין פּויער האָט אפילו אַהין ניט פאַרבלאָנדזשעט.

די טעג האָבן נאָך אָנגעהאַלטן זוניקע, די לעצטע זוניקע טעג אין האַרבסט. און די זון האָט אויך אַריינגעדרונגען צווישן די געדיכטער בעריאָזע און אויסגעלייגט אויף די גראָזן צווישן די בוימער שטיקער אָפּרייסן פון ליכטיקייט, און אַז מען איז געלעגן אָדער געזעסן אין די שטיקער אָפּרייסן פון ליכטיקייט און זיך געוואַרעמט, איז געווען האָפענונג, אַ סך מאָל אויך אויפלייזונג. אויפגעלייזט זיך פון אַלע שרעקן און געגלויבט, אַז די ישועה איז נאָענט.

און אַז די זון האָט זיך געזעצט און מען האָט דורך די בוימער געקאָנט

זען אין מערב אַ גרויסע לויטערע ליכטיקייט, האָט זיך שוין אויסגעוויזן, אַז מען דערזעט די גוטע בשורה אין דער גרויסער לויטערער ליכטיקייט.

און אפשר איז דאָס אַן אָנזאָג אויף משיח׳ן? דוד האַליער האָט ניט איין מאָל געהערט פון יונגן רב אין דוד טערנאָווער׳ס שולכל, אַז ס׳איז משיח׳ס צייטן. ווייל ווי אַזוי קאָן גאָט איצט שיקן אַזאַ גרויסע לויטערע ליכטיקייט אויף דער ערד, אַז די וועלט איז מיט אַזוי פיל רשעות. ניט אַנדערש, האָט דער תמימות׳דיק־פרומער דוד האַליער דאָס אויסגעטייטשט, אַז דאָס שיקט, ווייזט אויס, דער אַלמעכטיקער דעם אידישן פאָלק אַ סימן אין דער לויטערער ליכטיקייט, מען זאָל ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך, ניט פאַר־לירן דעם בטחון, ווייל די ישועה איז נאָענט . . .

און אַלע טאָג האָט זיך פּסח מיט לייזער׳ן, וואָס האָט זייער גוט גע־קענט דעם וואַלד, אַריינגעלאָזט טיפער און טיפער אין די ווילדערנישן פון וואַלד, זוכן די פּלעניקעס, און תמיד זיך אומגעקערט מיט גאַרניט, אַחוץ סימנים דאָ און דאָרטן, אַז זיי זיינען מיט אַ צייט צוריק געווען.

און דאָ האָט זיך אויסגעלאָזט די שפּייז, וואָס מען האָט מיטגענומען, מען האָט אָנגעהויבן הונגערן. האָט פּסח זיך דערמאָנט, וואָס זיין באַלעבאָס האָט אים אָנגעזאָגט ביים געזעגענען זיך, און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַוונט מיט לייזער׳ן קיין ליובען. און אויך איז שוין געווען אין זיין געדאַנק סטעפּאַנ׳ס ביקס. אפשר וועט ער זי קאָנען אַרויס׳גנב׳ענען!

דער הונט, אַז, ער האָט אים גלייך דערשמעקט אין דער פינצטער, קיין איין האַוקע ניט געטאָן. אויך ניט געהאַוקעט אויף לייזער׳ן, וואָס איז געבליבן פון יענער זייט פּלויט, נאָר זיך געוואָרפן מיט אַ ווילדער פרייד אויף פּסח׳ס אים געלעקט אין דער פינצטער די הענט, דאָס פּנים, און אַריינגעשטעקט אַלע מאָל זיין קאָפּ צווישן פּסח׳ס פּאַכוועס. דאָס האָט ער געוואָלט, אַז יענער זאָל אים רייבן די פעל מיט זיין שטאַרקער גוטער האַנט, ווי ער פלעגט דאָס אָפט טאָן צו אים.

געמיינט האָט פּסח, אַז עס וועט שוין זיין פינצטער אין הויז, מחמת ס׳איז דאָך אַזאַ שפּעטע שעה אין דער נאַכט, אָבער מען שלאָפט נאָך ניט. פאַרקערט, עפּעס איז צו ליכטיק אינעווייניק אין הויז.

ער האָט דערזען דורכן פענצטער, אַז די כאַטע איז פול מיט מענטשן: קיריל איז דאָרטן דאָ, דער סאָלטיס, ראָמאַן קאָבאַנסקי און נאָך פויערים פון די פאַרמעגלעכע. מען האָט גערעדט דאָרטן אינעווייניק אין דער הויך, און ער האָט קלאָר געהערט אינדרויסן, שטייענדיק הינטערן פענצטער, וועגן וואָס מען רעדט דאָרטן.

און פון דעם וואָס ער האָט געהערט, איז אים פאַרשטאַרבן געוואָרן

דאָס הארץ. אַ באַפעל איז אָנגעקומען פון די נאַציס אין יעדן דאָרף, אַז יעדער סאָלטיס זאָל צונויפנעמען זיינע פויערים, מיט ווילעס, מיט לאָפּעטעס, מיט העק, מיט דרענגלעך, און כאַפּן די אידן, וואָס באַהאַלטן זיך אין די אַרומיקע וועלדער.

פּסח האָט אויך געהערט ווי דער כיטרער טייפלישער באַלעבאָס זיי־נער האָט גע׳עצה׳ט, אַז מען זאָל זען, אַז אויף דער אָבלאַווע זאָלן גיין נאָר אַזוינע פויערים, וואָס האָבן ניט געהאַלטן קיין אידן ביי זיך די גאַנצע צייט, מחמת ס׳פּאַסט עפּעס ניט כאַפּן די זעלביקע אידן, וואָס האָבן אַזוי געטריי געאַרבעט פאַר דיר, און זיי איבערגעבן צום טויט. אַחוץ דעם קאָנען נאָך די געכאַפּטע זיך וועלן אָפּרעכענען מיט זייערע פריערדיקע באַלעבאַטים און וועלן אויסזאָגן די דייטשן ביי וועמען זיי האָבן זיך אויפ־געהאַלטן די גאַנצע צייט. דעריבער זאָל מען בעסער אויסריינען אין טאָג פון דער אָבלאַווע, זיך מאַכן קראַנק, אָדער אַוועקפאָרן אין שטאָט אַריין.

און דער כיטרער סטעפּאַן, בשעת ער האָט אַזוי גערעדט צו די פויערים, האָט, ווייזט אויס, אויך געהאַלטן זיינע אויערן אָפן צום אינדרויסן. הפּנים געכאַפּט, ווי אַז, דער הונט זיינער, פרייט זיך דאָרטן אינדרויסן מיט עמיצן; ווי ער הריטשעט דאָרטן מיט אַזוינע הנאה׳דיקע קוויטשעלעך.

און אַז סטעפּאַן איז אַרויס אינדרויסן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנט־שולדיקט פאַר זיינע געסט, האָט ער שוין גלייך דערקענט אין דער פינצטער זיין געוועזענעם אידישן שקלאַף.

— פּסח! — האָט יענער אַ שעפּטשע געטאָן, אי מיט פּחד, אי מיט פאַרוואונדערונג, — ווי קומסטו אַהער?

— איך האָט דאָך מיר געזאָגט, באַלעבאָס, — האָט פּסח זיך פאַר אים געבוקט, — אַז אויב ס׳וועט מיר זיין קאַלט אָדער איך וועל זיין הונגעריק, זאָל איך קומען צו אייך.

— ניט איצט, שפּעטער, האָט אים סטעפּאַן אַריינגעשטופּט אין דער שאַפּע, — די מענטשן וועלן אַוועקגיין וועל איך דיר אַריינרופן אין הויז.

און דאָרטן אין דער שאַפּע, האָט זיך פּסח גלייך גענומען גראָבן אין דער שטרוי. ער האָט געגוי געוואוסט, דאָס אָרט, וואו סטעפּאַן האָלט שטענדיק זיין ביקס, אָבער ס׳איז איצט שוין ניט געווען דאָרטן קיין ביקס. האָט ער געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, אפילו אויפגעריסן אַ ברעט אויף אַ געוויסן אָרט, אָבער ניט קיין סימן פון דער ביקס.

און ווען סטעפּאַן האָט אים ענדלעך אַ רוף געטאָן, האָט ער שוין גע־זען, וואו די ביקס איז. ביי אים אין די הענט איז די ביקס געווען. צוויי ברויטלעך און אַ זעקעלע געבראָטענע קאַרטאָפליעס, האָט סטעפּאַן געהאַלטן

אין איין האַנט, און אין דער צווייטער די ביקס, און זיך אָנגערופן צו אים אַזוי:

— מער קום ניט צו מיר, אַז ניט וועל איך שיסן. אַט האָסטו די ברויטלעך מיט די קאַרטאָפליעס און מאַך אַן אוטיוק (אַ ויברח) גלייך די מינוט. און שיסן וועל איך דיך, ניט ווייל איך האָב עפּעס קעגן דיר, נאָר ווייל מיין לעבן איז מיר טייערער...

און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ מענטשלעכער שאָרך

פּסח און לייזער האָבן זיך ניט פאַרגונען אָפּצוברעכן צו שטיקלעך פון די צוויי ברויטן, וואָס סטעפּאַן האָט זיי געגעבן. זיי האָבן בלויז זיך אונטערגעשפּאַרט דאָס האַרץ מיט עטלעכע קאַלטע געבראָטענע קאַרטאָפליעס, און שנעל געצויגן צו זייער באַזע.

לייזער, דערוויסנדיק זיך פון פּסח'ן, אַז די פּויערים וועלן אָנהויבן מאַכן אַבלאַוועס, האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט אין זאַמאַלאַדיטשער וואַלד אַזאַ ערטעלע, וואָס איז גאָר אַ גוטע באַהעלטעניש. און ס'איז אויך מעגלעך, אַז אפשר אין יענעם באַהעלטעניש וועלן זיי זיך אָנטרעפן מיט די פּלעניקעס. מחמת נאָך אין אָנהויב זומער האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אַהין, און זיי געטראָפן דאָרטן — פיר חברה אין זייער אַ קונציק פאַרמאַסקירטער זיעמליאַנקאַ.

ס'האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג, ווען פּסח מיט לייזער'ן זיינען אָנגעקומען צוריק צום אָרט. איינגעוויקלט אין קאָלדרעס זיינען די מענטשן געלעגן אויסגעמאַטערטע, פאַרכליאָנעטע און ניט געקאָנט שלאָפן צוליב די הונגער־ווייען.

פּסח האָט געגעבן יעדן איינעם צו פּאָר קאַרטאָפליעס, צעשניטן איין ברויטל און יעדן איינעם אוסיגעטיילט אַ דין רייפטעלע, דאָס צווייטע ברויטל פאַרבאַהאַלטן ביי זיך אין זאַק.

האָט מען אַזוי ליגנדיק פאַרוויקלט אין די קאָלדרעס געקוויקט זיך מיט די קאַלטע געבראָטענע קאַרטאָפליעס, מיט די דינע רייפטעלעך ברויט און געשטילט אַביסל דעם הונגער.

און נאָכדעם ווי מען האָט אַביסל געשטילט דעם הונגער, האָט מען געוואָלט צוריק איינשלאָפן. אָבער פּסח האָט זיי אָנגעזאָגט די טרויעריקע

בשורה, אַז מען דאַרף גלייך אָפּציען פון דאַנען, ווייל מען קאָן דערוואַרטן אַן אַבלאַווע.

יעדער איינער, אַנגעטאָן אין אַלע זיינע מלבושים, וואָס מען האָט מיט־גענומען פון דערהיים — די פרויען, אין עטלעכע קליידלעך איינס אויף ס'אַנדערע, און די מאַנסבילן אין צוויי אָדער דריי פּאָר הויזן, און רעקלעך איינס איבערן אַנדערן, האָבן זיך געשלעפּט מיטן וואַלד נאָך לייזערן, וואָס איז געגאַנגען פאָראויס.

פּסח האָט געשפּאַנט לעבן סאָניע'ן, איר געוואָלט זאָגן עפּעס אַ באַ־זונדער גוט וואָרט, ווייל איר פּנים איז געוואַלדיק אָפּגעצערט געוואָרן. אַ פאַרטרויערטע, אַ פאַרצווייפלטע, האָט זי זיך נאָכגעשלעפּט אַנגעפּעלצט אין אירע עטלעכע קליידלעך און קאָפּטלעך, מיטן שאַל אויפן קאָפּ.

— סאָניעשע! — האָט ער איר געזאָגט מיט זיין ליבלעכן שמייכל, און מיט זיינע צוויי וואַרעמע צעשיינטע שפּיציכיקע ברוינע אויגן, — ס'וועט נאָך זיין גוט.

האָט זי זיך אויך צעשמייכלט מיט איר גוטן וואַרעמען שמייכל און געענטפערט:

— יאָ, פּסח'שע, ס'וועט נאָך זיין גוט.

דוד האָליער האָט געזאָגט „מודה אני" הויך אויף אַ קול. אומיסטנע געזאָגט הויך אויף אַ קול, כדי צו שטאַרקן די הערצער פון די מענטשן. קיין אַנדערע תפילות, אויסנווייניק, האָט ער ניט געקענט, דער דאָזיקער פשוט'ער דאָרפס־איד, אַן אָרעמער קירזשנער, אַחוץ „קריאת שמע" לייענען ביינאַכט פאַרן שלאָפן און „מודה אני" אין דער פרי, און אויך בענטשן נאָכן עסן.

— „מודה אני לפניך, מלך חי וקים, שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה"...

(איך דאַנק דיר קעניג, וואָס לעבט אייביק, וואָס דו האָסט אומגעקערט מיין נשמה מיט פיל דערבאַרעמונג), האָט ער געציילט יעדעס וואָרט באַזונדער, און אפילו איבערגעזאָגט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל געוויסע ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען שיין צו אים.

בייטאָג צו האָט לייזער זיי צוגעפירט צו אַ יונג סאָסנאָווע וועלדל און געזאָגט צו פּסח'ן, אַז דאָס איז דאָס אָרט. דאָס דאָזיקע וועלדל, אַרום פינף הונדערט מעטער די לענג און אַ צוויי הונדערט פופציק די ברייט, איז געווען זייער געדיכט באַוואַקסן.

דאָרטן האָט פּסח צעטיילט דאָס צווייטע ברויטל און צו איינצלנע קאַרטאָפליעס יעדן איינעם, און נאָכדעם, ער מיט לייזער האָבן זיך אַריינ־געלאָזט טיפער, כדי אויסצופאָרשן דאָס אָרט. זייענדיק שוין ווייט אין

דער געדיכטעניש, האָבן זיי מיט זייערע פיינלעך־וואַכע אויערן, דערהערט אַ שאָרך און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ מענטשלעכער שאָרך.

זיי האָבן אויף אַלע פיר זיך געלאָזט קריכן אין דער ריכטונג פונוואַנעט דער שאָרך האָט זיך געהערט. קומענדיק נעענטער און נעענטער האָבן זיי געהערט, ווי עמיצער האָט גערעדט ערגעץ, אין דער טיף. כאָטשבי מען האָט דייטלעך ניט געקאָנט הערן וואָס מען רעדט האָבן זיי אָבער געכאַפּט, אַז דאָס רעדן אידן.

און באַלד האָבן זיי דערזען צוויי מיידלעך גיין מיט די טעפלעך אין די הענט, און כאָטשבי זיי זיינען געווען אָנגעטאָן ווי פויערטעס, האָט מען שוין גלייך דערקענט, אַז דאָס זיינען אידישע יונגע מיידלעך.

דאָס זיינען געווען איסר האָליער׳ס אַ מיידל, זלאַטע, און זעליק זאַמאָלאָדיטשער׳ס אַ מיידל, רבקה. דאָס האָבן זיי זיך געלאָזט מיט די טעפלעך צום ראָוו, וואָס אויף יענעם זייט וועלדל, אָנצושעפּן וואַסער.

*
**

איסר מיט זיין משפחה פון האָליא, און זעליק מיט זיין משפחה פון זאַמאָלאָדיטש זיינען דאָ געלעגן פאַרבאַהאַלטן אין דער זיעמליאַנקע. די זיעמליאַנקע איז געווען אַזוי קונציק פאַרמאַסקירט, אַז ווען די מיידלעך האָבן זיי צוגעפירט סאַמע צום אָרט, האָט מען נאָך אַלץ ניט געקאָנט טרעפן, וואו ס׳איז.

דעם דאַך, וואָס איז געווען ביי דער ערד, האָט מען ניט אַרויסגעזען, מחמת אויפן דאַך האָבן געוואַקסן יונגע סאָסנעס אַרום און אַרום פאַרשאָטן מיט שטעכלקעס (נאָדלען פון די בוימער).

אינעווייניק איז געווען פינצטער, ווי אין אַ קבר. די ווענט און די סטעליע זיינען געווען באַלייגט מיט צווייגן, כדי די ערד זאָל זיך ניט שיטן. טיף אין דער זיעמליאַנקע איז געווען אַ לאָך, פונקט, ווי אַ קראָט זאָל אים געווען אויסגראָבן. דורך דעם לאָך איז אַריין לופט פון דרויסן.

צען נפשות זיינען דאָרטן געווען: איסר מיט זיינע צוויי טעכטער און צוויי זין, און זעליג מיט זיינע צוויי טעכטער, פרוי און חתן.

וועגן זעליק׳ס שיינער אינגערער טאָכטער חיה׳לען, האָט נאָך פסח געהערט ביי זיין פעטער נחומ׳ען אין האָליא. מען האָט דערציילט, אַז איר שיינקייט איז גאָרניט צו באַשרייבן. פוילישע פריצים פלעגן קומען צו איר טאַטן אין הויז אַריין פון גאָר ווייט, קוקן אויף איר.

פסח האָט זי קיינמאָל ניט געזען, און איצטער זי אויך ניט געקאָנט זען, ווייל ס׳איז געווען שטאַרק פינצטער אין דעם דאָזיגן גרוב.

ווען לייזער האָט געבראַכט די איבעריקע פון דער גרופּע, און מען האָט זיך אַלע צונויפגעקוועטשט אין דער זיעמליאַנקע, האָט נח׳קע שוין ניט געקאָנט איינזיצן. ער האָט אויך פריער געהערט פון דער זעלטן־שיינער חיה׳לען, און ער האָט זי אויך געוואָלט אָנקוקן. ער האָט געהאַלטן אין איין רייבן שוועבעלעך, אָבער וואָס קאָן מען שוין זען אין דעם ליכט פון אַ שוועבעלע? אַחוץ דעם האָבן אַלע געשרייען אויף אים, וואָס ער ברענט אויס אומזיסט און אומנישט שוועבעלעך, און אויך, וואָס זיי נעמען אַוועק די לופט. אַזוי ווינציק לופט איז געווען אין דעם דאָזיקן גרוב, אַז מען האָט אַלעמאָל געדאַרפט עפענען דאָס טירל כאָטש אויף אַ קורצער ווייל.

אפילו מיט דער צייט, ווען די אויגן פון די ניי־אָנגעקומענע האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער פינצטערניש, האָט מען אָבער קלאָר זען איר פּנים נאָך אַלץ ניט געקאָנט. דערפאַר האָט מען שוין קלאָר געקאָנט הערן איר קול ווען זי האָט זיך עפּעס אָנגערופן. און איר מעלאָדיש וואַרעם, יונג־פרויענש קול איז אויסגעקומען זייער מאָדנע אין פאַרשטיקטן, טוכלען, פינצטערן גרוב. אַזאַ קול איז מען געוואוינט צו הערן ערגעץ אויף דער ליכטיק, אויף אַ טאַנץ, וואו יוגנט פרייט זיך, אָדער אין אַ שטאָטישן גאָרטן, פאַרנאַכט, וואָס שמעקט מיט פרילינג.

איר חתן, יאָסל, אַ מאַריאַנקער, איז אויך געווען אַ באַרימטקייט אין די אַרומיקע דערפער. יאָסל מיט זיינע דריי ברידער, פיר גבורים חברה, צוזאַמען מיט זייער טאַטן, אויך אַ גבור, האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן צו־זאַמען. די ליבע אָבער צו דער זעלטענער שיינער כלה זיינער, איז געווען גרעסער, ווי צו זיין משפּחה. מחמת זיין משפּחה איז אַוועק ערגעץ אַנ־דערש אין וואַלד, און ער, יאָסל, איז אַוועק מיט זיין כלה׳ן און אירע עלטערן.

אַז פּסח האָט זיך דערוואוסט, אַז יאָסל האָט אַ רעוואָלווער ביי זיך, איז גלייך געבוירן געוואָרן ביי אים אַ געדאַנק, גיין מיט יאָסלען צו סטעפּאַנ׳ען נאָך דער ביקס.

מען וואָלט נאָך געדאַרפט גיין היינט, ווי באַלד ס׳וועט ווערן פינצטער, אָבער פּסח איז אַזוי מיד, ער קאָן שוין ניט האַלטן זיין קאָפּ גלייך. און אַזאַ שוואַכקייט אין זיינע אברים, אפילו ווען מען זאָל, חס וחלילה, מאַכן אַן אָבלאַווע איצט, וואָלט ער שוין אפילו ניט געהאַט קיין כוח צו אַנטלויפן. און סאָניע, נאָר ווי אַ מאַמע, אַזוי גלעט זי אים, און רעדט צו אים:

— נו, שלאָף, פּסח׳שע, זאָל דיך שוין גאָרניט אַרן. שלאָף!

און דאָ ווערט שוין די נאַכט בלאַסער און בלאַסער . . .

אַז ס'איז געקומען נאַכט, איז פּסח נאָך אַלץ געשלאָפן. סאָניע האָט אים ניט געלאָזט אויפוועקן. פון זינט מען איז אַוועק פון וואַלד, האָט פּסח געוואוסט פון ווינציג שלאָף, מחמת ער האָט זיך געפילט ערב פאַר אַלע מענטשן, האָט ער ניט גערוט, ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט.

האָט שוין יאָסל איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער גאַנצער גרופּע. ווען ס'איז געוואָרן פינצטער, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט מיט נח'ן און לייזערן אויף די פעלדער גראָבן קאַרטאָפליעס. אַ סך פויערים, האָט ער געוואוסט, האָבן נאָך זייערע קאַרטאָפליעס ניט אַרויסגעגראָבן פון די פעלדער . . .

אין אַ פּאָר שעה אַרום, איז ער געקומען צוריק מיט לייזער'ן מיט צוויי זעק קאַרטאָפליעס, אָבער אָן נח'קען. נח'קע, האָט ער דערציילט, האָט נאָר געוואָלט מען זאָל גיין קיין האַליא. פאַרוואָס קיין האַליא? ווייל דאָרטן ווייסט ער פון אַן אָרט וואו ס'זיינען דאָ גענז. טאָקע ביי זיין געוועזענעם באַלעבאָס זיינען דאָ די גענז. האָט אים יאָסל געזאָגט, אַז גענז זיינען דאָ אין זאַמאַלאַדיטש אויך, און מען דאַרף אַזוי ווייט ניט גיין, און אַחוץ דעם גענז מאַכן גרויסע געוואַלדן, אַז מען וויל זיי כאַפּן, איז שוין גלייכער עופות, אויב ער וויל יאָ ריזיקירן, ווייל עופות מאַכן ניט אַזוינע געוואַלדן. אָבער יענער, כאָטש גיב אים אַ קרענק, נאָר גענז האָט זיך אים פאַרגלוסט.

ווען מען האָט אַריינגעבראַכט פון דרויסן די הייסע קאַרטאָפליעס, וואָס מען האָט אָפּגעבראָטן אין אַ באַזונדער געמאַכט גריבל אינדרויסן, האָט דער געשמאַקער ריח אויפגעוועקט פּסח'ן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוואַלדיגן הונגער. די הענט האָבן אים אַזש געציטערט. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט נאָך אַ הייסע געבראָטענע קאַרטאָפליע ניט געהאַט אַזאַ טעם, באַזונדערס די שאָלעכץ.

און דוד האַליער איז געווען גאָר גליקלעך, מחמת דאָ האָט ער שוין געקאָנט בענטשן אַ מזומן מיט ר' איסר'ן און מיט ר' זעליג'ן, און מען האָט אים אָפּגעגעבן דעם כבוד צו זיין דער ערשטער, וואָס זאָל זאָגן:

— רבותי, מיר ווילן בענטשן . . .

פּסח האָט זיך צוריק דערפילט ביי אַלע כוחות, און געוואָלט איצטער מיט יאָסל'ען זיך לאָזן צו סטעפּאַנ'ען נאָך דער ביקס. אָבער יאָסל האָט

אים אָפּגערעדט, זאָל בעסער זיין אויף מאָרגן אָוונט. האָט פּסח מורא גע־האַט, אַז מאָרגן אָוונט וועט ער, יאָסל, ווידער נישט וועלן גיין. נישט צוליב דעם וואָס יענער איז, חס וחלילה, אַ פּחדן, אָבער ווי קאָן ער שוין זיך צעשיידן אויף אַ גאַנצער נאַכט פון זיין זעלטן שיינער חיה׳לען.

ער ווייסט אויך זייער גוט, פּסח, וואָס מיינט זיצן לעבן דער געליבטער. מחמת, אַז ער זיצט מיט סאָניע׳ן אַזוי צוגעטוליעט אין דער פינצטער, האָט מען שוין פאַר גאָרניט מורא, און מען פאַרגעסט אין יעדער סכנה. און אפילו מענטשן זיצן אַרום דיר, און קאָנען פילן דיין יעדן ריר, אַרט שוין דאָס אויך ניט. ווייל „אהבה עזה כמות״, האָט ער אינגלווייז געלערנט אין חדר: ליבע איז שטאַרק ווי דער טויט.

אָבער פונדעסטוועגן, אַז מען איז ערב פאַר אַזויפיל מענטשן, קומט אָן אַנדער כוח, וואָס איז אפילו נאָך שטאַרקער ווי ליבע. דער כוח וואָס דער גאַנצער כלל לייגט אַרויף אויף דיר. און אפילו ווען סאָניע האָט אים געהאַלטן אַרומגענומען און געהאַלטן אירע הייסע ליפּן צוגעדרירט צו זיינע, און ס׳האָט אים דורכגענומען דער גרויסער פייער, וואָס אירע ליפּן צינדן שטענדיק אָן אין אים, בשעת זיי רירן זיך צו צו זיינע, — דאָך האָט ער אָבער בשעת מעשה געטראַכט וועגן דער ביקס, וואָס מען קאָן צו־נעמען ביי סטעפּאַנ׳ען. אויך געטראַכט און געזאָרגט זיך וועגן נח׳קען. ס׳זאָל כאַטש מיט אים זיך גאָרניט טרעפן. ער זאָל כאַטש אַהיים קומען בשלום. און אויך האָט ער געטראַכט און געזאָרגט זיך, וואָס מען האָט ניט אַרויסגעשטעלט קיין פּאָסטן אינדרויסן. אפילו די זיעמליאַנקע איז אַזוי גוט פאַרמאַסקירט, אָבער דאָך מוז עמיצער אינדרויסן האַלטן אָן אויג.

ער האָט געוואָלט אַרויסשיקן לייזער׳ן, איז יענער אָבער אַזוי גע־שמאַק געשלאָפן, און אַנשל׳ען אָדער יאַנקל׳ען, קאָן מען אויך ניט אַרויס־שיקן, מחמת זיי זיינען נאָך אַזוינע יונגינקע, קינדער כמעט. און יאָסל׳ען אַוודאי און אַוודאי ניט. זיי קושן זיך איצטער דאָרטן אין דער פינצטער, יאָסל מיט זיין חיה׳לען. אַלע שלאָפן, מיינען זיי שוין, אַז קיינער וועט ניט דערהערן.

איז ער אַליין אַרויס. אָבער ניט לאַנג געווען איינער אַליין אין דער פאַרטאַיעטער שטילקייט פון סאָסנאָווע וועלדל, אין דער שטאַרקער פינצ־טערניש פון דער פאַרוואָלקנטער האַרבסט נאַכט. סאָניע איז אויך שפּעטער אַרויס.

— הערסטו עפּעס ניט, סאָניע? — ווערט פּסח פּלוצלינג פאַרצאַפּלט.

— ניין, — דערשרעקט זי זיך, — איך האָב דאָס פּאַלן הערט, — איך זי טייל פאַלן פון די נאָדלען אויף דער ערד.

— הערסטו ניט קיין טריט? ווי עמיצער גנב׳עט זיך צו אונדז?

ניין, זי הערט ניט. אָבער פּסח הערט יאָ. זיינע אויערן זיינען שוין אַ סך שאַרפער ווי סאָניע׳ס. יאָ, דאָס זיינען מענטשלעכע טריט. און דאָ ווערט די נאַכט בלאַסער און בלאַסער, און כאָטש מען איז אַזוי ווייט פון אַ דאָרף, דערטראָגט זיך אָבער דאָך דאָס קרייען פון הענער

— ס׳קומט עמיצער, — מאַכט פּסח צו סאָניע׳ן פאַרזאָרגט, — אויב ס׳איז ניט נח׳קע, איז דאָס עמיצער אַן אויסקוקער.

וואַרטן זיי ביידע, פּסח און סאָניע, מיט פאַרשטאַרבענע הערצער. אָבער מען הערט שוין מערער ניט קיין טריט.

— אפשר האָט זיך דיר אויסגעדאַכט, פּסח׳שע?

— אפשר?!!!

האָבן די פויערים ניט געענטפערט, נאָר געקוקט אַראָפּ צו דער ערד . . .

אין דער פרי איז די זון אַרויס. אָבער לייזער האָט שוין דערקענט לויט דער שיין, וואָס איז געווען ווי פאַראוכקעט מיט אַ נעפּל, אַז די פּאַ־גאָדע קערט זיך איבער אויף אַ רעגן.

פון דעם פינצטערן גרוב זיינען אַלע אַרויס זיך אָנשעפּן אַ ביסל מיט פרישער לופט, זיך אויך אַרומוואַשן. און דאָ האָט פּסח צום ערשטן מאָל דערזען חיה׳לען. זי איז געווען אָנגעפּעלצט אין אַ סך קליידלעך, אַ פאַר־שמירטע, אַ פאַרקויטיקטע, אָבער איר גרויסע שיינקייט האָט אַרויסגע־שיינט פון דער פאַרשמירטקייט און פאַרקויטיקייט.

אַזוינע לאַנגע געדיכטע האָר האָט פּסח נאָך ניט געזען. זי האָט צעפלאָכטן אירע צעפּ, אַרויסגענומען די האָר־נאָדלען, האָבן די האָר זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו אירע פּיאַטעס, סאַמעט־שוואַרצע קרייזלענדיקע וואָלקנס מיט האָר.

און אַלץ אויף איר ברענט מיט איר גרויסן כוח פון דער יונגער גאָר שיינער פרוי. ס׳ברענען די סאַמעט ברוינע אויגן, די זיידענע שוואַרצע

האָר, דאָס לענגלעכע אָוואַלפאָרמירטע מאַטעווע פּנים, איר שטאָלצער פאָר־לער ווייכער האַלדז, אירע זאַפטיקע פולע ליפּן.

ער האָט אויך ס׳ערשטע מאָל דערזען יאָסל׳ען. פון יענע בחורים׳לעך, פון די גאָר־געראָטענע, וואָס אפילו אין וואַרשע, צווישן אַלע וואויל־יונגען, וואָלט ער געווען דער אָנגעזעענסטער. אַ בחור, ניט גראַדע קיין הויכער, נאָר מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פלינקייט אין זיינע פּלייצעס, ווי ביי אַ טיגער. געשפּאַנט האָט ער אויך ווי אַ טיגער, מיט שטילע טריטעלעך, אָבער יעדער מוסקול אין אים האָט זיך געצאַפּלט. אייגעלעך האָט ער געהאַט גנבישע, מיט אַ זייטיקן קוק. קאַרע אייגעלעך, מיט גרויסע שוואַרצאַפּלען.

נח׳קע איז נאָך אַלץ ניט געקומען, און פּסח איז געווען אין כּעס אויף יאָסל׳ען, וואָס ער האָט אים געלאָזט גיין. מחמת אויב אפילו ס׳וועט אים גאָרניט טרעפן אין דאָרף, קאָן ער נאָך פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין וואַלד.

— געוואָלט גיין נאָך געגנדז, — האָב איך אים געלאָזט. ס׳פעלט אים אַ קלעפּקע, הפּנים, — האָט זיך יאָסל גאָרניט געזאָרגט.

ס׳האָט געשיינט די זון. אַרום און אַרום שווערע וואָלקנס, אָבער זי האָט שוין געפונען די זון אַן עפענונג און באַגאָסן מיט ליכטיקייט דאָס קליינע סאָסנאָווע וועלדל.

די פרויען האָבן געטראָגן טעפּלעך וואַסער פון טייכל, וואָס האָט געפלאָסן אין ראָוו לעבן ראַנד. לייזער איז דאָרטן געשטאַנען אויף דער וואַך, און געקאָנט זען דאָס דאָרף זאַמאַלאַדיטש, וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט פון אַ ווייסן פרימאָרגנדיקן טומאַן.

זעליג האָט געהאַט אַ טלית מיט תּפילין און אַ סידור. האָט דוד האַליער זיך שטאַרק דערפרייט. העכער אַ וואָך ניט געדאַוונט אין קיין טלית און תּפילין. און נאָך פון אַ סידור. איז ער געשטאַנען מיטן פּנים צו מזרח און מיט אַזאַ גרויסער שמחה זיך געשאָקלט און הויך אויף אַ קול, אַלע זאָלן הערן, געציילט יעדן וואָרט.

איבער די גריבלעך מיט פייער זיינען געהאַנגען טעפּלעך. איסר׳ס ווייב האָט גאָר פאַרגעסן, אַז זי האָט נאָך אַ זעקעלע מיט פאַסאָליעס. האָבן זיך געקאָכט די פאַסאָליעס אין אַלע טעפּ. אויך האָט מען געבראָטן קאַרטאָפליעס.

אָבער פּלוצלונג, ווי לייזער לויפט מיט אַן איבערגעקערט פּנים:

— פול מיט גויים, — שרייט ער, — אומעטום גויים. מיט ווילעס, מיט העק, פון אַלע זייטן.

אַלע האָבן אָנגעהויבן לויפן אין דער זיעמלאַנקע, אָבער איידער וואָס־

ווען און פון צווישן אַלע בוימער האָבן זיך באַוויזן פּויערים מיט ווידלעס, מיט גראַבליעס, מיט שטעקנס, מיט העק, און אויך אוקראַינער פּאָליציאַנטן מיט ביקסן, און צווישן זיי האָט פּסח דערקענט זשוק׳ן, אָט יענער מיט די דיקע שוואַרצע ברעמען, ווי ביי אַ זשוק, וואָס האָט געפּאַקט דעם אַנטלאָפענעם פּלעניק אין דער סטערטע שטרוי ביי פּאַלאַשקאַ׳ן אין הויף.

אויך וואַסילי איז געווען צווישן די אוקראַינער פּאָליציאַנטן. סאָניע האָט אים גלייך דערזען, און ער האָט גלייך דערזען סאָניע׳ן. ער האָט געשמייכלט צו איר מיט אַ רשעות׳דיקן שמייכל.

— וואָס ווילט איר טאָן מיט אונדז? — האָט פּסח אַ געשריי געטאָן צו דער מחנה פּויערים, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַרויסקומען פון צווישן די בוימער.

— מיר ווילן אייך פון דאַנען אַרויסיאָגן, — האָט זשוק זיך אָנגערופן חוצפּה׳דיק, — מיר ווילן איר זאָלט ערגעץ אַנדערש גיין.

— דו זאָגסט ליגן, — האָט פּסח אויסגעשריגן, — דו ווילסט אונדז איבערגעבן צו די דייטשן.

— איך שווער ביי גאָט, אַז נייך, — האָט זיך זשוק אָנגערופן און געפינטלט ליגנעריש מיט די אויגן, — מיר ווילן נאָר איר זאָלט זיך ניט געפינען לעבן אונזער דאָרף.

— זאָגט ער דעם אמת? — האָט פּסח געפרעגט די פּויערים.

האָבן די פּויערים ניט געענטפערט, נאָר געקוקט אַראָפּ צו דער ערד . . .

— אידן, — האָט פּסח אויסגעשריען, ווען מען האָט זיי אַלעמען אויסגעשטעלט אין פּאָרלעך, — אַז מען וועט אונדז אַרויספירן פון וועלדל, צעלויפט זיך אין אַלע זייטן. קוקט שוין אויף גאָרניט.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט זיך זשוק געצילעוועט אויף אים מיט דער ביקס.

— איך האָב גאָרנישט געזאָגט, — האָט פּסח ליבלעך געשמייכלט.

— בעסער זאָג גאָרנישט, — האָט יענער געסטראַשעט מיט זיין ביקס. — נו, זשידעס, מאַרש.

— וואַרט נאָר אויס, וואַרט נאָר אויס, — האָט איינער אַ באַוואָקסענער פּויער מיט אַ האַק אויסגעשריגן צו זשוק׳ן, — איך זע ניט זעליק׳ן. וואו איז דיין טאַטע? — האָט ער אויפגעהויבן די האַק קעגן רבקה׳ן.

— דו אויך, טימאָפעי, — האָט רבקה זיך אָנגערופן מיט ביטערקייט.

— מיר האָבן דיר אָפּגעגעבן אונזער הויז, אונזער וואָגן מיט די פערד,

אונזערע צוויי קי, שעמסט זיך גאַרניט פאַר גאָט און פאַר מענטשן?

— ס׳איז אַ באַפעל אַזאַ פון די דייטשן, — האָט יענער איר ניט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן, — וואו איז דיין טאַטע?

— איך ווייס ניט, — האָט רבקה געקוקט אויף אים מיט שעלטונג.

— מיר וועלן אַ קוק טאָן אין דער זעמליאַנקע, — האָט וואַסילי זיך אָנגערופן כיטרע, — זעליק וויכאַדי (זעליק, קום אַרויס), האָט ער אַרייַנגעשריען אינעווייניג.

עטלעכע פויערים זיינען גלייך אַריינגעשפרונגען אינעווייניק און ס׳האָט זיך געהערט פון דאָרטן אַ שווערער געראַנגל. נאָך פויערים זיינען אַריינגעשפרונגען און מען האָט זעליק׳ן באַלד אַרויסגעטראָגן פון דאָרטן ביי די הענט און ביי די פיס . . .

***

און אַז די פויערים האָבן זיי אַרויסגעפירט פון סאָסנאָווע וועלדל, און נאָענט דערביי האָט זיך אָנגעהויבן ווידער וואַלד, שוין פון אַלטע דעמבעס, הריאָבעס און יאַסינעס, האָבן די געפאַנגענע זיך אַ ריס געטאָן און אָנגעהויבן צו לויפן . . .

און ס׳האָט געהילכט דער וואַלד מיט ווילדע געשרייען און סוויטשערייען און טורקערייען, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין די בוימער און צוריקגעקומען מיט אַ ווידער־קול.

— לאָווי, לאָווי (כאַפּ, כאַפּ).

און אויך דאָס פאַרצווייפלטע סאָפּן פון די אידן, וואָס זיינען געלאָפן מיט די לעצטע כוחות — האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן די בוימער און געקומען צוריק מיט אַ ווידער־קול.

און פון די זאַלפן פון די ביקסן האָט זיך אויפגעריסן דער גאַנצער וואַלד, און לאַנג, לאַנג געברומט, אפילו נאָכדעם, ווי די שאָסן האָבן אויפגעהערט.

און ניט אַלע פויערים, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די אידן, זיינען נאָכגעלאָפן אויף צו כאַפּן. אַ סך האָבן זיך געמאַכט בלויז, אַז זיי לויפן נאָך צו כאַפּן, אָבער אין דער אמת׳ן האָבן זיי געשריגן צו די אידן:

— לויפט, לויפט, פאַרשווינדט, ווייל מען וויל אייך הרג׳ענען.

אָבער די אוקראַיִנישע פּאָליציאַנטן און די פויערים, וואָס האָבן איבערגענומען דאָס האָב און גוטס פון די אידן, האָבן שוין ניט אויפגעהערט זיך צו יאָגן, ביז מען האָט געכאַפּט.

סאָניע׳ס מאַמע האָט שוין ניט געקאָנט לויפן, און זי האָט געשריגן

צו איר טאַכטער, וואָס האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן פו איר:

— לאָז מיך, לאָז מיך, און לויף, ל־ו־י־ף . . .

פּסח האָט זי מיט געוואַלד אָוועקגעשלעפּט, געצויגן זי ביי דער האַנט און געיאָגט זיך מיט איר צום שליאַך, וואו פון יענער זייט הויבט זיך אָן ווידער וואַלד. און נאָך פּסח׳ן און סאָניע׳ן, האָט זיך אויך באַכגעיאָגט אַ פויער אין פּאַסטילעס, און אין אַ צעריסן קליין פּעלצל מיט אַ גראַבליע אין דער האַנט. ער האָט זיך געמאַכט כלומרשט, אַז ער וויל זיי כאַפּן, אָבער אין דער אמת׳ן געשריגן:

— זשידי אוטיקאַיטיע, באַ אוביוט, — (אידן אַנטלויפט, ווייל מען וועט אייך הרג׳ענען).

זיינען שוין פּסח און סאָניע געלאָפן הינטערן שויץ פון אַ פריינט, אָבער באַלד איז דער פריינט געצוואונגען געוואָרן צו ווערן אַ פיינט, מחמת וואַסילי מיט דער ביקס האָט זיי אָנגעיאָגט.

וואַסילי האָט זיך געצילעוועט אַלעמאָל אויף פּסח׳ן. און פּסח איז גע־לאָפן און געפאַלן, און געשריגן צו סאָניע׳ן:

— דו, ל־ו־י־ף, און קוק זיך ניט אום.

דער פויער מיט דער גראַבליע איז אָפּגעשטאַנען, פאַרקערעוועט זיך אין אַן אַנדער ריכטונג. בלויז וואַסילי איז נאָכגעלאָפן און אַלעמאָל אויס־געשאָסן, און פּסח איז געלאָפן זיג־זאַגיש, און אַלעמאָל געפאַלן.

און אַז פּסח האָט דערזען, אַז סאָניע איז שוין אַ סך ווייטער פאַראויס, איז ער שוין געפאַלן, און מערער ניט אויפגעהויבן זיך, כלומרשט ווי ער איז טויט.

אויף איין אויגנבליק האָט זיך וואַסילי צוגעבויגן אַ קוק טאָן צי יענער איז טאַקע באמת טויט, און אין דעם איינעם אויגנבליק האָבן אויפגעריסן אַלע כוחות ביי פּסח׳ן מיט אַ פאַרצווייפלטער פלינקייט . . .

אַ רעגנדל האָט זיך צעמראַקעט . . .

ווי אַזוי האָט ער דאָס געטאָן, פּסח? ער געדענקט שוין ניט. ער האָט אים, דאַכט זיך, אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד, מיט זיינע פיס האָט ער אים אַ הויב געטאָן אין דער לופטן און אים אַ שליידער געטאָן צו דער ערד . . .

אָבער ווי אַזוי האָט ער דאָס געטאָן מיטן מעסער? ער קאָן זיך שוין בשום אופן ניט דערמאָנען. מחמת דער הימל מיט דער ערד האָבן זיך

אויסגעמישט. בליצן האָבן אויפגעריסן אין זיינע אויגן, און אים בלינד געמאַכט. דונערן האָבן זיך צעהילכט אין זיינע אויערן און אים טויב געמאַכט. ער האָט דער׳הרג׳עט אַ מענטשן . . .

אַ רעגנדל האָט זיך צעמראַקעט. ס׳ערשטע אָסיענדיקע רעגנדל. און סאָניע, אין לויפן, האָט פאַרלוירן דעם שאַל און זי איז צעפּאַטלט, און אירע האָר נעצן זיך. איר פּנים, נאָך פאַרקרומט פון שרעק, אפילו זי זעט שוין פּסח׳ן אַ לעבעדיקן שטיין לעבן איר, וואָס סאָפּעט אַזוי שנעל, אַזוי שנעל . . .

און וואו געפינען זיי זיך איצט ? לעבן אַ שליאַך געפינען זיי זיך, און דאָרטן, פון יענער זייט שליאַך, הויבט זיך ווידער אָן אַ וועלדל. אויב ס׳איז ניט דאָס ליפּקאָווער וועלדל.

מיט די לעצטע סאָפּענישן וועלן זיי שוין דורכלויפן דעם שליאַך און אַריין אין וועלדל דאָרטן . . .

און דאָרטן, אין וועלדל, איז שוין ניטאָ קיין כּוח לויפן טיפער. מען פאַלט אויף דער פאַרנעצטער ערד, מען שלעפּט זיך קוים צו קליינע יונגע יאָדלע בוימער, וואָס זייערע צווייגן ליגן כּמעט אויף דער ערד. אָט הינטער די צווייגן פון אַ קליינעם יאָדלע בוים קריכן זיי אַרונטער, און נעמען זיך גלייך אַרום, און סאָפּען אָפּ צוזאַמען . . . רואיקער ווערט דאָס האַרץ, און די בלוטן שטעלן זיך איין . . און די הייסקייט פון די קערפּערס ווערט אָפּגעקילט . . . און דאָס רעגנדל נעמט דורך און דורך, און ס׳הויבט אָן שלאָגן אַ צאָן אָן אַ צאָן, צי פון דער קעלט, צי פון דער גרויסער שרעק . . .

און דער וואַלד פון יענער זייט שליאַך האַלט אין איין אָפּהילכן. קיין ווערטער קאָנען זיי שוין ניט כאַפּן, נאָר געשרייען, צעצויגענע פאַרדומ־פּענע געשרייען, און מען קאָן שוין ניט וויסן צי דאָס שרייען די נאָכיאָגער, צי די געיאָגטע . . .

און דער וואַלד פון יענער זייט שליאַך האַלט נאָך אין איין ברומען, אפילו נאָכדעם ווי די געשרייען זיינען אָפּגעגאַנגען ; ווי אַ באַס, לאַנג נאָכ־דעם וואָס מען האָט אָנגערירט די סטרונעס.

און אַס ס׳איז געוואָרן שטיל, און אַז דאָס קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן האָט אויפגעהערט, האָט פּסח זיך פלוצלונג אַ צאַפּל געטאָן.

— איך האָב דער׳הרג׳עט אַ מענטשן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט גרויס פּחד.

— ס׳איז ניט געווען קיין מענטש, נאָר אַ בייזע חיה, — האָט סאָניע אַרויסגעשיפּעט.

אָבער פּסח קאָן שוין ניט רוען. ער וויל גיין צוריק צום אָרט, וואו

וואַסילי ליגט. ער וויל אים אָנקוקן. ס׳ציט אים אַזוי שטאַרק צו גיין צוריק און אים אָנקוקן . . .

מען דערהערט אָבער פּלוצלונג דאָס גאַלאָפּירן פון פערד איבערן שליאַך. ס׳קומט אָן אַלץ נעענטער און נעענטער. און זיי ביידע, פאַרדעקט מיט די אַראָפּגעלאָזטע־ביז־צו־דער־ערד צווייגן פון דער יונגער יאָדלע, ליגן כמעט סאַמע ביים שליאַך.

דאָס רייטן צען דייטשן אויף הויכע פערד, און אַ בלוט־הונט לויפט פאַרויס, זיג־זאַגיש לויפט ער. פאַרלויפט אַלעמאָל צווישן די ביימער, שמעקט דאָרטן אַ וויל און יאָוועט זיך גלייך אַרויס.

דער הונט האָט זיי ניט דערשמעקט, די רייטער האָבן זיך דערווייטערט, און זיי ביידע זיינען שוין געווען אָן כוחות. די גרויסע מורא האָט ביי זיי צוגענומען יעדן טראָפּעלע כוח.

אָבער פּסח אין אַ ווײַלע אַרום, ווען דאָס גאַלאָפּירן פון די פערד איז פאַרטויבט געוואָרן, האָט זיך נאָך אַלץ געריסן צוריק צו דעם אָרט, וואו וואַסילי ליגט. דאָס מאָל, איז שוין ניט אַזוי צו קוקן אויף אים, ווי די ביקס זיינע. פאַרוואָס האָט ער ניט אַ כאַפּ געטאָן וואַסילי׳ס ביקס? ער קאָן זיך שוין גאַרניט מוחל זיין. איצטער מוז ער אַוודאי גיין צוריק. זאָל דאָ סאָניע ליגן הינטער דער יאָדלע, ער וועט זיך באַלד אומקערן.

אָבער אַזוי ווי ער הויבט זיך אויף און וויל זיך אַ לאָז טאָן, ווי אַ שיסעריי דערהערט זיך פון דער ריכטונג פון דאָרף זאַמאַלאַדיטש. איין זאַלפּ איז דאָס געווען און ס׳איז ווידער שטיל. נאָר די הינט האָוקען מורא׳דיק, דאָרטן, אין זאַמאַלאַדיטש. זיי הערן גאַרניט אויף . . . און ס׳זיינען ניט אָבער אַוועק קיין פינף מינוטן, ווי ווידער אַ זאַלפּ . . .

***

סאָניע׳ן האָט געדראָזשעט, און איר פּנים האָט אָנגעהויבן צו ברענען, און איר שטערן איז געווען הייס ווי אַ פייער. זי איז קראַנק, סאָניע. ער וויל זי טראָגן אויף די פּלייצעס, לאָזט זי זיך ניט.

און דאָס רעגנדל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פרי, האָט גע־האַלטן אין איין פאַלן און פאַלן, אפילו ווען די נאַכט איז שוין געקומען.

דורכגעווייקטע האָבן זיי זיך געשלעפּט צום דאָרף ליובען. אַ היפּשער מהלך איז דאָס געווען. אָבער ס׳איז דאָך פאָרט ערשט ניט לאַנג געווען דאָרטן זייער היים. און ווי שיקט זיך, אַז סטעפאַן זאָל זיי ניט אַריינלאָזן? אָדער אויב ניט סטעפאַן איז כאָטש קיריל?

ער האָט טאָקע געטראַשעט, סטעפאַן, אַז ער וועט שיסן. אָבער ער

וועט ניט שיסן. פסח קאָן אים שוין. אין וואַלד, וואו קיין מענטשן קאָנען ניט הערן, וואָלט ער יאָ געשאָסן, אָבער אין דאָרף ניט.

וואָס איז געוואָרן פון סאָניע׳ס מאַמע און אַנדערע אידן דאָרטן? ער וויל שוין, פסח, ניט טראַכטן פון דעם. וואָס ס׳טראַכט זיך יאָ, איז וועגן וואַסילי׳ן. ער טוט זיך גאָרניט אָפּ פון זיין געדאַנק. יעדער סילועט פון אַן איבערגעקערטן בוים, וואָס ליגט אויפן וועג, דאַכט זיך אים אויס, אַז דאָס איז וואַסילי. „ס׳איז ניט געווען קיין מענטש, נאָר אַ בייזע חיה“, זאָגט ער צו זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל . . .

ער קאָן זיך ניט מוחל זיין, וואָס ער האָט ניט אַ כאַפּ געטאָן וואַסילי׳ס ביקס. געווען, הפנים, אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ס׳טוט זיך מיט אים. און ווען ער האָט זיך נאָכדעם אומגעקערט צוריק צו יענעם אָרט, איידער זיי האָבן זיך געלאָזט קיין ליובען, איז שוין ניט געווען וואַסילי, און ס׳איז שוין ניט געווען זיין ביקס. סאָניע׳ס שאַל, וואָס זי האָט פאַרלוירן בשעת׳ן לויפן, האָט ער יאָ געפונען.

און וואָס וועט שוין מאָרגן זיין? ער וויל שוין ניט טראַכטן פון מאָרגן, נאָר פון היינט. אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַר סאָניע׳ן און אַביסל וואַרעמקייט, זי זאָל קאָנען אַראָפּציען אירע נאַסע קליידער, זיך לייגן אויף אַ טרוקן אָרט, אפשר וועט איר ווערן בעסער.

— לאָמיך דיך נעמען אויף מיינע פּלייצעס.

ניין, זי וויל ניט אויף זיינע פּלייצעס. וויפיל טריט וועט ער קאָנען מאַכן מיט איר, אַז זי איז אַזאַ אָנגעפּעלצטע, אַ שווערע, אַן אָנגענעצטע דורך און דורך. זי קאָן נאָך שפּאַנען, שפּאַנט זי אַ צונויפגענומענע, אַ צונויפגע־וויקלטע. און פון שפּאַנען ווערט איר גאָרניט וואַרעמער, נאָר ס׳ווערט איר נאָך קעלטער, און זי דראָזשעט און ציטערט . . .

***

און סטעפּאַן האָט ניט אַריינגעלאָזט. ער האָט געקלאַפּט, פּסח, אין פאַרהאַקטן פענצטער, פּונקט ווי אין יענער זאָווערוכע־נאַכט, דער פּלעניק, אָבער מען האָט געשוויגן פון אינעווייניק.

און דער הונט, אַז, וואָס איז אַרויס פון דער סטאַדאָלע, האָט דווקא זיך געוואָרפן אויף פסח׳ן מיט גרויס פרייד . . .

און אַז מען האָט נאָך אַלץ געשוויגן אינעווייניק, האָט פסח שוין אויף צו להכעיס געקלאַפּט אין פענצטער, געקלאַפּט און אַריינגעשריגן:

— מענטשן זייט איר? חיות זייט איר! ערגער פון די נאַציס!

און קיריל האָט אויך ניט אַריינגעלאָזט. דאָ האָט שוין סאָניע גע־

קלאַפּט אין פענצטער און זיך געבעטן מיט איר שיין קול:

— קיריל, יעוואַכע, ליבינקע, פּיל־טייערינקע, לאָזט אַריין. איך בין קראַנק, ס׳דראָזשעט מיך. איך האָב היץ. לאָמיך זיך אַביסל צולייגן . . .

פּסח האָט אויך אָנגעקלאַפּט אין קאַטשעוואַנ׳ס כאַטע, אָבער פון דאַרטן אינעווייניק האָט מען אויך געשוויגן. נאָר קאַטשעוואַנ׳ס צווי הינט האָבן זיך געריסן אויף זיי מיט גרויס רציחה . . .

און איצטער האָט שוין פּסח געטראָגן סאָניע׳ן אויף די פּלייצעס. זי האָט שוין ניט געקאָנט קיין שפּאַן מאַכן. און ער, פּסח, אויך, אַ דורכגע־נעצטער, אַן אָנגעקלעפּטער מיט בלאָטע, האָט גראָדע ניט געפילט קיין מיט שווערקייט, ווייל ליב איז אים געווען די משא און ס׳האָט אים גע־געבן אַ סך כוח. און דער כוח האָט אים שוין אויך געגעבן האָפענונג, און ער האָט גערעדט צו סאָניע׳ן באַרואיקנדיקע רייד:

— ניט געזאָרגט, סאָניע׳שע, מיר וועלן שוין געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ. די גאַנצע וועלט איז דאָך ניט אַזוי פאַרדאָרבן. עמיצער וועט אונז שוין אַריינלאָזן אינעווייניק. לאָמיך נאָר אַ טראַכט טאָן.

— אפשר פּאַלאַשקאַ, — האָט סאָניע אים אַריינגערעדט אין אויער.

— טאַקע, פּאַלאַשקאַ! — האָט זיך פּסח דערפרייט, — ווי קלוג דו ביסט. און פאַרוואָס איז דאָס מיר פריער גאָרניט איינגעפאַלן? אַך, פּסח, שוטה, שוטה . . .

מיט אַזאַ קול איז גוט צו רעדן צו קליינע קינדער . . .

— קינדערלעך, מיינע, — פּאַדיעט זיך פּאַלאַשקאַ אַרום זיי, — לי־בינקע מיינע, פּיל־געשעצטע . . .

פּסח׳ן הייסט זי זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו דער וואַנט, אויך איר משוגענעם מאַן האָט זי געהייסן אָוועקדרייען דאָס פּנים. זי טוט אויס סאָניע׳ן מוטער נאַקעט. מיט אַ האַנטוך טריקנט זי איר לייב, און וויינט דערביי. ס׳איז ניט ממש קיין געוויין, ווייל ס׳איז דאָ אויך פרייד אין איר געוויין. די פרייד פון זיין באַהילפיק דעם מענטשן, די פרייד פון טאָן גוטס.

— אַי, אַי, — וויינט זי און רעדט צו זיך אַליין, —— אין אַזאַ ביי־טערער רעגנדיקער אָסיענדיקער נאַכט זאָלן מענטשן ניט האָבן קיין דאַך

איבערן קאָפּ. וואו איז דאָס געהערט געווען, און וואו איז דאָס געזען געוואָרן?

און אין הויז אַזאַ אָרעמקייט. אפילו קיין איקאָנעס זיינען ניטאָ אויף די ווענט, אַחוץ אַ קליין בילדל פון יעזוס'ן אין ווינקל, הינטער דער סטע־ליע. אפילו קיין טיש דאָרטן אויך ניטאָ. נאָר צוויי קליינע נידעריקע טאַבורעטלעך. אויף אַ פּאָר פּאַליטשקעלעך שטייען עטלעכע ערדענע שיס־לען. דער אויוון פאַרנעמט די גאַנצע שטוב. אין לענג פון אויוון אַ פּעק־ליק, און אויפן פּעקליק ליגט איר משוגענער מאַן טאַראַס און האַלט אין איין שמייכלען מיט זיין אומזיניקן שמייכל. די האָר פון זיין קאָפּ שטיקער גרוי, און שטיקער פּעך שוואַרץ. און די שטיקער גרוי זיינען פון זייער אַ מאָדנעם גרוי, אַ משוגענעם גרוי. די באָרד זיינע וואַקסט אים מיט איין שפּיץ.

אויף איינער פון די טאַבורעטקעס שטייט אַן אויסגעהוילטע קאָר־טאָפליע מיט בוימל אָנגעגאָסן. און פון דאָרטן ברענט אַ קנייטל, דאָס איינציג שטיקל שיין אין הויז.

אָבער זי גיט, פּאַלאַשקאַ. אַלצדינג וואָס זי פאַרמאָגט גיט זי שוין זיי. סאָניע'ן גיט זי איר העמד, אַן אויסגעוואַשן העמד, און פּסח'ן גיט זי איר מאַנ'ס הויזן.

און גוט כאָטש, וואָס איר קיעלע האָט זיך ניט לאַנג געקלעבט, ווען זי זיי שוין געבן הייסע מילך. ווען זי האָט נאָך אַ שטיקל צוקער, וואָלט זי זיס געמאַכט די הייסע מילך. און זיסע הייסע מילך היילט שוין כמעט יעדע קראַנקהייט.

און פּאַלאַשקע אַליין! — איר גוף איז מאָגער און שמאָל. אירע ברוסטן זיינען שוין פון לאַנג איינגעשרומפּן געוואָרן און איר פּנים מיט די אַרויס־געסטאַרטשעטע באַקן־ביינער, איז צעשמיסן, צעפּאַטשט, צעקנייפּט פון שווערן האַרטן לעבן, אָבער אין אירע גרויע שמאָל־געשניטענע אויגן איז געבליבן אָפּגעהיט די ריינע ליכטיקייט, וואָס שיינט צום מענטשן מיט תמימות, מיט ערלעכקייט און מיט גוטסקייט. און אויך אין איר קול איז געבליבן די ריינע ליכטיקייט. מיט אַזאַ קול איז גוט צו רעדן צו קינדער וואָס וויינען, אָדער צו מענטשן, וואָס ליגן קראַנק אין בעט.

*
**

און דער אָסיענדיקער רעגן האָלט אין איין שמייסן אין די פינצטערע קליינע טאָפליעס פון די פענצטער. ערשט איצטער, ליגנדיק מיט סאָניע'ן אויפן ליבן, ליבן וואַרעמען אויוון, פילט ערשט פּסח, ווי ביטער וואָרלאָז

איז דער הפקר׳דיק אָסיענדיקער אינדרויסן. דעם אויוון האָט פּאַלאַשקאָ אָפּגעטראָטן אים און סאָניע׳ן. און אויפן אויוון די גוטע גערדיכטע וואַרעמ־קייט לייזט אויף, מאַכט לייכט דעם גוף, און ער זאָרגט זיך שוין ניט, פּסח. אוי, ער זאָרגט זיך שוין ניט. דער מאָרגן עקזיסטירט שוין ניט פאַר אים, דער איצטער איז אייביקייט.

אייביק איז אויך די מענטשלעכע גוטסקייט און ליבשאַפט. ער ווייסט דאָס שוין איצט. ער האָט דאָס איצטער געלערנט. און וואָס ס׳וועט שוין ניט טרעפן אין זיין לעבן, וועט ער אומגיין איבער דער וועלט און לערנען אַנדערע אויך פון דער מענטשלעכער גוטסקייט און ליבשאַפט, וואָס געפינט זיך ערגעץ אין אַן אָרעמער הויז . . .

*
**

און דורכן פענצטער, דעם צווייטן פאַרנאַכט, האָט מען געקאָנט זען דעם נאַסן וואַלד, די בלאָטיקע ערד, און די רויטקייט פון דער זון אין איר פאַרגאַנג.

ס׳האָט זיך ערב דעם זונען־פאַרגאַנג אויסגעלייטערט דער הימל, און ס׳האָט זיך צעשיינט אויף עטלעכע מינוט דער אינדרויסן.

באַלד וועט ווערן פינצטער, און אַז ס׳וועט ווערן פינצטער, וועט זיך פּסח לאָזן אין וועג אַריין אַן סאָניען. די היץ איז דווקא אַוועק פון איר, נאָך אינמיטן דער נאַכט, און אויפגעכאַפּט האָט זיך פאַרטאָג אַן אָפּ־געפרישטע, אַ געשטאַרקטע, אָבער די נייעס, וואָס פּאַלאַשקאָ האָט געבראַכט פון דאָרף, האָט איר ווידער אַריינגעוואָרפן אין אַ דראַזש, און אַזאַ ווייסטע מרה־שחורה איז איר באַפאַלן, און זי האָט שוין ניט געוואָלט קוקן אויף קיינעם, אויף פּסח׳ן אויך ניט . . .

און ווען פּאַלאַשקאָ זאָל געוועז ווויסן, אַז אויך סאָניע׳ס מאַמע איז געוועז צווישן יענע אידן, וואָלט זי אַוודאי ניט געוועז דערציילט. האָט זי אָבער ניט געוואוסט און דערציילט. זי האָט דאָס געהערט אין קלייטל, ווען זי איז געגאַנגען קויפן זאַלץ. דאָס דאָזיקע קלייטל איז אַמאָל געוועז חיים מאַסטיקער׳ס קלייטל, אָבער איצטער איז דאָס שוין אנדרעי׳ס קלייטל.

מען האָט אַלע אידן, וואָס מען האָט געכאַפּט אין וואַלד, געבראַכט צו זעליק׳ס געוועזענער כאַטע, וואָס איז איצטער געוואָרן טימאָפּיי׳ס, און מען האָט זיי דאָרטן פאַרשפּאַרט. — האָבן מענטשן דערציילט אין אנדרעי׳ס קלייטל — זשוק האָט געלאָזט וויסן קיין וואָלאָדעווע דורכן טעלעפאָן און צען דייטשן אויף פערד זיינען אָנגעלאָפן.

און דערנאָכדעם . . . און דערנאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן די הריגה.

איינציקוויז האָט מען זיי אַרויסגעבראַכט פון הויז . . . זעליק׳ן האָט מען אַזוי גרינג ניט געקאָנט דערשיסן, מחמת ער האָט זיך געוואָרפן אויף זשוק׳ן, מיט פוס אין בויך האָט ער אים דערלאַנגט און אים אומגעוואָרפן.

איסר׳ס זון, מענדל, האָט דערלאַנגט איינעם פון די דייטשן מיט זיין אייזערנער סטאָליערשער האַנט אין פּנים אַריין און אים אויסגעזעצט צוויי ציין, און נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט לויפן, אָבער לויפנדיק האָט מען אים דערשאָסן.

און אַז מען האָט חיה׳לען אַרויסגעפירט אינדרויסן, האָט איר גרויסע שיינקייט אַלעמען פאַרכאַפּט דאָס האַרץ, אפילו די דייטשן זיינען געוואָרן איבערראַשט.

די פּויערטעס פון דאָרף, וואָס זיינען געשטאַנען דערביי האָבן אָנגע־הויבן צו צלמ׳ען זיך און צו וויינען:

— אַ זינד, אַ זינד, גאָט׳ס שענסטע באַשעפעניש.

און די פּויערים האָבן געשריען:

— לאָזט זי לעבן! לאָזט זי לעבן!

דער עלצטער פון די דייטשן האָט געזען, אַז אַלע מענטשן נעמען זיך אַזוי שטאַרק אָן פאַר איר, האָט ער געהייסן זי צוריק אַריינפירן אין הויז אַריין.

נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעשאָסן אַלע אידן, זיינען די דייטשן אַוועק־געפאָרן און חיה׳לען מיטגענומען מיט זיך. שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה, האָט מען זי געטראָפן אַ דריי מייל פון זאַמאָלאָדיטש אַ דערשאָסענע. די דייטשן האָבן זי, ווייזט אויס, פריער געשענדעט, ווייל מען האָט געפונען אַזוינע סימנים אויף איר . . .

איר חתן, יאָסל דער מאַריאַנקער, האָט מען דערציילט אין קלייטל ביי אַנדרעי׳ן, האָט דערשאָסן אויף טויט מיראָנ׳ען דעם פּאָליציאַנט, ווען יענער האָט געוואָלט כאַפּן חיה׳לען בשעת דער אָבלאַווע אין וואַלד. גע־כאַפּט האָבן זי אַנדערע פּאָליציאַנטן, און יאָסל איז אַנטלאָפן.

פּאַלאַשקאַ האָט אויך דערציילט, אַז דער סאָלטיס פון ליובען זוכט אַרום פּסח׳ן ווי מיט ליכט. דאָס גאַנצע דאָרף ווייסט שוין, אַז פּסח מיט סאָניע׳ן זיינען די זעלבע נאַכט געוועז אין ליובען, און געקלאַפּט אין סטעפּאַנ׳ס, אין קיריל׳ס, אין קאָטשעוואַנ׳ס פענצטער, און זיך געבעטן, אַז מען זאָל זיי אַריינלאָזן.

***

פּסח האָט זיך געשושקעט מיט פּאַלאַשקע׳ן, זי געבעטן אַכטונג געבן

אויף זיין סאַניע'ן, און דערפאַר . . . וואָס אַזוינס קאָן ער איר שוין געבן דערפאַר ?

— אָבער דערפאַר, פּאַלאַשקאַ, וועסט שוין זען. ס'וועט ווערן בעסער. ס'מוז ווערן בעסער. און אַז ס'וועט ווערן בעסער, וועל איך דיר אָפּצאָלן טויזנט מאָל אַזוי פיל.

ענטפערט זי אים שוין גאָרניט דאַרויף, נאָר זי גיט אים אין וועג אַריין אַ זעקעלע מיט געבראָטענע קאַרטאָפליעס, עטלעכע ציבעלעס, מיט אַבי־סעלע זאַלץ . . .

נחיקע מיט די צוויי ווייסע גענז . . .

מען האָט נאָך העט פריער זיך אָפּגערעדט, אַז אין פאַל מען וועט זיך מוזן צעלויפן אין אַן אַבלאַוועג, זאָלן די אַלע וואָס וועלן בלייבן לעבן זיך טרעפן אין אַן אַנדער וואַלד, ניט ווייט פון די האַליער כוטאָרס.

און אין וואַלד לעבן די האַליער כוטאָרס, האָט פּסח טאַקע געטראָפן די לעבן־געבליבענע: יאָסלען, לייזער'ן, נח'קען, שלמה'ן, איסר'ס זון און רבקה, זעליק'ס טאָכטער . . .

איידער פּסח איז אָנגעקומען, איז נאָך יעדער איינער געווען פול מיט האָפענונגען . . . אפילו יאָסל האָט געזען, ווי די אוקראַינער פּאָליציאַנטן האָבן אַ כאַפּ געטאָן זיין חיה'לען, נאָכדעם ווי ער האָט דערשאָסן מיראָנ'ען, אָבער דאָך געהאָפט, אַז זי האָט זיך ערגעץ אַרויסגעריסן, און אָט באַלד וועט זי אָנקומען אַהער, אויפן אָפּגערעדטן פּלאַץ. אַזוי האָבן אויך גע־האָפט שלמה און רבקה . . .

ער האָט זיי דערציילט, פּסח, גאָרניט פאַרהוילן. אַלץ וואָס פּאַלאַשקאַ האָט אים איבערגעגעבן האָט ער דערציילט . . .

***

יאָסל האָט זיי געפירט קיין מאַריאַנקאַ. דאָרט גלייך לעבן וואַלד וואוינט אַ פּוילישער פּויער, פּאַקולע הייסט ער, איינער פון די גאָר גוטע מענטשן וואָס זיינען דאָ אויף דער וועלט, וועט מען ביי אים איבערנעכטיקן, און דערנאָכדעם וועט מען שוין זען וואָס ווייטער צו טאָן.

האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין. געגאַנגען אין יאוש און אין טיפער מרה שחורה . . . און די נאַסע גראָזן אויף וועלכע זיי האָבן געטראָטן,

און די רויע קעלט, וואָס האָט זיי דורכגענומען דורך און דורך, און די גאַנצע וויסטע נאַכט אין וואַלד, איז אויך געווען גאָלע יאוש און מרה־שחורה...

בח׳קע האָט זיך אומגעטראָגן מיט זיינע צוויי געננז. ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי. איינגעשטעלט זיין לעבן יענע נאַכט, און אַוועק קיין האַליא גלייך צו זיין געוועזענעם באַלעבאָס נאָך די געננז, און דאָ קומט ער צוריק צום סאָסנאָווער וועלדל, און די זעמליאנקע איז איינגעוואָרפן, און אויף דער ערד וואַלגערן זיך קעסעלעך, שיסעלעך, קליידער, איסר׳ס טלית, און ער האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס ס׳איז געשען. און ווען ער איז געקומען צום וואַלד אין די האַליער כוטאָרס, וואו מען האָט זיך אָפּגע־רעדט נאָך פריער, איידער ער איז אַוועק אויף זיין עקספּעדיציע, אַז טאָמער אין פאַל פון אַן אַבלאַווע, זאָל מען זיך טרעפן דאָרטן, איז שוין קיינעם גאָרניט געלעגן אינזינען זיינע געננז. אָבער אַוועקוואַרפן קאָן ער זיי שוין אויך ניט, טראָגט ער זיך אום מיט די געננז, און איז געוואַלדיק אין כעס אויף זיי.

רבקה האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, זיך אָנגעכאַפּט ביי אַ בוים, און זיך באַנייס צעוויינט. האָבן זיך שוין אַלע אויך געמוזט אָפּשטעלן צוליב איר, און אויסוואַרטן ביז זי וועט זיך אויסוויינען. און אַז זי האָט שוין מערער ניט געהאַט קיין טרערן, האָט זי גערעדט. מיט אַ נוסח האָט זי גערעדט און אויסדערציילט יעדן איינעמס גוטע מעלות... און אַז זי איז געקומען צו איר אינגסטער שוועסטער, צו דער זעלטענער שיינער חיה׳לען, האָט זי זיך אָנגעהויבן קלאַפּן מיט ביידע פויסטן אין קאָפּ אַריין און שרייען:

— ווי, ווי, אידן!

רבקה איז געווען עלטער פון איר שוועסטער חיה׳לע מיט צוויי יאָר. זי איז אויך ניט געווען קיין שפּעטנע, אָבער צוליב איר זעלטן שיינער שוועסטער, האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעזען. די עלטערן האָבן זי אומיסטנע אַוועקגעשיקט צו אַ מומען אין סאָסנאָוויץ, אפשר דאָרטן, ווייט פון דער זעלטענער שיינער שוועסטער, וועט זי קאָנען צוקומען צו אַ שידוך.

אָבער גלייך זיינען די נאַציס אַריין, און זי האָט זיך געמוזט אומקערן צוריק אין דאָרף צו די עלטערן. מיט חיה׳לען האָט זי קיינמאָל ניט גע־לעבט בשלום. זי האָט זי אָפּטמאָל געפּאַטשט, און ביטער געפּאַטשט. און דערפאַר איצטער, איז איר ווייטאָג נאָך גרעסער, וואָס זי האָט זיך מיט אַזאַ שיינער שוועסטער געקריגט און געפּאַטשט, און געווען זייער שלעכט צו איר.

און יאָסל, אקוראַט ווי ער האָט שוין אינגאַנצן ניט געהאַט קיין כלה, וואָס איז געווען אַזאַ גרויסע יפת־תואר. בלויז דאָרטן, ביי די האַליער

כּוטאַרס, ווען פּסח האָט אים דערציילט די נייעס, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעכן רעווען, ווי אַן אָקס וואָס דערפילט דעם מעסער פון שוחט אויפן האַלדז... איצטער שווייגט ער. נאָר ער שפּאַנט פאַראויס, גיך, גיך, און אַלע מוזן אונטערלויפן כּדי אײַנגאָנצן ניט אָפּשטיין פון אים.

אָנקומענדיק מיטן וואַלד קיין מאַריאַנקאַ, האָט יאָסל געהייסן אויס־וואַרטן, און אַליין פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן די בוימער. אין אַ פערטל שעה האָט ער זיך אומגעקערט און אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז טוב, חברה.

***

און דאָרטן, אינעווייניק, ביים פוילישן פויער פּאַקולע אין הויז, האָט מען געהאַלטן באַקן ברויט אין אויוון, און דער דאַזיקער געשמאַקער אַפּע־טיט־רייצנדער ריח, האָט אַלעמען דערמאָנט, אַז די וועלט איז נאָך אַ וועלט...

האָט רבקה באַנייס געוויינט, ניט אויף אַ קול, נאָר אין זיך, און שלמה, איסר'ס זון, האָט אויך געוויינט אין זיך, און יאָסל? יאָסל'ס אויגן זיינען געווען אַזוי האַרט, אַז פּסח האָט אים גאַרניט דערקענט. אַזאַ מער־דערלעכע האַרטקייט אין זיינע קאַרע אויגן, וואָס האָבן פאַר דער אַבלאַווע אויסגעקוקט אַזוי גנבה'ש־פריילעך.

און דער פוילישער פויער פּאַקולע, אַ באַרוועסער אין אַ צעכראַסטעט העמד, פון וואַנעט ס'האָט זיך אַרויסגעזען זיין שטאַרקע מאַנסבילשע ברוסט באַוואַקסן מיט גרויע הערעלעך, האָט ווי אַ גוטער טאַטע געטרייסט די מיט־קעלט־און־מיט־פאַרצווייפלונג דורכגענומענע דאַכלאָזע, און געברומט צו זיי מיט זיין גערדיכטער מענערשע שטימע:

— פּשים שוויטאַם זאַוושאַ טשעמנאַ (פאַרן פרימאָרגן איז שטענדיק פינצטער). ס'וועט נאָך קומען דער פרימאָרגן, ס'וועט ווערן ליכטיק. מיר וועלן זיי איבערלעבן, מיינע פריינט.

ער איז געווען אַן אַלמן, פּאַקולע. זיין פרוי איז אים געשטאָרבן מיט צוויי יאָר צוריק, און איבערגעלאָזט אויף זיינע הענט פיר קינדערלעך. זיינען די דריי אינגסטע קינדערלעך שוין געשמאַק געשלאָפן אויפן פּעקליק. דאָס עלטסטע, אַ מיידעלע פון אַ יאָר 13, וואָס האָט געהייסן קאַסיאַ, אַ בלאָנדע, אַ שטרענגע אַזאַ, מיט ערנסטע אויגן פון אַ דערוואַקסענער, איז נאָך ניט געשלאָפן. זי האָט דאָס געבאַקן דאָס ברויט.

ס'האָט שטאַרק געצויגן צום שלאָף, ווי נאָר מען איז אַריינגעפאַלן פון וויסטן בלינדן וואַלד, פון דער רויער פייכטער קאַלטקייט, אין דער וואַ־

רעמער ליכטיקער שטוב מיטן ריח פון פריש־געבאַקן ברויט. נח׳קע, וואָס האָט איבערגעלאָזט זיינע צוויי גענז אין קאַמער, האָט זיך גלייך אַ וואַליע געטאָן אויף דער ערד, ווי נאָר ער האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל, און שוין גאָרניט געוואָלט וויסן, נאָר שלאָפן.

פסח האָט זיך מורא געהאַט צוזעצן אויף דער באַנק, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ווי באַלד ער זעצט זיך צו אויף דער באַנק, אַזוי גלייך ווערט ער אַנטשלאָפן. און דאָ דאַרף ער רעדן מיט פּאַקולע׳ן מכּוח געווער. שטייט ער אָנגעשפּאַרט צו דער וואַנט און וואַרט ביז דער פויער וועט פאַרטיק ווערן מיט אויסבעטן די שטוב מיט שטרוי, וואָס ער האָט אַריינגענומען פון דער סטאָדאָלע.

אָבער עפּעס איז געשען צו אים, וואָס ער האָט דאָס גאָרניט געקאָנט כאַפּן. אָט, דאַכט זיך, איז ער געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, און אָט ליגט ער שוין גאָר אויסגעצויגן אויף דעם שטרוי, און איידער נאָך ער כאַפּט זיך וואו ער איז, טוט ער זיך פלוצלונג אָפּ.

אַלע זיינען שוין געשלאָפן, ליגנדיק אויף דער אויסגעבעטער שטרוי. אַזאַ כּוח האָט שוין געהאַט די גוטע, גוטע וואַרעמקייט אין שטוב, אַזש ס׳האָט פּשוט לויז געמאַכט די ביינער, פאַרטויבט די חושים, און מען איז אַוועקגעפאַלן.

נאָר יאָסל האָט ניט געקאָנט שלאָפן. אַ ביטערער יאָסל געוואָרן. ביטער צו זיין אייגענעם גוף. ער האָט שוין אפילו אין שטוב ניט געקאָנט איינזיצן, און אַרויס אינדרויסן. עמיצער דאַרף במילא אַרויסגיין אויף דער וואַך, וועט ער שוין אַרויסגיין.

און פּונקט ווי די וויסטע פינצטערע אינדרויסן, און די אומ׳ברחמנות׳־דיקע קאַלטע נעץ וואָס ציט פון דער ערד, פון וואַלד, פון דעם בלינדן הימל, אַזוי שוין דאָס לעבן פאַר יאָסל׳ען. זאָל ער כאָטש געפינען איין גוטע פינטעלע זיך אָנצוכאַפּן. ס׳איז שוין ניטאָ אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. נאָר דער כּעס אין האַרצן, וואָס גיט נאָך כּוח צו לעבן. אַזאַ שלעכטער כּעס נעמט אים דורך, אַז די שפּייעכץ אין מויל ווערט אַזש ביטער. ער שפּייט און שפּייט, און פילט נאָך אַלץ, ווי צו שפּייען. ער הויבט זיך אויך אָן צו שילטן. שעלט די וויסטע, פינצטערע נאַכט און דעם בלינדן גורל . . .

אַ, וואָס?

געטעו, וואו זיינען יאָסל׳ס טאָטע מיט זיין משפחה, האָט פּאַקולע ניט גע־וואוסט, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז זיי געפינען זיך ערגעץ פּאַרבאַהאַלטן אין רוזשאַנקער וואַלד, נאָך מיט אַ סך אידן. יאָסל׳ס אינגסטער ברודער יוחנן, איז אייערנעכטן געווען ביי אים אין הויז, און געבעטן אים, פּאַקולע׳ן, ער זאָל פּאָרן קיין וולאָדעווע און איינקויפן פאַר אים אַ פלאַש יאָד, וואַטע, און מערליע פאַר באַנדאַזשן, און קעסטעלעך מיט זאַלבן צו וואונדן. איז ער געפאָרן, פּאַקולע, אין וולאָדעווע און איינגעקויפט די אַלע דאָזיקע זאַכן, און ער וואַרט איצט, אַז יוחנן זאָל דאָס קומען זיי אָפּנעמען. און געוויינלעך קומט יוחנן פאַר האַלבער נאַכט. אָבער אַזוי ווי ס׳איז שוין איצטער באַלד טאָג, וועט ער שוין, הפּנים, ניט קומען. איז זאָלן זיי וואַרטן, די חברה, אויף מאָרגן ביינאַכט. זאָלן זיי אַוועק צוריק אין וואַלד, איידער נאָך ס׳ווערט ליכטיק, און אויסוואַרטן אין וואַלד ביז נאַכט און דערנאָכדעם קומען ווידער אַמאָל צו אים אין הויז.

אַזוי האָט פּאַקולע גערעדט צו פּסח׳ן, וואָס האָט זיך פּאַרט אויפגע־ריסן פון שלאָף. און וועגן געווער האָט פּעקולאַ געזאָגט, אַז ער האָט זיין ביקס אַוועקגעגעבן גדליה׳ן, יאָסל׳ס צווייטן ברודער. אָבער ס׳איז דאָ גענוג ביקסן ביי די פּויערים. פאַר האָבן דאָס מינדסט שטיקל געווער, איז טויט־שטראָף ביי די דייטשן. דעריבער פאַרבאַהאַלטן די פּויערים זייער געווער אין דער ערד, און זיי טוען גאַרניט אויף מיט דעם, נאָר ס׳זשאַווערט ביי זיי. דאַרף מען פּשוט אויסטראַכטן אַ גוטן פּאָרטל ווי אַזוי דאָס אַרויס־קריגן ביי זיי. אפשר פּשוט מיט כּוח. ער וועט זיך פריער דערוויסן, פּעקולאַ, געטעו, ביי וועמען פון די פּויערים ס׳זיינען דאָ ביקסן.

אָבער מען דאַרף אויפוועקן גלייך די חברה, איידער ס׳ווערט ליכטיק. אינדערפרי פאָרן פאַרביי פּויערים דורך זיין הויז, דעריבער איז אַ סכּנה דאָ צו בלייבן. און ס׳איז ניט געווען שווער אויפצואוועקן די חברה. זיי זיינען אַלע כּמעט געלעגן האַלב וואַך, האַלב אין שלאָף און זיך געהאַלטן אין איין קראַצן.

די ערשטע שעה, האָט דער גרויסער כּוח פון וועלן שלאָפן, פאַרטויבט אפילו דאָס שרעקלעכע בייסעניש אין דער הויט. ערשט אין דער גרוי־סער וואַרעמקייט זיינען זיי געוואָרן גוואַלדיק אַקטיוו די באַשעפענישן, וואָס פלאָדיען זיך ווען דער גוף איז ניט געוואַשן, און ווען די אונטער־וועש איז נישט געביטן שוין כּמעט צוויי וואָכן, און דאָ שלאָפט מען נאָך אין אָנטאָן.

נאָר נח'קען האָט גאָרניט געאַרט די בייסעניש. ער איז געשלאָפן מיט תאווה, מיט עקסטאז. אויף זיין ניט געגאָלט פנים, האָט געשפּראָצט אַ שוואַרץ שטעכיק בערדל, אַ פּאַר'עקשנ'ט, פּאַרריסן בערדל, און אין שלאָף, קעגן דער שיין פון קעראָסין לאָמפּ, האָט דאָס אויסגעזען, ווי אַ בערדל פון איינעם אַן אָפּשפּעטער.

מען האָט אים ניט געקאָנט צעוועקן, אפילו ווען מען האָט זיך אַנידער־געזעצט ביים טיש עסן דאָס פרישע ערשט אויסגעבאַקענע קאָרענע ברויט, מיט הייסן פעטן באָרשטש. פסח האָט אונטערגעטראָגן אַ שטיק באַך וואַ־רעם ברויט, גלייך אונטער נח'קעס נאָז. אָבער די נאָז האָט שוין אויך בעסער געוואָלט שלאָפן, און ס'האָט איר ניט געאַרט דער גוטער פרישער רייצנדיקער ריח.

רבקה'ן האָט אויך ניט געאַרט דאָס פריש־געבאַקענע ברויט, דער וויניקער פעטער באָרשטש. בלויז אַ פּאָר לעפל האָט זי פּאַרזוכט און מער שוין ניט געקענט.

שלמה אָבער, איסר'ס זון, האָט געגעסן און געוויינט. געטונקען שטי־קער ווייכע ברויט אין הייסן פעטן באָרשטש, און געשלונגען זיי גאַנצע שטיקער, און פון זיינע אויגן האָבן טרערן געגאָסן.

און נאָכדעם, ווען מען האָט געדאַרפט זיך אַרויסלאָזן אינדרויסן, האָט מען ווידער נח'קען ניט געקאָנט צעוועקן. מען האָט אים געריסן ביי די הענט, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. מען האָט אים געהויבן דעם קאָפּ, אָבער דער קאָפּ, ווי ער וואָלט ניט געווען קיין לעבעדיקער, איז פון זיך אַליין גלייך צוריקגעפאַלן צו דער ערד.

האָט אים פסח אָנגענומען ביי די הענט, און יאָסל ביי די פיס און אים גענומען טראָגן צו דער טיר. האָט זיך זיין קערפּער געלאָזט טראָגן, און געשלאָפן בשעת מעשה אַזוי געשמאַק, ווי פריער.

ערשט ווען נח'קע האָט דערפילט אין דרויסן די דורכנעמענדיקע פייכטקייט, האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף, ווי אַן אָפּגעבריטער:

— אַ, וואָס?!

דאָס קליינע פּאַסטוכל

ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ סאָסנאָווע וועלדל, אַ קילאָמעטער פון פּאַקולאָ'ס כוטאָר, איז שוין די נאַכט איינגאַנצן אַוועק. אין דער ליכ־טיקייט פון נייעם טאָג, האָבן זיי דערזען, אַז רבקה'ס האָר זיינען איינגאַנצן

גרוי. ערשט נעכטן זיינען זיי געווען גאַלע שוואַרץ. איבערנאַכט איז זי גרוי געוואָרן.

ס׳האַט זיך געריסן פון מזרח אַ גינגאַלדענע ליכטיקייט פון צווישן די וואָלקנס. לייזער האָט געזאָגט, אַז ס׳וועט אויפגיין זייער אַ שיינער טאָג.

אָבער איידער דער טאָג וועט אויפגיין אַ שיינער, האָבן דערווייל אַלע געציטערט פון דער גאָר עסעדיקער פרימאָרגן־קעלט . . .

פּסח האָט גענומען מיט זיך יאָסלען, וואָס האָט געהאַט אַ רעוואָלווער, און די איבעריקע איבערגעגעבן אויף נח׳ס קאָמאַנדע. אים אָנגעזאָגט, אַז ס׳וועט ווערן נאַכט, און אויב ער און יאָסל קערן זיך ניט אום, זאָלן זיי אַליין אַוועק צו פּאַקולע׳ן. און אויב מען וועט זיך טרעפן מיט יוחנ׳ען, זאָלן אַלע מיט אים אַוועק אַהינצו, וואו זיין משפּחה געפינט זיך. נאָר זאָל יוחנן אויסמאָלן פּאַקולע׳ן דעם אָרט, וואוהין ער פירט זיי אַוועק, וועט ער שוין מיט יאָסל׳ען אַליין דערנאָכדעם אָנקומען.

ער, פּסח, מיט יאָסלען זיינען אַוועק קיין ליובען צו נעמען די ביקס ביי סטעפּאַנ׳ען. מיט געוואַלד וועט שוין פּסח ביי אים זי צונעמען, אפילו אַז מען וועט דאַרפן אים דערשיסן.

גייענדיק מיטן וואַלד זיינען זיי פאַרקראָכן אין אַ ווילדערניש, וואו ס׳זיינען געוואַקסן אוראַלטע ביימער. דאָרטן האָבן זיי דערזען אַ טורעם, געמאַכט פון ברעטער און קלעצער. דער טורעם איז שוין געווען אַ צעפוילטער.

יאָסל האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ טורעם דאָס איז. אין די דאָזיקע ווילדערנישן פלעגט דער כראַביע זאַמאָנסקי, צו ווען ס׳האָט אַמאָל געהערט דער וואַלד, אויף מיילן און מיילן אַרום, אַרויספאָרן מיט זיינע פריינט, די פריצים מיט די פריצ׳טעס און פונעם טורעם צוקוקן, ווי דער יאָגד גייט צו.

יאָסל און פּסח זיינען אַרויפגעקראָכן סאַמע פון אויבן, און פון דער הויכקייט האָבן זיי געקאָנט זען, דאָ און דאָרט, פּאַסטוכער מיט זייערע טשערעדעס אויף די בערגלעך צווישן די פעלדער. אויף די בערגלעך האָט מען נאָך ביז טיף אין האַרבסט, געקאָנט פּאַשען די טשערעדעס.

און פּסח׳ן איז איינגעפאַלן, אַז נאָר ביי די פּאַסטוכער קאָן מען זיך דערוויסן וואו די פּליעניקעס געפינען זיך. ווייל אויב ס׳געפינען זיך דאָ אין דעם געגנט פּליעניקעס, איז די ערשטע פאַרבינדונג, וואָס זיי וועלן מאַכן, וועט זיין מיט פּאַסטוכער.

ביים ראַנד פון יונגן נוסן־בוים וועלדל, זיינען פּסח און יאָסל געבליבן שטיין און באַטראַכט פונדערווייטנס דעם יונגן פּאַסטוך, וואָס איז

געזעסן אויף אַ שטיין און געקייט מיט גרויס פּאַרטיפונג אַ שטיק ברויט.

פּסח האָט אים גלייך דערקאַנט. דאָס איז געווען סאַשקע, אַ אינגל פון צוועלף אָדער דרייצן יאָר, וואָס זיין טאַטן און ברודער האָבן די דייטשן פאַראַיאָרן זומער אויפגעהאַנגען אויף די טעלעגראַף סלופּעס פאַר ניט צושטעלן זייער קאָנטינגענט.

ער איז געווען אַנגעטאָן אין זיין טאַטנ׳ס, צי זיין ברודער׳ס, געלבלעכער בורקע, און אין אַ שמויסענער שוואַרצער קוטשמע, צו גרויס אויף זיין קאָפּ, און אין פּאָסטילעס אַנגעקליַיפּטע מיט אַ סך בלאָטע.

דער הונט, מיט אַ פאַרגראַזנעטער געלער פעל, אַ געפאַקטער, האָט ניט דערשפּירט, ווייזט אויס, אַז פרעמדע מענטשן געפינען זיך דאָ ניט ווייט. ער איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אין צוקוקן, ווי דער באַלעבאָס זיינער קייעט דאָס שטיק ברויט, און געוואַרט אויף מזל: אפשר וועט גאָט העלפן, און ס׳וועט אַראָפּפאַלן אַ ברעקל אויף דער ערד, וועט ער דאָס שוין גלייך צורעכט מאַכן. אָבער דער קליינער פּאַסטוך האָט שוין געזען, אַז קיין ברעקל זאָל ניט אַראָפּפאַלן. לאַנגזאַם האָט ער געקייט דאָס ברויט, זייער לאַנגזאַם, מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן.

איבערן בערגל זיינען געווען צעשפּרייט די קי, די שעפּעלעך, מיט פאַרבלאָטיקטע פּיס און פעלן, און געצופּט די פאַרברוינטע, פאַרגעלטע גראָזן, וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן, אפילו נאָכדעם, וואָס ס׳זיינען אָנגעקומען די האָבסטיקע קעלטן . . .

ווען דער הונט האָט סוף-כל-סוף דערשמעקט די פרעמדע מענטשן און אָנגעהויבן בייז צו וואַרטשען, האָט דאָס פּויערל אין פחד גלייך פאַרבאַהאַלטן דאָס שטיק ברויט זיינס אין דער טאַרבע, און געקוקט מיט אַ שאַרף-מאָגער פּנים׳ל צו דער ריכטונג, פונוואַנעט די צוויי פרעמדע מענטשן זיינען אָנגעקומען.

און אַז די דאָזיקע צוויי הויכע בחורים זיינען צוגעקומען נעענטער, האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן, גלייך דערקענט אין איינעם פון זיי דעם אידישן בחור פּסח׳ן, וואָס איז געווען אַ פּאַסטוך ביי סטעפּאַן ראַגאָוואָי.

— אַ גוטער טאָג, און זאָל אייך גאָט העלפן, — האָט דאָס אינגל אויסגעזונגען פריילעך זיין באַגריסונג אויפן אוקראַאינישן נוסח.

— אַ גוטן טאָג דיר אויך, סאַשקע, — האָט אים פּסח באַגריסט אין דעם זעלביקן צוזינג. — איך וויל מיט דיר ריידן זייער ערנסט. דו ווייסט דאָך, אַז מען הענגט אונז, אידן, אויך, נאָך מער פון אייערע אוקראַאינער. ווען מיר ווייסן, וואו די פלעניקעס געפינען זיך, וואָלטן מיר זיך פאַר-אייניקט און צוזאַמען נקמה גענומען פון די האַידוקעס (שלענג).

האָט ער געטראַכט, סאַשקע. ס׳איז אים געווען זייער פּײַנלעך. מען האָט אים, הפּנים, אָנגעזאָגט, ער זאָל קיינעם ניט דערציילן, און דאָ, ווילט זיך אים אַזוי שטאַרק דערציילן.

— זיי זײַנען שוין ניטאָ אין דעם געגנט, — האָט ער סוף־כּל־סוף יאָ דערציילט, — זיי זײַנען אַוועק אין די פּאַרצעווער וועלדער.

— פונוואָנעט ווייסטו ?

— עפּעס מענטשן האָבן גערעדט, — קראַצט ער זיך הינטער דער קוטשמע, און קוקט אויף פּסח׳ן מיט טאַמעוואַטע אייגעלעך.

— סאַשקאָ ! — מאַכט צו אים פּסח מיט האַרציקייט, — מוזט זײַן צו מיר אָפן און אמת׳דיק, ווײַל איך בין אַ איד, און די נאַציס ווילן צו מיר טאָן, פּונקט ווי מען האָט געטאָן צו דײַן טאַטן און דײַן ברודער. צי געדענק איך דען ניט, ווי אַזוי זיי זײַנען געהאַנגען פאַר די אויגן פון גאַנצן דאָרף, און מיר האָט דאָס בלוט געקאָכט פון כעס, און איך האָב זיך דעמאָלט געשוואוירן, אַז לאָז נאָר קומען די צייט, און איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט זיי.

האָט דאָס פּאַסטוכל אָנגעהויבן פּינטלען מיט די אויגן. ס׳האָבן אַ שפּריץ געטאָן טרערן, אָבער ער האָט זיי גלײַך פאַרהאַלטן. זײַן פּנים׳ל איז געוואָרן גוואַלדיק ערנסט און ער האָט אַ זאָג געטאָן זייער אין דער שטיל:

— צוויי פון זיי זײַנען דאָ געווען מיט אַ חודש צוריק און מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב ס׳וועלן זיך אַרויסיאָווען פון וואַלד פאַרבלאָנדזשעטע פּלעניקעס, זאָל איך זיי זאָגן גיין אין די פּאַרצעווער וועלדער, וואו פיאָדאָר געפינט זיך.

— פיאָדאָר ? — פאַרשטייט ניט פּסח, — וועלכער פיאָדאָר ?

— זייער אַטאַמאַן, — מאַכט ער טאַמעוואַטע.

— האָסט אים ווען עס איז געזען ?

— איין מאָל געזען, — צעברענען זיך זײַנע אייגעלעך.

— ווי אַזוי קוקט ער אויס ?

— הויך, שטאַרק, דרייסט, און גוט, — שמייכלט ער.

האָט שוין פּסח פאַרשטאַנען, אַז דאָס טאַמעוואַטע פּאַסטוכל, איז געווען די גאַנצע צייט דער פאַרבינדלער צווישן די פּלעניקעס און געוויסע פּויערים פון דאָרף, און ער טוט אַ פרעג כּלומרשט כיטרע:

— אָט, למשל, ווען ס׳קומט מיר אויס אין אַ גרויסן פראָסט בײַנאַכט זיך בעטן אַרײַן אין אַ הויז, אַ וועלכער פּויער אין דאָרף, דענקסטו, וואָלט מיך אַרײַנגעלאָזט ?

— סעמען בריניק, — ענטפערט יענער סודות׳דיק.

וואונדערט זיך פּסח, מחמת סעמען בריניק איז דעם סאַלטיס׳עס אַ ברודער, און איז שטענדיק זייער חניפה׳דיק צו די דייטשן.

— און ווער נאָך װאָלט מיך אַריינגעלאָזט ? — פרעגט אים פּסח ווידער.

רופט ער אָן נאָך דריי פּויערים, צוויי פּוילישע און איינעם אַן אוקראַי־נער, וואָס פּסח קאָן זיי אַלס אָרעמע פּויערים, שטילע און דערשלאָגענע . . .

הענט אין דער הויך, באַלעבאָס . . .

ניט ווייט פון סטעפּאַנ׳ס הויז, געפינט זיך אַ ראָוו באַוואָקסן פוןביידע זייטן מיט קליינע בוימלעך. דאָרטן, אין ראָוו, זיינען יאָסל און פּסח געלעגן פאַרבאַהאַלטן ביז די זון איז אַראָפּ, און אַז די זון איז אַראָפּ, האָט זיך פּסח געלאָזט אָן יאָסל׳עו.

פּסח ווייסט שוין זייער גוט די גאַנצע רוטינע פון אַרבעט ביי זיין געוועזענעם באַלעבאָס. ער ווייסט, אַז איצטער בשעת דער טאָג גייט אַוועק, איז סטעפּאַן אין שטאַל און מעלקט די קי. דער עיקר דאַרף מען אים פּאַקן אומגעריכט.

דער הונט איז אויך געווען אין שטאַל מיט זיין באַלעבאָס, אָבער גלייך דערשמעקט פּסח׳ן און איז אַרויסגעלאָפן מיט גרויס פרייד.

— אַי, דו, אַז, סוקין סין, אַזוינער און אַזוינער, — רעדט צו אים פּסח ליבלעך, און יענער שפּרינגט אים אַנטקעגן און קאַוואוטשעט פון גרויס תענוג.

סטעפּאַן, אין דער שיין פון אַ לאַמטערן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, איז געזעסן אויף אַ דיק, קורץ קלעצל, און זיינע פינגער האָבן זייער פלינק אויסגעקוועטשט דינע שטראָמען מילך פון אַ קו׳ס אייטער אין בלע־כענעם עמער אַריין.

— הענט אין דער הויך, באַלעבאָס! — האָט זיך פּסח אָנגערופן צו אים דווקא ליבלעך.

— אַ, וואָס ? — האָט ער זיך אַ דריי געטאָן אין דער גיך.

— הענט אין דער הויך!!!

— ס׳איז דו, פּסח! — האָט דער שטענדיק זיכערער, שטאַרקער, כיט־רער סטעפּאַן אָנגעהויבן צו ציטערן מיט אַלע אברים, און אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך, — וואָס האָסטו צו מיר ?

— צו דיר האָב איך גאָרניט, — האָט פּסח געענטפערט געלאַסן, —

אָבער איך דאַרף דיין ביקס.

— האָסט דאָך אַ רעוואָלווער, — איז שוין סטעפּאַנ׳ען אַביסל אָפּגעגאַנגען דער שרעק.

— איך דאַרף אַ ביקס, — האָט פּסח געענטפערט נאָך אַלץ רואיק.

— און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל דיר ניט געבן ? — האָט ער האַלב תקיפ׳דיק, האַלב שפּאַסנדיק אַ זאָג געטאָן.

— וועל איך דיר אַריינזעצן אַ קויל אין האַרצן אַריין, — האָט פּסח געענטפערט געוואַלדיק קלאָר און דייטלעך.

און דער הונט, אַז, פאַרשטייט נישט וואָס ס׳קומט דאָ פאָר. ער דערשפּירט גלייך מיט זיין שאַרפן הינטישן חוש, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, אָבער ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן. ער האָט געבענקט די גאַנצע צייט נאָך דעם פּסח׳ן, פּונקט ווי ער פלעגט בענקען נאָך סטעפּאַנ׳ען ווען יענער איז אָפּגעפאָרן אויף אַ צייט פון דער היים. און דאָ עפּעס צווישן זיי ביידע, זעט ער, קומט פאָר גאָרנישט קיין אָנגענעמע זאַך. וואָרטשעט ער אין זיך און האָט גרויס צער.

— וועט זיך דיר לייגן די הענט צו שיסן דעם, וואָס האָט דיר געגעבן עסן און טרינקען, און דיך געהאַלטן אין הויז, ווי אַן אייגענעם זון ? — האָט סטעפּאַן גערעדט מיט אַזאַ לייטישקייט און ערלעכקייט.

— בעסער רעד ניט צו מיר וועגן דעם, — איז דאָ שוין פּסח אין כעס געוואָרן, — איך האָב קיין צייט ניט, דערלאַנג מיר די ביקס.

— אָבער איך האָב זי ניט דאָ, — האָט ער געמאַכט כיטרע.

— וואו דען האָסטו זי ?

— פאַרגעסן וואו זי איז.

— גיב איך דיר איין מינוט צייט צו זאָגן ווידוי.

— זי איז אין דער סטריכע, — איז אים שוין קאַלט געוואָרן אין בויך, זעענדיק ווי פּסח איז געוואַלדיק בלאַס געוואָרן, און ווי זיינע אויגן זיינען איינגעשמעלערט געוואָרן, צילעוועדיק זיך אויף אים מיט דער כונה פון טויטן.

— וויז מיר אין אַ וועלכער סטריכע ? — האָט פּסח געזאָגט ברייענדיק שטיל.

— קאָן איך אַראָפּלאָזן די הענט ?

— דו קאָנסט ניט.

אין דער סטריכע פון שטאַל איז געלעגן זיין ביקס. הינטער דעם שטרוי, פאַרשטעקט, זייער אַ באַקוועם פּלאַץ פאַר סטעפּאַנ׳ען. ער האָט זי גלייך געקאָנט האָבן צו דער האַנט, ווען ער האָט זי באַדאַרפט. גע־

דאַרפט נאָר אויסשטרעקן די האַנט און זי אַריינטאָן צווישן די שטרוי. אויף אַ קראָקווע איז זי געלעגן, און נאָענט דערביי אַ טאָרבעטשקע מיט קוילן. פסח האָט אים ניט געלאָזט, ער זאָל אַרויסנעמען די ביקס. אים אויך ניט געלאָזט צו נאָענט שטיין לעבן אים. ער האָט שנעל מיט דער האַנט אָנ־געטאַפּט דאָרטן די ביקס צווישן דער סטריכע, און די טאָרבעטשקע מיט קוילן, און זי ניט אַרויסגענומען, בלויז געהייסן סטעפּאַנ׳ען גיין גלייך אַריין אין הויז . . .

— אָבער אפשר ביזטו הונגעריק? — האָט סטעפּאַן אַ זאָג געטאָן כלומרשט פאָטערלעך, — ווי קאָן איך דיך אַוועקלאָזן אָן דעם זאָלסט אָפּ־עסן ביי מיר.

— איך וויל ניט עסן ביי דיר, — האָט פסח געענטפערט אומגעדולדיק, — און בעסער טו ווי איך הייס דיר. קיין איין וואָרט ניט מער און מאַרש אין הויז אַריין, און זאָלסט זיך ניט דערוועגן אַרויסצוגיין אַ גאַנצע נאַכט. מיר זיינען אַ גרויסע גרופּע אין וואַלד צוזאַמען מיט די פּלעניקעס, און מיר קאָנען נאָך קומען און פאַרברענען דיין הויז . . .

דער שלאָף האָט גובר געווען . . .

ווען פסח און יאָסל זיינען שוין געווען ביי פּאַלאַשקע׳ן אין כאַטע, האָבן פּלוצלונג די קלויסטער־גלעקער אָנגעהויבן קלינגען אַן אַלאַרם. פּאַלאַשקע איז גיך אַרויס אינדרויסן, זיך געלאָזט טיפער אין דאָרף, אויסצוגעפינען, וואָס איז דער אַליאַרם. און אַז זי האָט זיך אומגעקערט אַ ווייל אַרום צוריק מיט זייער אַ שלעכטער בשורה, אַז דער סאָלטיס מאָביליזירט דאָס גאַנצע דאָרף צו זוכן פסח׳ן, האָט זי שוין פסח׳ן ניט געטראָפן אין הויז, און ניט סאָניע׳ן, און ניט יאָסל׳ען.

פסח האָט שוין פאַרשטאַנען צוליב וואָס ס׳קלינגען די קלויסטער גלע־קער און תיכף מיט יאָסל׳ען און סאָניע׳ן אַריין אין וואַלד, וואָס הויבט זיך אָן גלייך הינטער פּאַלאַשקע׳ס פּאָדווירע (הויף).

סאָניע׳ן האָט שוין ניט געדראָזשעט, און איר היץ איז געווען נאָרמאַל, אָבער איר מרה־שחורה האָט נאָך אָנגעהאַלטן. ס׳האָט זי אויך נישט געפרייט, וואָס פסח האָט שוין אַ ביקס. די ביקס וועט שוין איר מאַמען ניט אומקערן. קיין טאַטן האָט זי שוין מסתמא אויך ניט. איינע אַליין גע־בליבן פון איר משפחה. אפילו ניט קיין פעטער, ניט קיין מומע. און דעם

פּעטער׳ס קינדער, וואָס געפינען זיך אין וואָלדעוועך געטאָ, זיינען שוין אויך כמעט ווי אַריינגערעכנט צווישן די ניט לעבעדיקע.

און וואָס זאָל פּסח צו איר רעדן? וואָס אַזוינס זאָל ער איר זאָגן, ס׳זאָל זיין אַ שטיקל טרייסט? דאָס איינציקע וואָס ער קאָן איר זאָגן, אַז זיי וועלן נעמען נקמה. אָט האָט ער שוין אַ ביקס, און יאָסל האָט אַ רע־וואָלווער, און גדליה, יאָסל׳ס ברודער, האָט אויך אַ ביקס. און מען וועט קריגן נאָך געווער, און מען וועט זיך דערשלאָגן צו די פּלעניקעס, וואָס ווערן אָנגעפירט פון איינעם אַ פּיאָדאָר׳ן און מען וועט שוין נעמען נקמה פאַר אַלעמען.

***

שפּעט אין דער נאַכט זיינען אַלע דריי, פּסח און סאָניע און יאָסל אָנ־געקומען צו פּאַקולע׳ס כוטאָר. יאָסל׳ס ברודער, יוחנן, איז נאָך אַלץ ניט געקומען. זיי האָבן געטראָפן אַלע חברה אויף דער ערד אויסגעבעט מיט שטרוי, שלאָפן זייער אומרואיק, מחמת די קריכנדיקע האָבן זיי שטאַרק געביסן און דאָס האָט זייער געפּייניקט דעם שלאָף.

פּסח האָט זיך אויך גלייך אַ וואַליע געטאָן אויף דער ערד. די פּלוצ־לינגנדיקע ווארעמקייט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, אויסגעקושט זיין יעדן דורכגעפרוירענעם אבר, און ער האָט שוין פון גאַרניט געוואָלט וויסן. שוין אפילו ניט געקאָנט הנאה האָבן פון טייערן ביסן, וואָס פּאַקולאַ האָט אים אונטערגעטראָגן: אַ שטיקל געבראָטענס פון בח׳ס גענז.

יאָסל איז שוין אויך געשלאָפן. געשמאַק געשלאָפן. דער שלאָף האָט גובר געווען זיין ביטערניש, זיין גרויסן ווייטאָג.

נאָר פּאַקולאַ איז ניט געשלאָפן, זיך אָנגעטאָן אין זיין פּעלץ, אַרומגע־וויקלט זיינע פיס אין וואַרימע אָניטשעס, אָנגעטאָן די שטיוול און איז אַרויס אינדרויסן האַלטן וואַך.

דאָס טעכטערל קאַסיאַ האָט אויך ניט געקאָנט שלאָפן. געלעגן אויפן פּעקליק לעבן איר ברודערל און צוויי שוועסטערלעך, און געווען פאַר־טראָגן מיט אירע אויערן צום אינדרויסן, דאָרטן וואו איר טאַטע איז געווען.

שפּעטער מיט יאָרן, אויב זי וועט דערלעבן, און ס׳וועט שוין זיין גוט אין פּוילן, וועט זי וועבן אַ לעגענדע וועגן איר טאַטן דעם העלד, און וועגן די אידן, די פּאַרטיזאַנער. אָבער איצטער איז זי הוילער ציטער. זי ווייסט גאַנץ גוט, וואָס די דייטשן טוען פאַר פאַרבאַהאַלטן איין איד, און דאָ איז אַ פולע שטוב מיט אידן.

נאָר שפּעטער איז דער טאַטע אַריינגעקומען, און איז געווען אינגאַנצן ווייס פון שניי. אַ פריצייטיקער שניי . . .

זיי זיינען געווען געוואַלדיק אויסגעמאַטערט, די חברה. דאָס ביסל שלאָף, וואָס זיי האָבן אַריינגעכאַפּט אין זיין הויז, איז ניט געווען גענוג. האָט שוין פּאַקולע ניט געהאַט קיין האַרץ זיי צוריקשיקן אין וואַלד, און נאָך אין אַ שניי, האָט ער זיי איבערגעפירט אין שטאַל.

אין דער שטאַל, טיף פאַררוקט זיך צווישן דעם שטרוי, זיינען די חברה ווייטער געשלאָפן, געשלאָפן דעם גאַנצן טאָג.

און אַז עמיצער פון דער חברה האָט זיך דורכן טאָג אויפגעכאַפּט און דערזען דורך די שפּאַלטן פון שטאַל, ווי די ערד איז ווייס, האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס וואָס מען האָט איבערגעלעבט ביז אַהער, איז נאָך גאָר־ניט אַנטקעגן דעם, וואָס מען וועט ערשט איבערלעבן, ווען ס'וועלן זיך אָנהויבן די אמת'ע פרעסט מיט די גרויסע שנייען. און דעריבער, כל־זמן מען קאָן נאָך אַריינכאַפּן אַביסעלע וואַרעמקייט, אַביסעלע רו, זאָל מען אַריינכאַפּן, און מען האָט זיך טיפער פאַרגראָבן אין דעם שטרוי, זיך איינגעמאַשטשעט, איינגעטוליעט און זיך פאַרטאָן אין אַ שלאָף, וואָס איז שוין ניט געווען קיין שלאָף, נאָר אַ פאַרגעסן זיך . . .

די פיר מאַריאַנקער ברידער־גבורים

ביינאַכט זיינען געקומען צו פּאַקולע'ן — גדליה, שמשון און יוחנן.

פיר זין האָט דער קרעפּטיקער דאָרפס־ייד דער מאַריאַנקער געהאַט: יאָסל, גדליה, שמשון און יוחנן. גבורים זין. אָבער ווען ער איז אַוועק מיט אַ גרופּע אידן זיך באַהאַלטן אין די רוזשאַנקער וועלדער, זיינען מיט־געגאַנגען מיט אים בלויז דריי. יאָסל, ווי מיר ווייסן, איז אַוועק מיט חיה'לען און מיט אירע עלטערן אויף אַן אַנדער באַהעלטעניש.

און אַז מען האָט זיך דערוואוסט אין דער באַהעלטעניש פון רוזשאַנקער וואַלד וועגן דער שחיטה אין זאַמאַלאַדיטש, איז ראובן דער קרעפּטיקער, פאַרהאַרטעוועטער מיטליאַריקער דאָרפס־ייד איינגאַנצן צעבראָכן געוואָרן פון צער. זיין זון, זיין בכור, דער ערשטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין דיך.

גדליה, שמשון און יוחנן, האָבן אָבער בשום אופן ניט געקאָנט שלום ווערן מיטן געדאַנק, אַז זייער עלטערער ברודער איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. ניט יאָסל. יאָסל דער מלך פון אַלע שטאַרקע חברה אין דעם געגנט אַרום און אַרום. יאָסל דער גאָר לעבעדיקער, יאָסל, וואָס

קיינער האָט ניט געקאָנט אַזוי שיין טאַנצן אויף אַלע חתונות און הוליאַנקעס אין די דערפער. יאָסל, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּיסטאָלעט, איידער נאָך די נאַציס זיינען געקומען.

גדליה מיט אַ ביקס, יוחנן מיט אַ ראַקעטניצע, און שמעון מיט אַ גרויס קצב׳יש מעסער, האָבן זיך געלאָזט זוכן יאָסלען. גדליה איז געווען העכער פון אַלע פיר ברידער. אַ שלאַנקער, מיט אַן איידל געשניצט פּנים, מיט אַ ווייכן גאַנג אַזאַ, פּונקט ווי ביי אַ קאַץ. יוחנן, דער אינגסטער, איז געווען דער שטאַרקסטער פון אַלע פיר ברידער. אפילו שטאַרקער פון יאָסל׳ען. אויך אַ הויכער, אָבער זייער אַ ברייטער, אַ שווערער, מיט אַ לאַנגער נאָז און גרויסע אויערן. שמשון איז געווען אַ נידעריקער, מיט אַ מעכטיקן קאַרק. אַ געלער. דער איינציקער געל־האָריקער, צווישן דער גאַנצער משפּחה.

און אַז די דריי ברידער זיינען אָנגעקומען צו פּאַקולע׳ן, און אים געפרעגט צי ער האָט געהערט וועגן דער שחיטה אין זאמאלאדיטש, און צי ווייסט ער עפּעס פון זייער ברודער יאָסל, האָט יענער גאָרניט געענט־פערט, נאָר אַוועק אין שטאַל, און אַריינגעבראַכט אין כאַטע יאָסל׳ען מיט אַלע חברה.

און פאַר יאָסלען האָבן די דריי גבורים ברידער שטענדיק מורא גע־האַט. ער האָט זיי קיינמאָל ניט צוגעלאָזט צו זיך מיט נאָענטקייט, ווי דער שטייגער איז ביי אַ ברודער. זיי האָבן זיך אויף זייער לעבן ניט געהאַלזט און ניט געקושט, און אפילו שלום־עליכם זיך ניט געגעבן.

האָבן זיי זיך איצט אויך ניט געהאַלדזט און ניט געקושט, און אפילו שלום־עליכם ניט געגעבן, נאָר געקוקט אויף אים. געקוקט אויף אים און אים עפּעס ווי ניט דערקאָנט. אַ פאַרביטענער ברודער. זיי האָבן אים קיינמאָל אין זייער לעבן ניט געזען אין אַזאַ אומעט.

מען האָט זיך גלייך געלאָזט אין וועג אַריין. די דריי ברידער האָבן וואָס גיכער, נאָך אין דער זעלביקער נאַכט, געוואָלט קומען אין רו־זשאַנקער וואַלד מיט יאָסלען און דערפרייען זייער טאַטן.

יוחנן מיט דער ראַקעטניצע האָט געשפּאַנט פאַראויס. אויסגעשאָסן אַ פאַר מאָל פון איר צו באַלויכטן דעם וועג. די ראַקעטניצע האָט ער געפונען אויפן פעלד הינטער מאַריאַנקע נאָך מיט צוויי יאָר צוריק, נאָכדעם די פּוילישע אַרמיי איז אַנטלאָפן פון פראָנט. די ראַקעטניצע האָט קיינעם ניט געקאָנט שלעכטס טאָן. מען האָט בלויז געקאָנט ליכטיק מאַכן די פינצ־טערניש מיט איר. אָבער ער האָט זיך שוין געפילט געשטאַרקט צוליב איר. פאַרט אַ כלי־זין און ער האָט אויך געקאָנט אָנשרעקן מיט איר, מחמת ס׳האָט אויסגעזען פונדערווייטנס, ווי גאָר אַ סטראַשנער געווער.

יוחנן אין אַ לאַנגער שוואַרץ־געלבלעכע בורקע, וואָס האָט זיך אים געפּלאָנטערט פאַר די פיס, מיט זייער לאַנגע אויערן, און מיט זיין לאַנגער נאָז, האָט פּונקט ווי אַ האָז געשמעקט דעם וועג. געוואָרפן מיטן קאָפּ אַהין און אַהער און זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, און זיינע נערוועזע געוואַלדיק לעבעדיקע שוואַרצע אויגן, זיינען געלאָפן אין אַלע זייטן.

זייער פאָטער, ראובן דער מאַריאַנקער, האָט געהאַנדלט מיט בהמות, און אַלע פיר ברידער פלעגן אָפּט טרייבן גאַנצע טשערעדעס אויף די יאַרידים אין די פאַרשיידענע שטעט, און זיי האָבן שוין גוט געדאַרפט קענען אַלע שטעגן און וועגן אין די דאָזיקע מקומות, אָבער דער ערשט אויסגעפּאַלענער שניי, האָט צעמישט די גאַנצע אָריענטאַציע. מען איז געגאַנגען און מען האָט ניט געוואוסט וואוהין מען גייט.

און סאָניע האָט שוין קיין כוח ניט צו גיין. פּסח נעמט זי אַלעמאָל אַרום מיט זיין שטאַרקער האַנט, און ער גיט איר אַן אָנשפּאַר. ער גיט איר כוח. אָבער זי גיט אים אויך כוח. טאַקע מיט דעם, וואָס זי שפּאַרט זיך אָן אָן זיין האַנט, און טוליעט זיך צו אים מיט אַזויפיל צוטרוי און גלויבן.

און מען האָט געשפּאַנט אַ גאַנצע נאַכט און אַז ס'איז געקומען דער פאַרטאָג, האָט מען דערזען, אַז מען איז פאַרקראָכן גאָר אין אַ זייט, אַז מען איז גאָר הינטער זאַמאַלאַדיטש, דעם פאַרשאָלטענעם זאַמאַלאַדיטש . . .

גיין איבערן וואַלד ווען ס'איז טאָג האָט מען מורא געהאַט, האָט מען זיך פאַרשטופּט אין אַ געדיכט באַוואַקסענעם סאָסנאָווע וועלדל, און געוואַרט אויף דער נאַכט.

און פון דעם שניי איז געוואָרן בלאָטע, און די נעץ האָט אַריינגעדרונגען דורך אַלע שמאַטעס, און מען האָט געהאַלטן אין איין אונטערטאַנצן, כדי זיך צו דערוואַרעמען. ס'איז געווען געלעכטער אויך. אָט־דער דאָזיקער נח'קע האָט געמאַכט לאַכן אַלעמען. מיט אַזוינע שטאַרק איבערגעטריבענע באַוועגונגען האָט ער אונטערגעטאַנצט, און זיך געבוכטשעט מיט די הענט אין האַרצן אַריין, און מאָדנע צאַרנדיק געקרומט מיטן פּנים.

און אויב אַנדערע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נח'קע ווערט בייז דערפון וואָס מען לאַכט אָפּ פון אים, האָט אָבער פּסח, וואָס קאָן אים נאָך פון וואַרשע, געוואוסט, אַז פאַרקערט, ס'טוט אים גאָר הנאה, וואָס ער קאָן מענטשן מאַכן לאַכן. אפילו ווען ער דאַרף מאַכן פון זיך אַ שלימזל, אַן אומגעלומפּערטן, אַ נעבעכל, אַ מין טשאַרלי טשאַפּלין.

*
**

און כאַטש אַ גליק, וואָס דער טאָג איז איצט אַ קורצער, און ס'איז שנעל צוגעפּאַלן די נאַכט. אָבער מען האָט זיך ניט געלאָזט גלייך צו

דער באַהעלטעניש אין די רוזשאַנקער וועלדער.

מען האָט זיך געלאָזט אויף זייער ערשטער פּאַרטיזאַנישער נקמה־אַקציע. די צוויי ביקסן, וואָס זיי האָבן געהאַט צווישן זיך און דער רעד־וואָלווער יאָסל׳ס, און יוחנב׳ס ראַקעטניצע, האָט זיי געגעבן דעם כוח.

די פּאַר־דער־צייט גרוי־געוואָרענע רבקה איז געלאָפן פאָראויס, מסוכן שנעל, און אַלע האָבן איר געדאַרפט נאָכלויפן. דער שאַל איז אַראָפּ פון איר קאָפּ און געבליבן הענגען אויף איין אַקסל, די האָר אירע זיינען געפלויגן אין ווינט, זי האָט זיך אַלעמאָל אויסגעקערעוועט צו די איבעריקע און גע־מאַכט מיט דער האַנט. אַ גרויס פייער האָט געברענט אין איר, און וואָס מערער זי איז געלאָפן, אַלץ שטאַרקער האָט זיך דאָס צעצונדן.

ווען מען איז אָנגעקומען צום ראָוו, פּאַר זאַמאָלאָדיטש, איז זי די ערשטע אַריבערגעשפּרונגען, און זיך אפילו ניט אומגעקוקט צו די איבעריקע.

זי איז צו צו דער ערשטער כאַטע, און מיט כעס אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. אַן אַלטע אוקראַאינישע פרוי האָט זיך גלייך באַוויזן:

— רבקה, ס׳איז דו? — האָט זיך יענע דערשראָקן.

— יאָ, פּאַראַסקע, ס׳איז איך, — האָט רבקה געענטפערט ביטער, — און איך בין זיך געקומען אָפּרעכענען מיטן גאַנצן דאָרף פאַר מיין טאַטן, פאַר מיין מאַמען, פאַר מיין חיה׳לען, און פאַר אַלע אידן, הינט, האַידוקעס, מערדער, קינ׳ס.

— איך שווער ביי גאָט, רבקה, ס׳איז ניט איך, — האָט יענע אָנגע־הויבן זיך גיך צו צלמ׳ען, — פאַרקערט איך האָב גאָר זייער שטאַרק גע־וויינט, ווען איך האָב צוגעזען.

— דו האָסט געוויינט, אַזוי, — האָט זי געזאָגט מיט גאַל, — איר וועט ערשט וויינען. ס׳זיינען דאָ דייטשן אין דאָרף?

— ניטאָ קיין דייטשן.

— דעם אמת זאָג, פּאַראַסקע.

— איך שווער ביי גאָט.

— און אויב דו זאָגסט ליגן, געדענק זשע, אין וואַלד זיינען דאָ צוויי טויזנט פּאַרטיזאַנען מיט ביקסן, מיט באָמבעס.

— גאָטעניו, יעזוס קריסטוס.

יוחנן האָט אויסגעשאָסן פון דער ראַקעטניצע

מיט די גערטנער האָט זיי רבקה געפירט גלייך צו איר אַמאָליק טאַטנס הויז. און אין די כאַטעס דאָ און דאָרטן, איבערן דאָרף, זיינען פאָרגעקומען שמחה׳לעך. מען האָט געשפילט אויף האַרמאָשקעס און אויף באַלאַלאַיקעס און יונגע פויערים און פויערטעס האָבן געזונגען און געטאַנצט.

און אויך אין איר אַמאָליק טאַטנ׳ס הויז איז איצט פאָרגעקומען אַ הוליאַנקע. דורך די פענצטער האָט מען געקאָנט זען, ווי מען האָפּעט דאָרטן.

גדליה מיט דער ביקס און יוחנן מיט דער ראַקעטניצע זיינען געבליבן אינדרויסן האַלטן וואַך. די איבעריקע האָבן זיך אַריינגעריסן אין הויז.

דאָס ערשטע, וואָס שלמה איסר׳ס זון האָט געזען, איז אַ יונגן פויער אָנגעטאָן אין די שטיוול פון זיין דער׳הרג׳עטן טאַטן.

— אוי, ער טראָגט מיין טאַטנ׳ס שטיוול, — האָט שלמה זיך צעוויינט, — מיין טאַטנ׳ס שטיוול.

פסח האָט דערלאַנגט דעם שייגעץ איבערן קאָפּ מיט זיין ביקס. יענער האָט זיך אַ וואַליע געטאָן אויף דער ערד, און שלמה האָט זיך אַ נעם געטאָן אַראָפּציען פון אים זיין טאַטנ׳ס שטיוול.

און געטראָפן דאָרטן אין הויז האָט מען ניט נאָר טימאָפעי׳ן, נאָר אויך קוזמאַ׳ן, איינעם פון די אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער אָבלאַווע אין סאָסנאָווע וועלדל.

קוזמא האָט זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צום פענצטער, דאָס אויפגעקנאַקט מיט זיין קאָפּ און זיך געוואָלט אַרויסוואַרפן. שמשון האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביי אַ פוס, און יאָסל האָט צוגעשטעלט זיין רעוואָלווער צו קוזמאַ׳ס אויער און אויסגעשאָסן. יענער האָט זיך גלייך איבערגעקערט.

— ס׳איז די אידישע נקמה, — האָט פסח אַ געשריי געטאָן צו די פויערים און פויערטעס אין יום-טוב׳דיקע קליידער, וואָס האָבן זיך מיט פּנים׳ער צעקרימטע פון שרעק געשטופּט צו די ווענט. — אונזער לעבן איז הפקר. מיר האָבן שוין סיי ווי סיי גאָרניט צו פאַרלירן, און דאַריבער, ווי וועט זיין דעם מסור, וואָס פירט די נאַציס אויף אונז, וואָס ווייזט אים אונזער באַהעלטעניש.

און די פויערים און פויערטעס, וואָס זיינען געווען פאַרזאַמלט אין דער דאָזיקער כאַטע, האָבן יענעם זונטאָג ביינאַכט געזען פאַר זיך גאָר אַנדערע אידן, ווי זיי זיינען געווען געוואוינט צו זען ביז אַהער. פרידלעכע שטילע אידן זיינען זיי געוואוינט געווען צו זען ביז אַהער. קיינמאָל ניט

געזען, ווי זיי שלאָגן אַנדערע, ווער שמועסט הרג׳ענען. מען האָט שטענדיק געזען, ווי מען שלאָגט זיי, ווי מען הרג׳עט זיי. און דאָ, פאַר אַלעמענס אויגן, האָבן זיי געשלאָגן, און מיט גרויס צאָרן, און זיך שוין ניט אָפּגעשטעלט אויך פאַר צונעמען דאָס לעבן.

און רבקה׳ן מיט די גרויע האָר און מיט די ברענענדיקע געוואַלדיק צאָרנדיקע אויגן, ווען די פויערים און פויערטעס, וואָס האָבן זיך גע־פונען יענע נאַכט אין דער דאָזיקער כאַטע, שוין לאַנג, לאַנג ניט פאַר־געסן. ווען זי איז אַריינגעלאָפן מיט דער האַק, וואָס זי האָט געכאַפּט אין פיר־הויז, טאַקע טימאָפּייע׳ס האַק, איז יעדן איינעם דאָס האַרץ פאַר־שטאַרבן געוואָרן. זי האָט ניט אויסגעזען, ווי קיין מענטש, נאָר ווי דער מלאך המות אַליין, ווי דער טויט אַליין. און יעדער איינער אין שטוב האָט זיך געריכט, אַז רבקה מיט דער האַק וועט שוין קיינעם ניט שאַנעווען. און מען האָט געוואוסט פאַרוואָס אויך. אָבער זי האָט געזוכט בלויז טימאָפּעי׳ן, און טימאָפּעי האָט זיך באַהאַלטן אונטערן טיש. מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן טיש . . .

לויט אַ באַפעל פון די נאַציס, האָט יעדע פויערשע הויז געדאַרפט האָבן ביי זיך אַ גלאָק, און אין פאַל, אַז פאַרטיזאַנען קומען אָן, האָט יעדע הויז געמוזט קלינגען אין גלאָק און אויפהויבן אַ טרעוואָגע.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויס קלינגעריי און אומעטום האָט מען גע־שריען מיט מורא׳דיקע קולות:

— ט־ר־ע־וו־אָ־ג־ע, ט־ר־ע־וו־אָ־ג־ע.

איבערן דאָרף זיינען פויערים געלאָפן מיט ווילעס, מיט העק, מיט גראַבליעס, און זיך געלאָזט אויף די אָנפאַלער. יוחנן האָט אויסגעשאָסן פון זיין ראַקעטניצע, און ס׳האָט די פויערים נאָך מערער דערשראָקן, ווי מען וואָלט געווען אויסגעשאָסן פון אַ ביקס, מחמת זיי האָבן דערזען אַ פייער זיך אַ טראָג טאָן אין דער לופטן, און האָבן מורא געהאַט, אַז די שטרויענע דעכער פון זייערע כאַטעס זאָלן זיך ניט אָנצינדן. האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פונדערווייטנס. פסח און גדליה האָבן געגעבן אַ זאַלפּ פון זייערע ביקסן אויף זיי, און די פויערים זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן...

די אידן אין טאָל

אויפן וועג צו די רוזשאַנקער וועלדער, האָט רבקה ביטער געוויינט. שלמה האָט אויך געוויינט. געווען אָנגעטאָן אין זיין טאַטנ׳ס שטיוול און געוויינט. פּסח איז געווען געוואַלדיק אומעטיק, אַזוי אומעטיק, ווי יענע נאַכט, ווען ער האָט דערשטאָכן וואַסיליי׳ן.

***

פאַרטאָג זיינען זיי אָנגעקומען אין וואַלד הינטער סקראַדניצע, דער אַזוי־גערופענער רוזשאַנקער וואַלד. נאָך פונדערווייטנס האָבן זיי דערזען אַ רויך, און אויך געהערט, ווי מען האַקט האָלץ. האָט שוין פּסח איצט פאַר־שטאַנען, ווי אַזוי די פויערים האָבן אויסגעפונען זייער פריערדיק באַ־העלטעניש אין סאָסנאָווע וואַלד הינטער זאַמאָלאַדיטש.

— ס׳איז ניט קיין באַהעלטעניש, — האָט ער אַ זאָג געטאָן גדליה׳ן, — אַז מען זעט דעם רויך פון אַזוי וויט, און מען הערט ווי מען האַקט האָלץ.

— מענטשן מוזן זיך וואַרעמען, — האָט גדליה געענטפערט אַ שולדיקער.

דאָס באַהעלטעניש איז געווען אין אַ טאָל, און סאַמע ביים אַראָפּלאָז צום טאָל איז געווען אַ „נאַסיפּ״ (אַן ערד־אָנשיט). נאָך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען דאָ געווען אָקאָפּעס (טראַנשייען).

אין טאָל זיינען געשטאַנען אַרום אַ צען ביידלעך, געמאַכט פון רעד־נעס, זעק און שאָלן. לעבן יעדן ביידל איז געווען צעלייגט אַ פייער, וואו מען האָט געקאָכט טעפּ מיט הירזשנער קאַשע, און געבראָטן קאַרטאָפליעס צווישן די גליענדיקע קוילן. (האָלץ איז געווען גענוג. מען האָט געשלעפּט פון וואַלד אַלטע געפאַלענע בוימער, זייערע צווייגן זיינען געווען גוט אויסגעטריקנט, און די שטאַמען האָט מען אויסגעלייגט איבער דער בלאָ־טיקער ערד, כדי צו האָבן אויף וואָס צו זיצן, בשעת מען האָט זיך גע־וואַרעמט אַרום די פייערן).

ווען פּסח מיט דער גרופּע איז אָנגעקומען, זיינען די עלטערע אידן אין טליתים און אין תפילין, געשטאַנען אונטערן פרייען הימל און גע־דאַוונט שחרית (די פרימאָרגן תפילה).

די פרויען און קינדער זיינען זיך גלייך צונויפגעלאָפן פון אַרום אַלע פייערן און פון אַלע ביידלעך. זייערע פּנימ׳ער שוואַרץ פון רויך, זייערע קליידער, צעפאַרענע, צעפליקטע.

וואָס פּאָר אַ בגדים זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער היים, האָבן זיי שוין אַלצדינג אַנגעטאָן אויף זיך, אפילו אין טישטוכער האָבן זיי זיך אַרומגעוויקלט. אָבער אין דער נעץ צעקריכט זיך אַלצדינג זייער שנעל. האָבן זיי אויסגעקוקט, ווי זיי וואָלטן פון אייביקע יאָרן געוואָגלט און קיינמאָל ניט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ.

דער רויך פון די פייערן איז געלעגן אויף זיי אומעטום: אויף די ברעמען, אויף די נעזער, ביי די זייטן פון די נעזער, אפילו אויף די קליי־דער און אויף די שיך. פאַרסאַזשעטע פּנים׳ער, פאַרוועגצלטע הענט, פאַר־רויכערטע קליידער, און אין זייערע אויגן אָבער דער גרויסן ווילן און כוח צום לעבן.

און כאַטשבי ראובן דער מאַריאַנקער האָט דערזען פונדערווייטנס זיין יאָסלען, זיין בכור, וואָס ער האָט אים שוין באַוויינט, אָבער ער האָט ניט מפסיק (איבערגעריסן) זיין דאַווענען. אַרויפגערוקט דעם טלית אויפן קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן און זיך אַנגעהויבן צו שאָקלען מיט פיל היץ.

און אַז נאָכן דאַווענען האָט ער זיך געלאָזט צום זון, ראובן דער מאַ־ריאַנקער, דער קרעפטיקער פעסט־געבויטער דאָרפס־איד, מיט דער היפּ־שער שטאַרקער נאָז, מיט די גבורה׳דיקע געפּאַקטע פּלייצעס, האָט ער זיך געלאָזט מיט זיין גאַנצער טאַטעשער אויטאָריטעט, ווי בשעת נאָך אין דער היים, ווען דאָס לעבן איז נאָך געווען זיכער. און יאָסל איז געשטאַנען אַנטקעגן אים מיט גרויס דרך־ארץ. אַלע פיר בנים זיינען געשטאַנען אַנט־קעגן אים מיט גרויס דרך ארץ.

און כאַטשבי זיי זיינען געווען זייער מיד און געוואָלט אַוועקפאַלן וואו ס׳לאָזט זיך און זיך אַריינטאָן אין שלאָף, אָבער זיי האָבן שוין גע־מוזט ביי אים פריער דאַווענען, אַלע פיר בנים.

*
**

און וועגן דער צערעכענונג, וואָס מען האָט זיך צערעכנט מיט די צוויי פאָגראָמשטשיקעס דאָרטן אין זאַמאַלאַדיטש, האָט דאָס די אידן דאָ אין טאָל אי געשטאַרקט אי געשראָקן. דאָס ערשטע מאָל אין זייערע מקומות ווי אידן האָבן דער׳הרג׳עט פּאָגראָמשטשיקעס, און זאָלן אַלע וויסן, אַז אידיש בלוט איז ניט הפקר. אָבער וואָס וועלן זאָגן די גאַצים? וועט מען צוליב דעם זיך ניט פאַרלייגן טאָקע אויף אַ גרויסן אופן, און מען וועט אָפּזוכן זייער באַהעלטעניש און זיי אַלעמען פּאַרטיליקן?

— אָבער סיי אַזוי, און סיי אַזוי וועלן זיי ניט שווייגן, — האָט געזאָגט

ראובן דער מאַריאַנקער. איז לאָמיר שוין ניט זיין ווי די שאָף וואָס מען פירט זיי צו דער שחיטה.

און אַלע אידן דאָ אין טאָל, אַרום אַ זיבעציק נפשות, זיינען געווען פון די אַרומיקע דערפער. ניט געוואָלט אַוועק אין דער וואָלאַדעווער געטאָ, און זיך פאַרלאָזן אויף נאַציישן חסד. אויך געוואָלט זיין נאָענט פון זייערע היימען, פון זייער האָב און גוטס, וואָס זיי האָבן דאָס אָפּגעגעבן מיטן גוטן ווילן צו באַקאַנטע פויערים, פריינט, מיט דער פאַרשטענדעניש, אַז ווי באַלד דער אומגליק וועט אַריבער, זאָלן זיי דאָס זיי אומקערן צוריק . . .

***

אויף מאָרגן, מיטן שפּראָץ אויף טאָג, האָבן אָנגעהויבן שטעפּן קוילן־וואַרפער פון אַלע זייטן. דער גאַנצער טאָל איז געווען אַרומגערינגלט פון די נאַציס. בלויז איין וועג איז געבליבן אָפן — די לאַנקע פון יענער זייט אַנשיט, וואָס איז איצט געווען, ווי אַ טייך. אויפן סוף פון דער לאַנקע האָט זיך אָנגעהויבן אַ יונגע בערעזינקע, וואָס איז אויך געווען אין וואַסער.

האָבן זיך אַלע געלאָזט לויפן צו דער לאַנקע, און די קוילן האָבן געסוויטשעט איבערן קאָפּ, און געמאַכט בלעזלעך אין וואַסער. און אַ סך אידן זיינען געפאַלן אין וואַסער, און זיך ווידער אויפגעהויבן און דער־לאָפן צום וועלדל פון דער יונגער בערעזינקע; און אַ סך אידן זיינען גע־פאַלן אין וואַסער און זיך שוין מערער ניט אויפגעהויבן . . .

***

24 אידן זיינען אומגעקומען יענעם טאָג פון די נאַציישע קוילן. אַ סך זיינען געפאַלן אין טאָל, ווען זיי זיינען אַרויסגעלאָפן פון די ביידלעך. אַ סך זיינען געפאַלן אויבן, פון יענער זייט אַנשיט אין דעם וואַסער אויף דער לאַנקע. אָבער די וואָס זיינען דערלאָפן צו דער יונגער בערעזינקע, און דאָרטן זיך צעשפּרייט אין אַלע זייטן, זיינען געראַטעוועט געוואָרן.

צווישן די געפאַלענע איז אויך געווען ראובן דער מאַריאַנקער, דער טאַטע פון די פיר גבורים־זין. ער איז געפאַלן אין דעם וואַסער פון דער לאַנקע הארט לעבן דער בערעזינקע.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אָבלאַווע האָט פּסח פאַרלוירן סאַניע'ן פון אויג, בשעת ער, גדליה און יאָסל האָבן זיך איינגעגראָבן ביים ראַנד פון דער בערעזינקע, און געענטפערט מיט אַ שיסעריי.

ווען ס'איז געוואָרן פינצטער און די נאַציס האָבן זיך צוריקגעצויגן, האָבן די לעבנגעבליבענע זיך אָנגעהויבן אומצוקערן צוריק אין טאָל. אין

משך פון דער גאַנצער נאַכט האָבן זיי געהאַלטן אין צוריקקומען, אין גרופּ־קעלעך און אין יחידים. סאַניע איז ניט געווען צווישן זיי.

ער איז זי געגאַנגען זוכן אויף דער לאַנקע אין דעם וואַסער צווישן די הרוגים. ער האָט זי געזוכט טיף אין וועלדל צווישן דער בערעזינקע. געשריען אויך אויף אַ קול צווישן די ביימער:

— ס־אַ־נ־י־ע, ס־אַ־נ־י־ע.

האָט אים בלויז אַ געהיימער פינצטערער ווידערקול געענטפערט פון וואַלד: ס־אַ־נ־י־ע, ס־אַ־נ־י־ע.

און יענע נאַכט איז געלאָפן אַ האַלבע לבנה אין הימל צווישן די צעריסענע וואָלקנס. שנעל געלאָפן אַ צעמישטע, אַ פאַרשמירטע. און פּסח'ן האָט זיך געדרייט דער קאָפּ, און ס'איז אים געווען איבלדיק אין האַרצן. אַ חלשות צום לעבן.

ערשט נאָענט צום טאָג, ווען זי האָט זיך געיאָוועט אַן איבערגעפרוירענע, אַן אויסגעפּייניקטע, אַן אָפּגעצערטע, האָט ער שוין ניט אויסגעשריען פון פרייד, ער האָט זי נאָר שטאַרק אַרומגענומען. אָבער האַלטנדיק זי אַרומגענומען האָט ער זי שוין ניט געקאָנט אַנטוואַרעמען אפילו מיט זיין ליבשאַפט, ווייל ער איז אויך געווען דורכגעפרוירן, אויסגעמאַטערט און אָפּגעצערט, און אויסגעפּייניקט.

ער האָט אפילו שוין גאַרניט איר געקאָנט זאָגן, מחמת פאַר די לעצטע 24 שעה האָבן שוין די מענטשלעכע רייד פאַרלוירן יעדעס פּיצעלע זינען. ס'האָבן אויך שוין ניט געהאַט קיין שום זינען אַלע מענטשלעכע האָפענונגען, וואונטשן און פאַרלאַנגען. ס'איז בלויז געווען — דאָס זיין, אָדער — דאָס ניט זיין. אָט ערשט, נעכטן, איז געווען יאָסל'ס טאַטע, ראובן מאַריאַנקער, אַזאַ פעסטער איד, אַ שטאַרקער דעמב, היינט איז ער שוין ניטאָ. אָט אַזוי האָט שוין סאַניע ניט געקאָנט זיין און ער אויך ניט. אָבער זי איז נאָך דאָ און ער אויך איז נאָך דאָ, האַלט ער זי שטאַרק אַרומגענומען און זיין האַרץ איז אויסגעהוילט . . .

*
**

און פאַרטאָג ערשט, האָט מען צונויפגעזוכט אַלע הרוגים און זיי אויסגעלייגט אויף איין פלאַץ. נפתלי, אַ וואָלאָדעווער, וואָס איז געווען אַ מלמד אין אַ נאָענטן דאָרף, האָט געדאַרפט מאַכן דעם „אל מלא רחמים." אָבער שטייענדיק ביי די צוויי גרויסע קברים, איין קבר פאַר פרויען באַזונדער און אַ צווייטן קבר פאַר מענער באַזונדער, איז ער משוגע געוואָרן, און האָט גאָר אָנגעהויבן צו זינגען „אתה בחרתנו מכל העמים", און האָט

געלאַכט, און האָט געהאָפּקעט עפּעס אַ חסידישע האָפּקע.

די פֿיר גבורים־זין, האָבן עפּעס געוואוסט, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ מנהג ביי אידן, וואָס מען דרייט זיך אַרום דעם טהרה שטיבל מיט דעם מת, איידער מען באַערדיקט אים. האָבן זיי פֿון צווייגן געמאַכט אַ מיטה, אַרויפֿגעלייגט זייער טאַטן און זיך אָנגעהויבן דרייען מיט אים אַרום און אַרום דעם גרויסן קבר. זיי האָבן אָבער ניט געוואוסט וויפֿיל מאָל מען דאַרף זיך אַרומדרייען, האָבן זיי געהאַלטן אין איין קרייזלען זיך, ביז פּסח האָט זיי געזאָגט, אַז ס׳איז שוין גענוג.

די זון איז ניט אויפֿגעגאַנגען יענעם טאָג. דער הימל איז געווען בלייערן־שווער. די נאַסע צווייגן אויף די בוימער אויבן האָבן געציטערט פֿון קעלט. ס׳איז גאָרנישט געווען אין ערגעץ קיין פּיצעלע רחמים (דערבאַרמונג) צו די לעבן־געבליבענע אידן, סיידן דאָס זינגעוודיק קול׳כל פֿון דעם קלוגן זעקס־יאָריקן טייבעלע. זי האָט זיך אָנגערופֿן צו איר טאַטן, וואָס האָט געכליפּעט הויך אויף אַ קול:

— ניטע, טאַטע, וויין ניט! משיח וועט שוין איצטער קומען. די מאַמעשע וועט אים שוין זאָגן, ער זאָל וואָס גיכער קומען . . .

אַז מען וועט ניט וועלן געבן מיט גוטן . . .

אַ פֿיר קילאָמעטער ווייטער אין אַ סאָסנאָווע וועלדל, האָבן די לעבן־געבליבענע ווידער אויפֿגעשטעלט אַ באַזע. דאָ, בשעת אַן איבערפֿאַל, וועט מען זיך שוין קאָנען צעלויפֿן צווישן די בוימער. אָבער דער עיקר דאַרף מען געפֿינען אין די אַרומיקע דערפֿער פֿריינטלעכע פּויערים, וואָס זאָלן קומען וואָרענען בשעת ס׳קלייבט זיך אַן אָבלאַווע. דער עיקר אויך, נאָך ביקסן. מיט ביקסן קאָן מען זיך נאָך אָפּשיסן און פֿאַרהאַלטן כאָטש אויף אַ קורצער ווילע די אָנפֿאַלער, כדי די פֿרויען און קינדער און די אומבאַוואָפֿנטע, זאָלן דערווייל האָבן צייט זיך צו צעלויפֿן.

פּסח, גדליה, יאָסל און נח׳קע, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו פֿאַקולע׳ן. יענער האָט שוין געהערט פֿון דער הריגה, געמיינט, אַז אַלע אידן זיינען אומגעקומען (די דייטשן האָבן פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זיי האָבן אויסגעראָטן ביזן לעצטן אידן אין די רוזשאַנקער וועלדער). דערזעענדיק די פֿיר חברה אַריינקומענדיק צו אים אין הויז, האָבן זיך טרערן פֿון פֿרייד באַוויזן אין זיינע אויגן.

— פּאַקולע, — האָט אים פּסח געפרעגט אָפּן און דירעקט, — איז אין דעם גאַנצן דאָרף מאַריאַנקאַ בלויז נאָר דו, וואָס שטעלט איין דאָס לעבן פאַר אונז, אידן?

— ניין, פּסח, — האָט פּאַקולע געענטפערט אויך אָפּן און דירעקט,

— ס׳זיינען פאַראַן נאָך פּויערים אין מאַריאַנקאַ. אָבער זייערע כאַטעס זיינען סאַמע אינמיטן דאָרף, און מען קאָן צו זיי ניט קומען, אָבער זיי העלפן שוין אַרויס אויף אַנדערע וועגן.

— פּאַקולע, — האָט זיך ווידער פּסח אָנגערופן, — ווייסטו נאָך אפשר פון פּויערים אויך אין די אַרומיקע דערפער, וואָס מען וואָלט געקאָנט קומען צו זיי ווי צו פריינט?

— ס׳זיינען דאָ פּויערים אויך אין אַנדערע דערפער, וואָס איר וואָלט געקאָנט קומען צו זיי אַלס פריינט, — האָט יענער געענטפערט, — אָבער איך ווייס נאָך ניט זייערע נעמען.

— פּאַקולע, — האָט פּסח צו אים געלויכטן מיט דער זעלטן ליבלעכער שיין אין זיינע שמאָל־געשניטענע ברוינע אויגן, — מיר זיינען אומבאַ־שיצט. מיר דאַרפן נאָך ביקסן. ווען מיר וואָלטן געהאַט נאָך ביקסן, וואָלט שוין ניט פאַרגעקומען אַזאַ שרעקלעכע הריגה.

— איר וועט מוזן נעמען ביקסן מיט געוואַלד, — האָט יענער גע־ענטפערט זייער ערנסט, — מיט גוטן וועט מען ניט געבן.

— אָבער ווי וויסן מיר, אַ וועלכער פּויער האָט אַ ביקס? —

— מען דאַרף זיך דערפרעגן, — האָט ער געענטפערט אַ פאַרכמורע־טער, — אָבער איין אָרט קאָן איך אייך גלייך איצטער אָנווייזן. איך ווייס, אַז ער האָט אַ ביקס. און אפשר גאַנצע צוויי. כאַריטאָן יאַקאָוויטש, אַן אוקראַאינער, אָבער זיין כאַטע איז אינמיטן דאָרף, און מען דאַרף זיין זייער פאַרזיכטיק.

— פּאַקולע, נאָך איין פראַגע, — האָט פּסח זיך ווידער אָנגערופן, — אַלע הונגערן. ס׳זיינען דאָרטן דאָ קליינע קינדער, ווי אַזוי וואָלטן מיר געקאָנט זיי באַזאָרגן מיט שפּייז?

— מיט גוטן, און אויך מיט געוואַלד, — האָט פּאַקולע געענטפערט,

— אָבער מיידט אויס די דערפער, וואָס ליגן נאָענט צו אייער באַהעל־טעניש. זאָל מען ניט וויסן, אַז איר געפינט זיך נאָענט. אַחוץ דעם וועלן פּויערים אייך געבן עסן איינמאָל אָדער צוויי מאָל, אָבער מערער וועלן שוין ניט קאָנען. זיי זיינען אָרעם . . .

***

יאָסל, וואָס איז אויך געווען אַ מאַריאַנקער, האָט שוין געוואוסט וואו קאַריטאַן יאַקאָוויטש׳עס כאַטע געפינט זיך, און ער האָט גוט געקאָנט דעם פויער אַליין.

— אַ ביטערער גוי, — האָט ער געזאָגט צו דער חברה, — ער וועט אפילו קיין סעכערל (פאַרדאַרט שטיקל ברויט) גיט געבן קיין הונגעריקן. און אויך האַלט ער אויף זיין פאַדווירע אַ הונט אויף אַ קייט, און דער הונט קאָן צערייסן אַ מענטשן.

און ווי אַזוי נאָר זיי זיינען אַריינגעטראָטן אין דער פאַדווירע האָט זיך געגעבן אין דער פינצטער אַ דערהער דאָס קלינגען פון אַ קייט, און אַ הונט גרויס ווי אַ קאַלב האָט, דווקא אָן איין האַווקע, זיך געגעבן אַ לאָז אויף זיי. גדליה האָט אים גלייך מיט דעם הענטל פון זיין ביקס דערלאַנגט איבערן קאָפּ מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט און ראַזמאַך, די חיה האָט זיך איבערגעקערט און איז געבליבן שטיל.

— עפן, כאַריטאַן, — האָט יאָסל אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, — פריינט זיינען צו דיר געקומען.

און פון אינעווייניק ניט קיין פּיפּס. אַזאַ פּאַרטאַיעטע שטילקייט. און פּסח׳ן איז שוין גוט באַקאַנט די דאָזיקע פּאַרטאַיעטע שטילקייט, נאָך פון יענער שרעקלעכער פּראָסטיקער נאַכט, ווען אַ דורכגעפריוורענער רוסישער פּלעניק האָט געקלאַפּט אין פענצטער פון סטעפּאַנ׳ס כאַטע, און זיך געבעטן אַריין.

— ער ענטפערט ניט, — האָט נח׳קע זיך אָנגערופן אַ ברוגז׳ער, — זאָל איך אויסזעצן די שויבן?

— מען דאַרף ניט אויסזעצן די שויבן, — האָט יאָסל זיך אָנגערופן גאָר אינדערהויך און אויף אוקראַיניש, כדי יענע אינעווייניק אין שטוב זאָלן דערהערן, — מיר וועלן בעסער אונטערצינדן דאָס הויז. באַגיס מיט קעראָסין די ווענט.

און דער דאָזיקער סטראַשונאָק האָט גלייך געהאָלפן, ווי אַ מאַגישער שפּרוך. ס׳איז באַלד געוואָרן ליכטיק אינעווייניק, ס׳האָט זיך אויך תיכף דערהערט אַ גיכער שאַרקן פון באָרוועסע פיס, און מען האָט געעפנט די טיר.

און אינעווייניק אין הויז זיינען אויפן פּעקליק געלעגן אַ גאַנצע כאַפּטע קינדערלעך, איינס קלענער פון אַנדערן. אין די הוילע העמדלעך, מיט צעשויבערטע פלאַקסענע קעפּלעך, און מיט צעשראָקענע אויגן, האָבן זיי געזען ביי דער שיין פון אָנגעצונדענעם קעראָסין לעמפּל, ווי זייער טאַטע און מאַמע זיינען אין גרויסער מורא פאַר די פרעמדע מענטשן מיט

די ביקסן, ווי זיי בוקן זיך פאַר זיי ביז אין די גאַרטלען און ריידן צו זיי מיט אַ קול פון געבעט.

כאַריטאָן, מיט אויגן פון אַ וואָלף, און מיט פּלייצעס פון אַ גבור, אַ צעפּאַטלטער, אַ באָרוועסער, האָט געוואָלט שמייכלען בלומרשט און ניט געקאָנט. ער האָט שוין גוט געוואוסט, וואָס אידישע פּאַרטיזאַנען האָבן געטאָן מיט אַ עטלעכע טעג צוריק אין זאַמאָלאַדיטש. ער האָט געשטעלט אַ פלאַש בראָנפן צום טיש. אָבער יאָסל האָט זיך גלייך אָנגערופן, פאַר־שמעלערנדיק זיינע האַרטע אויגן:

— מיר זיינען ניט געקומען מיט דיר זיך פריינטלען. מיר זיינען גע־קומען דיך דער'הרג'ענען. אָבער דו קאָנסט זיך אויסקויפן פון טויט, אַז דו וועסט אונז געבן דיין ביקס.

די קינדערלעך אויפן פּעקליק האָבן זיך צעוויינט, אויך די כאַריטאָניכע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן שטוב, אַ באָרוועסע אין איין העמד, האָט זיך צעראָיעט.

— ציט, ממזרים, — האָט דער איידעלער געשניצטער גדליה אַ הוקע געטאָן אויף זיי מיט אַ דערשרעקנדיק קול.

און פסח האָט שוין ניט געקענט פאַרליידן, ווי גדליה שרייט אויף קליינע קינדער, און ער האָט זיי עפּעס געוואָלט באַרואיקן, און ער האָט זיך געלאָזט צום פּעקליק, און ליבלעך צו זיי געשמייכלט. אָבער זיי האָבן מורא געהאַט אויך פאַר זיין ליבלעכן שמייכל, און זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, און זיך אָנגעהאַלטן איינער אין אַנדערן.

— גיי צו די קינדער און באַרואיק זיי, — האָט פסח אַ מאַך געטאָן צו דער כאַריטאָניכע.

יענע האָט זיך תיכף אַ לאָז געטאָן צום פּעקליק, און די קינדער האָבן זיך אָנגעהאַנגען אָן איר פון אַלע זייטן.

— איך האָב ניט קיין ביקס, — האָט זיך כאַריטאָן געשטעלט אויף די קני, זיך אָנגעהויבן צו צלמ'ען, — ווייסט איר דען ניט, אַז פאַר האַלטן ביי זיך אפילו אַ שפּיז, קומט טויט ביי די דייטשן, היינט נאָך ביקסן. איך וועל אייך געבן הונדערט זלאָטעס.

— טו זיך אויס די הויזן, — האָט יאָסל צו אים אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

— וואָס ווילסטו טאָן ? — איז פסח צוגעלאָפן צו יאָסלען.

— אים געבן הייסע שאָמפּעלעס איבער זיין במחילה, — האָט יאָסל געענטפערט קאַלט און אכזריש.

אָבער פסח האָט ניט דערלאָזט מען זאָל אים שלאָגן איבערן נאַקעטן לייב פאַר די אויגן פון זיין ווייב און קינדער. ער האָט געהייסן מען זאָל

אים אַריינפירן אין סטאָדאָלע.

פון דער סטאָדאָלע האָבן זיך געטראָגן פאַרשטיקטע ווײ־געשרייען. דאָרטן האָט גדליה אָן שום רחמנות געזעצט מיט דעם שאָמפּל פון זיין ביקס איבער כאַריטאָנ׳ס נאַקעטן לייב.

די כאַריטאָניכע האָט געקוקט אויף פּסח׳ן, וואָס איז פאַרבליבן אינעווייניק אין הויז, מיט טויט־שרעק אין אירע אויגן. די קינדערלעך, אָנהענגענדיק זיך אָן איר, האָבן ביטער געוויינט, און פּסח האָט רחמנות געהאַט אויף די קינדער, און ס׳האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט רחמנות, און אַרויסגערופן דאָס געשטאַלט פון טייבעלע׳ן אין זיין געדאַנק און די געשטאַלטן פון די אַנדערע אידישע קינדערלעך אויסגעמאָרדעטע, דורכגעפּרוּווט, כדי דאָס רחמנות צו כאַריטאָנ׳ס קינדערלעך זאָל אים אָפּגיין, אָבער דער רחמנות איז אים ניט אָפּגעגאַנגען . . .

ווען מען פלעגט כאַפּן אַ דרעמל

האָבן זיי שוין פיר ביקסן און איין פּיסטאָלעט. גאַנצע צוויי ביקסן האָט כאַריטאָן אויסגעגראָבן טאַקע אין דער זעלביקער סטאָדאָלע וואו מען האָט צעבלוטיקט זיין לייב מיט שאָמפּעלעס. צוויי ביקסן, נייע, דייטשישע, מיט צוויי הונדערט קוילן. האָט מען איין ביקס געגעבן נח׳קען, און די צווייטע יוחנן.

אָבער מען דאַרף נאָך ביקסן, באַוואָפענען אַלעמען, אפילו די עלטערע אידן. פאָקולע האָט צוגעזאָגט אויסצוגעפינען געווער ביי וועלכע אַנדערע פויערים אין דאַרף ס׳געפינט זיך געווער.

נאָך דער לעצטער אָבלאַווע האָט מען זיך שוין געהיט צו שטיין אויף איין פּלאַץ אַ לענגערע צייט. מען האָט אַלע דריי־פיר טעג געביטן די באַהעלטענישן, זיך פאַרשטופּט אין די געדיכסטע ערטער, אין די ווילדערנישן, און געוועזן גוואַלדיק וואַך.

אין משך פון טאָג האָט מען ניט צעלייגט קיין פייערן, נאָר ביינאַכט. ביינאַכט איז מען שוין געווען זיכער, אַז די דייטשן וועלן ניט קומען.

איז געקומען די נאַכט האָבן אויפגעפלאַקערט עטלעכע פייערן. בעריש קאַרנמאַן פון מאַריאַנקע מיט זיין משפחה, צוזאַמען פינף נפשות, האָבן זיך געהאַט זייער אייגענעם פייער. פּסח, סאָניע, יוחנן, יאָסל, גדליה, שמשון, רבקה און נח׳קע, האָבן אויך געהאַט זייער באַזונדערן פייער. יעדער

פייער האָט געהאַט אַרום זיך אָדער אַ גאַנצע משפּחה, אָדער שכנים פון איין דאָרף.

בעריש קאַרנמאַן איז אַוועק אין דאָרף אַריין און האָט געבראַכט זיינס אַן איבערבעט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט ביי אַ באַקאַנטן פּויער. מיטן איינציקן איבערבעט האָט זיך זיין פאַמיליע פון פינף ניט געקאָנט צו־דעקן. האָט מען דאָס אַנידערגעלייגט אינמיטן און יעדער איינער האָט אַרונטערגערוקט די פיס.

ס׳זיינען געווען ווינציק ביידלעך, און אין די ביידלעך איז געווען מוראדיק קאַלט. זיינען אַ סך געזעסן ביינאַכט אַרום די פייערן ענג צוגע־טוליעט איינער צום אַנדערן. פון צייט צו צייט איז מען אויפגעשטאַנען און אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק, כדי זיך צו דערוואַרעמען.

אַלע אינדערפרי האָט מען געציילט די מענטשן, צי ס׳איז עמיצער ניט דורך דער נאַכט פאַרפרוירן געוואָרן, חס וחלילה, אויף טויט. אָבער קיינער איז ניט פאַרפרוירן געוואָרן אויף טויט, און מען האָט זיך געוואונדערט פון דעם כוח, וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט אין זיך אויף איבערצוטראָגן אַזויפיל ליידן.

יעדער איינער איז געווען אַזוי איינגעזאַפּט אין רויך, סאַי די קליידער, סאַי דאָס לייב, אַז ווען מען פלעגט זיך לאָזן צו באַקאַנטע פּויערים אויס־בעטן עסן, האָבן די הינט פון דאָרף נאָך פון גאַר ווייט דערשמעקט זייער ריח, און אויפגעהויבן אַ גרויס געוואָיעריי.

אויך זיינען געווען אויסגעברענט לעכלעך אין זייערע קליידער פון די פונקען וואָס פלעגן שפּריצן אויף זיי פון די ברענענדיקע פאַליענעס האָלץ.

נח׳קע האָט אויסגעקוקט ווי אַ קוימענקערער מיט הונדערטער אויס־געברענטע לעכלעך אין זיין קורץ פעלצל, אין זיין שוואַרץ געשטריקט היטל מיט די לאַפּן, און אין די הויכע שיך מיט די געשנירעוועטע כאַליעוועס. זיין שפּיץ נאָז אין ביידע זייטן איז געווען שוואַרץ פון רויך. די נעגל זיינע זיינען געווען תמיד געל, ווי קאַפּטשאַנקעס (געדרויכערטע פיש), און די אויגן זיינע פונעם פאַרסאַזשעטן פּנים, האָבן באַזונדערס געפינקלט בייזע אומצופרידענע. און אַז ער האָט געטאַנצט אין שניי, כדי זיך דערוואַרעמען די פיס, פלעגט ער זיך אונטערזינגען מיט אַזוינע ווערטער, וואָס זיינען ניטאָ אין קיין שום שפּראַך, און מאַכן אַזוינע העוויות, אַז מען האָט גע־מוזט לאַכן. און באַזונדערס האָבן געלאַכט די קליינע קינדער. זיי האָבן אים אַלע ליב געהאַט, די קליינע קינדער. ניט נאָר דערפאַר, וואָס ס׳איז מיט אים פריילעך, נאָר אויך דערפאַר, ווייל ער האָט זיי געבראַכט קרי־

געלעך האָניק, און אָפטמאָל אויך פּאָווידלע, און אפילו שטיקלעך צוקער, ווען ער פלעגט זיך אומקערן פון אַ שפּייז־עקספּעדיציע.

ער אַליין האָט אויך ליב געהאַט זיסקייטן, ווי האָניק אָדער פּאָווידלע, אָדער אפילו זויגן אַ שטיקל צוקער, אָבער ער האָט זיך ניט פאַרגונען און בעסער דאָס אַוועקגעגעבן די קינדערלעך. און טייבעלע׳ן, דאָס זעקס־יאָריק מיידעלע, דאָס יתומה׳לע, איר האָט ער אויסגעטיילט די גרעסטע פּאָרציע.

דאָס דאָזיקע טייבעלע איז געווען איינגעבאַקן יעדן איינעם אין האַרצן, מחמת איר חכמה, און איר קלאָרן קלינגעווודיקן קול׳כל. סאָניע איז איר געווען אַ מאַמע, זי געוואַשן, געקעמט און דאָס געהיטן אין שלאָף, און דאָס פאַרדעקט, און דאָס געריבן די פאַרפרוירענע פיסלעך, און געאָוכקעט מיט דעם וואַרעמען אָטעם פון איר מויל, אויף אירע קאַלטע הענטעלעך.

מען האָט אויסגעאַרבעט אַ געוויסע מעטאָדע ביים לאָזן זיך אויף די שפּייז־עקספּעדיציעס, אָדער באַמביאַזשקעס, ווי מען האָט דאָס שפּעטער גערופן (דאָס וואָרט „באַמביאַזשקע,״ האָט געשטאַמט פון די רוסישע פּלע־ניקעס. ס׳האָט געמיינט אויפרייסן דאָס הויז, אויב די באַלעבאַטים וועלן ניט וועלן געבן קיין שפּייז מיט גוטן).

אַז מען איז אַריין אין אַ דאָרף האָט זיך די גרופּע צעטיילט אין דריי באַזונדערע „סאָב־גרופּקעלעך״. די ערשטע איז געגאַנגען פון הויז צו הויז, און געבעטן בלויז אַיין ברויטל. די צווייטע, די באַוואָפנטע, איז שוין געגאַנגען אין באַזונדערע הייזער, אין די הייזער פון די מוסרים, וואָס אַנדערע פּויערים האָבן אָנגעוויזן. דאָרטן האָט מען גענומען ניט בלויז איין ברויטל, נאָר וויפיל ס׳האָט זיך געלאָזט און אָפט אויך גענומען קליי־דער, שטיוול, העמדער, פּעלצן, הינער און קאַטשקעס.

נח׳קע איז געווען דער ממונה אויף צו כאַפּן די קאַטשקעס מיט די הינער. ער האָט דאָס געקאָנט טאָן זייער געשיקט, און אויך איז ער געווען אַ ספּעץ אויסצוגעפינען, וואו די פּויערים האַלטן זייערע קריגעלעך האָניק, סמעטענע, פּאָווידלע . . .

די דריטע גרופּע איז געווען די פּראָפּאַגאַנדע גרופּע. זי איז ניט געגאַנגען נאָך שפּייז, נאָר אָנקניפּן פריינטשאַפט מיט געוויסע פּויערים און אויסטאַפּן ביי וועמען ס׳איז דאָ געווער.

און אין אַ סך פּויערשע הייזער זיינען שוין געווען קרבנות פון די נאַציס: דאָ האָט מען געהאַנגען דעם באַלעבאָס פאַר נישט צושטעלן „קאָנטינגענט״ (שפּייז־שטייער), דאָרטן האָט מען אַ טאָכטער אָדער אַ זון אַוועקגעשיקט טיף אין דייטשלאַנד אויף שקלאַפן־אַרבעט . . .

און אין אַזוינע הייזער פון די געליטענע פויערים, האָבן זיך שוין די רייד פון דער אידישע חברה אָנגענומען, און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג . . .

בלינד געמאַכט די זון

און איינמאָל אין אַן אינדערפרי . . .

נאָך אַ נאַכט איבערגעלעבט. אַ נאַכט, וואָס האָט דיך געקאָנט טויטן בלויז מיט דער קעלט. אַ סך אַזוינע נעכט איבערגעלעבט, און די גופים זיינען שוין געוואָרן שטאַרקער, פאַרהאַרטעוועטער. און דער נס איז געווען, וואָס קיינער איז דאָ ביט קראַנק געוואָרן פון אַ פאַרקילונג, ניט די דערוואַקסענע און ניט די קינדער.

דער פראָסט האָט געקנאַקט אין וואַלד. צווישן די בוימער — גרויסע הורבעס שניי. ס'איז געווען אַזוי בלענדנדיק ווייס, אַז ס'האָט אַזש געשטאָכן די אויגן. אידן זיינען געווען מיט גרויס בטחון: נאָך אַ נאַכט איבערגעלעבט . . .

די קינדערלעך אָנגעפּעלצטע, איינגעקוטעקטע אין שמאַטעס אויף שמאַטעס, האָבן זיך גוט אויסגעשלאָפן אין דער זעמליאַנקע, וואָס מען האָט געפונען אויף אַ געוויסן פּלאַץ, אַן איבערבלייבעניש נאָך פון פאַר־אַיאָרן, וואו די רוסעשע אַנטלאָפענע פּלעניקעס האָבן זיך אויפגעהאַלטן.

און אינדערפרי נאָך אַ גוטן שלאָף, זיינען קינדער באַזונדערס באַ־ריידעוודיק, און זייערע קול'כעלעך באַזונדערס טייער, און אַז זיי ריידן צו זייערע טאַטעס און מאַמעס, איז ווי די פרייד פון לעבן וואָלט גערעדט צו דער וועלט . . .

פּלוצלונג, ווי ס'דערהערט זיך פון ווייט, ווייט, ערגעץ אין וואַלד, דאָס שאַלן פון אַ קלאַרנעט, און גלייך נאָך דעם אַ שאָס, און גלייך נאָך דעם איינעם שאָס, אַ סך שאָסן, און דער וואַלד האָט זיך צעקנאַלט פון איין עק ביזן אַנדערן, און אַלע בוימער האָבן זיך צעהילכט מיט אַ לאַנגן דויערנ־דיקן הילך.

מען האָט זיך געלאָזט לויפן. די חברה מיט די ביקסן צולעצט. זיך געלאָזט לויפן אין דער אַנטקעגנדיקער ריכטונג ווייטער פון די שאָסן. אָבער אַפּלויפנדיק אַ שטיקל צייט, האָט זיך אויך פון דער אַנטקעגנדיקער ריכטונג דערהערט אַ שיסעריי. האָבן זיי שוין פאַרקערעוועט אַן אַ זייט,

אָבער באַלד האָט זיך דאָרטן אָן דער זייט אויך דערטראָגן אַ שיסעריי. האָט מען שוין ניט געוואוסט וואוהין צו לויפן . . .

און דאָס שיסעריי וואָס האָט זיך געהערט איבערן גאַנצן וואַלד איז דאָך געווען געוועג שרעקלעך, אָבער נאָך שרעקלעכער איז געווען דאָס האַווקען פון די הינט. און נאָענט און ווייט, און טיף און אינדערהויך, פון אומעטום האָט זיך געטראָגן אַ דינער קוויטשנדיקער אויסגעצויגענער האַווהאַוו אין דער פראָסטיקער לופט.

און דאָרפס־חברה, וואָס ווייסן זיך אויף הינט האָבן דערקאָנט גלייך, אַז דאָס זיינען גאָר אַנדערע הינט, ניט די אויף די הויפן, אָדער די וואָס היטן די טשערעדעס.

דאָס שיסעריי איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער און דאָס האַווקעריי אָפטער און אָפטער, און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פון הינטער יעדן בוים האַווקעט אַ הונט.

און פלוצלונג האָט מען דערזען חיות לויפן אין טויט־שרעק, פאַרשיידענע חיות: ווילדע חזירים, פוקסן, וועלף, הירשן און האָזן.

און פון די טיפענישן פון וואַלד האָבן געהאַלטן אין איין שרייען מענטשן מיט שרעקנדיקע קולות:

— לאַווי! לאַווי! (כאַפּ, כאַפּ).

דאָס מאָל האָבן די דייטשן געפירט אַן אָבלאַווע אי קעגן די אידן, און אי קעגן די חיות אין וואַלד. הויכגעשטעלטע נאַציס זיינען געקומען פון בערלין (מען האָט געשמועסט, אַז דאָס איז געווען גערינג אַליין מיט זיין סוויטע). און די פוילישע פּריצים האָבן איינגעאָרדנט אַ יאַגד פאַר זיי אין וואַלד, און אַרויסגעטריבן הונדערטער פויערים פון די אַרומיקע דערפער העלפן זייערע בלוט־הינט אַרויסטרייבן די אידן און די חיות פון זייערע נאָרעס . . .

יאָסל האָט פאַרלוירן, לויפנדיק, זיינע פוישטן, פוישטן, וואָס ער האָט צוגענומען ביי אַ מסור אַ פויער אין סקראַדניצע. איז ער געלאָפן אַ באָרוועסער אין שניי, אָבער ער האָט גאָרניט געפילט, אַז ער לויפט אַ באָרוועסער אין שניי. צוזאַמען מיט זיינע דריי ברידער און מיט פסח'ן און נחק'ען זיינען זיי געלאָפן און געפאַלן, שיסנדיק אויף אַ מחנה דייטשן, וואָס האָבן זיך באַוויזן צווישן די בוימער.

זיי האָבן שוין פאַרמאָגט צווישן זיך זעקס ביקסן און איין גראַנאַט, און מיט די זעקס ביקסן און איין גראַנאַט האָבן זיי געוואָלט פאַרהאַלטן די מחנה דייטשן, כדי די אומבאַוואָפנטע זאָלן דערוויל זיך קאָנען צעלויפן איבערן וואַלד. מען האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז דאָס איז ניט קיין גע־

ווײַנלעכע אָבלאַווע, נאָר אַז דאָס איז נאָר אַ שפּיל אַזאַ פאַר די נאַציס. מען האָט אויך ניט געוואוסט, אַז גראָדע דאָס צעלויפן זיך איצט איבערן וואַלד, איז מערער סכנה, ווי פאַרגראָבן זיך ערגעץ אין אַ געדיכט אָרט צווישן די ביימער. דאָס שרעקלעכע שיסעריי פון אַלע זייטן, און די בלוט־פאַרגליווערנדיקע געשרייען „לאָווי! לאָווי!" (כאַפּ, כאַפּ), און דאָס בלוטיקע האַווקעריי פון די הינט האָט געטריבן סיי די אַנטלויפנדיקע אידן און סיי די אַנטלויפנדיקע חיות אויף דעם סטראַטעגישן פּונקט וואו עס זיינען געשטאַנען אויף אַ טורעם די געסט־נאַציס פון בערלין אָנגעטאָן ווי יעגערס און אויפגעכאַפּט יעדן פאַרביילויפנדיקן אידן, אָדער חיה, אויף דעם ציל־פּונקט פון זייערע ביקסן.

און ווער ווייסט צי ס׳וואָלט יענעם טאָג איבערגעבליבן לעבן אפילו אַ פּסח, וואָס זאָל קאָנען נאָך דעם דערציילן וואָס זיינע אויגן האָבן געזען, ווען ניט די זאַווערוכע, וואָס האָט אויסגעבראָכן אָן שום וואָרנונג.

מיטאַמאָל האָט זי זיך אָפּגעריסן אין אַ שרעקלעך־צאָרנדיקן געוואָי און אויפגעהויבן דעם גאַנצן שניי פון וואַלד און אים געוואָרפן צום הימל און אים געדרייט גיך, גיך, און בלינד געמאַכט די זון, און פאַרטאָן דעם טאָג אין אַ וויסטן חושך, און אָנגעיאָגט טויזנטער מורא׳דיק־הודזשענדיקע ווינטן, און זיי האָבן צעמישט דעם גאַנצן באַשאַף.

און די זאַווערוכע האָט אָפּגעשטעלט דעם טייפלישן יאַגד. די הויך־געשטעלטע נאַציס פון בערלין, מיט די פריצים, מיט זייערע בלוט־הינט, האָבן זיך גענומען יאָגן פון וואַלד.

ביז פאַרנאַכט האָט אָנגעהאַלטן די זאַווערוכע. און אין דער זאַווערוכע האָבן די צעזייטע אין וואַלד לעבנגעבליבענע אידן זיך געצויגן צוריק, צו דער באַזע. זיך געוואָלט אָפּזוכן איינער דעם אַנדערן, זיך געוואָלט אָנשלאָגן איין לעבן־געבליבענער איד אויפן צווייטן לעבן־געבליבענעם איד.

און אַז מען האָט זיך אָנגעטראָפן האָט איינער דעם אַנדערן געגעבן האָפענונג און בטחון, און אין צווייען, אין דרייען, אין פירן איז געוואָקסן דער כוח גובר צו זיין דעם טויט.

מיטן אָנקומען פון דער נאַכט, האָט זיך איינגעשטילט דער צאָרן פון דער נאַטור און די לעבן־געבליבענע אידן, אין קליינע גרופּקעלעך, האָבן זיך אָנגעהויבן אומצוקערן אויף דער באַזע.

מען האָט געציילט די אָנקומענדיקע און געוואַרט ביז פאַרטאָג, אפשר וועלן קומען נאָך. און פאַרטאָג האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט איבערן וואַלד זוכן די געפאַלענע . . .

איידער ס'וועט ווערן לייכטיק, מוז זיין פינצטער

אַכצן קדושים האָט מען צונויפגענומען. די קערפּערס זיינען שוין געווען אַזוי דורכגענומען פון פראָסט, אַז זיי זיינען געווען שטייף, ווי די שטעקנס.

מען האָט זיי אַריינגעלייגט אַלע צוזאַמען, די מענער און די פרויען, אין דער זיעמליאַנקע . . .

גראָבן אַ קבר פאַר זיי איז געווען צו האַרט די ערד פון פראָסט, האָט מען זיי אַלע, פרויען און מענער צוזאַמען, אַריינגעלייגט אין דער זיעמ־ליאַנקע.

צווישן די אומגעקומענע איז אויך געווען דאָס זעקס־יאָריק טייבעלע. ס'האָט נאָך געלעבט ביז פאַרטאָג. זי האָט זיך געזעגנט מיט יעדן איינעם פון די לעבנגעבליבענע, און געזאָגט, אַז זי גייט אין גן־עדן צו איר מאַמעשע . . .

און שטעט און שטעטלעך אַרום, ווי לענשנא, פּאַרצעווע, סאָסנאָוויץ, לעוויטאָוו, זיינען שוין געווען „יודן־ריין", בלויז אין וולאָדעווע איז נאָך געווען אַ געטאָ, און אַהינצו האָט מען פאַרטריבן טויזנטער אידן. און דאָרטן אַ סך פון זיי ניט לאַנג געהאַלטן, און זיי פאַרשיקט צום פאַרניכטונגס־לאַגער אין סאָביבאָר.

סאָביבאָר איז אפשר ניט אַזוי באַקאַנט דער וועלט, ווי מאַידאַנעק, אָדער טרעבלינקא, אָבער אין דעם דאָזיקן לאַגער זיינען פאַרברענט גע־וואָרן צענדליקער און צענדליקער טויזנטער אידן.

סאָביבאָ, אַ דאָרף צווישן וולאָדעווע און כעלם (נעענטער צו כעלם). דאָרטן האָבן די שוידער־אויוונס געפלאַקערט טאָג און נאַכט, אין משך פון אַ סך, אַ סך חדשים.

הינטער וולאָדעווע האָט דער דייטשישער גראַף זעלינגער פאַרמאָגט צוויי גרויסע פאָלוואַרקעס, און געבראַכט אַהינצו די בעסטע אידישע בעלי־מלאכות פון פוילן, אויך די שענסטע אידישע טעכטער פון פוילן.

. . . און דאָך האָבן אידן אין דער וולאָדעווער געטאָ אָפּגעשפּילט חתונות, געפּראַוועט ברית'ן, געלייענט די תורה און זיך געקריגט פאַר עליות, און אָנגענאַגען מיט זייער טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער.

און דאָ אין וואַלד האָבן שוין די מערסטע פון די לעבן־איבערגעבלי־בענע ניט געקאָנט אויסהאַלטן. פאַרפרוירענע, פאַרלייזיקטע, פאַרברודיקטע, פאַרוויטאָגטע, פאַר'יאוש'טע, האָבן זיי שוין געטראַכט, וואָס ס'וועט זיין

וועט זיין, אָבער אין דער געטאָ, זיינען כאָטש דאָ הייזער און אַ דאַך איבערן קאָפּ.

און די וואָס זיינען אַוועק פון וואַלד אין דער וולאָדעווער געטאָ, האָבן שוין סיי ווי סיי גאָרניט געהאַט אָנצוואַרן. זייערע משפחות אומגעקומען, און מען איז געבליבן איינער צי צוויי פון אַ גאַנצער משפחה.

צווישן די וואָס זיינען אַוועקגעגאַנגען קיין וולאָדעווע איז אויך געווען שמשון, איינער פון די פיר ברידער, ער איז אַוועק מיט זיין שוועסטער, וואָס איז געווען פאַרוואונדעט אין אַ זייט. צווישן די אַוועקגייענדיקע איז אויך געווען בעריש קאָרענמאַן, מיט זיין טעכטערל בעבעלע, דאָס לעצטע איבערגעבליבענע קינד פון אַ משפחה פון זעקס.

געבליבן אין וואַלד זיינען בלויז די אויסגעפּרואווטסטע, די פאַר־עקשנ׳טע. געבליבן זיינען: פסח, סאָניע, רבקה, נח׳קע, יוחנן, גדליה און יאָסל.

אָבער יאָסל האָט ניט געקאָנט זיין קיין הילף אין וואַלד, ער איז געווען גיכער אַ שטער. מחמת אין דער לעצטער אַבלאַווע, האָט ער פאַר־לוירן זיינע פוישטן, און זיך אָפּגעפרוירןביידע פיס. האָט אים זיין ברו־דער יוחנן, וואָס האָט זיך געלערנט פאַר דער מלחמה אויף סטאָליאַר, אים געמאַכט צוויי קוליעס.

אין דער וולאָדעווער געטאָ האָט אָבער יאָסל ניט געוואָלט אַוועק. זיך אויסגעלערנט אויף זיינע קוליעס גיך, גיך גיין, און אפילו לויפן.

ווען די אַלע פאַר׳יאוש׳טע זיינען אַוועק קיין וולאָדעווע, איז די איבער־געבליבענע זיבן געוואָרן אַזוי טויט־אומעטיק, אַז מען האָט אַזש געוויינט.

און געוואוסט האָבן זיי, אַז דאָס איינציקע שטיקל טרייסט און ביסל וואַרעמקייט, וועלן זיי געפינען ביי פאַקולע׳ן אין הויז.

זיינען זיי אַלע אַוועק צו פאַקולע׳ן, און פאַקולע האָט זיי, ווי אַ גע־טרייער טאַטע, אויסגעבעט אויף דער פאָדלאָגע געלעגערס, זיי אָנגע־האָדעוועט מיט הייסער זופּ פון קאַרטאָפליעס, זיי געטרייסט און ווידער זיי געזאָגט, אַז איידער ס׳ווערט ליכטיק, מוז זיין פינצטער . . .

האַרן גוטע, האַרן טייערע

די איבערגעבליבענע זיבן, האָבן באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך דערקלייבן צו די רוסישע פּאַרטיזאַנען און צושטיין צו זיי. זיי האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון די פּאַרצעווער וועלדער.

דאָרטן האָט זיך געפונען אַ גרויסער כוח. אַזוי האָבן דערציילט פויע־רים, וואָס מען האָט זיי געקאָנט געטרויען. ס'איז געווען אַהין אַ מהלך פון פופציק קילאָמעטער.

אין דאָרף וויריק, זיינען זיי ביינאַכט אַריין צו איינעם אַ פּריינטלעכן פויער אין הויז, וואָס פּאָקולע האָט זיי אָנגעוויזן. וואָיטיק האָט ער גע־הייסן. אַן אָרעם פויערל, מיט וויינענדיקע אייגעלעך. זיינע צוויי טעכטער האָבן די נאַציס געכאַפּט און זיי פאַרשיקט טיף אין דייטשלאַנד אויף שקלאַפן־אַרבעט. זיין פרוי איז געשטאָרבן פון האַרץ־ווייטאָג. ער, וואָיטיק, האָט געהאַלטן אין איין וויינען נאָך זיי. דערפאַר זיינען ביי אים די אויגן געווען שטענדיק פאַרטרערטע.

ער האָט אויפגענומען די אידישע חברה מיט פיל גאַסטפריינטלעכקייט. זיי געגעבן עסן און טרינקען. אָפּגעטראָטן פאַר זיי דעם אויוון אין פעקליק אויף נאַכט־לעגער, און אַליין זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. פאַרטאָג, ווען זיי האָבן זיך ווידער געלאָזט אין וועג, האָט ער זיי מיטגעגעבן אַ טאָרבע מיט ברויט, און מיט אַ גרויס שטיק סאַלאָ . . .

געשטאַרקטע מיט אַ גוטן שלאָף און מיט דער רירנדיקער פריינטלע־קייט, וואָס וואָיטיק האָט זיי אַרויסגעוויזן, האָבן די זיבן חברה זיך ווײ־טער געלאָזט שפּאַנען אין וואַלד אויף זייער וועג צו די פּאַרצעווער פּאַרטיזאַנען.

שפּעט אין טאָג האָט דער געוואַלדיק וואַלד־אויערדיקער יוחנן דער־הערט טריט ערגעץ צווישן די ביימער. זיי זיינען אַלע געפאַלן צו דער ערד. באַלד האָבן זיך באַוויזן צוויי מענטשן מיט ביקסן. פאַרמאַטערטע און אויסגעשעפּטע האָבן זיי זיך קוים געשלעפּט אין שניי.

— דאָס זיינען אידן, — האָט די גרוי־האָריקע רבקה, אַ פליסטער געטאָן.

דאָס זיינען געווען צוויי אידישע פּאַרטיזאַנען פון די פּאַרצעווער וועל־דער, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זייער אָפּטיילונג און פאַר־בלאָנדזשעט געוואָרן. איינער איז געווען אַ סאָסנאָוויצער, און דער צווײ־טער אַ פּאַרצעווער, אָבער מען האָט אים גערופן הערי דער אַמעריקאַנער. הערי איז אָפּגעווען אין אַמעריקע צען יאָר. אַ פּאָר וואָכן פאַר דער מלחמה,

איז ער געקומען אויף אַ באַזוך צו זיין אַלטער מאַמען אין פּאַרצעווע. ווען די נאַציס זיינען אַריין, האָט ער זיך געריסן צוריק קיין אַמעריקע, אָבער ער האָט שוין ניט געקאָנט. פאַרלוירן דעם פּאַספּאָרט און אַלע איבעריקע פּאַפּירן. דאָס איינציקע שטיקל גוטס, וואָס איז אים איבערגעבליבן פון אַמעריקע, איז געווען אַ גאָלדענער צאָן פון פאָרנט און אַ רוזוועלט„עלעק־שאָן־באַטאָן" (וואַל־קנעפּל).

זיי האָבן דערציילט דער מאַריאַנקער גרופּע (אַזוי האָט זיך שוין נאָכדעם גערופן פּסח מיט זיין גרופּע, „די מאַריאַנקער"), אַז אין די פּאַרצע־ווער וועלדער ווערן די צאָל פּאַרטיזאַנער גרעסער פון טאָג־צו־טאָג. דער עלצטער דאָרטן איז איינער אַ רוס, פּיאָדאָר, אַ העלדישער מאַן, און אַ קלוגער שלאַכט־פירער. ס'געפינען זיך דאָרטן אַ סך אידישע חברה מיט ביקסן, און צווישן זיי צייכנט זיך אויס איינער אַ יחיאל, אויך אַ סאַסנאָ־וויצער. אַ יונגער בחור נאָך, אָבער זייער אַ מיושב'דיקער, אַן אויסגע־רעכנטער און אַ געוואַגטער.

זיינען זיי שוין — ניין אידישע פּאַרטיזאַנען צוזאַמען, און אַלע מיט ביקסן. סאַניע האָט שוין אויך געהאַט אַ ביקס, וואָס שמשון האָט איבער־געלאָזט ביים אַוועקגיין מיט זיין שוועסטער קיין וולאַדעווע. האָבן זיך אַלע ניין אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון די פּאַרצעווער וועלדער.

דעם ערשטן טאָג איז מען אָפּגעגאַנגען אָן שום טרעפונגען. כאַטשבי יאָסלען איז געווען שווער צו גיין אויף זיינע צוויי קוליעס. אָבער עפּעס מיט איבערמענטשלעכן כוח האָט ער באַוויזן אָנהאַלטן מיט אַלעמען דעם זעלביקן טראַט.

דעם צווייטן טאָג אָבער, האָט שוין יאָסל ניט געקאָנט אָנהאַלטן דעם זעלביקן טראַט, ווי די איבעריקע, און אויך שאַיטשע דער סאַסנאָוויצער האָט ניט געקאָנט אָנהאַלטן דעם זעלביקן טראַט, ווי די איבעריקע, און צוליב זייביידע, האָט מען זיך געמוזט אָפּשטעלן.

שאַיטשע, אַ קליין־געוואוקסיקער, מיט אַן אָנגעוואַקסן שוואַרץ בערדל, איז געווען זייער מאָגער און אָפּגעצערט. ער האָט שוין ניט געהאַט קיין כוח. פאַר די לעצטע דריי טעג ווי ער האָט געפילט, אַז ער איז ניט מיט אַלעמען, אָבער זיך געשטאַרקט, קיינעם ניט געוואָלט אויסזאָגן, אפילו זיין חבר הערי'ן. אָבער אַזוי שלעפּנדיק זיך נאָך דער חברה, איז ער אומגע־פאַלן אין שניי און האָט שוין ניט געקאָנט אויפשטיין. סאַניע האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים, אים אַ טאַפּ געטאָן אין שטערן, אין די באַקן, און ער האָט געברענט אין גרויס היץ.

דער שטאַרקער יוחנן, מיט דער לאַנגער נאָז און גרויסע אויערן, האָט

אים גענומען אויף די פּלייצעס, און יענער מיט אַראָפּגעהאַנגענע הענט, מיט זיין קאָפּ צופאַלנדיק צו יוחנן׳ס האַלדז און נאַקן, האָט שוין אפילו ניט געוואוסט, אַז מען טראָגט אים אויף די פּלייצעס.

ניט ווייט פון מאָסטיסק, פאַרנאַכט צו, האָבן זיי דערזען דורך די שיטערע בוימער, ביים ראַנד פון וואַלד, אַ פויער אויף אַ שליטן מיט צוויי פערדלעך.

דער פויער, אין אַן אָפּגעריבענעם אויפגעשטעלטן געלן באַשליק איבערן קאָפּ, אין אַן אָפּגעקראָכן פעלצל, מיט באָרד און וואָנצעס ווייס פון פראָסט, האָט מיט זיינע שאַרפע אייגעלעך גלייך דערזען די גרופּע מיט די ביקסן, וואָס האָט זיך געגעבן מיטאַמאָל אַ לאָז אַרויס פון וואַלד. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף זיין שליטן אין זיין גאַנצער לענג, און צעבייטשט זיינע צוויי מאָגערע פערדלעך אין גרויס איילעניש און אין שרעק.

— שטיי, שטיי! — האָט פּסח אויסגעשאָסן אין דער לופטן פון זיין ביקס.

— האַרן גוטע! האַרן טייערע! — איז דער פויער, אָפּשטעלנדיק מיט איין שטאַרקן צי זיינע פערדלעך, אַראָפּגעשפּרונגען פון שליטן, און זיך געהאַלטן אין איין בוקן, — לאָזט מיך לעבן. איך בין אַן אָרעמער מענטש און ווייס פון גאָרניט.

— מיר וועלן דיך לאָזן לעבן, — האָט פּסח צו אים געזאָגט האַרט און שטרענג, — נאָר מיר האָבן מיט זיך אַ קראַנקן חבר, און אויך איינעם מיט אָפּגעפרוירענע פיס, ווילן מיר, אַז דו זאָלסט זיי פירן וואוהין מיר וועלן דיר הייסן.

— האַרן גוטע, האַרן טייערע! — האָט ער זיך ווידער געהאַלטן אין איין בוקן ביזן גאַרטל, — מיינע פערדלעך זיינען אויסגעמאַטערט, קוים וואָס זיי זשיפּען, און מיין באַבאַ וואַרט אויף מיר אין דער היים און מיינע קינדערלעך, און אַז איך וועל ניט קומען וועלן זיי זיך שטאַרק זאָרגן. לאָזט מיך אָפּ און געפינט אַ שליטן מיט בעסערע פערד, און דערפאַר וועל איך אייך זאָגן אַ גרויסן דאַנק און נאָך בעטן גאָט פאַר אייך.

— דו האָסט אַ היים, און אַ פרוי מיט קינדער, — האָט רבקה זיך אָנגערופן מיט ביטערניש, — און אַז דו וועסט קומען אַהיים וועט דיר זיין וואַרעם, און וועסט אויך גוט אָפּעסן. אָבער מיר, וואָס שלאָגן זיך פאַר דיר, פאַרמאָגן גאָרניט אויף דער וועלט. דיין פרוי און קינדער וועלן בלויז אָפּקומען מיט דער שרעק, ווען דו וועסט ניט קומען אַהיים אין צייט, אָבער אונזערע צוויי קראַנקע חברים קאָנען נאָך שטאַרבן אויפן וועג.

— גערעכט, גערעכט, — האָט דער פויער אָנגעבויגן דעם קאָפּ מיט

גרויס הכנעה, — איז וואוהין זשע זאָל איך אייך פירן?

— אין די פּאַרצעוועך וועלדער, — האָט פּסח זיך אָנגערופן.

— אין די פּאַרצעוועך וועלדער, — האָט דער פּויער כמעט געוויינט.

— אָרעמע פּערדלעך, ווי אַזוי וועלן זיי זיך דערשלעפּן? און איך האָב אפילו ניט גענוג האָבער פאַר זיי . . .

— אַ מענטשנ׳ס לעבן איז טייערער ווי דיינע כודאָבעס, — האָט גדליה אַ זאָג געטאָן און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געשפּריצט מיט בייזן פייער.

האָט שוין דער פּויער גאָרניט געענטפערט. אָנגעבויגן די פּלייצעס, זיך אונטערגעגעבן דעם ביטערן גורל, געהאָלפן יאָסלען מיט שאַיטשע׳ן און די צוויי מיידלעך, סאָנע׳ן מיט רבקה׳ן, אַרויפקריכן אין שליטן, זיך אַליין געזעצט מיטן פּנים צו די פערדלעך, אַריינגערוקט זיינע הענט אין די אַרבל, און מיט גרויס הכנעה און געדולדיקייט, די פּויערשע דורות־און־דורות־לאַנגע אונטערטעניקייט און געדולדיקייט, גענוקעט אויף זיינע צוויי קליאַטשעס מיט די איינגעפאַלענע בייכער . . .

שלאָף, אידישער פּאַרטיזאַן

די מאָגערע פערדלעך האָבן שווער געסאָפּעט. דער פּויער האָט ביי־טער געזיפצט. אַ שאַרפע קלאָרע לבנה האָט זיך אַלעמאָל באַוויזן צווישן די הויכע טונקעלע בוימער מיט די ווייסע צווייגן. און די שאַרפע קלאָרע לבנה, ווי זי וואָלט געאָטעמט פראָסט אויף דער ערד.

די וואָס האָבן זיך באַכגעשלעפּט דעם שליטן, איז כאָטש געוועזן וואַרעם אין די פיס. די וואָס זיינען געזעסן אויפן שליטן האָבן געפרוירן.

סאָניע האָט דעם קראַנקן פּאַרדעקט מיט איר קערפּער. ממש געלעגן אויף אים. ער האָט גערעדט פון היץ. גערעדט וועגן עפּעס אַ שיינדלען, וועגן עפּעס אַ בריוו צו שיינדלען. גערעדט אויך פון וואַסער.

ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער טרינקט וואַסער. סאָניע האָט אַלעמאָל צוגעלייגט שניי צו זיינע פאַרברענטע ליפּן, און ער האָט געלעקט מיט דער צונג די פייכטקייט פון שניי.

הערי דער אַמעריקאַנער האָט דערציילט די חברה, ווי דער דאָזיקער דאַרינקער קליין־געוואוקסיקער שאַיטשע, איז געוועזן דער העלדישסטער צווישן אַלע אידישע פּאַרטיזאַנען אין די פּאַרצעוועך וועלדער. איינער אַליין, מיט צוויי גראַנאַטן האָט דער דאָזיקער שאַיטשע אויפגעריסן אַ גע־פּאַנצערטן אויטאָמאָביל מיט זעקס דייטשן. דער חבר זיינער האָט גאָרניט

געוואוסט, וואָס הייסט אַזוינס מורא האָבן. און אפשר האָט ער יאָ מורא געהאַט, אָבער ער האָט דאָס קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן . . .

***

דערנאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן בלייכן דער פאַרטאָג, און ס'איז גע־וואָרן ליכטיקער און ליכטיקער. און אַז מען איז אָנגעקומען הינטער סויקע, איז שוין שאַיטשע געווען טויט.

מען האָט ניט געקאָנט גראָבן קיין קבר. די ערד איז געווען פאַרקאָ־וועט פון פראָסט. האָט מען אים אַנידערגעלייגט לעבן אַ בוים און אָנגע־שאַרט אויף אים אַ באַרג מיט שניי.

דער פויער איז געשטאַנען מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, פרום גע'צלמ'ט זיך און אַ זאָג געטאָן מיט אמת'ן צער:

— זיי שטאַרבן די גוטע מענטשן . . .

הערי דער אַמעריקאַנעץ האָט געפילט, אַז מען דאַרף עפּעס זאָגן אויפן קבר פון זיין חבר, אָבער ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. קיין פשוט'ע ווערטער פאַסט זיך ניט צו זאָגן, און קיין געהויבענע ווערטער האָט ער ניט געוואוסט.

אָבער סאָניע האָט דאָס געזאָגט. קיינער האָט זיך ניט גערעכנט, אַז זי וועט קאָנען זאָגן אַזוינע ווערטער.

— שלאָף, אידישער פּאַרטיזאַן! — האָט זי איינגעקאָרטשעט אירע פּורפּור בלויע אויגן, ווי זי וואָלט וועלן וויינען. — שלאָף, אידישער פּאַר־טיזאַן, — האָט זי נאָכאַמאָל איבערגע'חזר'ט די זעלביקע ווערטער, און איר פּנים, דאָס אָנגעפרוירענע, דאָס צעשמאַרצטע, צעבייטשטע האָט אַ שיין געטאָן מיט אַ מאַמעשער וואַרעמער, צעוויינטער, אַלעמען פּאַר־כאַפּנדיקער ליבשאַפט, — שלאָף אידישער פּאַרטיזאַן, דו ליידסט שוין מערער קיין יסורים ניט. דער קאַמף דיינער האָט זיך פאַרענדיקט. מיר, וואָס לעבן וועלן שוין טראָגן דיינע יסורים און פאַרזעצן דיין קאַמף, וואָס דו האָסט ניט פאַרענדיקט . . .

***

און שפּעטער? שפּעטער האָט מען דעם אָרעמען פויער מיט די פאַר־מוטשעטע פערדלעך געשיקט צוריק, און אַליין איז מען שוין ווייטער געגאַנגען צופוס. יאָסל האָט זיך שוין ווידער גע'ברית'ט און מיט די קוליעס אָנגעהאַלטן מיט אַלעמען דעם זעלביקן טראָט.

און סאָניע איז געגאַנגען פאָראויס, און פסח הינטער איר. מיט דער ביקס אויף די פּלייצעס איז זי געגאַנגען. זי איז פאַרט אַ קליינינקע, און

די ביקס איז צו גרויס. אָבער עפּעס האָט זיך געפילט אין איר גאַנג אַזאַ כוח, וואָס איז געווען פאַר אים אַ גרויסע אַנטפּלעקונג.

ער האָט זיך געכאַפּט, פּסח, אַז פון זינט מען איז אַוועק אין וואַלד, האָט ער זי גאַרניט באַמערקט, ווי זי ווערט אַנדערש. ערשט דאָ, ביים קבר, האָט ער זי דערזען, אַז זי איז גאָר אַנדערש. ס׳איז אויסגעוואַקסן אין וואַלד אַ נייע סאָניע.

און העט שפּעטער, ווען ער האָט זי געזען צילעווען זיך פון איר ביקס אויף אַ דייטש, און מיט גוואַלדיקער פּינקטלעכקייט געטראָפן דאָרטן וואו זי האָט געוואָלט, האָט ער שוין בשום אופן ניט געקאָנט זיך דערמאָנען, ווי יענע סאָניע פון דער פּאַוויאַ־גאַס און קעלער־שטוב האָט אויסגעקוקט, די סאָניע, וואָס איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש מיט גרויסע געוואַלדן, ווען אַ מייזל איז אַרויסגעלאָפן פון קעלער ווינקל . . .

***

ווען זיי זיינען אַריין אין פאַרצוואוער וועלדער, און האָבן אָנגעהויבן זיך דערנעענטערן צו דער פּאַרטיזאַנישער באַזע, געפירט פון הערי׳ן, האָבן זיי גאַרניט חושד געווען, אַז ערגעץ פון הינטער אַ בוים קוקן אויף זיי אַ פּאָר אויגן גאַנץ אויפמערקזאַם, און האַלטן זיי אין באַטראַכטן.

און דער וואָס איז געשטאַנען הינטערן בוים פאַרשטעקט, מיט דער ביקס אין די הענט, האָט גלייך דערקאָנט, אַז דאָס זיינען אידן, אָבער ער האָט געוואָלט מאַכן אַ רושם אויף זיי און איז אַרויסגעשפּרונגען מיט דער צילעוונדיקער ביקס, ווען זיי זיינען שוין געווען גאָר נאָענט, זייער סטראַשענדיק און אַ געשריי געטאָן מיט אַן איבערגעטריבענער מערדעלע־כער שטרענגקייט:

— קטאָ אידיאָט? (ווער גייט?).

— סוואָאי (היימישע), — האָט פּסח זיך אָנגערופן, און זיך אויך געכאַפּט צו דער ביקס.

— פּאַראָל? — האָט יענער געדרייט מיט זיינע אויגן, זייער גזל׳ניש, ווי אָט נעמט ער און דערשיסט די גאַנצע גרופּע מיט איין מאָך פון דער האַנט.

אָבער סאָניע האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, און אַלע איבעריקע נאָך איר. עפּעס איז זיין דרייען אַזוי איבערגעטריבן־גזל׳ניש מיט זיינע אויגן, און אין זיין גאַנצן שטעל, באַזונדערס אין זיין בולבעוואַטער נאָז, איז געווען אַ סך היימישקייט.

— איר זייט אידן? — האָט ער נאָך אַלץ געדרייט איבערגעטריבן גזלנ׳יש מיט די אויגן.

— וואָס דען זיינען מיר, טערקן? — האָט בח'קע געענטפערט מיט אַ טענה.

— אויב אַזוי קומט דאָך אייך אַ שלום־עליכם, — האָט זיך זיין היפּשע בולבע־נאָז גוטמוטיק צעשמייכלט.

— אוי, ס'איז דאָך באַטשאַן, — האָט הערי דער אַמעריקאַנער פריילעך אויסגעשריען.

יאָ, ס'איז געווען באַטשאַן פון פאַרצעווע, די פאַרשלעפּטע קרענק, דער פריילעכער לונג און לעבער. אַ טרעגער ביים וואָקזאַל אַלע זיינע יאָרן.

באַטשאַן האָט זיי גלייך געקאָנט דורכלאָזן, זיי בלויז געדאַרפט אָב־ווייזן, אויף אַ וועלכע שטעגעלעך מען דאַרף זיך פאַרנעמען, כדי אָנצו־קומען צו דער באַזע, אָבער ער האָט זיי געוואָלט האָבן לעבן זיך. שטענדיק שוין געוואָלט האָבן אַן עולם מענטשן לעבן זיך, כדי זיך צו באַווייזן מיט זיינע קונצן, און דאָ איז אים נאָך שטייענדיק אויף דער וואַך איינער אַליין געווען זייער אומעטיק. האָט ער זיי פאַרהאַלטן. געזאָגט, אַז פּיאָדאָר האָט באַפוילן ניט אַריינצולאָזן קיינעם, אפילו אייגענע, סיידן באַגלייט פון אַ וואַך, וועלן זיי שוין מוזן אויסוואַרטן ביז אַן אַנדערער פּאָסטן וועט אים קומען פאַרבייטן, וועט ער זיי אַליין אַריינפירן.

און כדי זיי באַלוינען פאַר זייער וואַרטן, האָט ער זיי מכבד געווען מיט זיינע פריילעכע שטיקעלעך, און מיט אַ זופּ בראָנפן יעדן איינעם פון זיין פלאַש. — — —

— באַטשאַן אָן אַ פלאַש, — האָט ער זיך פאַרגעשטעלט פאַר זיי, — איז, ווי אַ מת אָן תכריכים, אָדער ווי אַ כלה אָן אַ שלייער, אָדער ווי אַ רב אָן אַ יאַרמולקע, אָדער ווי אַ חזן אָן אַ גאַרגל.

פסח האָט געוואָלט וויסן, וועגן דער באַזע, וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון די פאַרטיזאַנען און וויפיל אידן זיינען דאָ דאָ? וואָס איז אַזוינס דער פּיאָדאָר, וואָס ער האָט שוין געהערט פון אים, אפילו פון דעם קליינעם פאַסטוכל הינטער האַליאַ?

אָבער אַז באַטשאַן גיט אינפאָרמאַציע, איז דאָס שוין אויך אַ קאָ־מעדיע. ער מוז נאָכמאַכן יעדן איינעם, וועמען ער דערמאָנט. און באַזונ־דערס שטעלט ער זיך אָפּ אויף פּיאָדאָר'ן.

— אָט דאָס איז אַ מאַן, — שמאַצקעט ער מיט די דיקע פליישיקע ליפּן און זיין בולבע־נאָז ווערט פייערלעך־ערנסט, — אָר־וואַ, אַווואַ, אַ גבור פון גבורים לאַנד.

און כדי אַלע זאָלן דערזען פּיאָדאָר'ן, ווי ער שטייט און גייט, האָט ער זיך גלייך געגעבן אַ העלדישן שטעל, זיך אַ קלאַפּ געטאָן וואוויל־יונגע־ריש אין היטל, און ווי דורך אַזאַ כשוף, אַזוי געענדערט דאָס פּנים און דעם

גאַנצן שטעל זייִנעם, אַז ס׳האָט זיך טאַקע אויף אַ סעקונדע אויסגעוויזן, אַז דאָס שטייט אַ פּיאַדאַר אַליין, אַ יונגער, אַ בויגעוודיקער, אַ העלדישער, און ניט דער אָנגעפּעלצטער, דיקלעכער, פּערציק־יאָריקער באַטשאַן, דער טרעגער פון פאַרצעווער וואַקזאַל.

דער ווינט האָט דערטראָגן צו זייערע נאַזלעכער דעם ריח פון געבראָטן פלייש, און אויך צו זייערע אויערן, וואָס זיינען שוין אַזוי פאַרשאַרפט געוואָרן פון זיין די גאַנצע צייט אין וואַלד, דער רויש פון מענטשן. און אַזא גאַרעניש און בענקעניש האָט זיי אָנגעכאַפּט צו זיין וואָס גיכער צווישן אַ סך מענטשן, און זיך אויסמישן צווישן די מענטשן, און צו ריידן צו די מענטשן . . .

אפשר געדאַרפט אויך דאָ זאָגן, אַז זי איז זיין שוועסטער

באַטשאַן האָט זיי געפירט מיט פאַרדרייטע וועגן ווען ס׳איז אָנגעקומען אַ נייע וואָך אים צו פאַרבייטן, און זיי געבראַכט צו אַן אָרט, וואו ס׳זיינען געוואַקסן דיקע אוראַלטע סאָסנעס, און אַ סך סאָסנעס זיינען געלעגן איבערגעקערט מיט די וואָרצלען אַרויף. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען קאָן דאָ גאָרניט דורכגיין אין דער דאָזיקער ווילדערניש. באַטשאַן, ווי דיקלעך ער איז געווען און אָנגעפּעלצט, אַזוי פלינק האָט ער זיך באַוואויגן, און זיי געפירט דורך געהיימע סטעזשקעלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט און פאַרדרייט, און פאַרשוואונדן געוואָרן, און נאָך אַמאָל זיך באַוויזן.

און וואָס נעענטער מען איז צוגעקומען צו דער באַזע, אַלץ שאַרפער איז געוואָרן דער ריח פון געבראָטן פלייש, און אַלץ דייטלעכער האָבן זיך געהערט די מענטשלעכע רייד, און ס׳האָט זיך שוין אויך פאַרטראָגן דאָס צימבלען פון אַ באַלאַלאַיקע.

און פלוצלונג — ערשט די מינוט געווען ווילדערניש, אָבער מיטאַמאָל, ווי ס׳האָט געגעבן זיך אַן אָנטפּלעק די גאַנצע באַזע. צענדליקער פייערן האָבן געפלאַקערט דאָ און דאָרטן, און ביי יעדן פייער זיינען געזעסן גרופּקעלעך פאַרטיזאַנען. ווען די מאַריאַנקער האָבן זיך באַוויזן, האָט זיך גלייך צעטראָגן פון פייער צו פייער:

— נייע אידישע פאַרטיזאַנען זיינען געקומען.

פּסח האָט דערקאָנט צווישן עולם יעפים און הערשלען פון קודעניץ, וואָס פלעגן קומען צו זיין פעטער בחומ׳ען יום־טוב צו גאַסט, אויך אידלען

פון סאָסנאָוויץ, אַ בהמה־סוחר מיט זיין זון מאָניש'ן, און נאָך אַ סך באַקאַנטע.

יאָסלען מיט זיינע צוויי ברידער, האָבן גלייך אַרומגערינגלט אַ גרויסע גרופּע באַקאַנטע פון די פאַרשיידענע דערפער און שטעטלעך. מען האָט יאָסלען און זיינע ברידער גוט געקאָנט אומעטום.

און אָט לאָזט זיך פיאָדאָר צו זיי, און מען זעט גלייך, אַז באַטשאַן, אין זיין נאָכמאַכן אים פריער, האָט געכאַפּט די הויפּט־שטריכן פון זיין פּערזענלעכקייט. אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק, מיט ביז גאָר לעבעדיקע און פריילעכע גרוי־גרינלעכע אויגן. נישט קיין באַזונדער הויכער, אָבער ער האָט אויסגעזען העכער פון אַלעמען. אָנגעטאָן אין אַ ציוויל גרוי היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, וואָס איז געלעגן אַזוי וואויל־יונגעריש אויף זיין געדיכטן פּאַטלאַטן קאַשטאַנאָוון קאָפּ האָר, אין אַ לעדערנער מענאַרקע (רעקל) ביז אין די קני, און הויכע גלאַנציקע אָפיצירסקע שטיוועלעך און באַוואָפנט פון קאָפּ ביז אין די פיס, האָט ער געשפּאַנט אַ פלינקער, אַ בויגעוודיקער . . .

נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצע סוויטע. חברה — איינס און איינס. הויכע יונגען, שטאַרקע, געוואַגטע, אין פוטערנע קוטשמעלעך אויף די געדיכטע קודלאַטע קעפּ האָר, און אַלע באַוואָפנט מיט פּוילישע נייע ביקסן.

פיאָדאָר האָט אָפיציעל אויפגענומען די מאַריאַנקער גרופּע, באַטראַכט זייערע ביקסן, זיך אויסגעפרעגט וועגן זייערע אַקציעס, און פון סאָניע'ן שוין ניט אַראָפּגענומען די אויגן. אַלע יונגען פון זיין סוויטע, קרעפּטיק־מענערשע, האָבן אויך ניט אַראָפּגענומען פון סאָניע'ן זייערע אויגן.

און סאָניע, אַ פאַרמורזעטע, אַן אויסגעמאַטערטע, אין אַ קליין באַראַשקען גרוי קוטשמעלע אויפן קאָפּ, אין דער קורצער ברוינער סוויטקע, מיט איר ביקס אויפן אַקסל, האָט זיך אַנגעצונדן פון אַזויפיל מענערשע באַוואונדערנדיקע בליקן, און זיך צעשפּילט מיט איר גאַנצער מיידלשער לעבעדיקייט.

פיאָדאָר האָט גלייך אָנגענומען צו איר די באַציאונג אַ האַלב פּאַטער־לעכע, האַלב קאַוואַליערישע, און גוטמוטיק געמאַכט חוזק פון איר, וואָס אַזאַ קליינינקע ווי זי טראָגט אַזאַ ביקס, און גערייצט זיך מיט איר, אַז זי ווייסט אפילו ניט ווי אַזוי צו שיסן. און סאָניע, כלומרשט מיט צאָרנדיקע אויגן, האָט גלייך אַראָפּגעכאַפּט די ביקס, זי אָנגעשטעלט אויף פיאָדאָר'ן, און געמאַכט זיך, אַז אָט־אָט, שיסט זי אים אַריין אַ קויל אין האַרצן . . .

די חברה האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, און הויך געלאַכט. און אין זייער געלעכטער איז אויך געווען גבורה. געזונטע מענערשע גע־

לעכטער׳ס פון העלדן פאַרטיזאַנען, וואָס מאָרגן אפשר, וועלן זיי שוין ניט זיין צווישן די לעבעדיקע, אָבער איצטער, כל־זמן מען לעבט, גלוסט מען און מען באַגערט, און מען שכור׳ט פון לעבן, מיט אַלע זייערע יונגע שטאַרקע ליידנשאַפטן.

***

די מאַריאַנקער זיינען אַריינגעפאַלן אין די פּאַרצעווער וועלדער פונקט דעמאָלט, ווען פיאָדאָר מיט זיינע פאַרטיזאַנען האָבן זיך געקליבן אויף אַן אַקציע אויף אָסטראָווא.

די שטאָט אָסטראָווא, אַ פופצן קילאָמעטער פון דער באַזע, איז שוין געווען „יודען־ריין״, און די נאַציס האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטער־רישער פעסטונג.

די פאַרבינדלער, אָדער די לעגאַלטשיקעס, וואָס די פאַרטיזאַנען האָבן געהאַט צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג, האָבן געבראַכט ידיעות, אַז דער דייטשישער גאַרניזאָן קלייבט זיך מאָרגן פאַרטאָג אַרויספאָרן קיין לעוועדטאָוו אויף אַ שטראָף־עקספּעדיציע.

פיאָדאָר מיט זיין סוויטע איז געגאַנגען פון פייער צו פייער, און גע־קליבן חברה פאַר זיין מאָרגנדיקער עקספּעדיציע. דורכגעקוקט די ביקסן און געכאַפּט די שלאַכט־פעיאיקייט פון יעדן פאַרטיזאַן.

די מאַריאַנקער לעבן פייער זיינען געשלאָפן שוין דעם צווייטן טאָג, און ליב געהאַט צו שלאָפן אינמיטן העלן טאָג, ווען ס׳טראָגן זיך קולות און געשפּרעכן פון אַלע זייטן, און באַלאַלאַיקעס שפּילן, און האַרמאָשקעס. גראָדע אין דעם דאָזיקן מענטשלעכן טומל האָבן זיי זיך געקאָנט אָפּשיידן פון דערווירקלעכקייט, און אַריינפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

ס׳ערשטע מאָל פון זינט זיי זיינען געוואָרן וואַלד־מענטשן, זיינען זיי געשלאָפן מיט אַזאַ זיכערקייט און אַזאַ פרידלעכקייט. און וואָס מערער מענטשן האָבן זיך געטומלט אַרום זיי, אַלץ מערער זיכערקייט איז געווען אין שלאָף. זיי האָבן געוואָלט אָפּנעמען פון שלאָף דאָ אין די פאַרצעווער וועלדער פאַר אַלע וואָכע נעכט דאָרטן אין די סקראָדניצער וועלדער.

אָבער ווען פיאָדאָר מיט זיין סוויטע האָט זיך געלאָזט אויף אינספּעק־ציע פון פייער צו פייער, איז דער טומל מיטאָמאָל אָפּגעהאַקט געוואָרן אומעטום. חברה פאַרטיזאַנען האָבן שוין געוואוסט, אַז אויב פיאָדאָר גייט פון פייער צו פייער, איז אַ סימן, אַז ער קלייבט זיך ערגעץ.

די מאַריאַנקער האָבן גלייך אין זייער שלאָף דערשפּירט, ווי ס׳איז געוואָרן מיטאָמאָל אַזוי שטיל, און געוואָרן וואַך אויגנבליקלעך.

בלויז נח׳קע האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט. אים האָט שוין גאָרניט גע־

אָרט, יאָ טומל, ניט טומל. ער פייפט אויף דער וועלט און שלאָפט. אונ־טערגעבעט מיט צווייגן, צוגעדעקט מיט אַ פּלאַכטע, די לאַפּן פון זיין היטל אַראָפּגעלאָזט איבער די אויערן, דער הויכער פוטערנער קאָלנער פון זיין פּעלצל אויפגעשטעלט, און דאָס פּנים זיינס אינגאַנצן אַריינגעגראָבן אין קאָלנער, מיט די הענט אין די קעשענעס, מיט זיינע געשנירעוועטע שיך צום פייער — און ער שלאָפט.

ווען פיאָדאָר איז צוגעגאַנגען מיט זיין שטאָב צו די מאַריאַנקער, האָט פסח'ן אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן: ער האָט דערזען צווישן פיאָדאָר'ס סוויטע איינעם אַ מענטשן צווישן זיי, מיט אַ קורצער דיקער נאָז, שטאַרק רויט פון פראָסט, און ער האָט אים אויסגעזען אַזוי קאָנטלעך, פיינלעך־קאָנטלעך. זאָל דאָס זיין אָט יענער פרעמדער, וואָס איז ווי אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן דאָרטן פאַר־צוויי־יאָרן זומער אויף סטעפּאַנ'ס פּאַשע־פּעלדער אין וואַלד, און האָט אים געזאָגט, אַז ער גייט פון דאָרף צו דאָרף רופן די פּויערים צו ווידערשטאַנד קעגן די נאַציס? אַוודאי איז דאָס ער. אָט ווי ער קוקט אויף דיר מיט זיינע שאַרפע גרויע גאָר לעבעדיקע אויגן, וואָס שטראַמען מיט אַ גוואַלדיקער אינערלעכער קראַפט, קאָן מען שוין גלייך דערקענען, אַז דאָס איז ער.

ער איז שוין ניט אָנגעטאָן אין וועלאָסיפּעדנעם היטל און אין דעם לאַנגן שטויב־מאַנטל, נאָר אין אַ שוואַרצן קליין באַראַשקן קוטשמעלע און אין אַ לעדערן רעקל, אָבער נאָך אַלץ אין די לאַנגע שיך מיט פאַרשני־רעוועטע כאָליעוועס.

— ביזטו ניט אָט יענער פאַסטוך, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן הינטער ליובען? — האָט יענער זיך צעשמייכלט.

— יאָ, דאָס בין איך אָט יענער פאַסטוך, — איז פסח רויט געוואָרן.

— ער קאָן דיר אַ גאַנצע וועלט, אונזער וואַנקאַ קירפּיטשניק, — האָט פיאָדאָר אַ זאָג געטאָן מער מיט קנאה, ווי מיט דרך־ארץ.

— זאָלן מיר זיי לאָזן נאָך אויסרוען, — האָט וואַנקאַ ניט געלייגט קיין אַכט אויף יענעמס קאָמפּלימענט, — זיי זיינען נאָך מיד פון וועג, און די אַקציע אונזערע וועט זיין זייער אַ שווערע.

פסח האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין חברה. שוין ניט געדאַרפט ריידן מיט זיי און ביי זיי זיך אָנפרעגן. זיי האָבן זיך שוין פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן אויפן וואונק, און דער ענטפער איז געווען אָנגעשריבן ביי יעדן איינעם אין די אויגן.

— גיין שלאָגן די נאַציס זיינען מיר קיינמאָל ניט מיד, — האָט פסח געענטפערט אין נאָמען פון דער גאַנצער גרופּע.

פּעטער, לאָמיך האַלטן אייער ביקס

די מאַריאַנקער האָבן זייער ניט געוואָלט זיך צעשיידן מיט יאָסלען. זיי האָבן געזאָגט פּיאָדאָר׳ן, אַז דער קראַנקער חבר זייערער וועט אויף קיינעם ניט פאַלן צו לאַסט, און אַז זיי וועלן שוין אַליין אַכטונג געבן אויף אים, אָבער דער קאָמאַנדיר האָט זיך איינגעשפּאַרט: ער וויל ניט האָבן קיין אינוואַלידן אויף דער באַזע צווישן די באַוואָפנטע.

און יאָסל, אַ צעבראָכענער פון לאַנגן וועג, האָט שוין נישט געקאָנט גיין אויף זיינע פיס, אפילו מיט דער הילף פון זיינע קוליעס. האָבן יוחנן מיט גדליה׳ן געטראָגן זייער ברודער יאָסלען אויף אַ בעטל אויסגעפלאָכטן פון צווייגן צום קעמפּ פון די אומבאַוואָפנטע, אָדער „טאַבאָר״, ווי די פּאַרטיזאַנען האָבן דאָס גערופן.

דער טאַבאָר איז געווען אַ פינף קילאָמעטער ווייטער פון דער הויפּט־באַזע, הינטערן דאָרף אַנגעניך, אָדער ניך, ווי אידן האָבן דאָס גערופן. צווישן בלאָטעס, וואָס זיינען אפילו איצט אין די גרויסע פרעסט, קוים פאַרפרוירן געוואָרן, האָט וואַנקאַ קירפּיטשניק, וואָס איז געווען דער פּאָליטישער קאָמיסאַר פון די פּאַרטיזאַנען אין די פאַרצעוווער וועלדער, אויסגעקליבן דעם דאָזיקן מקום־מקלט (אָרט פון אַנטרינונג), פאַר די אומבאַוואָפנטע, וואָס זיינען ס׳רוב באַשטאַנען פון עלטערע אידן און ווייבער און קינדער.

ווען יוחנן און גדליה זיינען נאָך געווען קליינע אינגלעך ביידע, האָבן שוין אַלע זייערע חברים מורא געהאַט מיט זיי זיך צו פאַרטשעפּען צוליב זייער עלטערן ברודער יאָסלען. ער איז געווען, יאָסל, דער גיבור אין דער משפחה. נאָך געטראָגן אַ רעוואָלווער מיט זיך אין דער צייט פון דער פּוילישער מאַכט.

און אָט זייער העלדישן ברודער יאָסלען, דעם פייערדיקן יונג מיט דער ווילדער טשופּרינע האָר, מיט די ברענענדיקע אויגן, דעם בעסטן טענצער צווישן אַלע בחורים, האָבן זיי, יוחנן און גדליה, געדאַרפט טראָגן פאַר אַלע פּאַרטיזאַנען אין די אויגן. און אַ סך פון זיי האָבן גוט געקאָנט יאָסלען, אין אַלע שטעט אַרום האָבן זיי אים געקאָנט . . .

פּסח און נח׳קע האָבן אינמיטן וועג געוואָלט איבערנעמען ביי יוחנן און גדליה׳ן דאָס טראָג־בעטל, אָבער די צוויי ברידערלעך האָבן ניט געלאָזט. די אַלע פינף קילאָמעטער פון דער הויפּט־באַזע האָבן זיי אים אַליין געטראָגן.

מען איז אָנגעקומען אַהין אין קעמפּ פון די אומבאַוואָפנטע צו מנחה־

צייט. אידן האָבן טאָקע געדאַוונט מנחה אינדרויסן אין פראָסט, לעבן די זיעמליאַנקעס און די ביידלעך.

אַרום אַ צוויי הונדערט אידישע נפשות זיינען דאָרטן געווען, אַנטלאָפענע פון סאָסנאָוויץ, פון פּאַרצעווע, פון אָסטראָווע, לעווערטאָו און פון די אַרומיקע דערפער.

איבערן גאַנצן קעמפּ זיינען געווען צעלייגט פייערן דאָ און דאָרט. פרויען האָבן געקאָכט וועטשערע, און קינדערלעך האָבן זיך געשפּילט אַרום די פייערן. ס'האָט געשמעקט דאָ מיט געפּראַזשעטער קאַשע און מיט געבראָטענע קאַרטאָפליעס.

רעקל אויף רעקל, לייבל אויף לייבל, קליידל אויף קליידל, איז יעדער איינער און איינע געווען דאָ אָנגעפּעלצט. אָבער די שטיוול און די שיך זיינען שוין כמעט ביי אַלעמען דאָ געווען צעפּאַרענע, און אייניקע האָבן אינגאַנצן ניט געהאַט קיין שיך אָדער שטיוול, נאָר שמאַטעס אַרום די פיס.

דער וואַלד אַרום איז אַזוי אומהיימלעך וויסט און נאַקעט, איינגעקאָוועט אין אַ קנאַקנדיקן פראָסט. און די נאַכט, די וואַרלאָזע נאַכט, רוקט זיך גיך פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט. אויפן הימל האָבן זיך שוין באַוויזן שטערנדלעך דאָ און דאָרטן, און געפינקלט שאַרף מיט קאַלטער אומ־ברחמנות'דיקער ליכטיקייט.

אָבער אידן דאַוונען מנחה און מעריב מיט גרויס בטחון, און ס'קלינגען אויך פריילעכע קינדערשע קול'עכלעך איבערן גאַנצן קעמפּ.

— כאַפּט אים, כאַפּט אים, — שרייען אינגלעך ווילד אויף די העכסטע קולות.

און דעם, וואָס מען דאַרף כאַפּן, איז גאָר אָנגעטאָן אין אַ גרין פרויענש יאַקל, און זיינע פיס זיינען גאָר איינגעוויקלט אין שמאַטעס, אָבער לויפן לויפט ער ווי אַ הירשל. דרייט זיך אַלעמאָל אויס צו דער חברה נאָכיאָגער מיט אַ שיינענדיקן פּנים, און מיט בצחון אין זיינע גליקלעכע צעלאָפענע אויגעלעך.

דאָס האָט ער זיי געוואָלט באַווייזן, אַז אפילו זיינע פיס זיינען איינגעוויקלט אין שמאַטעס, אָבער דאָך וועלן זיי אים ניט קאָנען כאַפּן.

און זיי האָבן אים טאָקע ניט געכאַפּט. ער האָט זיך אַליין אָפּגעשטעלט, מחמת ער האָט דערזען פסח'ן מיט דער גרופּע, און ער האָט זיך געלאָזט צו זיי, און אַלע אינגלעך נאָך אים.

און דאָס יאַטל, דער וואונדערלעכער לויפער, מיט די שמאַטעס אויף די פיס. אין גרינעם פרויענשן פאַרלאַטעטן יאַקל, אין גרוי אָפּגעקראָכן באַראַשקן קוטשמעלע, וואָס איז געווען צו ענג אויף זיין קאָפּ, האָט גלייך

דערקאַנט אין דעם הויכן פּאַרטיזאַן מיט די אויפגעהויבענע אַקסלען, און מיט דעם גוטן וואַרעמען שמייכל, אַז מען קאָן צוגיין צו אים נאָענט, און אַפילו ריידן צו אים. האָט ער אַ לויכט געטאָן צו אים מיט זיינע קלוגע קווענלדיקע ברוינע אייגעלעך און אַ זאָג געטאָן:

— פּעטער, לאָמיך האַלטן אייער ביקס.

— זי איז געלאָדן, — האָט פּסח געענטפערט און געלאַכט צו אים.

— און אַז זי איז געלאָדן איז וואָס? — האָט יענער געענטפערט מיט אַ טענה, — איך האָב שוין ניט איינמאָל געשאָסן פון אַ ביקס.

— ווי אַזוי רופט מען דיך, יאַטל?

— זישקע, — האָט יענער גלייך געענטפערט — און איך?

— פּסח.

— פּסח, שבועות, סוכות, פּורים, — האָט יענער אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, און אַלע אינגלעך נאָך אים . . .

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן . . .

און יענע נאַכט האָט דער פראָסט געקנאַקט אין פּאַרצעווער וואַלד, אַז מען האָט שוין ניט געקאָנט פון פייער אָוועקגיין. אָבער זיצנדיק ביים פייער איז געווען וואַרעם בלויז פון פאָרנט, די פּלייצעס זיינען געווען שטייף פון קעלט.

אַלע פּאַרטיזאַנען האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם פייער, וואו וואַנקאַ קירפּיטשניק איז געזעסן. און אַז וואַנקאַ קירפּיטשניק זיצט שוין אויך ביי אַ פייער, איז אַ סימן, אַז דער פראָסט איז גאָר, גאָר.

דער דאָזיקער וואַנקאַ קירפּיטשניק, וואָס איז געווען אַ קאָמוניסט נאָך פון די אַלטע צייטן, איז אומיסטנע אַרומגעגאַנגען פאַר אַלעמען אין די אויגן כמעט אַ זומערדיקער, און זעלטן זיך געזעצט ביי אַ פייער. מיט דעם האָט ער אַלעמען געוואָלט ווייזן אַ ביישפּיל פון פּאַרטיזאַנישער פאַרהאַרטעוועטקייט.

אין יענע נאַכט, ווען ער האָט שוין זיך צוגעזעצט צום פייער, און געהאַלטן אַ פּאָליטישע רעדע פאַר דער חברה, איז דער קנאַקנדיקער פראָסט געווען ביי אים די הויפּט־טעמע.

— איך פריי זיך, וואָס דער פראָסט ווערט וואָס שטאַרקער און שטאַרקער, — האָט זיין פּנים טאַקע געשיינט מיט פרייד, — דער פראָסט איז אונזער פריינט. די רויטע אַרמיי, און מיר, פּאַרטיזאַנען, קאָנען איבער־

טראָגן דעם גרעסטן פראָסט, אָבער זיי, די קאַניבאַלן, פאַלן ווי די פליגן אין אַזוינע שטאַרקע פרעסט. פאַראַיאָרן, הינטער מאָסקווע, האָט מען זיי גע־פונען פאַרפרוירענע אין די צענדליקער טויזנטער אויף אַלע וועגן. און הלוואי וואָלטן היינטיקן ווינטער געווען אַזוינע פרעסט ווי פאַראַיאָרן. אָבער מענטשן וואָס ווייסן, זאָגן, אַז הינטער סטאַלינגראַד איז זיי שוין ניט בעסער, ווי פאַראַיאָרן. און איר וועט געדענקען מיינע רייד, חברה, זאָלן נאָר די גרויסע זאַווערוכעס אָנקומען דאָרטן, און אפשר בשעת מיר זיצן זיך דאָ אָט אַזוי, דערלאַנגט זיי דאָרטן די רויטע אַרמיי אויף דעם גאָר גרויסן אופן. מיר זיינען אָפּגעשניטן פון דער גרויסער ערד, קיין ראַדיאָ־פאַרבינדונג האָבן מיר ניט, אָבער איך ווייס, ברידער און שוועס־טער, ס'איז קלאָר פאַר מיר, אַז דערפאַר האָט מען זיי פאַרהאַלטן הינטער סטאַלינגראַד, ביז די גרויסע זאַווערוכעס זאָלן קומען, און מען וועט זיי פאַסעווען, און מען וועט שינדן פון זיי די קרעציקע פעל. און דערפאַר זאָג איך, לאָמיר בענטשן דעם פראָסט, זאָל ער ברענען וואָס שטאַרקער, און מיר וועלן גאָר זינגען לידער.

און אַרום דעם גרויסן פייער זיינען יענע נאַכט געזעסן פאַרטיזאַנען פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: רוסן, פּוילישע, אידן, אוקראַאינער, אוז־בעקן, מאָנגאָלן, אויך אַ פראַנצויז, וואָס איז אַנטלאָפן פון אָסיווע, אַ שקלאַפן־לאַגער לעבן כעלם.

— מיר האָבן אַרום פייער אַ גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל, — האָט וואַנקע פאַרגעזעצט זיין רעדע, — און אַז היטלער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל, וועט זיין אַז ווי צו אים. מיר וועלן אים מאָרגן אין אָסטראָווע, אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב, דערציילן די זאַך. און זאָל דער פראָסט ברענען וואָס שטאַרקער, און מיר דאָ ביים פייער זיינען די גאַנצע וועלט. און לאָמיר אַלע זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

אַ מעכטיק געזאַנג האָט זיך צעשאַלט. אַלע האָבן געזונגען. יעדע נאַ־ציאָנאַליטעט אויף איר שפּראַך. און די וואָס האָבן ניט געקאָנט די ווער־טער, האָבן אונטערגעברומט די מעלאָדיע. און דער פראָסט־פאַרקאָוועטער וואַלד האָט אויך געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". הייס זיינען געוואָרן די הערצער מיט גבורה און האָפענונג . . .

און נאָכדעם האָט וואַנקאַ געזאָגט, אַז יעדע נאַציאָנאַליטעט זאָל זינגען אַ ליד אין איר שפּראַך.

דער רוסישער פּאַרטיזאַן, וואָס אַלע האָבן גערופן: איוואַן באַלשאָי, דאָס הייסט, איוואַן דער גרויסער, מחמת ס'איז אויך דאָרטן געווען איינער אַן איוואַן דער קליינער, האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט. ער איז שטענדיק

געווען דער זאַפּאַיוואַלע (דער זינגער) צווישן די רוסישע פּלעניקעס, ער האָט געזונגען דאָס פּאַרטיזאַנען ליד: „אין וואַלד געדיכטן, וואו דאָרטן שטייט דער שטאַרקער דעמב". אַ ליד, וואָס דערציילט וועגן דעם טויט פון אַ בראַוון פּאַרטיזאַן, וואָס איז געפאַלן פאַר זיין פאָטערלאַנד, און פאַר דער מאַכט דער סאָוועטישער.

ס'האָט אויך געזונגען איינער אַן אוזבעק, און כאָטש קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, און דער ניגון איז געווען אַזוי מאָדנע, אָבער אַלע האָבן אים געפּאַטשט בראַוואָ, מערער פון אַלעמען.

הערי דער אַמעריקאַנער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזונגען דעם אַמעריקאַנעם הימן. מיט טרערן אין קול האָט ער געזונגען. די גאַנצע בענקשאַפט זיינע פאַר אַמעריקע, האָט זיך געפילט אין זיין זינגען. אַלע פּאַרטיזאַנען האָבן זיך אויך אויפגעשטעלט און אַראָפּגענומען זייערע היט־לען. ווען הערי האָט פאַרענדיקט, האָט וואַנקאַ אויסגעשריען און אַלע אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט: „לאַנג לעבן זאָל אַמעריקע! הור־ר־ר־ר־ר־ר־א! . . . "

יחיאל, אַ געפאַקטער, ברייט־פּלייציקער בחור, מיט אַ קלוגן פּנים, וואָס איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע אידישע חברה, האָט אַ זאָג געטאָן צו רבקה'ן, וואָס ער האָט נאָך געקאָנט פון סאָסנאָוויץ:

— אפשר וואָלסטו אונז עפּעס געזונגען אַ שיינע אידישע פאָלקס־ליד?

דאָס יונגע מיידל רבקה, מיט די פּאָר־דער־צייט גרוי־געוואָרענע האָר, האָט איצט ניט געוואָלט זינגען קיין אידיש פאָלקס־לידל. זי האָט איצטער בעסער געוואָלט זינגען די „התקוה". „התקוה", האָט זי געזאָגט, מיינט האָפענונג, און „עוד לא אבדה תקותנו", מיינט, אַז ס'איז נאָך ניט פאַרלוירן געגאַנגען אונזער האָפענונג, די האָפענונג צו בלייבן לעבן. האָט זי געזונגען די „התקוה", און אַ סך אידישע פּאַרטיזאַנען האָבן מיטגעזונגען מיט האַרץ און מיט פייער.

רבקה האָט אויך געזונגען אברהם רייזען'ס: „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן, היינט איז אייער צייט". און די דאָזיקע ליד האָבן שוין אַלע אידישע פּאַרטיזאַנען אויפגעכאַפּט, ווי מיט איין קול . . .

און אַלע אַנדערע פּאַרטיזאַנען פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, כאָטשבי זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון די ווערטער, אָבער לויט דעם אויסדרוק אויף די פּנים'ער ביי אידישע פּאַרטיזאַנען, און אויך לויט דעם געפיל פון דעם ניגון, האָבן זיי שוין געכאַפּט, אַז דאָס מיינט שטאַרקייט, אַן אַרויסרוף, און זיי האָבן זיך אַ וויג געטאָן, זיך געגעבן אַ לאָז צום ריטם, און גענומען אַ טאָן, און אונטערגעברומט . . .

און די ברענענדיקע גרויסע פּאַליענס (שטיקער האָלץ) האָבן גע־קנאַקט און געשפּריצט מיט פונקען, און די פלאַמען האָבן געטאַנצט און זיך געהויבן, און די פּנים׳ער פון די גבורים פון דער נאַכט האָבן גע־פלאַקערט, ווי זיי וואָלטן זיך אויך אָנגעכאַפּט פון פייער.

און ווייטער אַביסל, בלויז עטלעכע טריט ווייטער, איז געווען די וויסטע אומהיימלעכקייט פון וואַלד, די אומ׳ברחמנות׳דיקע קרירה. און נאָך ווייטער האָט געהוליעט דער אוממענטש . . .

דערלאַנגט זיי די נפקא׳ס . . .

פאַרטאָג האָבן זיך 250 פאַרטיזאַנען אַרויסגעלאָזט פון וואַלד. אויף אַ וואָגן איז געשטאַנען דער שווערער קוילן־וואַרפער, דעם איין־און־איינ־ציקן קוילן־וואַרפער, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. באַדינט האָט אים איינער אַ דאַניס, אַ אידישער סאָסנאָוויצער בחור, וואָס האָט טאַקע אַליין געפאַקט דאָס דאַזיקע טייערע שטיקל געווער ביי די דייטשן אויף אַ זאַסאַדע (לאַקערבניש).

דאַניס איז געזעסן אויפן וואָגן פון אויבן־אָן, לעבן קוילן־וואַרפער, מיט אַ פריש ריין־אָפּגעראַזירט פּנים, אין אַ גרויסער שוואַרצער שמויסע־נער קוטשמע אויפגעשטעלט אין דער הויך, אין אַ קאַלירטער וועליטש־קענער שאַרפע, פאַרוואַרפן אויף זיין האַלדז, אין אַ האַריק גאָל לייבל מיט שוואַרצע שטריפעלעך. מיט פאַרקאַשערטע אַרבל איז ער געזעסן לעבן פולעמיאָט, און זיך געהאַלטן גרייט, אפילו מען איז נאָך ניט אַרויסגעפאָרן פון וואַלד.

ביים ראַנד פון וואַלד, אַז מען האָט זיך שוין געדאַרפט אַרויסלאָזן אויפן אָפענעם פעלד, האָט פיאָדאָר אָפּגעשטעלט די גאַנצע מחנה און אויס־געטיילט פאַרשיידענע גרופּעס: אַ גרופּע, וואָס דאַרף זוכן די מוסרים, אַ גרופּע וואָס דאַרף זאַמלען פּראָוויאַנט, בשעת די שלאַכט וועט אָנגיין, אַ גרופּע, וואָס דאַרף פאַרכאַפּן דעם מאַגיסטראַט. די מאַריאַנקער: פּסח, סאָניע, נח׳קע, יוחנן, גדליה און רבקה, זיינען געווען אין דער גרופּע, וואָס האָט געדאַרפט פאַרכאַפּן דעם מאַגיסטראַט.

וואַנקאַ קירפּיטשניק האָט אויסגעטיילט גראַנאַטן צו אַלע די חברה, וואָס זיינען פריער געווען זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי און האָבן שוין געוואוסט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די דאַזיקע שטיקלעך.

אַז מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון וואַלד, האָט מען דערזען אויפן שנייאיקן פעלד אַ שליטן אָנגעלייגט מיט קלעצער, און לעבן די פערד האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ הויכער פויער מיט אַן אויפגעשטעלטן שפּיציכיקן געלן באַשליק.

דער פויער, דערזעענדיק די מחנה, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון וואַלד, איז גלייך אַרויף אויף דעם שליטן קלעצער, זיך אויפגעשטעלט און געגעבן אַ קנאַק מיט זיין בייטש אין דער לופטן דריי מאָל.

אָפּגייענדיק אַ צוויי קילאָמעטער, האָט מען דערזען אַ צווייטן שליטן מיט קלעצער און דער פויער איז אויך געווען אַ הויכער מיט אַ געלן באַשליק אויפן קאָפּ, און וויבאַלד יענער האָט דערזען די מחנה פּאַרטיזאַנען, האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם שליטן מיט די קלעצער און אויך געגעבן אַ קנאַל מיט דער בייטש אין דער לופטן דריי מאָל.

אַ דריי קילאָמעטער וויטער, האָט מען דערזען פינף שליטלעך פאַרן, אָן משא, און די פויערים, די אָנטרייבער, האָבן אויך געקנאַלט מיט זייערע בייטשן דריי מאָל. די גרופּע, וואָס איז געווען באַשטימט צו זוכן די מוסרים אין שטאָט, האָט זיך געגעבן אַ לאָז צו די פינף שליטנס, זיך אַריינגעכאַפּט צו דריי מענטשן אין יעדן שליטן, צוגענומען ביי די פויערים די בייטשן און שוין אַליין אָנגעטריבן די פערד.

ס׳האָט זיך באַוויזן דער שפּיץ פון אָסטראָוווער קאָשטשאָל, און באַלד האָט מען דערזען די ערשטע הייזער פון שטאָט. מיט אַ מעכטיקן הו־ר־ר־ר־אַ, מיט ביקסן־זאַלפן, האָבן זיך די פּאַרטיזאַנען, פאַרברודיקטע, פאַרסאַזשעטע, פאַרוויכערטע, ווער אין לאַנגע בורקעס, לאַטעס אויף לאַטעס; ווער אין קורצע פעלצלעך, אָדער וואַטאָווע רעקלעך, לעכער אויף לעכער; ווער אין צעפּאַרענע שטיוול, אָדער צעטראַסקעטע שיך; ווער אין אָפּגעריבענע קוטשמעס, אָדער צעקנייטשטע היטלעך וועלאָסיפּעדנע, האָבן זיך געלאָזט לויפן צו דער פּאָליציי־געביידע, וואו ס׳האָט זיך געפונען די דייטשישע קאָמענדאַטור.

— דערלאַנג זיי, די נפקא׳ס! דערלאַנג זיי, די הורן! — האָט פיאָדאָר, וואָס האָט גאַלאָפּירט אויף אַ פערד, געשריען צו דער חברה.

רבקה מיט איר ביקס, האָט זיך צעיאָגט שנעלער פאַר אַלעמען. אין לאַנגע מענערשע שטיוול איז זי געווען אָנגעטאָן, די קליידלעך פאַרקאַטשעט אין דער הויך, ס׳זאָל איר זיין לייכטער צו לויפן, דערביי האָט מען אַרויסגעזען אירע רויטע מולטענע מאַטקעס.

די דייטשן און די פוילישע און אוקראַינישע פּאָליציאַנטן האָבן זיך

פאַרבאַריקאַדירט אינעווייניק, און געשאָסן פון די פענצטער פון ביקסן און פון צוויי קוילנוואַרפער.

— פאַר מיין טאַטן! פאַר מיין מאַמען! פאַר מיין שוועסטער! פאַר מיין ברודער! — האָט זיך געהערט אין אידיש דורכנעמענדיקע געשרייען.

און יחיאל, קריכנדיק אויפן בויך, האָט זיך דערקליבן ביז האַרט צו דער געביידע, און אַריינגעשליידערט אינעווייניק אַ גראַנאַט דורכן פענצטער. ס'האָט זיך דערהערט אַ שווערער אויפרייס, די שיסעריי פון אינעווייניק האָט אויפגעהערט, אָבער נאָר אויף אַ קורצער ווייל, און זיך ווידער באַנייט.

נח'קע, אַ פאַרסאַזשעטער, אַ באַוואָקסענער און אַ ברוגז'ער, איז גע־לאָפן און געפאַלן, געלאָפן און געפאַלן. פון די פענצטער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף אים אַ קאָנצענטרירטע שיסעריי. נח'קע האָט אַ פאַל געטאָן מיט צעשפרייטע הענט, אַרויסגעלאָזט די ביקס און פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. דאָס קאָנצענטרירטע שיסעריי אויף נח'קען פון אינעווייניק, האָט אויפ־געהערט, און זיך איבערגעטראָגן אויף יוחנן, וואָס איז אויך געלאָפן און געפאַלן, געלאָפן און געפאַלן.

פסח, קאָנענדיק נח'ן מיט זיינע שטיק, האָט שוין געוואוסט, אַז יענער מאַכט זיך טויט. אין איין אויגנבליק, ווי באַלד נאָר מען האָט אים פון די פענצטער אָפּגעלאָזט פון אויג, האָט זיך נח'קע אויפגעכאַפּט, ווידער אַמאָל געגעבן אַ לויף, און אַ שליידער געטאָן זיין גראַנאַט אין פענצטער. און צוויי רוסישע פאַרטיזאַנען זיינען בשעת מעשה אויך דערלאָפן נאָענט צו דער געביידע, און אויך אַריינגעוואָרפן גראַנאַטן. ס'האָט זיך דערהערט אַ שוידערלעכער אויפרייס. ס'האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן גאַנצע שטיקער ווענט, מיט די ציגל, מיט די קלעצער . . . אין אַ ווייל אַרום האָט זיך אינדרויסן באַוויזן אַ פאַרבלוטיקטער דייטש אין צעפליקטע קליידער, אָן אַ היטל, מיט אַ ווייסן טיכל אויפן שפיץ פון זיין באַגנעט . . .

זישקע

און די פאַרטיזאַנען, וואָס האָבן פריער געטראָגן צעדרייטע שטיוול און צעטראַסקעטע שיך, האָבן זיך שוין אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַריין אין גוטע, פעסטע, באַצישע און פאָליציאַישע שטיוול.

און די פּאַרטיזאַנען, וואָס האָבן פריער געהאַט צעפליקטע פּעלצלעך און פאַרלאַטעטע בורקעס, זיינען שוין געגאַנגען צוריק אין וואַלד אין נייענקע סוויטקעס, אין דייטשישע און פּאָליציייִשע מונדירן.

ס'זיינען אויך מיטגעפירן צוריק אין וואַלד אַכט פורן מיט אַ גרויסן באַגאַזש פון אַנטועכץ, שטיוול, פּעלצלעך, עסנוואַרגן, און אפילו איינגע־מאַכצן מיט געבעקסן, וואָס מען האָט פאַרכאַפּט ביי די מוסרים.

דעם מאַגיסטראַט האָט מען אונטערגעצונדן מיט אַלע ביכער און פּאַ־פּירן. אין אַ סך דערפער אַרום האָבן פויערים אָפּגעטאָמט פריי פאַר אַ געוויסער צייט, מחמת מען האָט אַלע צעטלען, וואו דאָרטן איז געווען פאַרצייכנט, וויפיל יעדער איינער דאַרף ברענגען קאָנטינגענט, פאַרניכטעט.

מען האָט אָוועקגעלייגט אין דער דאָזיקער שלאַכט צען נאַציס, אַכט פּאָליציאַנטן און זעקס מוסרים. מען האָט פאַרכאַפּט צוויי פּולעמיאָטן, 30 גראַנאַטן, צוואַנציק ביקסן, אָבער זייער וויניק קוילן.

(די נאַציס האָבן צו די אוקראַינישע און פּוילישע פּאָליציאַנטן אויך ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן צוטרוי, און באַוואָפנדיק זיי, האָבן זיי דאָס געטאָן מיט אַ באַשטימטער אויסרעכענונג. מען האָט זיי ניט גע־געבן קיין נייע ביקסן, נאָר די אַלט־מאָדישע, אַזוינע, וואָס די עסטרייכער האָבן זיך נאָך באַנוצט מיט זיי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, און צו יעדער ביקס צוגעגעבן בלויז 30 קוילן, אַזוי, אויב ס'פאַרגלוסט זיך דער פּאָליציי מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן זיי, זאָלן זיי ניט האָבן קיין סך קוילן.)

קומענדיק צוריק אין דער באַזע, האָבן די פּאַרטיזאַנען געפּראַוועט אַ גרויסע סעודה פון די פאַרכאַפּטע שפּייזן, און מען האָט אויך אָוועקגע־שיקט צו די אומבאַוואָפנטע אידן אין טאַבאָר עסנוואַרגן און עטלעכע פּעלצלעך מיט שטיוול.

פּיאָדאָר האָט געשענקט סאָניע'ן אַ פּאָר דייטשישע מיליטערישע הויזן פון זייער אַ גוטן געוואַנט, און אַ קליין קוטשמעלע, ביי די ראַנדן באַשלאָגן מיט גרוי־בלוילעכער טייערן פוטער, אַ שפּאָגל־ניי פרויען־פּעלצל, אַ געלס מיט רויט־גרינע קוויטעלעך אויסגענייט ביי די לאַצן, און אויך נייע ברוינע לעדערנע הענטשעקעס מיט פוטער באַשלאָגן.

זייער שיין האָט זי אויסגעזען אין דער דאָזיקער קליידונג און באַטשאַן איז געלאָפן איר קושן די האַנט. האָבן אַלע חברה געלאַכט, און פּסח האָט אויך כלומרשט געלאַכט, אָבער דאָס האַרץ איז אים געווען שווער. געזען, אַז אַ שטאַרקער מענערשער ווילן האָט זיך פאַרנומען אויף איר. אַזויפיל קרעפטיקע מענער דאָ, און אַלע באַגערן זי, און דער קרעפטיקסטער

פון אַלע מענער, דער העלדישסטער און דער מענלעכסטער צווישן זיי אַלע, לאָזט זי שוין ניט אַרויס פון אויג . . .

***

יוחנן, גדליה און פסח האָבן זיך אָפּגעזעגנט און אַוועקגעלאָזט צו דער באַזע פון די אומבאַוואָפנטע מיט מתנות פאַר יאַסלען. די ברידער זיינע האָבן אים געבראַכט אַ פעלצל, נייע גערעמע פוישטן און אַ פּאָר וואַלענע זאַקן.

פסח האָט זיך אויך מיטגעטראָגן מיט מתנות, אָבער ניט פאַר יאַסלען, נאָר פאַר דעם חב׳עוודיקן צוועלף־יאָריקן זישקע׳ן אין די שמאַטעס אויף די פיס. ער האָט דערטאַפּט, פסח, צווישן אַנטועכץ, וואָס מען האָט פאַר־כאַפּט ביי די מוסרים אין די הייזער פון אַסטראַווע, אַ פּאָר אינגלשע שטי־ווועלעך, אַ פעלצל, וואָס וועט זיין זייער גוט פאַר זישקע׳ן, אַ וואַליטשקען קאַלירט שאַרפעלע, און אַ פוטערן גרוי קוטשמעלע.

זישקע מיט אַ כאַפּטע אינגעלעך האָבן זיך בשעת מעשה געשפּילט אין ציל־טרעפעניש. דאָס איז געווען אַ שפּיל אין וואַרפן הרודקעלעך אויף אַ סאָסנע בוים. און זישקע האָט זיך אויך אין דער דאָזיקער שפּיל אויס־געצייכנט. כמעט יעדעס הרודקעלע זיינס, וואָס ער האָט געוואָרפן אויפן סאָסנע בוים, האָט געטראָפן אין שטאַם. ס׳האָט אים געהאַלטן אין איין ריינען פון נעזל, אָבער ס׳האָט אים ניט געאַרט, געווען גוואַלדיק פאַרטאָן אין זיין קונסט.

און אַז פסח האָט דערזען די אַלע אידישע אינגלעך, אין שמאַטעס און אין לאַטעס, מיט פאַרבלויטע ליפּעלעך, מיט לוסטיקע אייגעלעך, האָט אים דאָס האַרץ געבראָכן.

און ער האָט געבראַכט שטיוועלעך, אַ וואַרעם פעלצל בלויז פאַר איין אינגל. און וואָס וועגן די איבעריקע? ער קאָן שוין ניט געבן זישקע׳ן די גוטע מתנות, ניט איצטער, שפּעטער, ווען ער וועט אים פאַקן איינעם אַליין.

און אפילו, אַז ער וועט אים געבן שפּעטער, ווען די אַנדערע אינגלעך וועלן ניט זיין דערביי, וועט אים דען זיין האַרץ ניט ברעכן פאַר אַלע אַנדערע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, דורכגעפרוירענע אידישע קינדער?

זאָגט ער זיך שוין צו, אַז אויף די וויטערדיקע אָנפאַלן אויף די דיי־טישע סקלאַדן, און אויף די הייזער פון די מוסרים, וועט ער זיך שוין קאָנצענטרירן צו זוכן קינדער אַנטועכץ . . .

***

שפּעטער האָבן שוין אַלע קינדער דאָ, אין טאַבאָר, געגעסן פּאָווידלע

מיט ברויט. פון דער הויפּט־באַזע האָט מען געשיקט אַהער אַ גאַנצן קעסל מיט פּאַווידלע, וואָס מען האָט פאַרכאַפּט ביי אַ מסור אין הויז. אויך אַ פּופּציק ברויטלעך האָט מען אַהער געשיקט.

זישקע'ס טיפע ברוינע אייגעלעך זיינען געוואָרן אַזוי גרויס, בשעת זיינע ציינדלעך האָבן זיך אַריינגעביסן אין רייפטל פּאַווידלע מיט ברויט. זיי זיינען געוואָרן גרויס מיט וואונדער און מיט עקסטאַז.

ס'האָט אים באַנג געטאָן דאָס אויפעסן מיט אַמאָל, האָט ער געביסן שטיקעלעך, און לאַנגזאַם געקייעט, און באַלעקט מיט זיין צינגל די מויל־ווינקלען.

— אַי איז דאָס גוט! — האָט זישקע געזאָגט מיט האַרץ צו פּסח'ן, זעענדיק, ווי יענער קוקט זיך אַזוי שטאַרק צו צו אים. — עפּעס איז שוין ניטאָ קיין בעסערס אויף דער וועלט, ווי פּאַווידלע מיט ברויט.

און אַז פּסח האָט אים געזאָגט, ער זאָל מיט אים אַוועקגיין צווישן די בוימער, מחמת ער וויל אים עפּעס געבן, האָט יענער געקוקט אויף אים מיט פאַרשנדיקע פאַרדאַכטנדיקע אייגעלעך.

— גיט מיר דאָ. וואָס עפּעס צווישן די בוימער?

— וואָס אַרט דיך, זישקע. דו וועסט שוין ניט חרטה האָבן, — האָט פּסח צו אים געשמייכלט מיט גוטן צוזאָג.

— אוי, שטיוול! — האָט זישקע אויסגעשריען אַ דערשראָקענער, ווען פּסח האָט אים אַוועקגעפירט צווישן די בוימער, — אמת'ע שטיוול! פאַר מיר? — און זיינע אויגן זיינען געוואָרן אַזוי ליכטיק, מיט גרויסן וואונ־דער ליכטיק.

— יאָ, פאַר דיר! — האָט פּסח געלאַכט צו אים מיט וואַרעמע אויגן.

— פאַר מיר? — האָט יענער אים עפּעס ניט געטרויט.

— מעסט זיי אָן, זישקע.

— אַוודאי וועל איך זיי אָנמעסטן, — האָט ער גלייך אָנגעהויבן אַראָפּ־צופּליקן די שמאַטעס פון זיינע פיס.

און אַז פּסח האָט אים אַ טאַפּ געטאָן די אָנטבלויזטע פיסלעך, זיינען זיי געוועזן וואַרעם, אַ מחיה.

— נאָר ביינאַכט, — האָט שוין זישקע פאַרשטאַנען, וואָס יענער טאַפּט אים די פיס, — אָבער בייטאָג, פיל איך אפילו ניט די קעלט.

די שטיוועלעך האָבן אים גוט געפּאַסט, און ער האָט אין זיי שוין אויסגעזען אַ סך העכער, און עפּעס ווי זיי וואָלטן געענדערט זיין גאַנצן געבוי, פריער, אין די שמאַטעס, האָט ער אויסגעקוקט, ווי מען האָט אים אַראָפּגעזעצט, איצטער האָט ער ווי געגעבן אַ וואַקס־אויס, זיך

אויפגעהויבן, די פּלייצקעלעך זיינען ווי ברייטער געוואָרן, און זיין וואַך־שפּיציק פּנימ׳ל, ווי ביי אַ הירשל, איז געוואָרן שטאַרקער מיט עפּעס אַ נייעם כּוח.

און אַז פּסח האָט אויף אים אָנגעטאָן דאָס ווייסע פּעלצל באַשלאָגן מיט פוטער, האָבן זיך אין זיינע אויגן באַוויזן אויפגעלויכטענע טרערן, ווי די זון, ווען זי שיינט אין טראָפּנס וואַסער.

— אוי, איר זייט דאָך אַזאַ גוטער מענטש, — איז ער צוגעפאַלן צו פּסח׳ן, און האָט זיך צעכליפּעט.

— נו, שאַ, זישקע, שאַ. ס׳פּאַסט דיר גאָרניט דו זאָלסט וויינען.

—שוין, מערער נישט, — האָט ער זיך אָפּגעווישט די טרערן און גלייך אָנגעהויבן צו לאַכן, — האָפּ, האָפּ, — האָט ער זיך אויך צעשפּרונגען — אַכטידעבאַנטי, פּאַניושקאַ, בין איך מזל׳דיק!

דאָס גרויסע שמויסענע היטל איז געווען אויף אים צו גרויס, אָבער יענער איז ניט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך.

— איך וועל אַריינלייגן פּאַפּיר אין דעם, — האָט ער געמאַכט צו פּסח׳ן מיט קלוגע אויגן, — וועט דאָס שוין אויך פאַרהיטן דעם אונטער־שלאָק פון שוויס.

***

שפּעטער האָט אים זישקע דערציילט, ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען אַהער אין די פאַרצוווער וועלדער, אָבער איידער ער האָט זיך גענומען דערציילן, האָט ער זיך ווידער צעכליפּעט. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין טאַטן, אין זיין מאַמען, און אין זיין שוועסטערל.

ער איז אַ פאַרצוווער, זישקע, און די נאַציס האָבן זיין טאַטן, זיין מאַמען און זיין קליין שוועסטערל מיט נאָך אַ סך אידן פאַרפּאַקט אין אַ וואַגאָן . . . און דער וואַגאָן איז געשטאַנען ווייט פון וואָקזאַל, ערגעץ אויף אַ פאַרוואָרפענער ליניע דריי טעג מיט דריי נעכט, און מען האָט זיי ניט געגעבן ניט קיין עסן, און ניט קיין טרינקען. און איינמאָל ביינאַכט, ווי ס׳עפנט זיך די טיר פון וואַגאָן, און ס׳קריכט אַרויף אַ דייטש, און אַזוי ווי ער, זישקע, איז דעמאָלט געזעסן סאַמע לעבן דער טיר, האָט ער גע־נומען און אַרויסגעשפּרונגען דורך דער צעעפנטער טיר, און ער איז גע־פאַלן אויפן אָנשיט לעבן די רעלסן. ער איז אויפגעשפּרונגען און אָנגעהויבן צו לויפן. ער האָט ניט געהאַט קיין שיך, און ס׳איז געגאַנגען אַ רעגן, און די ערד איז געווען בלאָטיק.

— אָבער איך קאָן זייער גוט לויפן, — קוקט ער איצט צו פּסח׳ן מיט באַרימערשע אייגעלעך, — קיינער קאָן מיך ניט איבעריאָגן . . .

און ער איז געלאָפן און געלאָפן און אָנגעקומען אין אַ דאָרף. ס'איז שוין געווען זייער שפּעט אין דער נאַכט. הינט האָבן געהאַוקעט אויף אים, און נאָכגעלאָפן, אָבער ניט אים, זישקע'ן, קאָן מען כאַפּן. האָט זיך דאָס דאָרף געענדיקט, און ער איז אַרויף אויף אַ פעלד, און דאָרטן אויפן פעלד האָט ער באַמערקט אַ הויכע סטערטע שטרוי, איז ער אַרײַנגעקראָכן טיף, טיף אין דער סטערטע און אײַנגעשלאָפן.

און אויפן צווייטן טאָג איז צוגעפאָרן אַ פּוילישער פּויער מיטן וואָגן און אים געטראָפן אַ שלאָפנדיקן אין דער סטערטע שטרוי.

— און דער גוי איז אויך געווען אַ גוטער מענטש, — קוקט ער איצט צו פּסח'ן מיט ליכטיקע אויגן פול מיט וואונדער, — בין איך מזל'דיק. שטענדיק אין אַ גרויסער צרה, טרעף איך עפּעס אָן אַ גוטן מענטשן. יאָ, זייער אַ גוטער גוי געווען. זיין ווייב אויך.

דער פּויער האָט אים פאַרבאַהאַלטן אין דעם שטרוי, וואָס ער האָט איבערגעלאָדן פון דער סטערטע אויף זיין וואָגן, און אים געבראַכט צו זיך אין כאַטע. און די פּויערטע האָט אים געגעבן הייסע מילך צו טרינקען, און אים אַרומגעוואַשן, אַרומגעקעמט און זיי האָבן אים פאַרנאַכט געבראַכט צו אַן אַנדערן פּויער, און יענער פּויער האָט אים אין דער פינצטערניש אַוועקגעפירט אין וואַלד צו פיאָדאָר'ן. און פיאָדאָר האָט אים איבערגעשיקט אין טאָבאָר.

*
**

— נו, זיי מיר געזונט, זישקע, — האָט אים פּסח דערלאַנגט די האַנט, — איך מוז שוין גיין.

— דאַסווידאַני, — מאַכט דאָס בחור'ל ווי אַ גרויסער, — קומט נאָך אַמאָל, אפילו אָן שטיוול.

און אַז פּסח איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ היפּשן מהלך, האָט יענער אָנגעהויבן צו שרייען:

— פּאַני פּסח, פּאַני פּסח, זייט זשע מוחל.

— וואָס איז, זישקע? — האָט זיך פּסח אָפּגעשטעלט.

— איך וואָלט אייך געוואָלט עפּעס בעטן, און האָט ניט קיין פאַראיבל אויף מיר, — האָט דאָס בחור'ל זיך עפּעס געשעמט.

— וואָס אַשטייגער?

— אפשר וואָלט איר אַ רייד געטאָן מיט פיאָדאָר'ן ער זאָל מיך אַרײַננעמען צווישן די פּאַרטיזאַנען.

— אָבער מען מוז דאָך פריער קאָנען שיסן פון אַ ביקס.

— קאָן איך! — האָט יענער געענטפערט מיט גוואַלדיקער זיכער־

קייט, — איר ווילט זען? גיט מיר נאָך אייער ביקס אויף איין מינוטקעלע.

האָט פסח אַרויסגענומען די קוילן און אים געגעבן די ביקס, און זישקע האָט זי גלייך אַ כאַפּ געטאָן מיט גרויס געניטקייט, אויפגערוקט דעם שלאָס, פאַררוקט דעם שלאָס, אַנגעשפּאַרט דאָס הענטל אויף זיינע קני, פאַרמאַכט אַן אייגל, זיך געצילעוועט אין אַ בוים מיט גרויס קאָנצענטרירקייט, און אויסגעשאָסן. דאָס הייסט, ער האָט אַ צי געטאָן מיטן פינגער און דאָס ציינגל האָט אַ קליק געטאָן.

— דו קאָנסט דאָך טאַקע, — האָט פסח געלאַכט צו אים.

איז זישקע'ן געוואָרן זייער פריילעך, וואָס אַ פאַרהאַרטעוועטער פּאַרטיזאַן זאָגט, אַז ער קאָן, און ער האָט אים שוין איצט פאַרטרויט אַ סוד, אַז ער פּלאַנעוועט אַליין אויעקצוגיין קיין פאַרצעווע און צונעמען אַ ביקס ביי אַ דייטש. ער וועט זיך שטעלן הינטער אַ וואַנט מיט אַ שטיק אייזן, און אַז אַ דייטש וועט פאַרבייגיין מיט אַ ביקס, וועט ער אַרויסשפּרינגען און אים פּלעטן דעם קאָפּ און צונעמען ביי אים די ביקס. און אַז ער, זישקע, וועט האָבן אַ ביקס, וועט שוין פיאָדאָר צונעמען אים פאַר אַ פּאַרטיזאַן. אַן אַ ביקס וויל אים ניט פיאָדאָר צונעמען פאַר אַ פּאַרטיזאַן . . .

איזמעניקי ראָדיני

די פאַרבינדלער האָבן איבערגעגעבן, אַז די נאַציס ציען אָפּ גרויסע כוחות פון די אַרומיקע מיליטערישע פּונקטן און קלייבן זיך מיט איינמאָל אָפּוישן אַלע פּאַרטיזאַנען. דער געוואַגטער איבערפאַל אויף אָסטראָוואָ, האָט זיי זייער צערייצט.

פיאָדאָר האָט באַשטימט גלייך אָפּציען פון זייער איצטיקער באַזע און אָפּרוקן זיך אויף אַן אַנדער אָרט.

פאַרטאָג האָט מען געזאָלט זיך לאָזן אין וועג אַריין. אָבער איידער נאָך דער פאַרטאָג איז געקומען, ווי ס'האָבן אַ רייד געטאָן די דייטשישע האַרמאַטן פון אַלע זייטן. האָבן די פּאַרטיזאַנען זיך גלייך אַ לאָז געטאָן אין דער ריכטונג פון טאַבאָר, כדי מיטצונעמען די אומבאַוואָפנטע. אָבער ניט אַלע אידן דאָרטן האָבן געוואָלט פאַרלאָזן זייער פּלאַץ. באַזונדערס די, וואָס זיינען געווען פון די נאָענטע דערפער וואוהין זיי פלעגן זיך אַריינכאַפּן פון צייט צו צייט צו אַ באַקאַנטן פּויער, אויסבעטן אַביסל עסן, און אָפּטמאָל אויך אַ געלעגער איבער נאַכט. יאָסל האָט זיך אויך ניט געוואָלט רירן. וואָס ס'וועט שוין

זיין וועט זיין. ער האָט שוין פּשוט פאַרלוירן דעם כוח פון ווידערשטאַנד. די גרויסע שמערצן וואָס ער האָט געליטן פון זיינע אָפּגעפרוירענע פיס, האָבן ביי אים צוגענומען דאָס לעצטע פּיצעלע כוח.

צווישן די פון „טאַבאַר", וואָס האָבן זיך יאָ געלאָזט גיין מיט די פאַרטיזאַנען איז אויך געווען זישקע. אָבער ער האָט נישט געוואָלט זיין צווישן די אומבאַוואָפנטע. אַריינגעלאָפן טיף אין די רייען און אַריינגע־קוקט יעדן איינעם אין פּנים אַריין, צו זען אויב ס׳איז אפשר נישט פּסח.

און אַז ער האָט דערזען פּסח׳ן, האָט ער זיך צעשמייכלט צו אים אַי מיט מורא, אַי מיט אַזאַ חנ׳עוודיקייט, פּונקט ווי אַ אינגל צעשמייכלט זיך בשעת ער לויפט נאָך אַן עלטערן ברודער און ער ווייסט נאָך נישט ווי ער האַלט מיט אים, צי יענער וועט אָנשרייען אויף אים און אים אַוועקטרייבן, אָדער, ווי דאָס גליק קאָן אים שפּילן און ס׳וועט זיין מיט חסד.

— איך וויל זיין מיט אייך, — האָט דאָס בחור׳ל אַריינגעקוקט פּסח׳ן אין די אויגן מיט אַזויפיל געבעט.

— דו דאַרפסט זיין דאָרטן מיט די אומבאַוואָפנטע, — האָט אויף אים פּסח אָנגעשריען, — ס׳וועט זיך באַלד אָנהויבן אַ שיסעריי.

—זאָל זיך אָנהויבן אַ שיסעריי, ווער האָט דאָס מורא, — האָט זישקע זיך אָנגערופן מיט ביטול.

האָט פּסח אַ טראַכט געטאָן, אַז סיי ווי סיי, צי דאָרטן אין טיל צווישן טאַבאַר, צי דאָ מיט די באַוואָפנטע, אויב ס׳וועט זיין שלעכט, וועט זיין שלעכט אומעטום, און ער האָט אים מערער נישט געטריבן פון זיך.

— אַי, ווען איר גיט מיר נאָך אַ ביקס! — האָט זישקע געפּאַקט די מינוט ווען יענער האָט צו אים ליבלעך אַ שמייכל געטאָן.

— דעם ערשטן דייטש, וואָס איך דער׳הרג׳ע, — האָט אים פּסח גע־זאָגט, — וועסטו האָבן זיין ביקס.

האָט דאָס יאָטל שוין געהאַלטן אַן אויג אויף פּסח׳ן. געלאָפן פאָראויס, ווען יענער איז געלאָפן פאָראויס, געפאַלן צו דער ערד און זיך פאַרשטעקט הינטער אַ בוים, ווען יענער איז געפאַלן צו דער ערד און זיך פאַרשטעקט הינטער אַ בוים, און אַלץ אַרומגעקוקט אויף דעם ערשטן דייטש, וואָס פּסח וועט דער׳הרג׳ענען.

דער וואַלד איז גרויס, און אין אַ סך ערטער זיינען געוואַקסן אור־אַלטע ביימער, פאַנטערנדיק זיך מיט די צווייגן איינער מיטן אַנדערן. און אַהינצו האָט פיאָדאָר געפירט די פאַרטיזאַנען, אָבער דער דייטש איז שוין אומעטום געווען. מיט אַ מעטאָדע איז ער געגאַנגען: אין אַ גרויסן רינג מיט קליינע רינגעלעך איז ער געגאַנגען. די רעטונג פאַר די פאַר־

טיזאַנען איז געלעגן פון יענער זייט וואַלד. זיך דורכרייסן זייערע רינגען און אַרויס אויפן פרייען פעלד.

האָט פיאָדאָר געהאַלטן אין איין טאַפּן זייערע כוחות, געזוכט אַזאַ פּונקט, וואו דער רינג איז שוואַכער. אָבער אומעטום האָבן די פּאַרטיזאַנען אָנגעשלאָגן זיך אויף שטאַרקע כוחות.

און זישקע האָט נאָך אַלץ אַרויסגעקוקט, אַז פּסח זאָל דער׳הרג׳ענען דעם ערשטן דייטש, איז געווען ברוגז, וואָס מען אַנטלויפט נאָך פון זיי. ס׳איז אַזש געווען אַ בזיון. ווען ער זאָל נאָר האָבן אַ ביקס וואָלט ער שוין ניט אַנטלאָפן.

שפּעט ביינאַכט האָבן די פּאַרטיזאַנען דערגרייכט אַזאַ פּונקט אין וואַלד, וואו דאָרטן איז געווען שטיל, און מען האָט געמיינט, אַז דאָ וועט מען זיך שוין דורכרייסן, אָבער מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויס שיסעריי, און די גאַנצע נאַכט איז ליכטיק געוואָרן. זיי האָבן געשאָסן מיט צינד־קוילן.

אין דער ליכטיקייט פון די אויפרייסנדיקע צינד־קוילן, האָט פּסח געכאַפּט זישקע׳ס פּנים, וואָס איז געווען אינגאַנצן באַשיינט מיט דעם גרויסן וואונדער, און מיט דעם גרויסן דערשרעק פון אַ צוועלף־יאָריק אינגל, וואָס זעט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן די כוחות פון מלחמה.

— שרעק זיך ניט, זישקע, שרעק זיך ניט. ס׳איז גאָרניט, — האָט אים פּסח אַ גלעט געטאָן.

— ווער שרעקט זיך, ווער? — האָט זיך יענער אַזש באַליידיקט, — וואָס איז דאָ זיך צו שרעקן?

***

צוויי מעת־לעת האָט מען זיך געריסן פון וואַלד אַרויס, און אַלע־מאָל באַגעגנט נייע כוואַליעס דייטשן, און אַלעמאָל זיך תיכף צוריקגעצויגן, און פאַרקערעוועט אין אַן אַנדער ריכטונג.

אויפן דריטן מעת־לעת פאַרטאָג האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף די וולאַסאָווצעס. זיי האָבן אַליין געלאָזט וויסן, אַז זיי זיינען וולאַסאָווצעס.

— גיט אונז אַרויס די אידן, און קומט אַריבער צו אונז, — האָבן זיי געגרופן אין רוסיש דורך אַ הויך־רעדנער, — אונז איז גוט ביי די דייטשן. גענעראַל וולאַסאָוו איז אונזער פירער, און ער וועט שוין ניט לאָזן טאָן קיין שלעכטס אַ רוסישן מענטשן.

און דאָ האָט שוין פיאָדאָר ניט געקאָנט איינהאַלטן זיין חברה. דער האַס צו די פאַררעטער האָט געגעבן אַזאַ אימפּעט, אַז מען האָט אַוועקגע־

וואַרפן אַלע מיטלען פון פאַרזיכט, און זיך געוואָרפן מיט די באַגנעטן גלייך אויף זיי, קערפּער צו קערפּער, אָטעם צו אָטעם.

— „איזמעניקי ראַדיני", הו־ר־ר־אַ! (פאַררעטער פון פאָטערלאַנד), — האָבן די פּאַרטיזאַנען, סיי רוסישע און סיי אידישע געשריען ביז הייזעריק צו ווערן, מיט קללה, מיט פאַרניכטונג, מיט דעם כוח פון וועלן פאַרטיליקן, אָפּווישן דאָס געביין, האָבן זיי געשריען.

— „איזמעניקי ראַדיני!" — האָט געהילכט דער גאַנצער וואַלד, און ס'האָט זיך געקייקלט פון בוים צו בוים, און דער גאַנצער פּאַרטאָג האָט זיך צעשריען אויף מײַלן און מײַלן אַרום . . .

— „איזמעניקי ראַדיני!" — איז אויך דער קליינער זישקע געווען שרעקלעך אין כעס, און געלאָפן נאָך פּסח'ן און געשריען מיט אַלע כוחות, און האָט אויך געוואָלט פאַרטיליקן, פאַרניכטן אַזוינע מענטשן, וואָס די נאַטור אַליין האָט זיי געדאַרפט הרג'ענען, מחמת זיי האָבן פאַרראַטן זייער פאָטערלאַנד . . .

אוי, אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין

זישקע האָט שוין געהאַט אַ ביקס, אָבער אַזאַ שווערע, אַז ער האָט זי גאַרניט געקאָנט טראָגן. האָט פּסח איינגערעדט אַ רוסישן פּאַרטיזאַן, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ לייכטע קאַוואַלעריסקע ביקס, ער זאָל זיך בייטן מיט זישקע'ן. זישקע האָט אַליין דעראָבערט זיין ביקס. פּשוט צוגעלאָפן צו אַ טויטן וולאַסאָוועץ, און אָוועקגעשלעפּט די ביקס.

האָט ער שוין געהאַט אַ ביקס, זישקע, אָבער ער איז געוואָרן אָפּגע־צערט פון טאָג צו טאָג, אַז ס'איז שוין פון אים כמעט גאַרניט געבליבן.

פּסח און סאָניע און רבקה, און די גאַנצע מאַריאַנקער גרופּע האָבן אים צוגעזען. זיי זיינען געווען זיינע טאַטעס און מאַמעס, און אַז מען איז געגאַנגען אויף אַ באַמביאָזשקע (שפּייז־עקספּעדיציע), האָבן זיי שוין באַ־זונדערס געהאַט אינזינען זייער בן־יחיד'ל. מען האָט אים אונטערגע־רוקט די בעסטע ביסנס. אָבער ס'האָט זיך ניט אָנגעזען אין אים. ער איז, חס וחלילה, ניט געווען קראַנק, אָבער די קעלט האָט אים אויפגעגעסן.

***

אַ 150 פּאַרטיזאַנען, און אַ היפּשער טייל פון די אומבאַוואָפנטע האָבן זיך דורכגעריסן די אַרומרינגלונג מיט פּיאַדאַר'ן אין דער שפּיץ און אָנ־

געקומען אין די סקראַדניצער וועלדער. די איבעריקע מיט וואנקא קיר־פּיטשניק אין דער שפּיץ, האָבן זיך דורכגעריסן אין אַן אַנדערער ריכטונג.

אין די סקראַדניצער וועלדער האָט פּיאָדאָר צעטיילט אַלע מענטשן אין גרופּעס, און יעדע גרופּע איז געווען באַזונדער.

אויך צוליב זיך באַזאָרגן מיט שפּייז, איז געווען געזונטער זיך צעטיילן אין גרופּעס, און יעדע גרופּע זאָל זיך אויפשטעלן אַ באַזונדערע באַזע ניט ווייט פון אַ געוויסן דאָרף, ווייל איין דאָרף וואָלט ניט גע־קאָנט אויסהאַלטן אַלע פּאַרטיזאַנען צוזאַמען.

דער טעראָר פון די נאַציס אַנטקעגן די פּויערים, וואָס האָבן געגעבן עסן די פּאַרטיזאַנען, האָט זיך זייער פאַרשטאַרקט. כמעט יעדן טאָג זיינען פאָרגעקומען עקזעקוציעס אין פאַרשיידענע דערפער, אָבער דאָך האָבן זיך געפונען אין יעדן דאָרף דריי אָדער פיר פּויערים, וואָס האָבן אַלצ־דינג איינגעשטעלט, זייער האָב און גוטס, זייערע אייגענע לעבנס, די לעבנס פון זייערע משפּחות, און געהאָלפן די מענטשן אין וואַלד.

די פריערדיקע פרעסט זיינען געווען אַ קאַטאָוועס, אין פאַרגלייך מיט די פרעסט, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין חודש יאַנואַר. די פרעסט האָבן אויפגעגעסן דאָס לייב, פאַרצערט וואו אַביסעלע פעטס ס'איז געווען אין מענטשנס קערפער.

די פייערן האָט מען ערשט צעלייגט שפּעט אין טאָג, ווייל צו נאַכט צו, האָט מען שוין פאַר קיין אַבלאַוועס ניט מורא געהאַט. געוויינלעך, פלעגן זיך די אַבלאַוועס אָנהייבן אין די פאַרטאָגן. פאַרנאַכט צו איז שוין געוואָרן רואיקער אויפן געמיט. מען האָט געמאַכט אַ פייער, זיך געזעצט אויף די קלעצער און צווייגן אַרום פייער, זיך אָנגעשפּאַרט איינער אויפ'ן אַנדערן, און געפּרואווט אַריינכאַפּן אַביסל שלאָף.

אָבער דאָס ביסעלע שלאָף, וואָס מען האָט יאָ געקאָנט אַריינכאַפּן, האָבן די קריכנדיקע ביט געלאָזט הנאה האָבן פון דעם. ערשט ביים פייער האָבן זיי זיך געלאָזט פילן, און וואָס מערער מען האָט זיך געקראַצט, אַלץ דערקוטשלעווער זיינען זיי געוואָרן. זיי האָבן פאַראומערט דאָס לעבן צום איבעריקן.

נח'קע פלעגט גאָר ווערן ווילד, געלאָפן צו אַ בוים און רייבנדיק זיך אין בוים זיך געשאָלטן הויך אויף אַ קול מיט די טויטסטע קללות.

— אוי, אַ רוח אין אייער טאַטן אַריין! אוי, אַ מגפה אויף אייך! איר זייט דאָך ערגער פון די נאַציס! אוי, וועל איך זיך אַריינוואַרפן אין פייער מיט אייך צוזאַמען. מיין טויט איז אייער טויט . . .

***

איינמאָל אַ טאָג איז אויסגעפאַלן אַ געדיכטער שניי, און פאַרנאַכט האָט זיך צעוואָיעט אַ שרעקלעכע זאַווערוכע. קיין פייער האָט מען שוין ניט געקאָנט צעלייגן. די סאָוועטישע פּלעניקעס, וואָס האָבן שוין גע־האָט דערפאַרונג פון פריערדיקן ווינטער, האָבן געלערנט אַלע איבעריקע, ווי אַזוי זיך צו מאַכן אַ געלעגער אין שניי. ווי אַ טונעל האָבן זיי דאָס געמאַכט, מיט איין עפענונג. אויסגעלייגט אינעווייניק צווייגן און קלעצער. אַריינגעקראָכן אין דער הייל און זיך געלייגט מיט די פּנימער צו דער איין און איינציקער עפענונג, און אַזוי שוין איבערגעלעגן די נאַכט.

זישקע, וואָס איז אַריינגעקראָכן אין טונעל, וואָס פּסח האָט געמאַכט, האָט בשום אופן ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי פּלוצלונג איז אים געוואָרן אַזוי וואַרעם. וואָס לענגער ער איז געלעגן הינטערן שניי, אַלץ וואַרעמער איז אים געוואָרן. ס'האָט שוין ניט געדראַזשעט אין די ביינער, ווי פריער. ס'האָט שוין ניט געקנייפּט אין דער נאָז, ס'האָט שוין ניט געשמאַרצט אין די באַקן, און אפילו אין די פיס איז געוואָרן וואַרעמער.

ער וואָלט שוין בשום אופן איצט ניט געוואָלט אַרויסקריכן, זישקע, פון אונטערן שניי, פונקט ווי מען וויל ניט אַרויסקריכן פון אונטער אַן איבערבעט אין זייער אַ קאַלטער נאַכט.

זישקע איז געלעגן אינמיטן, און פּסח און סאָניע פוןביידע זייטן, און אים געוואָרעמט מיט זייערע קערפּערס. זיי האָבן מיט זיך געהאַט צוויי קאָלדרעס און אַ שאַל, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט אין סקראַדניצע ביי אַ מסור אַ פּויער אין הויז, בשעת אַ באַמביאַזשקע. האָט מען דעם שאַל אויסגעבעט אויף די צווייגן, און מיט די צוויי קאָלדרעס האָבן זיי זיך גוט איינגעוויקלט.

ווען ס'איז נאָך געווען גוט אויף דער וועלט, פלעגט זישקע, אין די קאַלטע ווינטערדיקע נעכט אויך אַזוי ליגן אינמיטן צווישן טאַטע און מאַמע.

אוי, טאַטע און מאַמע, וואו זייט איר? און שוועסטערל ציפּע, וואו ביזטו? ער וויל זיך צעוויינען דאָס בחור'ל, אָבער אַזוי ווי ער איז שוין אַ פּאַרטיזאַן מיט אַ ביקס, טאָר ער שוין ניט וויינען. ווייל אַז פּיאָדאָר וועט זיך נאָר דערוויסן, אַז ער וויינט, וועט ער אים מאַכן אויס פּאַרטיזאַן, און איבערשיקן צו די אומבאַוואָפנטע, וואָס האָבן זייערע קעמפּס צעוואָרפן אין פאַרשיידענע פלעצער אין וואַלד.

די מאַריאַנקער נעמען אים שוין מיט אויף באַמביאַזשקעס און ער האָט שוין פון זיין ביקס געשאָסן ניט איינמאָל. אָבער ער האָט נאָך קיין איין

נאָצי ניט דער׳הרג׳עט. נאָר ניש׳קשה, כל־זמן ער לעבט, וועט ער שוין מיט זיין ביקס ניט איין נאָצי דערשיסן.

דערווייל איז אַ מחיה וואַרעם אין דער דאָזיקער הייל פון שניי. און אַ מאָדנע זאַך: שניי איז דאָך קאַלט, אָבער אונטערן שניי אין גאָר וואַרעם . . . אַי וועט ער היינט שלאָפן! ניט אַזוי ווי ביי די פייערן, וואָס מען כאַפּט זיך אַלעמאָל אויף, מחמת אין דער פלייצע איז זייער קאַלט, און אויך פון דעם וואָס די קריכנדיקע דערגייען די יאָרן. דאָ, אונטערן שניי, דערקוטשען זיי אַזוי ניט . . .

די אויגן שליסן זיך מיט אַזאַ וואַרעמקייט, אָבער ער קאָן נאָך ניט איינשלאָפן. ער האָט נאָך קיין „קריאת שמע" ניט געלייענט. פון קליינער־הייט אָן, אַז ער האָט נאָך קיין איין נאַכט ניט פאַרפעלט צו לייענען „קריאת שמע". ער האָט זיך גראָדע אַ סך מאָל געוואָלט אַרויסדרייען, אָבער טאַטע און מאַמע האָבן שוין געזען, אַז ער זאָל זיך ניט אַרויסדרייען, פלעגן אים אויפוועקן, אפילו אינמיטן שלאָף, ער זאָל לייענען קריאת שמע. איצטער אָבער, אין וואַלד, היט ער אַליין אָפּ דאָס קריאת־שמע זאָגן. שעפּטשען זיינע ליפּן די דאָזיקע תפילה, און אַזוי שעפּטשענדיק, פאַרגעסט ער זיך, אַז ער איז אין וואַלד, צווישן די פּאַרטיזאַנען, און אַז ס׳וואָיעט אַזאַ בייזע זאַווערוכע. ס׳דאַכט זיך אים גאָר אויס, אַז פון איין זייט ליגט זיין טאַטע, פון דער צווייטער זייט זיין מאַמע, און קיין נאָציס זיינען קיינמאָל ניט געווען אויף דער וועלט, און ס׳איז גאָר גוט צו לעבן. און די וואַרעמקייט שפּרייט זיך איבער אַלע ביינער.

— אַך, זישקע, זישקע! — זאָגט ער צו זיך אַליין, — אַך, זישקע, זישקע!

***

און סאָניע און פּסח שטרעקן אויס די הענט אַריבער דעם שלאָפנדיקן בחור׳ל און רירן זיך אָן איינער דעם אַנדערן און זיי פאַרגעסן דעם שטילן ברוגז, וואָס זיי פירן צווישן זיך.

ניט סאָניע פירט דעם ברוגז, נאָר פּסח. פון זינט פיאָדאָר האָט זיך באַוויזן אין זייער לעבן, דאַכט זיך אים שוין אויס, אַז סאָניע ווערט דערווייטערט פון אים.

די שענסטע שמייכלען שענקט זי פיאָדאָר׳ן, און ער קומט אַהער, פיאָדאָר, אָפּט צו גאַסט פון זיין באַזע, וואָס געפינט זיך אַ צוויי קילאָמעטער פון זייערע. אַ פאַרפוצטער, אַ פריילעכער קומט ער מיט דער חברה פון זיין שטאַב, און מען זינגט לידער, און מען טאַנצט, און איז איינגאַנצן פאַרכאַפּט פון סאָניע׳ן. זי צעבליט זיך און צעשיינט זיך, ווען ער קומט,

און זי פּאָלגט אים נאָך יעדן קער און יעדן ריר, און ער, פּסח, איז שוין אויף דער וועלט ניטאָ פּאַר איר, בשעת מעשה.

אָבער איצטער וויל פּסח ניט זיין ברוגז אויף איר. ס'קאָן טאַקע זיין, אַז איר האַרץ ציט צו יענעם, צו דעם אויסערגעוויינלעכן מענטשן, פּיאָדאָר'ן, און אַז זי וועט אינגאַנצן אַוועק פון אים, צו יענעם, צו דעם שטאַרקערן באַשיצער, קאָן ער איר דען זאָגן ביין?

און כּל־זמן זי גייט ניט אַוועק, און טוליעט זיך צו אים, איז שוין גוט. סיי ווי סיי ווייסט מען ניט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. אָבער זישקע'ן וואָלט ער געוואָלט אַרויספירן פון וואַלד, אים איבערהאַלטן אין טעג פון די קרירות ערגעץ אין אַ הויז.

עפּעס האָט ער ווי אַן אַזאַרט צו דעם, עפּעס ווי אַ צו־להכעיס־געוועט וויל ער פירן מיט דער רויער גזלנ'ישער נאַטור, מיט דער מערדערלעכער קעלט, מיט די אומענטשלעך בייזע נאַצישע כּוחות, אָנצוהאַלטן זישקע'ן ביים לעבן, אים ניט לאָזן אומקומען.

ס'רייסט אים דאָס האַרץ, ווען ער זעט, ווי ס'קלאַפּט דעם בחור'ל אַ צאָן אָן אַ צאָן, ווי די ליפּעלעך זיינען אים בלוי, און די ביינדלעך זיינע דראָזשען.

האָט ער זיך אַרומגענומען מיט סאָניע'ן און רעדט צו איר וועגן זישקע'ן. זאָל מען ביידע געפינען אַן עצה, ווי אַזוי צו דערהאַלטן אים ביים לעבן.

— וואָס־זשע זאָגסטו, סאָניעשע?

— וואָס זאָל איך זאָגן, פּסח'שע? אפשר פּאַקולע?

— „פּאַקולע", זאָגסטו? זע נאָר, ס'איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן...

ווייסט כאָטש פּסח, וואָס ס'מיינט?

פּאַקולע האָט געשמייכלט צו זישקע'ן, און דעם בחור'ל איז געוואָרן אַ מחיה אין האַרצן.

ס'איז אים אויך געוואָרן אַ מחיה אין האַרצן, וואָס ער געפינט זיך אין אַ שטוב. ס'איז אַזוי וואַרעם אין שטוב, אַז ער גלויבט זיך אַזש גאָרניט. ס'אָטעמט אויף אים ממש די שטוב מיט וואַרעמקייט.

ווען ניט דאָס וואָס ס'בייסט אים שטאַרק, וואָלט ער שוין געווען שטאַרק גליקלעך. אָבער טאַקע צוליב דער וואַרעמקייט אין שטוב בייסט אים אַזוי.

— אוי, אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין, — מאַכט ער נאָך נח׳קען, — בלוט־זויגער!

און דאָ זיצן די פּוילישע קינדער אויפן פּעקליק און קוקט אויף אים מיט גרויס וואונדער. און דאָס עלצטע מיידל, קאַסיע, זי נעמט אים ממש דורך מיט אירע זייער לעבעדיקע גרויע אויגן.

ווייסט שוין זישקע, וואָס זיי וואונדערן זיך אַזוי. זיי וואונדערן זיך מסתמא, וואָס ער איז אַ פּאַרטיזאַן מיט אַ ביקס. און ער לאָזט שוין ניט אַרויס די ביקס פון זיינע הענט. עפנט דעם שלאָס פאַר זייערע אויגן, נעמט אַרויס די קוילן, רייבט אינעווייניק אין שלאָס מיט אַ פעט שמאַטקעלע, וואָס ער האַלט תמיד ביי זיך אין קעשענע, פּוצט דאָס אייזן, שייערט דאָס און מאַכט זיך, אַז ער איז גוואַלדיק פאַרנומען.

פּאַקולע ווינקט זיך איבער מיט פּסח׳ן און שמייכלט. דאָס יאַטל מיט די קוועלנדיקע קאַרשן־אייגלעך מיט דעם שפּיציקן פּילבאַרן פּנימ׳ל, ווי ביי אַ הירשל, האָט גאָר צענומען זיין האַרץ.

פּאַקולע צערעדט זיך מיט זישקע׳ן, כלומרשט זייער ערנסט, ווי איין דערוואַקסענער מיטן צווייטן, וועגן דעם ענין ביקסן, און אויך פון גראַנאַטן. זישקע זאָגט, אַז ער וואָלט שוין אויך געקאָנט וואַרפן אַ גראַנאַט, ווי אַנדערע ס׳איז גאָרניט קיין גרויסער קונץ.

— דו האָסט שוין דערשאָסן פון דיין ביקס אַ דייטש?

פאַרוואָלקנט זיך זיין מאָגער פּנימ׳ל. ניין, נאָך ניט. אָבער ער וועט שוין דערשיסן. זאָל זיך אים נאָר טרעפן אַ דייטש, אַזוי „ראַז, דוואַ, טרי״, און פּלי״ (איינס, צוויי, דריי און שיס).

ער קאָן נאָך ניט גוט ריידן אין פּויליש, אָבער פּאַקולע פאַרשטייט אים שוין זייער גוט. און פּאַקולע׳ס וואַרעמע גרויע אויגן קוקן צו אים מיט אַזויפיל ליבשאַפט, און ער, זישקע, זאָגט צו פּסח׳ן אין אידיש:

— אוי, דער גוי איז דאָך אַזאַ גוטער מענטש.

ער האָט זיך געשעמט צו עסן, דאָס בחורל, ווען מען האָט זיך געזעצט ביים טיש. ער האָט זיך אויך געשעמט אויסצוטאָן זיין קוטשמע, ווי פּסח האָט דאָס געטאָן. ביי אַ גוי אין שטוב ווייסט מען, אַז מען דאַרף אויסטאָן דאָס היטל. און ער האָט טאַקע אַזוי איבזיבען געהאַט דאָס צו טאָן, אָבער עפּעס די הענט האָבן זיך ניט געלייגט דערצו.

זיצן פּסח און פּאַקולע ביים טיש אָן די היטלען, און ער — אין דער קוטשמע. די ביקס צווישן זיינע קני, און זיינע הענט שעמען זיך זייער צו שעפּן מיטן לעפל קאַרטאָפליע־זופּ פון דער גרויסער ערדענער שיסל.

ער ווייסט, אַז ס׳איז טריפה, און אַז די זופּ איז מסתמא באַשמאַלצן

מיט חזיר־פּעטס, און ס'איז גראַדע שווער אַראָפּצושלינגען, אָבער אַז ער שלינגט שוין יאָ אַראָפּ ווערט אַזוי מחיה וואַרעם אין בויך.

און נאָכן עסן, האָט אים פּאַקולע אויסגעבעט אויפן פּעקליק, און ער איז אַזוי מיד, אַזוי מיד. אָבער ער וויל ניט איינשלאָפן. ער ראַנגלט זיך מיטן שלאָף. ער וויל הערן, וואָס פּסח לייענט דאָרטן אַרויס פון דער צייטונג. אין דייטש לייענט ער, און דערמאָנט אַלעמאָל דאָס וואָרט„ סטאַלינגראַד". און ער, זישקע, איז שוין געוואַלדיק פאַראינטערעסירט אין סטאַלינגראַד, מחמת פאַר די לעצטע דריי חדשים, נאָך אין די פאַרצעווער וועלדער, האָט מען געדערט פון סטאַלינגראַד, און דאָ, אין די סקראָדניצער וועלדער, אויך. און ער ווייסט שוין, אַז אויב די דייטשן וועלן נעמען די דאָזיקע שטאָט, וועט זיין אַ גרויסער אומגליק אויף דער וועלט.

פּאַקולע, זייענדיק אין וואָלאָדעווע, האָט געפונען אַ דייטשישע צייטונג אויף דער גאַס, האָט ער זי מיטגעבראַכט אין דאָרף, אָבער ער קאָן ניט לייענען קיין דייטש. פּסח קאָן יאָ לייענען, אָבער ער פאַרשטייט ניט אַזוי גוט די ווערטער. ווייסט מען נאָך ניט, וואָס ס'זאָגט זיך אין שטיקל נייעס וועגן סטאַלינגראַד.

און פּסח איז שוין דורכגעקראָכן דאָס שטיקל נייעס פון אָנהויב ביזן סוף, אָבער ער האָט נאָך אַלץ ניט געכאַפּט די גרויסע באַדייטונג.

לייענט ער דאָס אַ צווייטן מאָל, אַ דריטן מאָל, אַ פערטן מאָל, און פון מאָל צו מאָל ווערט אים ליכטיקער אין די אויגן. אין דער נייעס דערציילט זיך, אַז צוליב סטראַטעגישע צוועקן, האָבן זיי דערוויייל אויפגעגעבן סטאַלינגראַד, אויך דערציילט זיך, ווי העלדיש די דייטשישע אַרמיי האָט זיך געשלאָגן דאָרטן, און אַז דאָס דייטשישע פאָלק וועט שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן די גרויסע העלדן פון פאָטערלאַנד, וואָס זיינען דאָרטן געפאַלן, און דעריבער זאָל מען ערן זייער אָנדענק, אַלע פאַרווייַלונג־פּלעצער זאָלן זיין געשלאָסן, אָבער דער עיקר ביט פאַרגעסן, אַז זייער פירער האָט געגעבן זיין הייליק וואָרט, אַז ער וועט נאָך נעמען סטאַלינגראַד . . .

***

און אַז פּסח איז אַרויס פון פּאַקולע'ס הויז, איז ער אַרויס אין אַ וועלט פון גאָלע ליכטיקייט. אַ פולע לבנה אין הימל. שניי אויף די דעכער, שניי אויף די פּלויטן, שניי אויף די פעלדער.

אַ ווייסע וועלט, וואו ס'איז ניטאָ קיין נאַכט און ניטאָ קיין טאָג, נאָר עפּעס אַ ליכטיקייט, וואָס זי איז וואָר און ניט וואָר. און ער, פּסח, אַ פאַר־

כשופ׳טער, שפּאַנט זיך מיט דער ביקס אויף די פּלייצעס איבער דער ווייסער וועלט, וואָס ס׳איז ניט טאָג און ניט נאַכט און טראָגט אין זיין האַרצן די גרויסע בשורה פון סטאַלינגראַד.

אויך דאָס, וואָס ער האָט שוין באַזאָרגט זישקע׳ן איז שוין אויך אַ גרויסע בשורה! פּאַקולע האָט אים צוגעזאָגט איבערפירן זישקע׳ן צו וואַיטיק׳ן אין דאָרף ווירִיק, און וואַיטיק וועט אים שוין האַלטן אַ גאַנצן ווינטער. וואַיטיק׳ס צוויי טעכטער האָבן די דייטשן פאַרטריבן טיף קיין דייטשלאַנד, כלומרשט אויף אַרבעט, און ער איז איינער אַליין אין זיין כאַטע. זיין פרוי איז ניט לאַנג געשטאָרבן, און זיין כאַטע געפינט זיך ווייט פון דאָרף.

און אויב וואַיטיק וועט אים ניט וועלן האַלטן, האָט פּאַקולע נאָך אַן אָרט, אין דעם זעלביקן דאָרף, און זאָל זיך שוין פּסח גאָרניט זאָרגן . . .

***

פאַרטאָג איז פּסח געקומען צוריק אויף דער באַזע. די חברה האָבן גאָרניט דערקאָנט אויף זיין פּנים, וואָס פאַר אַ גרויסע בשורה ער האָט זיי געבראַכט צו טראָגן. בלויז סאָניע האָט דערקאָנט און זי איז געוואָרן גוואַלדיק וואַך.

און ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אפילו די גאָר גרעסטע בשורה וועט שוין ניט דערפרייען די דורך־און־דורך איבערגעפרוירענע, חברה. קיין פייער האָט מען פאַרטאָג ניט געקאָנט צעלייגן, איז שוין געווען בלויז וואַרלאָזיקייט, איז שוין געווען בלויז פאַרצווייפלונג.

מען האָט געהאַלטן אין איין גיין אַהין און צוריק, אונטערשפּרינגענ־דיק אַלע מאָל כדי זיך צו דערוואָרעמען, און אַזוי ווי גייענדיק אַהין און צוריק האָבן מענטשן ניט גערעדט צווישן זיך, מחמת מען האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן, האָט דאָס אויסגעזען ווי אויף צו־להכעיס. דער גייט אַהין, דער גייט אַהער, מען באַגעגנט זיך אינמיטן וועג, מען קוקט ניט איינער אויפן אַנדערן.

און מען האָט אויך קיין איין שמייכל ניט געטאָן, וואָס נח׳קע האָלט אין איין טאַנצן, און זיינע אויערלאַפּן באַמבלען זיך, און זיינע דאַרע פיס אין די געשבירעוועטע הויכע שיך די פאַרזשאַווערטע, די צעטראַסקעטע, ווי עפּעס ביי אַ טרויעריקן ליץ.

— חברה, — האָט פּסח אויסגעשריען, — וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר!

וואָס ווייסן זיי טאַקע? גאָרנישט ווייסן זיי. זיי ווייסן באַר, אַז די וויסטע קרירה נעמט ביי זיי צו דאָס חיות, אַז זיי קאָנען שוין ניט אָטעמען.

און אַז פּסח האָט זיי איבערגעגעבן די נייעס, וואָס ער האָט געלייענט אין דער דייטשישער צייטונג, זיינען מיט איין מאָל די אַלע בייזע, צע־קניפּטע, ניט אויסגעשלאָפענע, אויסגעמאַטערטע פּנים׳ער געוואָרן אויפ־געלויכטן, און נח׳קע, וואָס האָט ערשט אויסגעזען, ווי דער אומעטיקסטער לץ אויף דער וועלט, האָט זיך צעשמייכלט מיט אַ גוטן קינדערשן שמייכל.

— אוכ־כאַ, — האָט ער געגעבן אַ צעשפּרייט זיינע צווי הענט ווי פליגל, — אַ מכה האָבן זיי, ניט סטאַלינגראַד.

— אויב אַזוי, — האָט זיך דער שלאַנקער גדליה מיט דעם איידל גע־שניצטן פּנים זיך אָנגערופן מיט יום־טוב׳דיקייט, — קומט שוין מיר זאָלן איצטער צעלייגן אַ פייער.

יאָ, זיי וועלן צעלייגן אַ פייער אויף צו להכעיס דער סכנה. זאָל זיין וואַרעם אין האַרצן און וואַרעם אין גוף.

און פּסח, וואָס האָט זייער שטרענג אָפּגעהיט אַלע כללים פון פאָרזיכ־טיקייט, האָט שוין גאָרניט געזאָגט. זאָל טאַקע ברענען אַ פייער, זאָל זיין יום־טוב.

און אַזוי ווי מען זיצט ביים פייער, און מען וואַרעמט זיך, און מען דערציילט זיך נסים פון סטאַלינגראַד, זיינען אָנגעקומען פון דער צווייטער באַזע, אַ צווויי קילאָמעטער אַוועק, אידל סאָסנאָוויץ מיט זיין זון מאָניש׳ן, עקסטרא אַריבערגעקומען, געמיינט, אַז די מאַריאַנקער ווייסן נאָך ניט.

אידל האָט דערציילט, ווי ער האָט שוין פון לאַנג געוואוסט, אַז אַ מכה האָבן זיי, ניט סטאַלינגראַד. מחמת די חברה, וואָס פלעגן גיין אויף באַמביאַזשקעס האָבן דערציילט, אַז די פויערים וואונדערן זיך, וואָס די דייטשן הענגען שוין ניט מערער אַרויס זייערע מאַפּעס מיט די זיגן איב־דרויסן אויף דער טיר פון סאָלטיס. און אויך אין וואָלאָדעווע און אין כעלם האָבן פויערים דערציילט הענגען זיי שוין ניט מערער אַרויס זייערע מאַפּעס. פריער פלעגן זיי שטענדיק אַרויסהענגען די מאַפּעס אינדרויסן, ווייזן דער באַפעלקערונג, מיט ברוינע שפּילקעלעך אָנגעשטאָכן אין פאַר־שיידענע רוסישע שטעט, צו ווייזן, ווי זיי גייען אַלץ פאָראויס און פאָראויס.

און שפּעטער אין טאָג איז אָנגעקומען איוואַן באַלשאָי (איוואַן דער גרויסער) פון אַנדערער באַזע, און דערציילט, אַז אומעטום ווייסט מען שוין. די נייעס האָט זיך צעטראָגן פון באַזע צו באַזע, און אַז מענטשן האַלטן זיך אין קושן פון פרייד.

מען האָט זיך דאָ ביי די מאַריאַנקער אויך געהאַלדזט און געקושט פון

פרייד. נח׳קע, אַ פאַרסאַזשעטער, אַ פאַררויכערטער, איז זיך געלאָפן מיט אַלעמען קושן, אָבער רבקה האָט געוויינט . . .

מיר וועלן זיי י־אָ־ג־ן . . .

דעם צווייטן פאַרנאַכט, איידער מען האָט זיך געלאָזט צו פיאָדאָר׳ס באַזע, זיינען רבקה און סאָניע פאַרשוואונדן געוואָרן פון פייער, מיטגע־מענדיק מיט זיך זייערע בינטלעך.

זיי זיינען פשוט אַוועק ווייט פון די אויגן פון די מענער און זיך געמאַכט אַ באַזונדערן פייער. זיך דאָרטן אויסגעטאָן נאַקעט און זיך גע־ריבן דאָס לייב מיט שניי, אויך זייערע העמדער און קליידער אויסגעריבן מיט שניי, און דער נאָך דעם זיי געהאַלטן איבערן פייער.

און אַז רבקה מיט סאָניע׳ן זיינען אַוועק, האָבן זיך אויך די מענער אויסגעטאָן נאַקעט און געהאַלטן די העמדער און זייערע קליידער איבערן פייער, און אַלעמאָל זיי צוגעכאַפּט, ווען די פלאַמען האָבן זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן צו זיי.

אין די גאָר שטאַרקע פרעסט האָט מען דאָס ניט געקאָנט טאָן, אָבער היינט איז די קעלט שוואַכער געוואָרן, און דאָ ריכט מען זיך גאָר גיין צו פיאָדאָר׳ן אויף דער באַזע, און דאָ נאָך וועט מען הוליען היינט ביי פיאָדאָר׳ן אויף דער באַזע.

***

מען האָט געהוליעט ביי פיאָדאָר׳ן אויף דער באַזע. פון אַלע באַזעס איז מען געקומען, און אויך פון די אומבאַוואָפנטע. און ערשט דאָרטן האָט מען זיך שוין דערוואוסט אַלע איינצלהייטן.

פאַרבינדלער פון וואָלאָדאָווע האָבן געבראַכט צו פיאָדאָר׳ן אין שטאַב די אַלע איינצלהייטן, ווי אַזוי מען האָט גאַנצע דריי הונדערט טויזנט נאַציס אַרומגערינגלט דאָרטן לעבן סטאַלינגראַד, און ווי אַזוי מען האָט זיי געקאַסעט מיט די קאַטיושקעס. און וואָס אַזוינס זיינען די קאַטיושקעס האָבן די חברה שוין געוואוסט און דאָס וואָרט האָט געקלונגען זייער פריידיק אין די אויערן פון די פאַרטיזאַנען.

און פיאָדאָר, דער הויכער, שטאַרקער, דער ברענענדיקער, האָט זיך צעקושט מיט סאָניע׳ן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

און אַז פיאָדאָר האָט זיך צעקושט מיט סאָניע׳ן, האָבן די מאַריאַנקער

געקוקט אויף פּסח׳ן. און פּסח האָט געזען, אַז מען קוקט אויף אים, האָט ער שוין אומיסטן ליבלעך געשמייכלט, ווי ס׳געפעלט אים.

און צוליב דער גרויסער מפּלה פון די דייטשן, האָט מען אויך גע־טרונקען בראָנפן. די פאַרבינדלער פון די דערפער האָבן געבראַכט דעם דאַזיקן טראָפּן, און אויך האָט זיך איבערן גרויסן פייער געבראָטן אַ קאַלב.

— איצטער הויבט זיך אָן די חתונה, — איז פיאָדאָר געשטאַנען פאַרן פייער מיט זיינע שטאַרקע פיס אָנגעטאָן אין זיינע אָפיצערסקע לאַנקע שטיוועלעך, מיט זיין פעלצל אַרויפגעוואָרפן איבער זיינע אַקסלען. „מיר וועלן זיי י־אָ־ג־ן", האָט ער מיט זיין געדיכטער קליגענדיקער מענערשער שטימע אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „יאָגן", און דער וואַלד האָט אונ־טערגעכאַפּט דאָס לעצטע וואָרט און אָפּגעענטפערט צוריק אויך אויפן זעלביקן שטייגער, ווי פיאָדאָר: „מיר וועלן זיי י־אָ־ג־ן" — מיר וועלן זיי יאָגן בייטאָג און ביינאַכט, אין אַ רעגן, און אין אַ שניי, זומער און ווינ־טער, אויף דער טריקעניש און אויף דעם וואַסער, אין דער טיפעניש און אין דער הויך, און מיר וועלן זיי שוין ניט צורו לאָזן, ביז מיר וועלן אָפּ־רייניקן אונזער גרויסע ערד פון דער לעצטער נפקא, און ערשט דעמאָלט וועלן מיר זיי נאָך ווייטער י־אָ־ג־ן.

און דערנאָכדעם האָט ער געטאַנצט מיט סאָניע׳ן אַ קאַזאַטשקע. סאָניע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי שיין. ווי אַ בחור איז זי געווען אָנגעטאָן אין מיליטערישע הויזן, אין גלאַנציקע שטיוועלעך, אין אַ גרוי פּוטערן קוטשמעלע, און אין איר קורץ דאַמען פעלצל, האָט זי זיך גע־חנ׳דלט אין איר טאַנץ צו דעם הויכן פיאָדאָר׳ן, וואָס האָט געמאַכט די גרעסטע קונצן אין דער קאַזאַטשקע. געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קני, געהויבן זיך אין דער לופטן, געדרייט מיט זיינע בראַווע פּלייצעלעך, זיך געקלאַפּט אין היטל און געווען גאַלע מענערשע פלינקייט.

אָבער אַזוי ווי מען טאַנצט, אַזוי ווי מען פּליעסקעט מיט די הענט, און אַזוי ווי אַנדערע פּאַרטיזאַנען לאָזן זיך אויך אַריין אין טאַנץ, ווי די וואַך האָט געבראַכט אַ פאַרבינדלער, איינעם אַן אַנדרעי זאַיטשיק, און ער האָט אָנגעזאָגט, אַז דייטשן זיינען געקומען אין זאַמאַלאַדיטש.

— וויפיל? — האָט פיאָדאָר אַ פרעג געטאָן פריילעך.

— ביי אַ צוואַנציק, — האָט דער פאַרבינדלער געענטפערט . . . און זשוק, דער אוקראַינישער פּאָליציאַנט, איז אויך מיט זיי.

— זשוק אויך דאָ! — האָט די פּאַר־דער־צייט גרוי־געוואָרענע רבקה זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַן אָפּגעבריטע, — זשוק איז אויך דאָ, איר הערט?

— האָט זי אויסגעשריען צו די מאַריאַנקער מיט אַ בלוטיק געשריי.

מיטן כוח פון סטאַלינגראַד . . .

און יענע נאַכט איז ווידער געווען מיט אַ פולער לבנה אין דער ווייסער וועלט. אַ נאַכט, וואָס איז ניט נאַכט, נאָר עפּעס, ווי דער מענטש זעט אין חלום. אַ ניט־דאָאיקע שיין האָט באַשיינט דעם באַשאַף.

דאָס דאָרף זאַמאַלאַדיטש איז געווען פאַרטאַיעט אין שלאָף.

די מאַריאַנקער האָט פיאָדאָר געשיקטע די ערשטע, און די איבעריקע פאַרטיזאַנען האָבן זיך צעשפּרייט און אַרומגענומען זאַמאַלאַדיטש אין אַ רינג.

און אַז די מאַריאַנקער, קריכנדיק אויף אַלע פיר, האָבן דערגרייכט דאָס ערשטע הויז האָבן זיי פון דער ווייטנס דערזען אַ זעלנער אויף דער וואַך. דאָס איז ניט געווען קיין דייטשישער זעלנער, מען האָט שוין דער־קאָנט לויטן אָנטאָן. דאָס איז געווען אַן אוקראַאינער פּאָליציאַנט, וואָס איז אומגעגאַנגען אויף דער וואַך, מיט דער ביקס אין די הענט. ער איז אומ־געגאַנגען אַהין און צוריק, און אַלעמאָל אונטערגעשפּרונגען, כדי מסתמא צו דערוואַרעמען זיינע פיס.

די מאַריאַנקער האָבן באַטראַכט די לאַגע, און אויף דער גיך זיך צונויפגערעדט וועגן אַ פּלאַן פון אַקציע.

נח׳קע, וואָס איז געווען אַ געוואַלדיקע בריה צו מאַכן זיינע טריט אַזוי קעציש־ווייך, אַז מען זאָל קיין מינדסטן שאָרך ניט הערן, און דאָ איז נאָך געווען אַזאַ פרישער שניי, האָט אַ שוועב געטאָן פון בוים צו בוים, ביז ער איז פאַרקראָכן צו די קוסטעס, וואָס זיינען געוואַקסן זייער גע־דיכט לעבן ראָוו. לעבן די דאָזיקע קוסטעס האָט דער וואַכמאַן געשפּאַנט אַהין און צוריק.

רבקה, וואָס איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ פּויערטע, האָט אָפּגעגעבן איר ביקס פּסח׳ן און זיך אַרויסגעלאָזט פון צווישן די ביימער און געשפּאַנט אָפן און פריי אין דער ריכטונג פון דעם וואַכמאַן.

— שטיי! ווער גייט? — האָט יענער אויסגעשטרעקט זיין ביקס אַנטקעגן איר, — און הענט אין דער הויך.

— ס׳איז איך, סעקלעטע, פעטערל, — האָט זיך רבקה אָנגערופן אין אוקראַאיניש און אויפגעהויבן אירע הענט אין דער הויך, — איך בין פון דעם דאָרף.

— וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? — האָט ער געפרעגט שטרענג, האַלטנדיק די ביקס אויסגעשטרעקט קעגן איר גרייט צו שיסן.

— פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין וואַלד, ליבינקער. — האָט יענע

געענטפערט אַ פּאַרסאָפּעטע, — קוים געפונען דעם וועג.

אין איין אויגנבליק, און נח׳קע איז שוין געווען הינטער זיינע פּליי־צעס, אַריינגעכאַפּט זיין האַלדז פון הינטן אַרומעט מיט זיינע צוויי גע־וואַלדיק קרעפטיקע ביינערדיקע הענט, אים דערלאַנגט מיט זיין קני אין רוקן און אים איינגעוואָליעט.

און דאָס איז געווען זשוק אַליין. מען האָט רבקה׳ן קוים אָפּגעריסן פון אים, אפילו נאָכדעם, וואָס ער איז שוין געווען טויט. שטילערהייט, קיין פּיפּס ניט טוענדיק, נאָר סאָפּענדיק זייער שווער, האָבן די מאַריאַנקער מיט די שטיוול אים קאַלט געמאַכט.

אָבער פון צווייטן עק דאַרף האָט זיך דערהערט אַ שאָס. אין צווייטן עק דאַרף איז ניט געלונגען, ווייזט אויס, די אַנדערע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך פאַר׳גנב׳עט אַהינצו, שטיל צו מאַכן דעם צווייטן וואַכמאַן דאָרטן. און ער האָט אויסגעשאָסן געבנדיק אַ סיגנאַל פון אַליאַרם.

די מאַריאַנקער אָבער זיינען שוין געהאַט דערלאָפן צום סאָלטיס הויז, סאַמע דעמאָלט, ווען די טיר האָט זיך דאָרטן אויפגעריסן און ס׳האָבן אָנ־געהויבן אַרויסצולויפן דייטשן מיט די ביקסן.

— ס־ט־אַ־ל־יי־נ־גראַד, — האָט זיך נח׳קע צעשריען מיט אַ בלוט־פאַרגליווערנדיק קול, — סט־אַ־לינג־גראַד, — האָבן אים אונטערגעכאַפּט אַלע פּאַרטיזאַנען אַרום און אַרום, — סטאַ־לינ־גראַד, הו־ר־ראַ . . .

***

און אויף מאָרגן זיינען אַראָפּגעקומען צוויי הונדערט דייטשן אין גע־פּאַנצערטע אויטאָמאָבילן, מיט שפּיר־הינט. זיי האָבן צונויפגעטריבן אַלע פּויערים און אַרומגעכאַפּט דעם וואַלד אין אַ קייט, און דערנאָכדעם זיך געלאָזט מעטאָדיש קעמען יעדן ווינקעלע, לאָזנדיק די שפּיר־הינט לויפן פאַראויס.

האָבן זיי די שפּיר־הינט געבראַכט צו פלעצער מיט אויסגעלאָשענעם פייער, מיט אויסגעטראָטענעם שניי. און אויף די ביימער דערביי איז געווען אויסגעקריצט און מיט סאַזשע פאַרפאַרבט דאָס געשטאַלט פון זייער פירער, אין זייער ניט קיין אָנשטענדיקער פּאָזע.

די שפּיר־הינט האָבן זיי ווייטער געפירט צו פאַרשיידענע וועגן, מיט פאַרדרייטע טריט, טריט אַזוינע, וואָס גייען גאָר צוריקצואוועגס . . .

ביז פאַרנאַכט האָבן זיי געקעמט דעם וואַלד אַרום זאַמאַלאַדיטש, און אַלעמאָל זיך אָנגעשטויסן אויף שליאַדען, און די פּויערים, וואָס זיי האָבן מיטגענומען העלפן זוכן די פּאַרטיזאַנען, האָבן גראָדע געוואוסט

וואוהין די שליאַדן פירן, אָבער זיי האָבן געמאַכט אַ שוויג. זיי האָבן שוין געזען דעם סוף פון זשוק'ן, און פון זייער סאָלטיס, און אויך פון די צוואַנציק דייטשן אַליין, וואָס זיינען אַלע אומגעקומען פאַריקע נאַכט פון די דאָזיקע געוואָגטע פּאַרטיזאַנען.

און אַחוץ דעם האָט דאָס וואָרט סטאַלינגראַד זיך איינגעקריצט אין זייערע מוחות. סטאַלינגראַד האָט שוין געמיינט דער אָנהויב פון סוף . . .

***

פיאַדאָר מיט זיינע פּאַרטיזאַנען, און מיט די אומבאַוואָפנטע, זיינען נאָך יענעם פאַרטאָג, נאָך דעם וואָס זיי האָבן געפייערט דעם זיג פון סטאַלינגראַד און זאַמאַלאַדיטש, זיך אָפּגעטראָגן אין די וועלדער לעבן ליובען און האַליא.

די פּרעסט, אָט האָבן זיי אָפּגעלאָזט, אָט האָבן זיי זיך פאַרשטאַרקט. און איינמאָל אַ נאַכט, האָט אַ זעץ געטאָן אַזאַ פראָסט, אַז ממש די לופט אַליין איז פאַרפרוירן געוואָרן. ס'האָט אַזש אָפּגענומען דאָס לשון. מען האָט אַזש מיט די ליפּן ניט געקאָנט רירן. אין יענער נאַכט האָט פסח אָוועקגעפירט זיין גרופּע און אויך פיר אַנדערע אידישע פּאַרטיזאַנען צו דעם הויז פון זיין געוועזענעם באַלעבאָס.

זיין אַלטער גוטער פריינט, אַז, וואָס האָט שוין אין אַזאַ מערדערלעכן פראָסט געגעכטיקט אינעווייניק אין הויז, האָט זיי נאָך פון גאָר ווייט דערשמעקט, און גלייך אויפגעהויבן אַ שרעקלעך האַווקעריי.

— עפּן, באַלעבאָס!

דער באַלעבאָס עפנט ניט. דער באַלעבאָס שווייגט. און די גאַנצע משפּחה שווייגט, פונקט ווי זיי האָבן געשוויגן אין יענער זאַווערוכע־נאַכט, ווען דער סאָוועטישער פלעניק האָט זיך געבעטן אַריין.

— מאַך זיך ניט תמ'עוואַטע, — האָט פסח אַריינגעשריען דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס. — מיר זיינען דאָ צען באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנען, מיט ביקסן און אויך מיט גראַנאַטן און איך צייל ביז צען . . .

באַלד איז אינעווייניק אין כאַטע געוואָרן ליכטיק, און ס'האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר, און ס'האָט זיך באַוויזן סטעפאַן, כלומרשט אַ ליבלעכער, אַ פריינטלעכער:

— זע נאָר, פסח! דו לעבסט נאָך?

— יאָ, איך לעב, באַלעבאָס, — האָט אים פסח געענטפערט טראָציק, — שטאַרק לעב איך, און וועל לעבן, און געקומען בין איך געוואויער ווערן וואָס דו מאַכסט, און וואָס מיין ליבע באַלעבאָסטע מאַכט, און גע־

בראַכט מײַנע חברים אויך. זיי אַזויפיל אַנדערצײלט װעגן אײַך, אַז זיי האָבן אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג אײַך צו קומען זען.

— כאַ, כאַ, — האָט סטעפּאַן כלומרשט פריילעך געלאַכט, און זיך געגריסט מיט יעדן איינעם ביי די הענט. — אָט־דער דאָזיקער פּסח האָט זיך דיר ליב צו וויצלען. זייט געגריסט, זייט געגריסט. פּסח׳ס פריינט זיינען מײַנע פריינט. קאָך אָפּ אַ גרויסן קעסל קאַרטאָפליעס, מאַרפאַ. זאָלן זיך אונזערע פריינט אָנוואַרעמען. זיי זיינען גֶעבעך פאַרפרוירן.

— קאַרטאָפליעס זיינען אויך ניט שלעכט, — האָט פּסח אַ שמייכל געטאָן כיטרע, — אָבער איך האָב דערציילט מײַנע פריינט, אַז ביי דיר איז דאָ קאַלבאַס און סאַלאָ, און בראַנפן, און זיי ריכטן זיך שוין אויף אַ גרויסער סעודה. נאָר אויב דו פוילסט זיך, וועל איך הייסן נח׳קען ברענגען. ער קאָן גלייך טרעפן צו אַזוינע זאַכן.

— איך זשאַלעווע אײַך דען? — האָט סטעפּאַן זיך אָנגערופן מיט אַ געמאַכט זיס קול, — אָבער איך האָב געמיינט, אַז די איבעריקע עסן ניט קיין סאַלאָ מיט קאַלבאַס. זיי זיינען דאָך אידן.

— זיי עסן טאָקע ניט, האָט פּסח אַ לאַך געטאָן, נאָר זיי שלינגען.

סטעפּאַן האָט שוין דערלאַנגט אַלצדינג און זיין מויל האָט זיך ניט צוגעמאַכט אויף קיין מינוט. אַלץ גערעדט גוטע רייד, זיך געוויצלט, אַרומגעפּאָדיעט מיט איבערגעטריבענער גאַסט־פריינטלעכקייט. ער האָט זיך אַליין געוואָלט געבן קוראַזש, שטאַרקן זיין האַרץ, מען זאָל ניט דערקענען, אַז ער האָט מורא.

און שפּעטער, אַז זיי האָבן זיך אַלע אויסגעלייגט אויף דער ערד אויסגעבעט מיט שטרוי, וואָס ער האָט אַריינגענומען פון שאָפע, און געוואָלט אויסלעשן דעם לאָמפּ, האָט אים פּסח ניט געלאָזט.

און די גאַנצע נאַכט האָט שוין סטעפּאַן קיין אויג ניט צוגעמאַכט. פון פּעקליק וואו ער איז געלעגן, האָט ער געקוקט אויף פּסח׳ן. און פּסח איז גראָדע געשלאָפן זייער געשמאַק. אַלע זיינען געשלאָפן געשמאַק, אַחוץ דער וואָס האָט געהאַלטן וואַך אינדרויסן. און דער וואָס האָט געהאַלטן וואַך אינדרויסן נאָכדעם וואָס מען האָט אים פאַרביטן איז אויך גלייך אַריינגעפאַלן אין אַ געשמאַקן שלאָף.

שוין לאַנג ניט געשלאָפן אונטער אַ דאַך, אין אַזאַ ליבער וואַרעמקייט. און דער כוח צום שלאָפן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ס׳האָט שוין ניט געאַרט, וואָס די קריכנדיקע אויפן לייב האָבן זיך מיט אַ משונה׳דיקער הנאה געלאָזט וואוילגיין.

פון קעלער, וואו מען האָט פאַרשפאַרט אַז'ן, האָט זיך אַלעמאָל גע־הערט אַ שרעקלעך האַוקעריי. ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס מען האָט אים פאַרשפאַרט אין אַ קעלער. און דאָ זיינען נאָך דאָ אַזויפיל פרעמדע מענטשן אין הויז, און די ריחות זייערע זיינען געפערלעכע ריחות, נאָך ערגער ווי פון וועלף.

און אַז ס'איז געקומען פסח'ס רייע צו האַלטן וואַך, האָט סטעפאַן זיך אָנגערופן מיט אַ באַזונדערער ליבלעכקייט:

— וואַרף אַרויף מיין פעלץ, פסח, ס'איז אַ מערדערלעכע קעלט.

— אַ דאַנק, באַלעבאָס, — האָט אים יענער געענטפערט אויך מיט אַ באַזונדערער ליבלעכקייט.

און אין אַ ווילע שפּעטער, ווען פסח איז געשטאַנען אויף דער וואַך אין סטעפאַנ'ס פעלץ, האָט זיך יענער אויך אַרויס געיאַוועט, אָנגעטאָן אין אַן אַנדער פעלץ.

— ס'קער דיר מסתמא זיין אומעטיק, — האָט ער זיך אָנגערופן, — בין איך אַרויס שטיין אַביסל מיט דיר.

ער איז געשטאַנען לעבן אים, סטעפאַן, געפּרווירן און געשטאַנען, גע־רעדט פון דעם און יענעם, און אַלעמאָל אַריינגעקוקט אין פסח'ס אויגן, אָבער זיי זיינען געווען האַרט, קאַלט און שטרענג.

— אָט, נעם דאָס, — האָט פלוצלונג דער פויער אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ קליין שאַכטעלע פאַרוויקלט אין אַ פאַפּיר, — ניט דאָס גע־קאָנט האַלטן. מיין געוויסן האָט מיך געפּלאָגט.

און פסח האָט שוין פאַרגעסן אין יענעם גאָלדן דאַמען־זייגערל מיטן קייטעלע, וואָס האָט אויסגעקוקט פונקט ווי דאָס זייגערל מיטן קייטעלע, וואָס איז געווען צוגעשפּיליעט צו נח'קעס כלה פון סאָסנאָוויץ אויף דער פאָטאָגראַפיע, וואָס יענער האָט אים געוויזן אַמאָל אין פעלד.

— נעם דאָס. ס'האָט געהערט צו אַ אידן, און דו האָסט מערער רעכט אויף דעם, ווי איך . . .

און ווען מען איז שוין געווען אין וואַלד, האָט פסח געוויזן דאָס זיי־גערל נח'קען, און נח'קע האָט אויסגעשטרעקט אַ פּאָר גרויסע אויגן, דאָס באַטאַפּט פון אַלע זייטן, און דער נאָך דעם פאַרדרייט דאָס פּנים און זיך צעוויינט, ווי דעמאָלט אין פעלד . . .

און אַז זיי זיינען אָנגעקומען אַהינצו . . .

ס׳איז אַוועק דער חודש יאַנואַר, און אויך פעברואַר, און מען האָט שוין אַריינגעלעבט ווייט, ווייט אין חודש מערץ. די נאַציס האָבן גע־מאַכט אָבלאַוועס און די פּאַרטיזאַנען מיט די אומבאַוואָפנטע האָבן זיך יעדעס מאָל אַרויסגעדרייט, אַדאַנק די פּויערים, די פּאַרבינדלער פון די אַרומיקע דערפער, וואָס האָבן שטענדיק געלאָזט וויסן באַצייטנס.

און ס׳איז געקומען אַ טאָג, וואָס דער פראָסט האָט געלאָזט גאָר אויף אַ גרויסן אופן. די זון איז געווען גאָר וואַרעם יענעם טאָג. אַ טאָג פון גרויסער האָפענונג. מיטן אָנקומען פון דער נאַכט האָבן די מאַריאַנקער זיך געלאָזט אויף אַ באַמביאָזשקע אין דאָרף קולאַטש, וואָס האָט זיך גע־פונען זייער ווייט פון זייער באַזע. מען איז שוין אומיסטנע געגאַנגען אין גאָר אַ ווייטער געגנט, כדי ניט פאַלן צופיל צו לאַסט אויף די פּויערים פון די נאָענטע דערפער.

סאָניע איז ניט מיטגעגאַנגען. זי איז שוין אַלע טאָג געלאָפן אין פּיאָדאָר׳ס באַזע, וואָס האָט זיך געפונען אַ צוויי מייל ווייטער, אַכטונג צו געבן אויף די צוויי פּאַרוואונדעטע רוסישע פּאַרטיזאַנען, וואָס זיינען גע־טראָפן געוואָרן פון דייטשישע ביקסן בשעת אַן איבערפאַל אין סקראָדניצע. סאָניע האָט פאַרמאָגט טייערע הענט אַרומצוגיין אַרום פּאַרוואונדעטע, און פּיאָדאָר האָט זי גערופן אומעטום וואו מען האָט געדאַרפט איר הילף.

מען איז אָנגעקומען אין דאָרף קולאַטש. מען האָט דורכגעפירט די באַמביאָזשקע אָן שום שוועריקייטן. גענומען אַ שעפּס, אַ זאַק מיט ברויט, צוויי פעלצלעך, שוועבעלעך און זאַלץ און זיך גלייך געלאָזט צוריק אין וואַלד.

ס׳איז געווען זייער ווייט פון זייער באַזע, און דאָ האָט שוין דער שניי געלאָזן, און ס׳זיינען געוואָרן טייכן און טייכלעך אומעטום, און מיט דער משא אויף זייערע פּלייצעס איז שוין זיי געווען זייער שווער זיך צו באַוועגן.

מען איז קוים אָפּגעגאַנגען אַ האַלבן וועג, ווי ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, און מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און אויסוואַרטן ביז פאַרנאַכט.

ס׳איז ווידער געווען אַ טאָג מיט אַ ליבער וואַרעמער זון. ווייט, ערגעץ אין וואַלד, האָט זיך געהערט דאָס רוישן פון וואַסערן, אַ סימן, אַז אומעטום לאָזט שוין, און אַז ס׳נעמען זיך שוין צונויף שטראָמען, וואָס לויפן אין די ראָוון.

פאַרנאַכט האָבן זיי זיך ווייטער געלאָזט אין וועג. און נאָך איידער

מען איז צוגעקומען נאָענט צו זייער באַזע, איז גלייך געוואָרן עפּעס קשה. זייער געהער, וואָס האָט זיך אַזוי פאַרשאַרפט פון זינט זיי זיינען אין וואַלד, האָט קיין שום רויש ניט דערשפּירט.

און ווען מען איז אָנגעקומען צום אָרט, איז שוין קיין שום סימן ניט געווען פון די דריי רוסישע פלעניקעס, וואָס פלעגן זיך האַלטן לעבן זייער באַזע. די האַלעוועשקעס פון זייער פייער האָבן זיך קוים, קוים געררוי־כערט. די צוויי ביידלעך, וואָס די מאַריאַנקער האָבן לעצטנס אויפגע־שטעלט, זיינען געלעגן איבערגעקערט און ס'האָבן זיך געוואַלגערט צע־בראָכענע טעפּ און קעסלען, און קאָלדרעס און אַנדערע שטיקער אַנטועכץ.

יוחנן האָט געזאָגט, אַז מען זאָל זיך לאָזן צו פּיאָדאָר'ס באַזע, אָבער לויפנדיק אַהין, האָבן זיי נאָך פון דער ווייטנס דערשפּירט מיט זייערע גאָר וואַכע אויערן, אַז דאָרטן איז אויך טויט.

און אַז זיי זיינען אָנגעקומען אַהינצו, איז דאָרטן אויך געווען אַלצדינג איבערגעקערט, צעראַיעט . . .

***

פּאַלאַשקאַ האָט זיי דערציילט, ווען זיי זיינען געקומען אין איר הויז, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ גרויסע מחנה דייטשן קיין ליובען און האָליאַ. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געקעמט דעם וואַלד און דעם גאַנצן געגנט, אָבער פון די פּאַרטיזאַנען און פון אַלע אומבאַוואָפנטע איז שוין ניט געווען קיין שפּור. קיין איינעם האָט מען ניט געכאַפּט. די פאַרבינדלער, די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, האָבן שוין פּיאָדאָר'ן געוואָרנט אין צייט.

אַנדרעי זאַיטשיק, דער פאַרבינדלער פון זאַמאַלאָדיטש, האָט זיי דער־נאָכדעם איבערגעגעבן, אַז פּיאָדאָר מיט אַלע מענטשן האָט אָפּגעצויגן אין דער ריכטונג פון די פאַרצעווער וועלדער. פּסח האָט זיך גלייך גע־ריסן אַהין, אָבער יוחנן מיט גדליה'ן האָבן געזאָגט: ניין. זיי וועלן זיך ניט רירן פון די דאָזיקע מקומות, ביז זייער ברודער שמשון, וואָס איז אַוועק קיין וולאָדעווע, וועט זיך ניט אומקערן צוריק אין וואַלד. אַזוי האָט שמשון זיי געזאָגט, דעמאָלט ווען ער איז אַוועק מיט זייער פאַרוואונ־דעטער שוועסטער קיין וולאָדעווע. ער וועט אָפּזיין אין דער געטאָ ביז פרילינג, און אַז ער וועט דערלעבן דעם פרילינג, וועט ער זיך אומקערן צוריק צו זיינע ברידער אין וואַלד. זיי שרייבן זיך דורך מיט אים. פאַקולע ברענגט זייערע צעטעלעך צו אים, און זיינע צו זיי.

און פּסח האָט פאַרלוירן דעם שכל־הישר, און די גאַנצע דיסציפּלין איבער זיך, און ער איז געלאָפן איינער אַליין.

און דער וואַלד איז גאָר שוין געוועזן אַן אַנדערער וואַלד, זיך אײַ־בערגעקערט מיט דעם צעגײן פּונעם שניי, און פּסח האָט געבלאַנדזשעט. אַלע סימנים פון אָריענטאַציע אין וואַלד, וואָס ער האָט געוואוסט אין משך פון די ווינטער־חדשים זײַנען איצט אָפּגעווישט געוואָרן מיטאַמאָל. די בוימער האָבן איצט אויסגעקוקט גאָר אַנדערש, שטייענדיק אין וואַסער. די גרויסע סטעזשקעלעך, וואָס ער האָט געוואוסט, זײַנען צעדרייט געוואָרן אין דער נעץ. אומעטום טײַכלעך.

און אַ זשורזשען הערט זיך איבערן גאַנצן וואַלד. זיי פּליסן די וואַסערן פון צעגאַנגענעם שניי און אײַז. זיי זאַמלען זיך צונויף. זיי שליסן זיך אָן ריטשקע מיט ריטשקע, און פּילן איבער די ראָוון, און לאָזן זיך אויף די פּעלדער. ס׳איז פרײדיקער געזאַנג דער דאָזיקער וואַסער־געררויש אין די אויערן פון מענטש און חיה, אָבער ניט אין פּסח׳ס אויערן . . .

און וואָס וועט שוין זײַן, אַז ער וועט זיי דערייאָגן? אפשר וויל זי אים שוין נישט?

און עס ווערט שלעכט דאָס האַרץ. אַזאַ שלעכטקייט, וואָס עסט אים אויף. פּאַר סאָניע׳ן אין די אויגן וועט ער אים דערשיסן. זײַן טויט און פּיאָדאָר׳ס טויט.

און די דאָזיקע וויסטע שלעכטסקייט האָט פאַר׳סמ׳ט זײַן בלוט. די גאַל פּליסט אין זײַנע אָדערן. אַ ביטערער, אַ גיפטיקער, יאָגט ער זיך מיטן כוח פון בייזקייט, וואָס לאָזט גאָרניט אָפּאָטעמען.

און אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פּרילינג־טײַך, וואו די בוימער נאַקעטע זײַנען געשטאַנען אין וואַסער מיטן קאָפּ אַראָפּ, האָט ער זיך אַליין אויך דערזען דאָרטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט אַ צעקרימט פּנים, און מיט אויגן גאָרניט קיין מענטשלעכע. אַ משוגענער צאָרן אין זיי.

וואוהין איז אַהינגעקומען דער שכל׳דיקער פּסח? ער איז ניטאָ. אַ חיה געוואָרן.

זאָל ער זיך אָפּשטעלן, זאָל ער זיך באַטראַכטן. ער קאָן זיך שוין ניט אָפּשטעלן. ער קאָן זיך שוין ניט באַטראַכטן. ער וועט זיך אפשר שוין ניט קאָנען אײַנגאַנצן אָפּשטעלן, אפילו ס׳זאָל נעמען טעג און וואָכן, ביז ער וועט זיי אָנייאָגן.

און נאָך שלעכטער איז געוואָרן זײַן האַרץ מיט אַזאַ ווילד־וויסטער שלעכטקייט, ווען נאָך אַ גאַנצן מעת־לעת האָט ער זיך פּלוצלונג דערזען גאָר הינטער זאַמאַלאַדיטש. אָפּגעלאָפן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ווי אין אַ מין פאַרשאָלטענעם פאַר׳כישופ׳טן קרייז, און געקומען צוריק פונוואַנעט ער האָט אָנגעהויבן . . .

אויף מאָרגן האָבן זיי אים ווידער געזוכט

און אַז ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צו דעם אָרט וואו ער האָט נעכטן איבערגעלאָזט די חברה, האָט ער זיי שוין ניט געטראָפן.

און אַז ער איז אַוועק קיין מאַריאַנקא און אַריין אין פּאַקולע׳ס הויז, האָט אים דער פּויער געזאָגט, אַז זיי זיינען געווען ביי אים, אָפּגעשטאַנען די נאַכט און אַוועק אין וואַלד, צו דעם און דעם אָרט.

אָבער פּאַקולע האָט אים נאָך עפּעס צו דערציילן. זייער אַ טרויעריקע זאַך האָט ער אים צו דערציילן. וועגן זישקאָ׳ן.

*
**

וואַיטעק, דער פּוילישער פּויער, דער קליינגעוואוקסיקער, דער אויס-געדאַרטער, מיט די פלאַקסענע שיטערע האָר אויף זיין קאָפּ, ווי ביי אַ רע-טאַך, וואָס מען נעמט אים ערשט אַרויס פון דער ערד, האָט זישקע׳ן ליב באַקומען, ווי אַן אייגענעם זון.

זיינע צוויי טעכטער, די עלטערע אַכצן יאָר און די איינגערע זעכצן יאָר, האָבן די נאַציס אַוועקגעפירט מיט געוואַלד טיף אין דייטשלאַנד, כלומרשט אויף אַרבעט. דאָס ווייב זיינס איז גלייך נאָכדעם פון האַרץ-ווייטאָג געשטאָרבן.

און צו דעם דאָזיקן אידישן גאָר-חנ-עווודיקן אינגל, האָט וואַיטעק אָפּ-געגעבן זיין גאַנצע טאַטעשע געטריישאַפט. אים געקאָרמעוועט מיט די בעסטע מאכלים, וואָס ער האָט אפילו זיך אַליין ניט פאַרגונען. געוואַשן, געקעמט, אים געצוואָגן דעם קאָפּ, פאַרריכט זיינע מלבושים׳לעך. אָבער דער עיקר, ער האָט אים געהיט פון שרעקלעכן בייז. אים געהיט פון דעם מלאך-המות.

ער האָט געהערט ווי מען הרג׳עט די אידישע טאַטעס און מאַמעס צו-זאַמען מיט זייערע קינדערלעך. איז זאָל כאָטש דאָס דאָזיקע אידישע קינד, וואָס ער האַלט ביי זיך אין הויז, בלייבן לעבן. ער וועט שוין זען ס׳זאָל בלייבן לעבן.

און זישקע, אפילו ס׳איז אים געווען דאָ זייער גוט ביי וואַיטיק׳ן אין הויז, געשלאָפן אויף אַ וואַרעמען אויוון, געגעסן שטענדיק צו זאַט, אָבער וואָס הייסט, ער באַהאַלט זיך אויס, אַז די פּאַרטיזאַנען אין וואַלד שיסן מסתמא אַלע טאָג דייטשן, און זיין ביקס זשאַווערט גאָר.

מאָלט אייך, אַז זי האָט שוין ניט געזשאָווערט ביי אים זיין ביקס. אַלע טאָג זי געשמירט מיט פעטס, געפּוצט זי און געשייערט.

פּסח, וואָס איז אים אָפּטמאָל געקומען געוואויר ווערן, האָט אים צו־געזאָגט, אַז זאָלן נאָר אָנקומען די וואַרעמע טעג, נעמט ער אים צוריק צו דער חברה אין וואַלד. האָט ער שוין געוואַרט, זישקע, אויף דעם אָנקומען פון די וואַרעמע טעג. אָבער אין סוף פעברואַר האָט דאָס אומ־גליק געטראָפן.

און ווי אַזוי האָבן די נאַציס זיך דערוואוסט, אַז ער באַהאַלט אויס ביי זיך אַ אידיש אינגל? אפשר האָט אַ מסור געהערט ביינאַכט, ווי וואָיטיק מיט זישקע'ן ריידן זיך דורך אויף דער פּאַדווירע אינדרויסן, ווען יענער האָט אַרויסגענומען דאָס בחור'ל פון שטוב זיך אָנשעפּן מיט פרישער לופט.

און ווען די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט זיין פּאַדווירע, איז וואָיטעק אַרויס אינדרויסן, זיך געבוקט ביז אין גאַרטל פאַר זיי, זיך גע'צלמ'ט און געשוואוירן, אַז ער האַלט קיינעם ניט פאַרבאַהאַלטן ביי זיך אין כאַטע.

און אַז זיי האָבן געזוכט אינעווייניק אין כאַטע און קיינעם ניט גע־פונען, זיינען זיי צו צו דער סטאָדאָלע, אָבער פאַר דער טיר פון דער סטאָדאָלע האָט זיך דער פויער איינגעגראָבן אין דער ערד, זיך געקלאָפּט מיטביידע הענט אין האַרצן אַריין און געשריען:

— איך וועל ניט אַריינלאָזן, איך וועל ניט אַריינלאָזן...

האָט מען אים דערשאָסן, און ער איז געפאַלן פאַר דער שוועל פון דער טיר לעבן זיין סטאָדאָלע. זיי זיינען אַריין אינעווייניק, און האָבן דאָרטן אויך קיינעם ניט געפונען, נאָר אַ ברעט פון דער הינטערשטער וואַנט איז געווען אויפגעריסן. און אינדרויסן האָט מען געפונען אין שניי שליאַדן פון אינגלשע טריט. די שליאַדן האָבן געפירט צום דערבייאיקן סאָסנאָווע וועלדל.

האָבן די דייטשן זיך געלאָזט מיט די שליאַדן. אַריין אין סאָסנאָווע וועלדל, און זיך דאָרטן צעוואָרפן אין אַלע זייטן, און אים געזוכט. אַלעמאָל זיינען זיינע שליאַדן פאַרלוירן געגאַנגען און זיך ווידער אָפּגעזוכט און ווידער פאַרלוירן געגאַנגען.

פאַרנאַכט־צו, האָבן די דייטשן זיך געמוזט צוריקציען אָן שום רע־זולטאַטן. אויף מאָרגן האָבן זיי אים ווידער געזוכט, אָבער קיין שפּור פון אים.

אַ געוואַגטער געדאַנק

דער שניי איז שוין כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן פון וואַלד, נאָר אין דער געדיכטעניש, צווישן די אַלטע בוימער, וואָס האָבן זיך גע־פלאָנטערט איינער מיטן אַנדערן מיט די צווייגן, וואוהין די זון האָט כמעט קיינמאָל ניט אַריינגעדרונגען, האָט ער זיך נאָך פאַר׳עקשנ׳ט געהאַלטן.

גאָר פיצעלעך פליגעלעך, גאַנצע מחנות־ווייז,האָבן זיך געיאָוועט און אַרומגעפלויגן אין דער זון. די ערשטע פליגעלעך אין וואַלד נאָכן בייזן ווינטער. און די דאָזיקע גאָר פיצעלעך פליגעלעך, וואָס זיינען אפשר מיט אַ מינוט פריער געבוירן געוואָרן, זיינען שוין געווען אַ גרעסערע בשורה צום לעבן, ווי די זון אַליין. מחמת אויב אַזוינע פיצעלעך באַשעפענישלעך, וואָס מען זעט זיי קוים מיטן אויג, קאָנען לעבן, משמעות, אַז זיי, די פינף מאַריאַנקער, מיט די גוואַלדיקע פאַרהאַרטעוועטע קערפּערס, אויסגעפּרוּווטע אין שרעק, און אין קעלט, אין פייער און אין הונגער, און אין ניט־דערשלאָפענע נעכט, וועלן אַוודאי לעבן.

און ערשט איצט קאָנען זיי הנאה האָבן פון דער גוטער מאַמע־זון, און ערשט איצט קאָנען זיי זיך איבערנעמען מיט זייער כוח, מיט זייער גבורה, מיט זייער אויסדויער. און אַז זיי האָבן שוין געקאָנט איבערלעבן אַזאַ וואָרלאָזן מערדערלעכן ווינטער, וועלן זיי שוין לעבן און לעבן.

נח׳קע האָט אַלעמען אַרומגעשוירן. אינגלווייז זיך געלערנט פאַר אַ שערער און האָט געקאָנט די מלאכה. טאָקע מיט די זעלביקע גאָל און שער מכשירים, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט ביי טימאָפייען אין הויז נאָך אין אָנהויב ווינטער, האָט ער אַרומגעשוירן אַלע חברה, רבקה׳ן אויך. אָבער אים איז קיינער ניט געווען ווער ס׳זאָל אים קאָנען אַרומשערן, איז ער געבליבן אַ באַוואָקסענער און אַ ברוגז׳ער. ער האָט זיך געקלאָגט הויך אויף אַ קול, אויף זיין ביטער מזל און די חברה האָט געלאַכט.

און פסח? פסח האָט ניט געלאַכט. פסח האָט געוואָלט שטאַרבן. אָבער ווי קאָן אַזאַ געזונטער גוף ווי זיינער שטאַרבן פון זיך אַליין, סיידן מיט די אייגענע הענט זיך אָפּראַמען פון לעבן.

אָבער ער, וואָס האָט דיסציפּלינירט זיין גוף און אַלע חושים, און יעדן מינדסטן אָדערל, פאַר די לעצטע דריי יאָר, דווקא צו לעבן, אפילו ווען אומעטום איז געווען טויט, ווי וועט ער שוין קאָנען זיך פאַרדאַרבן מיט זיינע אייגענע הענט?

און ס׳האָט זיך אים גע׳חלומ׳ט אַ חלום. אינמיטן העלן טאָג האָט זיך אים גע׳חלומט דער חלום. אַלע חברה זיינען בשעת מעשה געלעגן

האַלב־באַקעטע און זיך געוואָרעמט קעגן דער זון. אפשר אַ מינוט אָדער צוויי, אַז ער איז אַפּגעשלאָפן, און אין דער דאָזיקער מינוט אָדער צוויי האָט זיך אים געַחלומ׳ט, ווי ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן. און ער ליגט אויף דער ערד מיט אַ דורכגעשאָסענעם מאָרך. און נח׳קע אי ער ווײנט, און אי ער איז אין כעס. מיט אַ שטיק האָלץ שטייט ער איבער אים און שלאָגט זיין טויטן קערפּער מיט גרויס ווייטאָג און אויך מיט רציחה.

און דערנאָכדעם זיינען געקומען אַלע אידן פון דער וואָלדעווער געטאָ און האָבן געשפּיגן אויף אים, און האָבן אים געבריקעט מיט די פּיס, ווי מען טוט דאָס צו אַ פּגר, און געשריען: „שקץ תשקצנו, תתעב תתעבנו, חרם הוא, טפו, טפו, טפו״ (מיאוס איז ער, אומווירדיק איז ער, אין חרם זאָל ער זיין, טפו, טפו, טפו).

און דערנאָכדעם איז סאָניע געקומען און געוויינט זייער ביטער, זיך געשאָקלט אַהין און אַהער און געקלאָגט:

— אוי, פּסח׳שע, פּסח׳שע! דו, וואָס דו האָסט מיך געלערנט אין די פינצטערע טעג, אַז דער גרעסטער געבאָט איז — לעבן, אַז די גרעסטע נקמה אָן די נאַציס וועט זיין, וואָס מיר וועלן בלייבן לעבן. אוי, פּסח׳שע, פּסח׳שע, פּסח׳שע! ביזט איצטער פאַרשאָלטן פון אַלע וועלטן. קיין שום איד וועט זיך ניט וועלן אָנקערן מיט דיר.

און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט זיינען נאָך אַלע זיינע חברים גע־לעגן אַנטקעגן דער זון מיט אַזאַ גרויסן תענוג, און יוחנן, דער דאַפּרס־בחור, האָט געזונגען „אדון עולם״. מיט אַ ווילדן און טראָציקן קול האָט ער געזונגען און געמאַכט:

— איי, אדון עולם, אשר מלך, איי, בטרם כל יציר נברא, איי . . .

און פּסח, קוקנדיק אויף זיינע חברים, וואָס ליגן זיך מיט אַזאַ תענוג, האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ גרויסע שמחה, וואָס ער לעבט.

און אַז גדליה האָט אַביסל שפּעטער אַ זאָג געטאָן, אַז מען דאַרף זען ברענגען איצטער זייער ברודער שמשון צוריק אין וואַלד, איז צו פּסח׳ן געקומען אַ געוואַגטער געדאַנק, וואָס האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט, און אים שוין ניט געלאָזט רוען: פאַרוואָס ניט ברענגען אַהער אין וואַלד נאָך אידן פון דער וואָלדעווער געטאָ? ווען מען וועט נאָר קאָנען זאָל מען ברענגען.

און אַז ער האָט זיך צערעדט וועגן דעם מיט דער איבעריקער חברה, האָט זיך אין אָנהויב אויסגעוויזן, ווי גלאַט געַחלומ׳ט, געפאַנטאַזירט. אָבער וואָס מערער מען האָט אַרומגערעדט דעם ענין, איז דאָס אַריין אין בלוט.

ס'האָט שוין די איבעריקע אויך ניט געלאָזט רוען. יעדער איינער האָט דערפילט, אַז צוליב דעם, אייגנטלעך, איז מען שוין געבליבן לעבן. אַז דאָס איז דער גאַנצער זינען, און דער איינציקער ציל, וואָס וועט שוין באַרעכטיקן זייער לעבן.

און דאָס טאַקע וואָס זיי זיינען געבליבן לעבן, איז דאָך דער בעסטער רוף צו די אידן אין דער וולאָדעוועדער געטאָ.

גוט, ס'איז דאָ . . .

און דאָס בריוועלע, וואָס די מאַריאַנקער האָבן געשיקט דורך פאַקולע'ן צו שמשונ'ען אין דער וולאָדעוועדער געטאָ, האָט זיך געלייענט אַזוי:

„ליבער שמשון!

„די לאַגע איז איצט ניט אַזוי, ווי בשעת דו ביזט געווען מיט אונז. מיר לעבן איצט אַ סך זיכערער. די לעצטע צוויי חדשים זיינען געווען זייער שווער, צוליב די גרויסע קעלטן. אָבער איצטער איז וואַרעם, און אַחוץ דעם האָבן מיר שוין אַ סך אָפּיט (דערפאַרונג) ווי אַזוי צו קריגן עסן, ווי אַזוי צו היטן זיך פון די דייטשן. לויט ווי מיר הערן פון די פּויערים, גרייטן זיך זיך צו רוצחים ווידער מיט אַן אַקציע אויף דער געטאָ. לכן עצה'ן מיר דיר, קומען גלייך צוריק אין וואַלד, און ברענגט מיט זיך נאָך חברה, וויפיל ס'וועט זיך לאָזן. מיר האָבן ערטער וואו צו באַקומען ביקסן. רייד איבער מיט אַנדערע חברה, וואָס דו קאָנסט זיי פאַרטרויען. דו קאָנסט ריידן מיטן ערל, וואָס ברענגט דיר דאָס דאָזיקע בריוועלע, זייער אָפן, און ער וועט דיר שוין זאָגן, וואָס דו האָסט צו טאָן."

אונטערגעשריבן: יוחנן, גדליה, פסח, נח'קע און רבקה."

פאַקולע האָט מיטגענומען אויפן וועג אַן איבעריקע בורקע, אַן איבעריקע קוטשמע, אַריינגעלייגט דאָס בריוועלע אין זאַק מיט האָבער און זיך אַוועקגעלאָזט אין וולאָדעווע.

די חברה האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד ניט ווייט פון פאַקולע'ס הויז. מען איז געשלאָפן. דער שלאָף האָט געגעבן כוח, אויך געדולד. אַ גאַנצן ווינטער איז מען ווינציק וואָס געשלאָפן, האָבן זיי איצטער אָפּגענומען פאַר אַלע יענע ניט אויסגעשלאָפענע נעכט. אַחוץ דעם איז געווען פיינלעך צו זיין איצט אויף דער וואָך און איבערטראַכטן וועגן דעם, וואָס קאָן נאָך, חלילה, טרעפן מיט פאַקולע'ן אויפן וועג־

אַהינצו, און אויפֿן וועג צוריק, האָט מען זיך שוין בעסער פּאַרגעסן.

און ביינאַכט, ווען מען האָט אָנגעקלאַפּט אין פּאַקולע׳ס הויז און קיינער האָט ניט געענטפערט, האָט מען שוין געוואוסט, אַז דער פויער איז נאָך ניטאָ צוריק, און אַז קאַסיע האָט מורא עפענען די טיר, ווען דער טאַטע איז ניטאָ אין דער היים.

זיינען זיי אַריין אין סטאַדאָלא און דאָרטן זיך צעלייגט אין דאָס שטרוי.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען דער וואָגן איז נאָך געווען זייער ווייט פון הויז, האָבן די וואַכע אויערן פון די פּאַרטיזאַנען אויפגעכאַפּט דעם גערויש.

און אַז דער וואָגן איז אַריינגעפאָרן אין דער פּאָדווירע, האָט זיך די טיר פון דער כאַטע אויפגעריסן, און זיי האָבן דערהערט קאַסיע׳ס פריילעך־ציטערנדיק קול, ווי זי האָט באַגריסט איר טאַטן.

אַלע קינדערלעך זיינען שוין געשלאָפן דאָרטן אויפן פּעקליק. נאָר זי, קאַסיע, האָט געהאַלטן וואַך די גאַנצע צייט. געזעסן אין דער פינצטער און געוואַרט אויפן טאַטן.

און ווען פּאַקולע האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און זיי אַריינגעפירט אין סטאַדאָלע, האָט פּסח זיך אָנגערופן אין דער שטיל:

— דאָס זיינען מיר פּאַקולע.

— גוט, ס׳איז דאָ, — האָט פּאַקולע פריילעך געענטפערט, — קומט אַריין שפּעטער אין כאַטע.

און אַז זיי זיינען שפּעטער אַריינגעגאַנגען אין הויז, האָבן זיי געטראָפן שמשונ׳ען און משה ליכטנשטיינ׳ען, דעם באַוואוסטן משה ליכטנשטיין. די חברה האָבן נאָך אין וואַלד געהערט פון אים.

משה׳ן האָט פּאַקולע באַהאַלטן אין דעם שטרוי ביי זיך אין וואָגן, און שמשונ׳ען האָט ער פאַרקליידט ווי אַ פויער, און אַזוי זיי געבראַכט צו זיך אין הויז אָן שום טרעפונג.

און אַז מען האָט אַ קוק געטאָן אויף שמשונ׳ען, האָט מען שוין גלייך דערזען, אַז די געטאָ אין וולאָדעווע איז געווען ערגער ווי די מערדערלעכע פּרעסט אין וואַלד. זי האָט אים צעבראָכן דעם גבור׳דיקן שמשון, די געטאָ. זיינע אַמאָליקע שטאַרקע פּלייצעס האָבן שוין אויסגעקוקט שוואַך, און איינגעהויקערט. דאָס פּנים זיינס, ווי ליים, און פון זיין מויל האָט זיך געטראָגן אַ שלעכטער ריח. זיין מאָגן איז פאַרדאָרבן געוואָרן פון הונגער.

די שוועסטער, וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין וואַלד, און צוליב

איר איז שמשון אַוועק אין דעם געטאָ, איז שוין געשטאָרבן, און אויך זייער ברודער יאָסל, האָט ער געהערט, איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע.

— און וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר, — האָט שמשון דערציילט פון דער וולאָדעווער געטאָ, — ווי די קראָטן אין דער ערד ליגן מיר דאָרטן פאַרגראָבן. אידן האָבן זיך געמאַכט דאָרטן סעקרעטן אין אַזויגע ערטער, וואָס דעם מענטשלעכן שכל קאָן גאָרניט איינפאַלן: אינעווייניק אין אויוונס, און אויך הינטער די בית־הכסא׳ס.

און נאָך האָט זיי שמשון דערציילט, ווי אַלע אידן אין געטאָ קוקן אַרויס אויף זיי, די פּאַרטיזאַנער, ווי אויף משיח׳ן. און וואָס פאַר אַ שמחה ס׳וועט, ווען מען דערוואוסט זיך וועגן זייערן אַן איבערפאַל אויף די נאַציס.

— ס׳גייען דאָך אַרום שוין לעגענדעס וועגן אייך דאָרטן, אין דער געטאָ, — שמייכלט צו זיי שמשון, — יעדן איינעם פון אייך קאָן מען שוין דאָרטן, און מען קוויקט זיך, און מען טרייסט זיך, וואָס איר דערציילט זיי די מעשה. און אַלע רייסן זיך צו אייך, יונג און אַלט, ווייל יעדער איינער ווייסט שוין, אַז אויב ניט היינט איז מאָרגן, און דער סוף וועט זיין — סאַביבאָר.

און משה ליכטנשטיינ׳ען האָט שמשון שטאַרק געליבט, און יענער האָט זיך גאָרניט געשעמט, וואָס מען לויבט אים אַזוי אין די אויגן. פאַרקערט, געקוקט מיט אַזאַ מין וואַזשנעקייט און זעלבסט־חשיבות, אַקוראַט, ווי ס׳קומט אים.

וועגן משה ליכטנשטיינ׳ען האָט שמשון דערציילט, אַז ער איז זייער אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט דאָך שוין אָרגאַניזירט אַלע יונגע בחורים אין וולאָדעווע, און זיי פאָלגן אים אויס ווי אַ גענעראַל. די דייטשן זוכן אים אַרום, ווי מיט ליכט, אָבער מען קאָן אים ניט פאַקן. פון בונקער צו בונקער, גנב׳עט ער זיך, משה, און אָרגאַניזירט די יונגע בחורים אויף צו אַנטלויפן אין וואַלד.

און משה ליכטנשטיין קוקט שוין ניט אויס, ווי ער וואָלט אַרויסגעקומען פון דער שרעקלעכער געטאָ. גאָרניט קיין דערשלאָגענער, קיין צעבראָכענער. אַ זיכערער ביי זיך. אַ פלינקער, אַ לאָווקער, מיט ביסטרע ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, מיט זייער אַ שטאַרקער אַנגרייפערישער מאָרדע, און זיין פּנים אויך שטאַרק מאַסיוו, דיבאַמיש און זיין קול אַ פייערדיקס, אַ ברענענדיקס, מיט אויטאָריטעט און מיט באַפעלערישקייט.

און, וואָס ס׳האָט דער חברה אַביסל פאַרדראָסן, וואָס ער האָט גערעדט צו זיי, צו די פאַרהאַרטעוועטע אויסגעפּרוואוטע פאַרטיזאַנען, וואָס

ס׳גייען שוין אַרום לעגענדעס וועגן זייער העלדישקייט, ווי עפּעס אַ נאַ־טשאַלניק (אַן עלצטער), באַפעלעריש האָט ער גערעדט צו זיי, קורץ און שאַרף:

— איך האָב שוין אָרגאַניזירט הונדערט חברה. איך האָב איינגע־קויפט פּעלצלעך, שטיוועלעך, לעדערנע קורטקעס. איך האָב אָנגעזאַמלט געלט, גענומען ביי די רייכע אידן. אַז מען האָט ניט געוואָלט געבן מיט גוטן, האָב איך גענומען מיט געוואַלד. ביי משה ליכטנשטייג׳ען שוטיעט (שפּאַסט) מען ניט. איך האָב שוין איינגעקויפט דריי ביקסן מיט צוויי פּיסטאָליעטן.

— מען דאַרף וואָס גיכער אַרויספירן פון דער וואָלאָדעווער געטאָ וויפיל אידן ס׳לאָזט זיך, — האָט פּסח זיך אָנגערופן שטרענג. — ווי מיר האָבן געהערט פון די פּאַרבינדלער, קלייבן זיך די דייטשן מאַכן וואָלאָ־דעווע יודען־ריין. און עמיצער פון אייך ביידן, צי דו, שמשון, אָדער דו, משה, מוז גלייך זיך אומקערן קיין וואָלאָדעווע און גלייך אַרויספירן די ערשטע פּאַרטיע אידן. מיר וועלן וואַרטן אויף אייך לעבן צווייטן כוטאָר, ביים וואָלאָדעווער שליאַך.

— ס׳איז פּסח, — האָט זיך שמשון אָנגערופן דערשראָקן, — איבער־מאָרגן אין דער ערשטער סדר, — אפשר וועלן זיי ניט וועלן אום פּסח גיין אין וואַלד?

— אוי, ווי! — האָט רבקה זיך אַ כאַפּ געטאָן, — דער ערשטער סדר און מיר האָבן גאָרניט געוואוסט!

— און וואָס וואָלט געווען ווען דו וואָלסט יאָ געווען וויסן? — האָט נח׳קע זיך אָנגערופן ברוגז, — וואָלסט אפשר אונז צוגעגרייט כרעמזלעך, מיט יויך, מיט עוף?

— פּסח, צי ניט פּסח, — האָט פּסח זיך אָנגערופן, — גאָרניט אָפּלייגן.

— אַז משה ליכטנשטיין וועט זאָגן, וועט מען גיין אפילו אום פּסח!

— האָט משה זיך אָנגערופן מיט גוואַלדיקער זעלבסטזיכערקייט און אויך מיט גאווה . . .

די לעגענדאַרע גבורים . . .

און איבערמאָרגן, צום ערשטן סדר, האָבן שוין אַלע זעקס, אַריינגע־רעכנט שמשונ׳ען, געוואַרט אין וואַלד סאַמע הינטער וואָלאָדעווע, ניט ווייט פון צווייטן כוטאָר.

ס׳האָט געשוואומען אין הימל אַן אָפּגעביסענע לבנה. זייער בלאַס האָט זי אויסגעקוקט צווישן די צעריסענע וואָלקנס. לינדע ווינטלעך האָבן געגלעט דאָס פּנים, און מען איז געשטאַנען איינער לעבן אַנדערן אין דער פינצטערניש, אין נאַקעטקייט פון וואַלד, שוין ניט ווי קיין פאַרהאַרטע־ווטע פּאַרטיזאַנען, נאָר ווי קינדער אין דער פרעמד, וואָס בענקען אַהיים.

יעדער איינער האָט זיך דערמאָנט פון אַן ערשטן סדר אין דער היים, ווי דער טאַטע אין ווייסן קיטל אין געזעסן אויבן אָן אויף דער היסב־בעט, ווי אַ מלך, ווי ס׳האָט געשמעקט פון דער קיך מיט די פעטע געווירציקע ריחות פון די פּסח׳דיקע מאכלים, ווי די ווענט פון דער שטוב זיינען געווען ווייס־אויסגעקאַלעכט . . .

און פּסח האָט זיך דערמאָנט אַ סדר־נאַכט אויף דער פּאַווא גאַס אין וואַרשע. ס׳האָט געשמעקט דאָרטן אין קעלער־שטוב מיט ציכטיקייט, מיט זויבערקייט און זייער ליכטיק איז דאָרטן געווען פון די פילע ליכט, און פון גרויסן בליך־לאָמפּ, וואָס מען האָט אָנגעצונדן בלויז אין אַ יום־טוב. און דער בורשטינענער וויין האָט געפינקלט און געשימערירט אין פּסח׳דיקן קאַראַפין.

— טאַטע, איך וועל דיך פרעגן די פיר קשיות, — הערט נאָך פּסח איצטער סאָניע׳ס רייצנדיק מיידלש קול, — די ערשטע קשיא וועל איך דיר פרעגן . . .

וואו איז סאָניע? ער קאָן שווערן, אַז זי שטייט איצט לעבן אים. אַזויפיל יאָרן איז זי שטענדיק רק געשטאַנען לעבן אים.

די לבנה שווימט דורך די וואָלקנס. זי איילט זיך גיך, גיך, די לבנה. וואוהין איילט זי זיך? קיין סאַביבאָר, אפשר, איילט זי זיך.

— שטיי! ווער גייט? — שרייט אויס נח׳קע, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביים ראַנד פון וואַלד.

— ס׳איז משה ליכטנשטיין, — דערטראָגט זיך אַ שעפּטשען.

פּופּצן חברה האָט משה געבראַכט. בשעת אין אַלע בונקערס האָבן אידן אָפּגעריכט דעם סדר, האָבן זיי זיך גע׳גנב׳עט דורך די פּלויטן, גע־קלעטערט איבער דעכער, געררוקט זיך אויף די בייכער און זיך דערשלאָגן צום וואַלד לעבן צווייטן כוטאָר.

און די גאַנצע צייט האָט מען געמיינט, אַז ס׳איז גאָר אוממעגלעך זיך אַרויסרייסן פון געטאָ. בלויז אַ פאַנטאַזיע, ווי אַלע פאַנטאַזיעס, אָדער אַ גוטער חלום, וואָס מען חלומ׳ט. און די מעשיות וואָס מען האָט זיך דער־ציילט די גאַנצע צייט אין דער געטאָ וועגן די אידישע העלדן פּאַרטיזאַנען

אין די סקראַדניצער וועלדער, האָט מען געמיינט, זיינען בלויז שיינע אויס־געטראַכטע מעשיות.

אָבער אָט האָבן זיי זיך טאַקע אַרויסגעריסן פון געטאָ, און אָט שטייען טאַקע אָט־די חברה, די אידישע העלדן, ניט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר אין בלוט און פלייש. מעכטיקע אַזוינע שטייען זיי, מיט ביקסן אויף די פּלייצעס, די גבורים, וואָס האָבן געהרג׳עט אַזויפיל נאַציס און מוסרים.

— שלום־עליכם, אידן! — רופט זיך אָן פּסח און זיין קול צעציטערט זיך.

און זיי כאַפּן זיך אַרום קושן, די לעגענדאַרע גבורים מיט די אָנגעקומענע. מען קושט זיך און מען האַלדזט זיך. און נח׳קע קושט זיך מיט אַלעמען. מיט די צוויי יונגע מיידלעך אָנגעטאָן ווי זעלנער אַוודאי און אַוודאי.

— יאַנקעלע משומד, אַ רוח דיר אין טאַטנס־טאַטן אַריין! — איז יוחנן מלא שמחה, וואָס ער האָט דערקאָנט אַ חבר פון וואָלאָדעווע, — ביזט אויך דאָ? און דו, מאָטל פראַנט, אַ כאַליערע אויף דיר! קוק, ווי דו האָסט זיך פאַרפּוצט, ווי אויף אַ כאַסליע׳רע (חתונה).

זיי זיינען געקומען פאַרפּוצטע, די וואָלאָדעווער, אין כמעט נייע פעלצלעך און אין מיליטערישע דייטשישע און פּוילישע הויזן, און אין פעסט־פאַרשנירעוועטע שיך, אַרומגעוויקלט אויבן ביז די פיס מיט מיליטערישע אַוויאַטשעס (געטרעס, וויקעלעך) און אין גוטע שמויסענע קוטשמעס.

און משה ליכטנשטיין איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טייערן לעדערנעם, דייטשיש מיליטערישן פלאַשטש ביז צו דער ערד, מיט אַ רעוואָלווער ביי דער זייט, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אַ לעדערנעם טאַש, אין אַ גרוי פוטערן קוטשמעלע, וואָס איז חנ׳עוודיק געזעסן אויף זיין שפּיץ קאָפּ, און אין לאַנקע שטיוועלעך מיט ענגע כאַליעוועס, פון אַ גוטן ווייכן לעדער.

און זיי האָבן זיך פשוט געשעמט די ערשט־אָנגעקומענע מיט זייערע נייע קליידער, פאַר די פאַרהאַרטעוועטע פּאַרטיזאַנען, וואָס זיינען געווען אָנגעטאָן אין וואָס עס האָט זיך געלאָזט, און זיך געקראַצט זייער געשמאַק, אומעטום, וואו נאָר זייערע הענט האָבן געקאָנט דערלאַנגען. אויך האָט זיך פון זיי געטראָגן זייער ניט קיין אָנגענעמער ריח אויסגעמישט מיט רויך און מיט ברודיקייט.

אויך האָבן זיי זיך געוואונדערט, וואָס זיי שפּאַנען ניט אין זעלנערשן טראָט. אַ גאַנצן ווינטער האָט זיי משה ליכטנשטיין, וואָס איז געווען אַ זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי, זיי געלערנט שפּאַנען אין זעלנערישן טראָט.

— איינס, צוויי, דריי! — האָט ער איצטער געקאָמאַנדעוועט, גייענדיק פאַראויס און שטאַרק מדקדק געווען, אַז אַלע זאָלן שפּאַנען ווי מיט איין פוס . . .

***

שפּעטער, אויף דער באַזע, ניט ווייט פון מאַריאַנקע, ביי דער ליכ־טיקייט פון פייער, האָבן ערשט די וולאָדעווער געזען די פּנים׳ער פון די באַרימטע העלדן. צעקנייטשטע פּנים׳ער, צעפּאַטשטשטע פּנים׳ער, און זייערע אויגן האַרטע, אומ׳ברחמנות׳דיקע, און זייערע קליידער פאַרסאַזשעטע, פאַרברודיקטע, מיט דורכגעברענטע לעכעלעך אומעטום.

— דאָס זיינען פון די קוילן פון אַ מאַשין־ביקס, — האָט זיך נח׳קע באַרימט פאַר די צוויי וולאָדעווער מיידלעך, זייער יונגע און שייניבקע, וואָס האָבן געקוקט אויף אים מיט גרויס פאַרגאַפונג, — פון אַ מאַשין־ביקס האָבן די פּריצעס געשאָסן אויף מיר און מיר דורכגעלעכערט די שיך, דאָס רעקל און אפילו די הויזן.

די אַלטע גווארדיע האָט אַנגעקוואָלן פון נח׳קעס ליגנס. אויך אַנגע־קוואָלן פון די וולאָדעווער, וואָס זיינען אַנגעקומען אַזוינע פאַרפּוצטע.

— מיר וועלן שוין זען, ווי אַזוי זיי וועלן אויסזען אין אַ וואָך אַרום אין וואַלד, — האָבן די מאַריאַנקער זיך דורכגערעדט איינער מיטן אַנ־דערן און געלאַכט.

די חברה האָבן אַנגעגרייט פאַר די ניי־אַנגעקומענע געזאַלצן חזיר־פליישׁ מיט עטלעכע ווייצענע ברויטלעך, אָבער די וולאָדעווער האָבן זיך געוואָרגן מיטן חזיר־פליישׁ.

— מיר וואָלטן אייך אַוודאי געגעבן מצות און כרעמזלעך, — האָט זיך נח׳קע גערייצט מיט זיי, — אָבער אין וואַלד עסט מען שוין וואָס מען האָט.

און די דאָזיקע פּופּצן חברה, וואָס האָבן דעם גאַנצן ווינטער גע׳־חלומ׳ט פון וואַלד, פון אַ פּאַרטיזאַניש לעבן, זיינען געזעסן ביים פייער דערשלאָגענע, זיך אַלעמאָל אַרומגעקוקט און געזען נאָר בוימער, און שרעקנדיקע פינצטערניש צווישן די בוימער.

פסח, דערפילנדיק די געפאַלנקייט פון דער חברה, און דערמאַנענדיק זיך, ווי ער אַליין האָט געפילט די ערשטע נאַכט אין וואַלד, האָט פאַר־שטאַנען, אַז מען דאַרף צו זיי ריידן און זיי שטאַרקן. און ער האָט קיינמאָל נאָך ניט געהאַלטן קיין פּשוט׳ע רעדע, סיידן אַ פּאָליטישע, בשעת ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַן אונטערערדיש אַרבעטער־קרייזל, אין וואַרשע.

דאָ, אָבער, האָט ער דערפילט, ווען קיין פּאָליטישע רעדע ניט טויגן, נאָר אַזוי אַ פּשוט׳ע, און אַז ער האָט אָנגעהויבן נאָר צו ריידן, זיינען שוין די ווערטער געקומען פון זיך אַליין, מחמת די גרויסע פרייד, וואָס נאָך פּופצן אידן לעבן:

— איך ווייס, אַז איר פילט זיך פרעמד דאָ אין וואַלד, — האָט ער אָנגעהויבן, — ס׳טרעפט אַזוי מיט יעדן איינעם. נו, און מיר אין סאַמע אָנהויב, האָבן דען בעסער געפילט? איר זענט נאָך גליקלעכע. איר זענט געקומען, ווען ס׳הויבן זיך שוין אָן די וואַרעמע טעג. איר האָט דאָ באַדאַרפט זיין אין די ביטערע פרעסט. אין שניי זיינען מיר געשלאָפן. און וויפיל נעכט זיינען מיר אינגאַנצן ניט געשלאָפן. און אַז ס׳וועט אייך זיין שווער די ערשטע צייט דאָס לעבן אין וואַלד, דערמאָנט אייך אין סאַביבאָ, וועט אייך שוין ווערן גרינגער. אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז זיך נוקם זיין אין די מערדער. דער עיקר איז, וואָס מערער אידן זאָלן בלייבן לעבן. יעדעס געראַטעוועט אידיש לעבן, איז די גרעסטע מפּלה פאַר די נאַציס. דער העכסטער געבאָט פון אַ פּאַרטי־זאַן, און בפרט פון אַ אידישן פּאַרטיזאַן, איז לעבן און נקמה נעמען. פּונקט ווי איר מוזט האָבן אַ סך אָפּיט (דערפאַרונג) און כיטראַסט אויף נקמה צו נעמען, אַזוי מוזט איר האָבן אַ סך אָפּיט און כיטראַסט צו בלייבן לעבן. אָבער איר וועט לעבן, כל־זמן איר זייט שוין אין וואַלד.

— און גוט וואָס איר האָט אויסגעקליבן די ערשטע נאַכט פון פּסח אַרויס פון דער געטאָ. ס׳איז פּונקט ווי אין חומש. קנעכט זענט איר געווען ביי די נאַציס אין געטאָ. פון היינט אָן און ווייטער זענט איר פרייע מענטשן...

געב די ביקס, דו אַזוינער און אַזוינער...

משה האָט זיך גלייך מיט צוויי טעג שפּעטער ווידער אָוועקגעלאָזט אין דער געטאָ, כדי אַרויסצונעמען פון דאָרטן נאָך אידן.

און די מאַריאַנקער, וואָס האָבן אים ניט געקאָנט פאַרליידן, צוליב זיין גרויס האַלטן זיך, און צוליב זיין פירן זיך, ווי אַן אַבסאָלוטער דיקטאַטאָר, האָבן שוין געמוזט זיך בויגן פאַר זיין העלדישקייט, מחמת אין דער געטאָ האָבן די דייטשן באַשטימט אַ גרויסן פרייז פאַר זיין קאָפּ, צי מען וועט אים כאַפּן אַ טויטן, צי אַ לעבעדיקן.

און בשעת משה ליכטנשטיין איז אַוועק אין דער געטאָ, האָבן די

מאַריאַנקער זיך אַ לאָז געטאָן צווישן די דערפער נאָך געווער. זיי האָבן מיטגענומען מאַטלען דעם לאַנגן, וואָס אין זיין נייעם מיליטערישן מונדיר און אין די אָפּיצערסקע שטיוועלעך האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געהויבענער פּערזענלעכקייט.

— געקומען פון מאָסקווע, — האָט פּסח שטיל איינגערוימט אַ סוד דעם פּויער אויף וועמען פּאַקולע האָט אָנגעוויזן, אַז ביי אים קאָן מען קריגן אַ ביקס.

— אַזוי, אַזש פון מאָסקווע! — האָט דער פּויער געקוקט מיט גרויסע אויגן פול מיט וואונדער און רעספּעקט אויף דעם הויכן מאַטלען, וואָס האָט זיך געהאַלטן מיסטעריעז און וואָרשנע.

— אויף אַ פּאַראַשוט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט, — האָט נח׳קע שוין אָפּגעבאַקן אַ צווייטן ליגן.

און אַז מאָטל האָט געזאָגט דעם פּויער, אַז סטאַלין אַליין האָט אים געשיקט פון מאָסקווע צונויפנעמען ביקסן פאַר די פּאַרטיזאַנער, כדי וואָס גיכער צו פאַרענדיקן דעם דייטש, האָט שוין יענער ניט געמאַכט קיין שהיות, גלייך אַרויס פון הויז, און אין אַ ווייל אַרום זיך אומגעקערט מיט אַ ביקס, אַ גוט אויסגעשמירטער אין וואַזאַלין, מיט 30 קוילן, און נאָך מיטגעגעבן, ביים געזעגענען זיך, אַ פלאַש בראַנפן מיט אַ פּאָר ברויטלעך.

ביי אַ צווייטן פּויער אין זעלביקן דאָרף, אויך איינער פון די פּוילישע פּאַטריאָטן, האָט מען אָנגעטראָפן אַ גרויסן אוצר: דריי ליופּעס (אָן העלצער, אָן הענטלעך) מיט זעכציק פּאַטראָנען און צוויי גראַנאַטן. אָבער משה קצב, וואָס איז געווען צווישן די ערשטע פּופּצן וואָס זיינען אָנגעקומען פון וואָלאָדעווע, האָט געקאָנט אויך סטאָלערײ, און ער האָט צוגעמאַכט די דריי הענטלעך צו די ליופּעס.

משה קצב האָט מען שוין אויך מיטגענומען צו אַזוינע פּויערים, ביי וועלכע מען האָט געדאַרפט נעמען געווער מיט געוואַלד. דער דאָזיקער איד, פון אַ יאָר פערציק, האָט פּשוט אָנגעוואָרפן אַן אימה (דערשרעק) מיט זיין געשטאַלט אַליין. אַ ריז אַ חברה־מאַן מיט אַ ברוסט־קאַסטן פון אַ באַריעץ (ראַנגלער, ווערסטלער), מיט אַ רויט פּנים, מיט בייזע אויגן און אַ קול, ווי פון אַ לייב.

די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן אים געקאָנט פון וואָלאָדעווע, און מען האָט שוין געוואוסט, אַז מיט אים איז גלייכער זיך ניט אָנהויבן.

אויך האָט מען מיטגענומען צו די דאָזיקע פּויערים, וואָס מען האָט געדאַרפט נעמען געווער מיט געוואַלד, יאַנקלען. אַ קליינגעוואוקסיק בחור׳ל

דווקא, אַ דאַרס, אָבער אַז ער איז געוואָרן אין כעס, האָט ער ממש פֿאַר־ברענט דעם מענטשן. און דערלאַנגענדיק האָט ער געקאָנט מיט אַזאַ אױ־סערגעווײנלעכער שנעלקייט, אַז מען האָט זיך אפילו ניט געריכט פֿונ־וואַנעט ס׳איז געקומען.

און ווידער אַמאָל, האָט פּסח צוגעזען אכזריות. דאָס שיסן אַ מענטשן פֿון אַ ביקס, האָט שוין ניט אויסגעזען ביי אים אַזוי ברוטאַל, ווי דאָס שלאָגן אַ מענטשן איבערן הוילן לייב.

און מען האָט געמוזט שלאָגן איבערן הוילן לייב, און פּסח אַליין האָט שוין אויך געשלאָגן איבערן הוילן לייב.

— געב די ביקס, דו אַזוינער און אַזוינער . . .

— איך שווער ביי גאָט, אַז איך האָב ניט . . .

— לייג זיך, דו אַזוינער און אַזוינער.

— ראַטעוועט ! ראַטעוועט !

***

די אידן אין דער וואָלאָדעווער געטאָ האָבן גאָט געבעטן, אַז משה ליכטנשטיין זאָל מצליח זיין. ער האָט צוגעזאָגט פֿאַרן אַוועקגיין מיט די ערשטע פּופּצן, אַז ער וועט זיך אומקערן און אַרויסנעמען נאָך מענטשן.

ס׳איז שוין געווען אַ יחוס, ביי יעדן איינעם,וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַן אייגענעם צי אַ קרוב, וואָס איז אַוועק אין וואַלד מיט די ערשטע פּופּצן.

מען האָט געזאַמלט געלט. חברה האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און געפֿירט פֿאַרהאַנדלונגען מיט געוויסע דייטשן וועגן איינקויפֿן ביי זיי געווער. און ס׳האָבן זיך שוין געפֿונען אַזוינע צווישן די נאַצים, וואָס האָבן פֿאַר גאַר גרויסע סומען צוגעשטעלט נאָך צוויי ביקסן מיט איין פּיסטאָלעט.

משה האָט שוין גוט געקאָנט אַלע קאַנאַוועס, אַלע גרובן, אַלע געהיימע וועגעלעך און סטעזשקעלעך, אַלע גערטנער און הויפֿן, דורך וועלכע מען קאָן זיך אַריינכאַפּן אין דער פֿינצטער, אומבאַמערקט, אין אַ געוויסן בונקער.

און אַזוי ווי ס׳זיינען געווען אַ פּאָר מוסרים אויך צווישן די אידן, האָט קיינער אין דער געטאָ, אויסער די פֿאַרטרויענסוועדטע, ניט געטאָרט וויסן, אַז ער איז שוין דאָ. מען האָט זיך דערוואוסט נאָכדעם, וואָס ער האָט אַרויסגעפֿירט נאָך צוואַנציק מענטשן.

און משה איז געקומען צום דריטן מאָל אויך. און דאָס מאָל שוין אַרויסגעפֿירט גאַנצע 35 אידן — און צווישן זיי איז אויך געווען בעריש

קאַרנמאַן מיט זיין טעכטערל בעבעלע, וואָס זיינען געווען אין די סקראַד־ניצער וועלדער אין אָנהויב ווינטער.

אָבער נאָכן דריטן מאָל איז שוין משה אַזוי גיך ניט געקומען. און דאָ האָט מען זיך דערוואוסט אין וולאָדעווע וועגן דעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ. מען האָט זיך דערציילט אין בונקערס, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פונקט צו דער ערשטער סדר־נאַכט, און אַז די נאַציס קומען אַלע טאָג מיט מער עראָפּלאַנען, מיט טאַנקען, מיט שווערע קאַנאָנען, אָבער זיי קאָנען זיי ניט בייקומען.

און דאָ האָט מען זיך אויך דערוואוסט, אַז דאָס וואָס משה קומט שוין ניט מערער, איז דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן, אַרויסצונעמען פון וולאָדעווער געטאָ אַלע אידן מיטאַמאָל . . .

*
**

און דאָרטן, אין די סקראַדניצער וועלדער, האָט מען זיך טאַקע געגרייט צו מאַכן אַן איבערפאַל אויף וולאָדעווע. נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג. דער עיקר נאָך געווער. מען האָט געזוכט און געגנישטערט, געקעמט אַלע דערפער אַרום, געצאָלט אויך מיט געלט, געמאַכט אויך איבערפאַלן אויף קליינע פאַסטנס דייטשן אין געוויסע פונקטן, און באַוואָפנט אַרום אַ דרייסיק מאַן פון דער וולאָדעווער חברה.

די פירער: משה, פסח, גדליה און מאָטל, האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען מוז איינשטעלן, אָנפאַלן אויף וולאָדעווע מיט וויפיל כוחות מען פאַרמאָגט, ווייל פאַקולע האָט געבראַכט די שרעקלעכע נייעס, אַז די דייטשן קלייבן זיך מאַכן דאָס דאַזיקע שטעטל „יודען־ריין״.

נאָר איידער מען וועט מאַכן דעם אָנפאַל, זאָל מען כאַטש דעראָבערן אַין פּולעמיאָט (קוילנוואַרפער). אויפן הויפּט־טראַקט הינטער וולאָדעווע פאָרן כמעט אַלע טאָג אַהין און צוריק אויטאָמאָבילן מיט דייטשישע עלצטע. מורא האָבנדיק פאַר די פאַרטיזאַנען אין די וועלדער, פאָרט שוין יעדער אויטאָמאָביל באַוואָפנט, ווי צום פראָנט, מיט פּולעמיאָטן, מיט אויטאָמאַטישע ביקסן, מיט גראַנאַטן.

דער אויטאָמאָביל מיט די צען דייטשן . . .

מען איז געלעגן דאָרטן, ווי די טויטע. זיך פאַרמאַסקירט צווישן די קוסטעס, סאַמע ביים טראַקט, און קיין ריר, קיין שאָרך. פון פאַרטאָג אָן, אַז זיי זיינען דאָרטן געלעגן, און משה ליכטנשטיין, וואָס איז געווען כמעט אַ מאַניאַק, ווען ס'איז געקומען צו דיסציפּלין, האָט קיינעם ניט געלאָזט אויפהויבן דעם קאָפּ, אפילו זיך אויסגלייכן.

די זון איז אויפגעגאַנגען, און דערנאָכדעם איז אַוועק שעה נאָך שעה ביז כמעט אַ האַלבן טאָג, און קיין שום אויטאָמאָביל מיט דייטשן האָט זיך ניט באַוויזן. פויערשע פורן יאָ, אָבער ניט זיי, די דערוואַרטעטע.

די אָנשטרענגונג פון ליגן אַזויפל שעה'ן און ניט רירן מיט קיין אבר, און אפילו ניט אָטעמען הויך, איז געווען אַ געוואַלדיקע. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויב אפילו די דייטשן וועלן שוין יאָ אָנלויפן, ווייסט מען שוין אויך ניט, צי די חברה וועלן זיך קאָנען אַ ריר טאָן. מחמת מען איז ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד. מען איז פאַרוואַקסן געוואָרן צוזאַמען מיט די גראָזן. ס'קריכן שוין מערעזשקעס און זשוקעלעך איבער אַלע־מענס קערפּערס, ווי די מענטשן וואָלטן געווען טויטע.

אָבער אָט האָט זיך צו די פיינלעך־אָנגעשטרענגטע אויערן דערטראָגן מיטאַמאָל פון גאָר ווייט אַזאַ גערויש, וואָס מען האָט שוין דערקאָנט, אַז דאָס איז פון אַן אויטאָמאָביל.

מען האָט אָנגעהויבן צו קוקן איינער צום אַנדערן, און זיך געפרעגט מיט די אויגן, צי דער צווייטער האָט אויך געהערט, דאָס וואָס ער.

יאָ, ס'איז אַן אויטאָמאָביל. אַן אָפענער דווקא, ווי אַ לאַסט־מאַשין. דאָס דראָענדיקע פּיסקל פון אַ קוילן־וואָרפער שטעקט אַרויס פון דאָרטן, און צען דייטשן מיט געלאָדענע ביקסן, היטן ביידע זייטן פון טראַקט.

און אָט גלייכט זיך אויס דער אויטאָמאָביל מיט דעם אָרט וואו זיי ליגן. און משה גיט נאָך ניט דעם צייכן. ער שוויגט, משה. אַזוי קאָנצענטרירט שווייגט ער, ווי פאַרהיפּנאָטיזירט. אַקוראַט, ווי ער זעט גאָרניט און הערט גאָרניט. אָבער אַלע איברים זיינע זיינען געשפּאַנט ווי ביי אַ טיגער, וואָס דאַרף זיך באַלד אָפּרייסן פון אָרט און מאַכן דעם שפּרונג אויף צו פאַרצוקן . . .

***

און די וואָלאָדעווער האָבן ביז אַהער געזען בלויז דערשאָסענע אידן, אָבער ניט קיין דערשאָסענע דייטשן. איצטער זעט מען זיי. אַכט שטיק ליגן צעשפּרייט איבערן וועג דאָ און דאָרטן.

נאָר איינעם איז געראָטן צו דערגרייכן דעם וואַלד און פאַרשווינדן ווערן צווישן די ביימער. אַ צווייטן האָט מען געכאַפּט אַ לעבעדיקן. אַזאַ הויכער חברה־מאַן איז דער לעבעדיקער, אויסערגעוויינלעך הויך. מיט אַ לאַנגן האַלדז, ווי ביי אַ זשיראַפע, מיט משונה׳דיקע גרויע אַרויסגעקאַטשעטע אויגן.

און ביז אַהער האָבן די וואָלאָדעווער נאָך אויך ניט געזען, ווי אַ דייטש וויינט. איצטער האָבן זיי געזען. ער האָט געוויינט, דער משונה׳דיקער לאַנגער, געפאַלן אויף די קני פאַר משה׳ן און אים געקושט זיינע שטיוול, און געבעטן דערבאַרמונג.

— ער איז מיינער, — האָט משה קצב זיך אָנגערופן אַ בייזער צו משה ליכטנשטיין.

ער איז ניט געווען זיינער. ער איז געווען אַלעמענס. אָבער משה ליכטענשטיין האָט אים אָוועקגעגעבן דעם קצב. און משה דער קצב, אפילו זיינע גרויסע ברוינע אויגן האָבן אים אויסגעזען תמיד, ווי זיי וואָלטן געווען געוואַלדיק בייזע, און דאָס פּנים איז ביי אים שטענדיק געווען רויט, ווי ביי אַ גזלן, אָבער די וואָס האָבן אים געקאָנט נאָענט, האָבן געוואוסט, אַז ער איז גראָדע אַ גוטער בטבע, און אַז ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין אייגענער גבורה. קריגנדיק זיך מיט עמיצן, האָט ער שטענדיק זיך אַ ביס געטאָן אין זיין אייגענער פויסט, כדי זיך אַליין צו דערמאָנען, אַז ער טאָר מיט דער האַנט ניט הויבן, ווייל ער קאָן נאָך דער׳הרג׳ענען אַ מענטשן. איצטער האָט ער זיך אויך אַ ביס געטאָן די האַנט פון געוואוינהייט וועגן בלויז. די נאַציס האָבן אומגעבראַכט אויף איינער פון זייערע אַקציעס אַלע זיינע זעקס קינדער מיט דער פרוי.

משה קצב האָט זיך פאַרמאָסטן אויף יענעם מיט זיין שווערן האַמערפויסט, אָבער דערזען, ווי אַזויפיל פאַרטיזאַנישע אויגן קוקן אויף אים, האָט ער זיך פאַרשעמט, וואָס ער, אַזאַ ריז, וועט דערלאַנגען אַן אומבאַשיצטן דייטש מיטן קולאַק. האָט ער אים אַ כאַפּ געטאָן ביי דער טשובאַרקע און אים געשלעפּט איבערן וועג ווי מען שלעפּט אַ זאַק מיט מעל, און אים אַריינגעשלעפּט צווישן די ביימער און דאָרטן האָט ער אים געטאָן זיין רעכט.

מען האָט זיך גענומען פאַרברענען דעם אויטאָמאָביל, אָבער נח׳קע

איז צוגעלאָפן מיט גרויסע געוואַלדן. ער, דער געוועזענער טעקסי־שאָופער, האָט ניט געהאַט קיין האַרץ צו זען ווי מען פאַרניכטעט אַזאַ טייערע כּלי כּאַטשבי אַלע גומענע שינעס זיינען געווען געפּלאַצט, און די מאַשינערי איז געווען אויפגעריסן מיט אַ גראַנאַט. אָבער דאָך איז אים געווען אַ שאָד מען זאָל אים פאַרברענען. און אַז פּסח האָט אים דערקלערט, אַז מען מוז, ווייל סאַי ווי סאַי וועט מען דאָס ניט קאָנען מיטנעמען אין וואַלד, האָט ער זיך כאָטש געבעטן, מען זאָל אים לאָזן בודק זיין אינעווייניק. עפּעס האָט ער געהאַט אַ געדאַנק דערביי.

ער האָט געוואוסט שוין פון דערפאַרונג, אַז אין אַ גוטן אויטאָמאָביל זיינען דאָ ערגעץ געהיימע טאַשן. און ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט. עטלעכע שאָכטלען מיט טשאָקאָלאַד האָט ער געפונען אין איינעם אַ גע־היימען טאַש, אויך אַ גוטן אָפּיצירסקען רימען, און דער עיקר איז געווען דריי פלעשלעך מיט זעלטענעם פאַרפום. ער האָט זיך גלייך באַשפּרינקלט און געמיינט, אַז ס׳שמעקט פון אים אַ מחיה. אָבער די חברה האָבן אים שוין ניט צוגעלאָזן צו זיך. מען האָט אים געטריבן, ווי ער וואָלט געווען אויסגעריכט אין אָפּפאַל.

אויך אויף באַמביאַזשקעס האָט ער שוין פאַר אַ צייט ניט געקאָנט גיין. די הינט אין די דערפער האָבן אים דערשמעקט פון גאָר ווייט, און אויפגעהויבן אַ געוואַלדיקן געיאָמער.

***

ניין דייטשישע ביקסן האָבן די אידישע פאַרטיזאַנען פאַרכאַפּט, פינף פּיסטאָלעטן, פופצן גראַנאַטן, אַ סך קוילן, אָבער דאָס טייערסטע איז געווען דער פּולעמיאָט. אַ טשעכישער, אַ נייער, אַ בלישטשנדיקער, אַ גוט־דורכגעאוילטער, מיט אַ גאַנץ קעסטל פּולעמיאָטן־לענטעס.

ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. וואָלאָדעווע איז שוין געוואָרן „יודען־ריין״.

און גראָדע פון די פּראָנטן האָבן זיך דערטראָגן זייער גוטע ידיעות. די רויטע אַרמיי האָט זיי געהאַלטן אין איין טרייבן.

די ידיעות האָבן זיך דערטראָגן אין וואַלד דורך די פאַרבינדלער־פויערים. ניט פון די צייטונגען האָבן זיי דאָס אַרויסגעלייענט, ווייל די דייטשישע און פּוילישע צייטונגען האָבן געמאַכט אַ שווייג וועגן דעם. און ניט אויף דער ראַדיאָ האָבן זיי דאָס געהערט, ווייל קיין ציווילער מענטש האָט שוין ניט געטאָרט האָבן קיין ראַדיאָ. נאָר דורך אַ מויל־צו־

מויל־טעלעגראַף, וואָס איז געווען נאָך שנעלער, ווי די ראַדיאָ, האָט זיך דאָס גלייך צעטראָגן, פון טויזנט און צווי טויזנט מייל ווייט.

אָבער די פריילעכע נייעס האָבן שוין ניט געקאָנט פאַרענטפערן דעם גרויסן ווייטאָג. אַלע וואָלאַדעוועער חברה, און אפילו די מאַריאַנקער האָבן דאָרטן אין געטאָ פאַרמאָגט אייגענע.

און כדי די מענטשן זאָלן, חס וחלילה, אינגאַנצן ניט אָפּגעשוואַכט ווערן און פאַרלירן דעם כוח צוליב דעם יאוש (פאַרצווייפלונג), וואָס האָט יעדן איינעם אַרומגעכאַפּט, האָבן די פירער פון דער גרופּע באַשלאָסן אָנהויבן גלייך איבערפאַלן אויף די דייטשן.

און באַלד האָבן אָנגעהויבן צו פלאַקערן פייערן ביינאַכט אין דער גאַנצער געגנט אַרום וואָלאַדעווע. ס'זיינען אַוועקגעגאַנגען אין רויך די דייטשישע שפּייז־און־קליידער־לאַגערן. ס'האָט געברענט דער אָנגעזאַמל־טער קאָנטיגענט, וואָס די פּויערים פון די דערפער האָבן צוגעשטעלט צו די צענטראַלע פּונקטן.

די דייטשן האָבן זיך שוין מורא געהאַט צו באַווייזן אין דעם געגנט לעבן די וועלדער. די מאַכט איז ווי איבערגעגאַנגען צו די אידישע פּאַר־טיזאַנען. ביי די פּויערים זיינען זיי שוין געווען אָנגעלייגטע געסט, מחמת זיי זיינען איצט ניט געקומען נעמען, נאָר געבן. מען האָט געטיילט צווישן די פריינטלעכע פויערים אַ סך ווערטפולע זאַכן, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט אין די דייטשישע סקלאַדן, איידער מען האָט זיי פאַרברענט.

ביי די יונגע פּויערטעס, זיינען זיי געווען גאָר אָנגעלייגטע געסט, די גבורים פון די וועלדער, וואָס קומען מיט מתנות און טאַנצן מיט זיי, און זינגען לידער מיט זיי.

און דער געטרייער פּאַקולע, ווי ער וואָלט געווען דער הויפּט־נערוו פון די אידישע פּאַרטיזאַנען. אפילו אין זיין אייגענעם דאָרף, אַחוץ אַ פּאָר פאַרטרויליכע פאַרבינדלער, האָט מען ניט געוואוסט, וואָס ער טוט אויף. מען האָט אים געקאָנט אַלס דערשלאָגענעם פּויער אין געגנט.

און דער דאָזיקער „דערשלאָגענער״ פּאַקולע האָט געשמעקט, גע־שפּירט, געפּאָרן אפילו פון צייט צו צייט אין די אַרומיקע שטעט, צו דער־ווייסן זיך, וואָס ס'טוט זיך דאָרטן.

און ער האָט זיך דערוואוסט פּאַקולע, אַז די נאַציס מאָביליזירן אַלע גאַרניזאָנען פון די אַרומיקע הויפּט־סטאַנציעס צו מאַכן אַ גענעראַלע אָב־לאַווע אויף די סקראָדניצער וועלדער . . .

זישקע לעבט . . .

און דערווייל איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צו דער באַזע פון די אידישע פּאַרטיזאַנען די „שעסטקא" (דאָס זעקסטל) אָנגעפירט פון באַרימטן וואַסקאַ. זיי זיינען איצט ניט געווען זעקס, נאָר גאָר צען חברה. אין אָנהויב זיינען זיי אָבער געווען זעקס.

זיי זיינען געווען די געוואַגטסטע חברה צווישן די פּאַרטיזאַנען אין די פאַרצעווער וועלדער. דייטשישע קוילן האָבן ווי ניט געהאַט קיין שליטה איבער זיי. זיי זיינען געשפּרונגען גלייך אין פייער. מען האָט זיי שוין ניט איינמאָל אַרומגערינגלט מיט גרויסע כוחות, און שטענדיק האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן, איבערלאָזנדיק אַ סך טויטע און פאַרוואונדעטע נאָך זיך. זייער ספּעציאַליטעט איז געווען גראַנאַטן. געווען מייסטערס גראַנאַטן־וואַרפער.

אַכט רוסן, געוועזענע פּלעניקעס, און צוויי אידן זיינען זיי געווען אין דער דאָזיקער „שעסטקא". איינער פון די צוויי אידן, נחום זאַהאַיקער, איז געווען ניט ווייניקער באַרימט, ווי דער אָנפירער זייערער, „וואַסקאַ". ער האָט פאַרמאָגט אַ מאָדנע טבע דער דאָזיקער נחום: ער האָט געוויינט, בשעת ער האָט זיך געוואָרפן אין שלאַכט, און אַזוי וויינענדיק האָט ער אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישן די דייטשן מיט זיינע גראַנאַטן.

און דער צענטער איז געווען — זישקע. פּסח איז דעמאָלט ניט געווען אויף דער באַזע, ווען די שעסטקא איז אָנגעקומען. ערשט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווי אומקערנדיק זיך פון אַ באַמביאָזשקא, האָט אים רבקה אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זישקע איז דאָ, אַז זישקע לעבט.

קיינער האָט אים ניט אַרומגעשוירן, דעם דאָזיקן זישקע׳ן, פאַר דער גאַנצער צייט, און זיינע שוואַרצע האָר האָבן זיך שוין אַרומגעקרייזלט פון אונטער זיין קוטשמע, און זיך אויך אַראָפּגעלאָזט אויפן נאַקן. דאָס הירשן־פּנים׳ל זיינס, שאַרף ווי אַ חלף, האָט קיינמאָל ניט גערוט, און רק געווען וואַך. זיינע קלוגע קוועלנדיקע קאַרשן־אויגן, רק זיי האָבן אָבזערווירט. מיטן קאַוואַלעריעסקן ביקסל שטענדיק אויף די אַקסלען, און מיט צוויי גראַנאַטן הייגענדיק ביי אים אויפן גאַרטל אַרום זיין פּעלצל, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ קינד וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ גזלן.

דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געמאָלדן פּסח׳ן, נאָכדעם וואָס זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, אַז ער האָט שוין דער׳הרג׳עט אַ דייטש. און גלייך טאַקע אויפן אָרט אים דערציילט מיט אַלע גענויקייטן, ווי אַזוי ער האָט דאָס דער׳הרג׳עט דעם דייטש, און בשעת דערציילנדיק, האָט זיך אין זיינע

טיפע קאַרשן־אויגן אָפּגעשפּיגלט דער פּחד, דער וואונדער, און דער טריאומף פון יענער איבערלעבונג:

ער איז געשטאַנען פאַרשטעקט צווישן דיביימער, וואָסקאַ האָט אים אומיסטנע געהייסן שטיין פאַרשטעקט צווישן די בוימער, ווייל ער האָט אים ניט געוואָלט שטעלן אין סכנה. די שעסטקא איז דעמאָלט געלעגן ביים עק פון וואַלד אויף אַ זאַסאַדע. פינף גרויסע אויטאָמאָבילן פול מיט דייטשן, זיינען אָנגעפאָרן, און די חברה דאָרטן האָבן גלייך גענומען וואַרפן אויף זיי גראַנאַטן. אָבער די דייטשן זיינען ניט אַנטלאָפן, אַראָפּגעשפּרונגען פון די אויטאָמאָבילן, זיך צעלייגט אין ראָוו אַנטקעגן און געענטפערט מיט אַ שיסעריי.

— און ווי אַזוי איך שטיי אונטער אַ בוים, — דערציילט זישקע און זיינע אויגן ווערן גרויס מיט פּחד, ווי ער וואָלט איצט נאָך אַמאָל איבערגע־לעבט יענעם מאָמענט, — ווי איך גיב אַ קוק — אַ דייטש. ער זעט מיך ניט, אָבער איך אים, זע יאָ. זייער גוט זע איך אים. אַזאַ גרויסער דייטש און ס'איז שוין געווען גראָדע פינצטערלעך, האָב איך אויסגעשאָסן, און אים געטראָפן . . . אין קאָפּ אים געטראָפן . . . ווי איך בין אַ איד, פּסח, כ'דערצייל אייך דאָ ניט קיין מעשיות, איר קאָנט פרעגן וואָסקאַ'ן . . .

און וואָסקאַ האָט פּסח'ן שפּעטער אויך דערציילט וועגן יענעם אויפ־טו זישקע'ס, און מיט דעם דאָזיקן אויפטו האָט ער גאָר געראַטעוועט די שעסטקא פון אַרומרינגלונג. מחמת, ווען דאָס בחור'ל האָט אויסגעשאָסן, האָט די שעסטקא זיך גלייך געלאָזט אין דער ריכטונג פון שאָס, און דער־זען, אַז די דייטשן גנב'ענען זיך פון הינטן אַרומערט . . .

און וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט, בשעת די נאַציס זיינען באַפאַלן וואַיטיק'ס הויז, קומט דאָס שוין אויס ביי אים, אַז ס'איז געשען אַזוי לאַנג, אפשר מיט יאָרן צוריק.

— אַי, פּסח, האָב איך זיך דערשראָקן! — שמייכלט ער צו אים, ווי צו אַ ברודער וואָס מען דערציילט אין נחת די ליידן, — כ'האָב גע־מיינט, אַז מיין סוף קומט דעמאָלט. איך ליג אין דעם שטרוי און הער, ווי די דייטשן שרייען אויף וואַיטיק'ן, און דאָ איז אַ ברעטל לויז אין דער אונטערשטער וואַנט. קלער איך ניט קיין סך, רייס אויס דאָס ברעטל, גנב'ע זיך אַרויס. און דאָ ניט ווייט הויבט זיך אָן דער וואַלד. לויף איך אין וואַלד אַריין. אָבער באַלד דערהער איך, ווי די דייטשן זיינען אויך דאָ אין וואַלד. האָב איך גלייך אַרויפגעקלעטערט אויף אַ בוים, אַ גראָבער בוים איז דאָס געווען, מיט אַ סך צווייגן. אָבער די צווייגן זיינען נאַקעט, און דאָ קאָנען זיי מיך דערזען. אָבער, בין איך מזלדיק, פּסח! אומעטום

האָבן זיי מיך געזוכט, אָבער ניט אַרום מיין בוים. אוי, פּסח, פּסח! כ׳האָב געמיינט, אַז איך עק זיך גאָר . . .

און דער נאָך דעם, ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, און די דייטשן זיינען אַוועק פון וואַלד, האָט זיך זישקע געלאָזט לויפן. אָן אַ ציל געלאָפן. און ער איז שוין געווען אַזוי מיד, אַז ער איז פּשוט אומגעפאַלן אין שניי, און זיך שוין ניט געקאָנט אויפהויבן. און דאָ איז אים נאָך באַפאַלן אַזאַ שטאַרקער שלאָף, און ער איז איינגעשלאָפן. ערשט ווען ער כאַפּט זיך אויף, און ער איז גאָר אין אַ שטוב אויף אַ הייסן אויוון.

דאָס האָט אים אַ ליעסניטשי (וואַלד־וועכטער) געפונען אַ שלאָפנ־דיקן אין שניי, און אים כמעט אַ דערפרוירענעם געבראַכט צו זיך אין הויז.

— און בין איך מזל׳דיק, פּסח! דער ליעסניטשי איז אויך געווען אַ גוטער גוי, — צעפינקלען זיך זישקע׳ס קאַרשן־אויגן מיט אַ שיינער ליכ־טיקייט. — ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל שוין גאַרניט מורא האָבן. ער וועט מיך שוין אויסבאַהאַלטן, ביז ער וועט אויסגעפינען, וואו איר זייט. איך האָב אים דערציילט וועגן אייך.

אָבער איינמאָל, אַ ביינאַכט, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, און דאָס איז געווען וואַסקאַ מיט זיין שעסטקאַ, און זיי האָבן אים מיטגענומען מיט זיך.

און ביי דער באַרימטער „שעסטקא״ איז שוין זישקע דאָס אויג אין קאָפּ. זיי נעמען זיך איבער מיטן קליינעם העלדישן „יעוורעיטשיק״ (אי־דעלע). באַזונדערס נאָך נאָכדעם, וואָס ער האָט דערשאָסן אַ דייטש און זיי געראַטעוועט פון אַרומרינגלונג . . .

— און איך האָב שוין געוואָרפן אַ גראַנאַט אויך, — קוקט ער צו פּסח׳ן, אי מיט באַרימעריי און אי מיט פאַרדאַכט, טאָמער גלויבט אים ניט יענער.

— ס׳קאָן ניט זיין! — ווייל אים טאָקע פּסח ניט גלויבן.

— איך זאָל אַזוי דערלעבן צו זען מיין טאַטן און מאַמען, און מיין שוועסטער גאַנץ און בשלום, — שווערט זיך יענער מיט האַרץ.

דער טעם פון פּאָזשימקעס און סאָניע׳ס ליפּן . . .

זישקע האָט אויך געזען סאָניע׳ן אין די פאַרצעווער וועלדער. און ער דערציילט דאָס פּסח׳ן און באַמערקט מיט זיינע קלוגע אייגעלעך, ווי יענער מיניעט זיך אין פּנים, און ווי זיינע אויגן ווערן אַזוי טרויעריק.

— וואָס איז, איר האָט זיך עפּעס צעקריגט, און דערפאַר איז זי אַוועק פון אייך? — פרעגט דאָס בחור'ל נאַאיוו.

דערציילט אים פּסח, אַז מען האָט זיך ניט געקריגט, נאָר ס'איז גע־ווען אַן אָבלאַווע, בשעת ער מיט די איבעריקע זיינען אַוועק אויף אַ באַמביאַזשקע, און ער בעט אים, זישקע'ן, ער זאָל אים דערציילן, ווי אַזוי סאָניע קוקט אויס, און צי זי איז אפשר טרויעריק, און צי זי האָט גערעדט מיט אים וועגן פּסח'ן.

איז צי זי איז טרויעריק, סאָניע, ווייסט ניט זישקע. עפּעס פילט ער, אַז פּסח'ן וואָלט אפשר געווען מערער ניחא, ער זאָל זאָגן, אַז זי קוקט אויס טרויעריק, אָבער קאָן ער עפּעס שוין ניט זאָגן קיין ליגן.

— ניין, זי איז ניט געווען טרויעריק, — קוקט ער מיט פאַרשנדיקע אייגעלעך אויף דעם הויכן פּאַרטיזאַן, וואָס איז צו אים נאָך געטרייער ווי אַ ברודער, — און וועגן אייך האָט זי גאַרניט גערעדט מיט מיר.

מוז שוין זישקע דערציילן אַלע פּרטים, ווען און וואו ער האָט געזען סאָניע'ן, און ווי אַזוי גייט זי אָנגעטאָן, און מיט וועמען חבר'ט זי זיך דאָרטן.

— זי חבר'ט זיך מיט פּיאָדאָר'ן, — ענטפערט זישקע און פאַרשט נאָך אַלץ מיט זיינע אייגעלעך, — שטענדיק, ווי מען זעט זיי צוזאַמען.

און וואַסקאַ, ווען ער האָט שפּעטער גערעדט וועגן פּיאָדאָר'ן, האָט ער שוין אויך דערמאָנט סאָניע'ס נאָמען. מיט אַ פריילעכן וואונק האָט ער זי דערמאָנט, און אויך מיט אָנטציקונג:

— אַ טייוול, דער דאָזיקער פּיאָדאָר. זיך אָפּגעזוכט אַ שוועסטערל איז דאָס שוין איינמאָל אַ שוועסטערל! אַ לעבעדיקס, אַ צאַפּלדיקס, און כשופ'ט מיט אירע בלויע אייגעלעך.

***

אין וואַלד האָבן געוואַקסן אַ סך פּאָזשימקעס, אָדער פּילניצעס, ווי די אוקראַינער האָבן זיי גערופן. און דער וואונדערלעכער זיס־געווירציקער ריח, וואָס דער ווינט האָט אָפט פאַרטראָגן צו די נאָזלעכער פון די פּאַר־טיזאַנען, איז טאַקע געקומען פון אָט־די ראָז־רויטיקע געשטופלטע יאַגעדעס.

זישקע מיט פּסחן האָבן געקליבן אין די קוטשמעס, די דאָזיקע פּיל־ניצעס, וואָס זייער טעם איז פונקט, ווי זייער ריח, און נאָך באַ'טעמ'טער.

און די דאָזיקע פּיצעלעך רויטינקע פּירות, וואָס צעגייען זיך אין מויל, ווי באַלד מען לייגט זיי אַרויף אויף דער צונג, דערמאָנען שוין אַ

מאַרק־טאָג אין שטעטל, אָן יענע גאָלדענע פרידלעכע צייטן, ווען די פויערטעס פלעגן דאָס פאַרקויפן קרענצלעכווייז, אַרויפגעסילעט אויף שטרוי, צו די חדר אינגלעך.

און קלייבנדיק די פּאַזשימקעס האָבן זיי ביידע געבענקט, סאַי דער דערוואַקסענער הויכער, פאַרהאַרטעווטער פסח, און סאַי דער קליינינקער אינגל־פאַרטיזאַן, וואָס האָט שוין געוואָרפן אַ גראַנאַטע אויף די דייטשן.

און פאַר פּסח'ן דעם טעם פון פאַזשימקעס, איז אויך געווען דער טעם פון סאַניע'ס ליפּן, און זיינע בלוטן האָבן געווויינט.

און יענער טאָג איז גאַר געווען דער ערשטער טאָג פון שבועות. אָט־דער טאָג, נאָך פון זיינע אינגלשע יאָרן, איז אים, פסח'ן, פאַרבליבן גוט אין טעם.

און כמעט יעדעס יאָר אין דעם דאָזיקן טאָג, געדענקט פסח, איז דער הימל געווען באַזונדערס לויטער, און די זון האָט מחיה'דיק געוואָרעמט, און די יונגע גרינקייט פון די גראָזן און פון די בוימער, האָבן געפרייט דאָס אויג.

און דאָ, אין וואַלד, האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער טאָג שבועות מיט פריידיקן געזאַנג פון די פייגעלעך צווישן די בוימער, מיט אַ יום־טוב'דיקן מאָרגן־רויט אין מזרח, מיט די וואונדערלעכע פרילינג־ריחות פון די גראָזן און די בלומען.

***

נח'קען האָט מען גאַר אינגאַנצן ניט דערקאָנט יענעם טאָג. פונקט ווי אַ קופּערנע פאַן, וואָס ברענט זיך דאָס גאַנצע יאָר אויפן פייער, אַ פאַרסאַזשעטע, אַ פאַררויכערטע, און מען נעמט זי פּלוצלונג און מען רייבט זי אָפּ, און מען שייערט זי אַרום.

ער האָט זייער שווער געהאָרעוועט אויף זיך, אויסגעריבן אַ גאַנץ שטיקל זייף, וואָס ער האָט געפּאַקט אויף אַ באַמביאַזשקע. אויך האָט ער זיך פאַרפּוצט אין אַזאַ אוקראַיניש וויס לייוונט העמדל, אויסגענייט מיט בלימעלעך ביים קאָלנער.

אָבער דער עיקר, וואָס ער האָט זיך ס'ערשטע מאָל פון זינט ער איז אין וואַלד זיך אַרומגעשוירן די האָר אויפן קאָפּ.

נח'קע, וואָס האָט שטענדיק אַרויסגעשוירן בלויז אַנדערע, און אַליין אומגעגאַנגען אַ באַוואָקסענער, מחמת ס'איז ניט געווען קיינער צווישן די מאַריאַנקער, וואָס זאָל קאָנען די דאָזיקע מלאכה פון שערן, און אויך ניט צווישן די וואָלאָדאָווער, איז איצט אויפגעריכט געוואָרן. צווישן דער

שעסטקא האָט זיך געפונען איינער אַ ניקאָלאַי, וואָס האָט אויך געקאָנט די דאָזיקע מלאכה.

חברה האָבן געוואָלט פּראַווען שבועות אין וואַלד, ווי אַן אַרויסרוף צו די נאַציס, אַז אידן לעבן נאָך און ווע‏לן לעבן, און וועלן פּראַווען אַלע זייערע יום־טובים.

פּסח האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם דאָזיקן יום־טוב שבועות פּראַווען, אי ווי אַ אידישן יום־טוב, אי ווי אַ יום־טוב פון פעלקער־פריינט־שאַפט, און דעריבער זאָל מען ניט נאָר איינלאַדן וואַסקאַ מיט דער שעסטקאַ, נאָר אויך אַלע פויערים־פריינט אין דעם געגנט.

פון די אַרומיקע דערפער זיינען אָנגעקומען אין יענעם טאָג די פּאַר־בינדלער מיט זייערע משפחות, אויך יונגע מיידלעך, וואָס האָבן שוין גע־האַט צווישן די אידישע פּאַרטיזאַנען, זייער און זייער נאָענטע פריינט.

בראָנפן איז אויך געווען, און צום פאַרבייסן אַוודאי און אַוודאי, דאַ־רויף האָט שוין רבקה זיך באַמיט. זי איז געווען די הויפּט־קעכין פון דער גאַנצער גרופּע.

וואַסקאַ׳ן, וואָס מען האָט מכבד געווען מיטן ערשטן גלעזל, האָט זיך אויפגעשטעלט און געהאַלטן אַ רעדע לכבוד דעם אידישן יום־טוב, און לכבוד דעם יום־טוב פון פעלקער־פריינטשאַפט.

אָבער זיין גאַנצע רעדע איז באַשטאַנען פון קללות אויפן חשבון פון די דייטשן, און די קללות זיינען געווען נאָר מייסטערישע. אַזוינע קללות האָבן נאָך די חברה ניט געהערט אין זייערע מקומות. זיי האָבן זיך גע־צויגן, די קללות, גאָרן אויף גאָרן, און זיי האָבן דערגרייכט ניט נאָר דעם דייטש׳ס מאַמע און באָבע, נאָר אויך זיינע אור־אור־עלטערן און פאַרענדיקט האָט ער מיט די ווערטער:

— און לעבן זאָל דער אידישער יום־טוב שבועות, און לעבן זאָל די ברודער־פריינטשאַפט, און לעבן זאָל סטאַלין, און לעבן זאָלן אַלע פעלקער אויף דער וועלט, וואָס דערלאַנגען איצט די נפקא׳ס אין זייערע פון אונטנס, הור־ר־א!

און ניקאָלאַי, דער שערער, אַ שלאַנקער, אַ בויגעוודיקער, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ טענצער, האָט אליין ניט געטאַנצט, נאָר געמאַכט אַנדערע צו טאַנצן. אַ האַרמאָשקא האָט ער געהאַט, אַ גרויסע אַזאַ, און ס׳איז אים געהאַנגען אויף אַ שטריקל איבערן האַלדז, און ער האָט געצויגן פון איר די פריילעכסטע טענער.

אַ קאַזאַצקע האָט ער געשפּילט, און דער בערישער וואַסקאַ מיט זיין צעכראַסטעטער מעכטיקער האָריקער ברוסט, מיט זיין פאַרהאַרטעוועטן

ברוינעם ווי־לעדער־האַלדז, מיט די אומגעלומפּערטע שווערע ידים, האָט זיך געלאָזט אין טאַנץ.

— האָפּ! האָפּ! — האָט ער אָנגעהויבן צו טופּן מיט זיינע שווער־שטיוולדיקע פיס. און אַנטקעגן אים האָבן זיך געלאָזט אַנדערע טענצער, משה דער קצב אויך, שוין גוט אונטערן גלעזל. און דער דאָזיקער ריז האָט אויך געטאַנצט מיט פּריסיאדקעס, מיט אַרונטערזעצן זיך, פּונקט ווי וואַשקאַ.

— האָפּ! האָפּ! — האָט דער דאָזיקער אידישער גבור, מיט אַ וויינענ־דיקן קול, געזונגען, — האָפּ, האָפּ, ברידערלעך, מיר וועלן זיי צעטרעטן. האָפּ, האָפּ, שוועסטערלעך, מיר וועלן זיי צעקוועטשן. האָפּ, האָפּ, אַז גע־טאַנצט זאָל זיין געטאַנצט, האָפּ, האָפּ . . .

און מען טאַנצט, און מען עסט, און מען טרינקט, און מען לאַכט, און מען באַוואַרפט נח׳קען מיט די קוטשמעס, ווען ער וויל זיך באַרימען, אַז ביי אים אין וואַרשע טאַנצט מען שענער. און דאָ, דערווייל, גייט שוין דער טאָג אַראָפּ. צווישן די ביימער ווערט טונקעלער און טונקעלער, און ני־קאָלאַי הויבט אָן צו שפּילן אויף זיין האַרמאַשקא אַ ליד אַזאַ, וואָס טראָגט גלייך אַריין אין אַ בענקנדיקער שטילקייט. ער שפּילט און די שעסטקא באַגלייט אים מיט זייערע שטימען. ס׳איז אַ ליד פון די פּאַרטיזאַנישע שלאַכטן, וואָס איז טאַקע געשאַפן געוואָרן אין וואַלד.

ס׳דערציילט זיך אין דעם ליד וועגן ריינעם פעלד לעבן טייך, וואו דורך די נעכט קרייזלט זיך אַ טומאַן, און דאָרט טיף אין פעלד ליגט באַ־גראָבן אַ קאָמסאָמאָליעץ, אַ רויטער פּאַרטיזאַן. זיין אייגענע מאַמע האָט אים צום שלאַכט באַגלייט, זיין אייגענער טאַטע האָט אים די ביקס פאַר־גרייט. צוואַנציק קוילן האָט זיין ביקס פאַרמאָגט. ניינצן פריצעס האָבן פון זיי דעם טויט געהאַט, און די לעצטע אין זיין אייגענעם האַרץ אַריין, כדי מען זאָל אים ניט צווינגען קיין פאַררעטער זיין. פאַר די סאָוועטן, פאַר דער ערד דער פרייער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן דער יונגער פּאַרטי־זאַן, דער געטרייער.

גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד . . .

זישקע האָט געוואָלט פאַרבלייבן מיט פסח׳ן, אָבער פסח האָט זיך צו־נויפגערעדט מיט וואסקאַ׳ן, ער זאָל אים איבערפירן אויף יענער זייט בוג און אים דאָרטן איבערלאָזן ביי די סאָוועטישע פאַרטיזאַנען. און די סאָוועטישע פאַרטיזאַנען וועלן אים דורכשמוגלען צו דער גרויסער ערד, ווי זיי האָבן שוין געטאָן מיט אַ סך אידישע קינדער.

און אַז די שעסטקא האָט זיך געזעגנט מיט דער אידישער חברה, און זיך געלאָזט אין וועג, האָט זישקע געוויינט, שוין גאַרניט ווי ס׳פּאַסט אַ פאַרטיזאַן, וואָס האָט דער׳הרג׳עט אַ דייטש, און שוין אויך געוואָרפן אַ גראַנאַט. געוויינט און אַלעמאָל צוגעפאַלן צו דעם געטרייען פסח׳ן, וואָס האָט אים אַרויסבאַגלייט אַ שטיק וועג . . .

נאָכדעם וואָס די „שעסטקא״ איז אַוועק אין דער ריכטונג פון בוג, האָבן זיך די מאַריאַנקער געלאָזט צו די קאַפּלינאַסער וועלדער, מחמת זיי האָבן זיך דערוואוסט פון וואַסקאַ׳ן, אַז דאָרטן האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ סך אידישע פאַרטיזאַנען, וואָס זיינען פריער געווען אונטער פּיאַדאָר׳ן, און זיי האָבן זיך איצטער אָרגאַניזירט אין אַ זעלבסטשטענדיקער גרופּע מיט יחיאל גרינשפּאַנ׳ען און וואַנקאַ קריפּיטשניק אַלס אָנפירער. פסח האָט געהאָפט, אַז אפשר וועט ער סאָניע׳ן אויך טרעפן צווישן דער זעלבסט־שטענדיקער אידישער גרופּע פאַרטיזאַנען דאָרטן.

משה ליכטנשטיין מיט זיין חברה האָבן אָפּגעצויגן צום וואַלד, סאַמע הינטער וואָלאָדעווע, אויסרעכנענדיק, אַז דאָרטן וועט די דייטשן גאָרניט איינפאַלן צו מאַכן זייער געפלאַנטע גענעראַלע אַבלאַווע, און דערווייל וואַרטן וואָס פאַר אַ גרוסן די מאַריאַנקער וועלן ברענגען פון די קאַפּלינאַסער וועלדער.

און די מאַריאַנקער גרופּע איז שוין באַשטאַנען פון אַכט מענטשן: פסח, בח׳קע, רבקה, די דריי מאַריאַנקער ברידער, און בעריש קאָרנמאַן מיט זיין עלף־יאָריק טעכטערל בעבעלע.

געפירט האָט זיי אַהינצו יאַנעק, אַ יונגער פּוילישער פּויער פון וויריק, וואָס האָט גוט געקאָנט יענע מקומות. יאַנעק, דער חתן פון פראַנ־קאַ׳ן, וואָיטיק׳ס איינגסטע טאָכטער, איז געווען דער זון פון זייער אַן אָרע־מען פּויער. מען האָט אים גערופן „יאַנעק דער פּאַעט״. ער האָט זייער ליב געהאַט לייענען ביכער. ער פלעגט גיין צופוס אין דער נאָענטער שטאָט, באָרגן ביכער פון דעם פּוילישן דאָקטאָר.

בעריש קאָרנמאַן, דער דאָרפס־איד פון אַ יאָר פערציק, איז געווען

באַקאַנט אַלס אַ גבור, אָבער נאָכדעם וואָס ער האָט פאַרלוירן זיינע פינף קינדער און זיין פרוי אין די סקראַדניצער וועלדער אין אַנהויב ווינטער, איז ער שוין געוועזן אַ צעבראָכענער, אַ צערודערטער. ער האָט שוין גע־זען נאַציס אומעטום, און יעדער בוים פון דערווייטנס האָט זיך אים אויס־געדאַכט, אַז דאָס איז אַ דייטש. און זיין טעכטערל, בעבעלע, וואָס האָט אים קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג, האָט אים אַלעמאָל געדאַרפט באַרואיקן:

— שרעק זיך ניט ,טאַטע, ס'איז ניט קיין נאַצי, ס'איז אַ בוים בלויז. ציטער ניט, טאַטע, ס'איז אַ חרפּה פאַר די מענטשן.

דעם צווייטן פאַרטאָג, ווען זיי זיינען שוין געווען ניט ווייט פון דאָרף קאַפּלינאָס, האָט בעריש קאַרנמאַן אַ געשריי געטאָן:

— אוי, דייטשן!

— טאַטע, וואָס טוסטו? — האָט אים בעבעלע גלייך פאַרשטאָפּט דאָס מויל, דו קוילעסט אונז.

אָבער דאָס מאָל איז בעריש קאַרנמאַן געווען גערעכט. דריי פורן מיט דייטשישע זעלנער האָט מען דערזען דורך די בוימער אויפן שליאַך.

פּסח האָט אַ קוק געטאָן אויף דער חברה און די חברה אויף פּסח'ן און מען האָט זיך שוין פאַרשטאַנען מיטן קוק. זיי האָבן געהאַט אַכט ביקסן, יאַנעק אויך, און מען האָט געגעבן אַ זאַלפּ פון אַלע אַכט ביקסן.

די דייטשן, אַ פּופּצן אין צאַל, האָבן אָנגעהויבן צו שפּרינגען פון די פורן און זיך געלאָזט צום ראָוו, און פון דאָרטן געענטפערט צוריק מיט זאַלפּן.

די פויערים, די אָנטרייבער, זיינען ניט אַראָפּגעשפּרונגען פון די פורן, נאָר צעשמיסן זייערע פערד מיט ווילדע געשרייען און זיך אַוועק־געיאָגט וואָס ווייטער פון שלאַכט.

בעבעלע, בשעת ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שיסעריי, האָט זיך פאַר־שטעקט הינטער אַ בוים, און אַן ערנסטע, אַ שטרענגע, צוגעקוקט צו דעם, וואָס קומט פאָר, און אויך שוין ניט אָפּגעלאָזט פון אויג איר טאַטן, וואָס האָט געשאָסן ווילד און אָן שום ציל.

דריי דייטשן זיינען געבליבן ליגן אויפן שליאַך, און די איבעריקע צוועלף האָבן זיך פאַרגראָבן אין ראָוו און שוין ניט אָפּגעטראָטן, געהאַלטן אין איין זיך אָפּשיסן.

די חברה, ניט זעענדיק קיין שום זינען אין זיך דורכשיסן מיט די דייטשן, האָבן אָפּגעצויגן. שפּעטער, ווען מען איז שוין געווען טיף אין וואַלד, ווייט אַוועק פון יענעם אָרט, האָט דאָס בעבעלע געהאַלטן אין איין

מוסר׳ן איר טאַטן, הלמאי ער האָט געשאָסן ווילד און אָן ציל:

— מען טאָר אַזוי ניט כאַפּן, טאַטע. מען צילעוועט זיך גוט פריער. קוק, ווי אַנדערע טוען. פּאַוואָליע און גוט. ס׳איז אַן עבירה אַ קויל.

זי האָט אים אויך געצוואונגען אַראָפּצוציען די הויזן פון זיך, בעת מען האָט זיך אַנידערגעזעצט אָפּרוען. איר טאַטנ׳ס איינציקע פּאָר הויזן, האָבן זיך צעפליקט בשעת דער שלאַכט, זיך פאַרטשעפּעט אין אַ צווייג, און אָפּגעריסן פון דער קני אַ גאַנץ שטיק געוואַנט. האָט דאָס בעבעלע אַרויסגענומען פון איר שטרויענעם קאַשיקל אַ שערל, אַ קלעצעלע שוואַרצע פאָדים מיט אַ נאָדל, זיך אַנידערגעזעצט הינטער אַ בוים און גענומען פאַרריכטן דעם ריס פון איר טאַטנס הויזן.

— פּונקט ווי איר הייליקע מאַמע, עליה השלום, — האָט בעריש גע־וויינט, — גע׳ירש׳נט אירע גאָלדענע פינגער.

און אירע פינגערלעך זיינען טאַקע געווען גאָלדענע. גיך, גיך, זיינען זיי געלאָפן מיט דער נאָדל איבער דער געוואַנט, און זיך אונטערגעזונגען אַ לידל. טאַקע דאָס זעלביקע לידל, וואָס איר הייליקע מאַמע פלעגט זינגען בשעת זי האָט פאַרריכט אַ בגד:

און גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד,
און האָט באַשאַפן די גראָזן אויף פ־ע־לד . . .

טאַטע, האָב ניט מורא . . .

ביז פאַרנאַכט האָבן די מאַריאַנקער גערוט אין דער קילער שמעקב־דיקער געדיכטעניש פון די סאָסנע בוימער, און פאַרנאַכט זיך אויפגע־הויבן און זיך געלאָזט ווייטער.

אַ צוויי קילאָמעטער איידער זיי זיינען אָנגעקומען צו יחיאל׳ס באַזע, האָבן שוין זייערע נאָזלעכער דערשמעקט, וואָס פאַר אַן אָרט ס׳איז. אין דער לופט האָט זיך געפילט אַ קאַלטע טוכלקייט אַזאַ מיט בלאָטיקע ריחות. ס׳האָט זיך געהערט דאָס ריידן פון טויזנטער און טויזנטער אַלערליי זשאַ־בעס, אויף פאַרשיידענע טענער. ס׳האָט זיך אויך געהערט דער אייג־טאָניקער גרילץ פון גרויסע צאָלן גרילן. און וואָס נעענטער זיי זיינען צוגעקומען, אַלץ געדיכטער זיינען געוואָרן די מחנות מאָסקיטאָס, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף זיי מיט בייזער פרייד.

יאַנעק האָט זיי געבראַכט צו אַ פּונקט, וואו מען האָט שוין ווייטער

ניט געקאָנט גיין. אַ גרויסע טיפע בלאָטע אַרום און אַרום, און אַ בלינדע פּינצטערניש. דורך דער בלאָטע, האָט יאַנעק געזאָגט, קאָן מען זיך שוין דערקלייבן צו דעם אָרט, וואו יחיאל מיט די אידישע פּאַרטיזאַנען געפינען זיך. „אַכאָזשע״ רופט מען דאָס פּלאַץ, און די אַכאָזשע אַליין באַשטייט פון טרוקענע בערגיקע אינזעלעך, אַרומגערינגלט מיט טיפע בלאָטעס ביז איבערן האַלדז, און ניט קיין טאַנק, ניט אפילו אַ פּויערשע פור, קאָן זיך אַהין דערשלאָגן. אויך צופוס איז שווער אַהין אָנצוקומען, סיידן מען ווייסט ווי אַזוי.

יאַנעק אַליין ווייסט אויך ניט ווי אַזוי, סיידן אַז עמיצער פון די פּאַרטיזאַנישע פּאָסטנס וועט זיך באַווייזן פּאַרטאָג און וועט זיי אַריינפירן אין דער „אַכאָזשע״.

*
**

פּאַרטאָג, ווען ס׳איז געוואָרן קוים ליכטיק, און די חברה, צוליב די מאָסקיטאָס, זיינען ערשט איינגעשלאָפן, האָבן זיך דערהערט שטילע זיך־גנב׳ענענדיקע טריט אין וואַלד. און פּסח, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט שוין ניט געדאַרפט אויפוועקן די חברה, ווען ער האָט דערהערט די שטילע זיך־גנב׳ענענדיקע טריט. זיי האָבן זיך פון זיך אַליין אויפגעכאַפּט. דער גוואַלדיק־פאַרשאַרפטער אויער פון פּאַרטיזאַן איז שוין געוואָרן אַזוי פילבאַר, אַז ווי געשמאַק ער זאָל ניט שלאָפן, אָבער דער מינדסטער גערויש, און ער ווערט גלייך וואַך, און כאַפּט זיך תיכף צו דער ביקס.

מען האָט שוין דערהערט ניט נאָר טריט, נאָר אויך אַ שושקען זיך, און די פאַרשאַרפטע אויערן האָבן גלייך אויפגעכאַפּט אין דער שוש־קעריי, אַז דאָס זיינען אידן.

יאָ, דאָס זיינען אידן. פינף אידישע פּאַרטיזאַנען מיט יחיאל׳ן אַליין. זיי, די אָנקומענדיקע, האָבן אויך דערשפּירט, אַז ערגעץ האָבן זיך פּאַר־טאַיעט מענטשן, האָבן זיי זיך גע׳גנב׳עט מיט אָנגעשטעלטע ביקסן און מיט אָנגעראַדלטע אויערן.

יחיאל, אַ בחור ניט אַזוי אין דער הויך, ווי אין דער ברייט, איז גע־ווען אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז אין די פיס אין גאָלע דייטשישן, און ער האָט געשמייכלט. שטענדיק שמייכלט ער שוין אָט־דער דאָזיקער יחיאל מיט די קלוגע גאַר־לעבעדיקע ברוינע אויגן. ווינטער אין פאַרצעווער וואַלד, האָט אים פּסח אויך געזען אַן אייביק שמייכלענדיקן. און אויך אייביק מיט אַ ניט־אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס צווישן די פינגער. דאָ לעבן די בלאָטעס האָט ער אים אויך דערזען מיט אַ ניט־אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס

צווישן די פינגער. אויס מענטש געווען, אַז ס'האָט ניט געשטעקט קיין פּאַפּיראָס צווישן זיינע פינגער. ניט בלויז פון דעם רויכערן, נאָר בלויז פון האַלטן, האָט ער שוין געהאַט די באַפרידיקונג.

דאָס איז יחיאל מיט אַ גרופּע פון פינף פּאַרטיזאַנען געווען איבער־נאַכט אין דאָרף קראַסנאַוואָלקאַ זיך צונויפריידן מיט די דאָרטיקע פאַרבינד־לער וועגן אַ געוויסער אַקציע, וואָס מען האָט געפּלאַנעוועט קעגן אַ דייטשישן פּאָלוואַרק. און דאָ, זיך אומקערנדיק צו דער אַכאַזשע, ווי ער טרעפט די מאַריאַנקער, און די מאַריאַנקער קאָן ער דאָך נאָך פון ווינטער.

— קוק ווער ס'איז דאָ, — האָט יחיאל אויסגערופן כלומרשט מיט חוזק, — דער מלך פון די מאַריאַנקער.

מען האָט זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, זיך געקלאַפּט אין די פּלייצעס און זיך גע'חידוש'ט איינער איבער דעם אַנדערן. איבערגעלעבט אַזאַ שווערן ווינטער, און יחיאל קוקט גאָר אויס צו פּסח'ן אַ סך קרעפּ־טיקער, מערער פאַרהאַרטעווערטער. און פּסח קוקט אויך אויס צו יחיאל'ן אַ סך קרעפּטיקטער און מערער פאַרהאַרטעווערטער, און אויך העכער.

— וואָס־זשע, ביסט געקומען קאָנקורירן מיט מיר? — רופט זיך אָן יחיאל שפּאַסיק.

— מעגסט טאַקע פאַר מיר מורא האָבן, — האָט זיך אויך פּסח גע־וויצלט, — מיר האָבן דאָרטן אין די סקראַדניצער וועלדער אויפגעטאָן מערער ווי דו. אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון זיבעציק מענטשן. די חברה זיינען גוט באַוואָפנט, און מיר האָבן דעראָבערט אַ נייעם טשעכישן פּולעמיאָט. און אַלע אָנפאַלן, וואָס דו האָסט מסתמא געהערט פון יענע מקומות, איז דאָס געווען אונזער אַרבעט.

— אויב אַזוי, ברודער, איז דאָך גוט, — האָט יחיאל אַ פינקל געטאָן צו אים מיט זיינע גאָר־לעבעדיקע און קלוגע אויגן, — ברענג זיי אַהער, דיינע אַלע זיבעציק מענטשן. איצט איז דאָך די צייט פון טאָן, ס'איז דאָך זומער.

— לאָמיר נאָר זען, האָט פּסח געענטפערט ווינקנדיק פריילעך, — ווי אַזוי גייט דאָס צו אין דיין באַזע? אפשר וועלן מיר גאָרניט וועלן זיי אַריבערברענגען אַהער.

— וועסט וועלן! וועסט וועלן! — האָט יחיאל געענטפערט גוט־ברו־דעריש. — און איצטער, מאַריאַנקער, לאָמיר זען, צי איר קאָנט ביי אונז ווערן מאַלפּעס.

אין דער בלאָטע, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן, ווי אַ טייך, האָט מען

שוין ניט געקאָנט אַריינטאָן קיין פוס, ווייל זי וואָלט שוין דעם פוס ניט אָפּגעלאָזט, נאָר אַריינגעזויגן אין זיך. מען האָט פּשוט געדאַרפט זיך אָנכאַפּן ביי די צווייגן פון די ביימלעך, וואָס זיינען דאָרטן געוואַקסן ביי די ברעגען, און שפּרינגען פון איין בוים צום צווייטן, ווי די מאַלפּעס.

— אַז דו וועסט קאָנען אַריין אין דער אָכאָזשע, — האָט יחיאל גע־מאַכט באַרימעריש צו פּסח׳ן, — און זיך ניט איינגעצן דיינע הויזן, קריגסטו ביי מיר אַ מעדאַל.

און אויסגעקומען איז שוין, אַז גראָדע ער אַליין, יחיאל, האָט זיך גאָר איינגעצט די הויזן. ניט קיין גוטן שפּרונג געטאָן און פליוך אין בלאָטע. אָבער דערפאַר האָט ער דעם פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן די פינגער, ניט פאַרנעצט. חברה האָבן אים גענומען אויף דער העצקע און אָפּגעלאַכט פון אים, האָט ער גוטמוטיק געענטפערט:

— אַ באַרימער איז גוט צו שלאָגן. שלאָגט מיך, חברה, וויפיל ס׳וועט אין מיר אַריין.

און דאָס בעבעלע, אַקוראַט ווי ס׳איז גאָר געבוירן געוואָרן אויף די ביימער, זיך אַריבערגעכאַפּט אַזוי פלינק פון בוים צו בוים, און געשריען צו בעריש׳ן:

— טאַטע, האַלט זיך גוט אָן. טאַטע, גיב אַ שפּרונג. טאַטע, האָב ניט קיין מורא.

סטאַנציע פּ־אַר־ צ־ע־ור־ע

חברה אין דער אָכאָזשע האָבן אָנגעהויבן צו לויפן פון די ביידלעך, פון די פייערן, און פון די אַרומיקע בערגלעך:

— שלום עליכם, און „זדראַוסטוואויטע", און „יאַק שעמאַש".

און די מאַריאַנקער האָבן שוין געהאַט אַ שם צווישן אַלע אידישע פּאַרטיזאַנער. וועגן דעם פּולעמיאָט וואָס זיי האָבן דעראָבערט, און ווי זיי האָבן אַרויסגעפירט זיבעציק אידן פון דער וואָלאָדעווער געטאָ, און זיי אַלעמען באַוואָפנט, און וועגן זייערע אַנדערע העלדישקייטן זיינען שוין אַרומגעגאַנגען מעשיות ביי די פייערן.

באָטשאָן איז אָנגעלאָפן אַ באַרוועסער, מיט פאַרקאַשערטע הויזן, מיט אַ גרין מיצל אויפן קאָפּ, ווי אַ יאַרמולקע.

— פסח! — האָט יענער זיך געכאַפּט קושן, — יאַק שעמאַש, זדראַוור־סטוואָיטע, שלום עליכם, באַנזשור, וועלקאָמען, און ווי געפעלט דיר אונזער קרעפּאָסט? און איך בין דאָ דער קובער, און אַלע שמייכלען צו מיר, און לעקן זיך צו מיר. קוק, קוק, אומיסטנע, ווי זיי שמייכלען צו מיר. פּרעסער, זויפער, קישקעס אָן דנאָס, אַ רוח אין זייער פאָטערס מילך אַריין.

און חברה האָבן ניט נאָר געשמייכלט, קוקנדיק אויף באָטשאַנ'ען, נאָר אויך געלאַכט, און ניט דערפאַר, וואָס ער איז דאָ דער גלאַוונער קובער, און אַלע דאַרפן אָנקומען צו אים, נאָר וואָס, ס'איז שוין גלאַט אַזוי פריילעך ווען ער צערעדט זיך.

און גלייך אויפן אָרט האָט באָטשאַן געוואָלט באַווייזן די ניי־אָנגעקומענע, זיין לעצטע דערגרייכונג. ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו ווערן דער בעסטער שאַרף־שיסער צווישן אַלע אידישע פאַרטיזאַנען, און ער האָט אַלע טאָג זיך געאיבט צילעווענדיק אין אַן אַלטן פאַרזשאַווערטן וועק־זייגער. און ער כאַפּט טאַקע גלייך דעם וועק־זייגער, וואָס איז דורכגע־שאָסן דורך און דורך, הענגט אים אויף אויף אַ צווייג, שטעלט זיך פונדער־ווייטנס און הויבט זיך אָן צילעווען.

און חברה לאַכן שוין פון דעם אופן, ווי ער שטייט מיט דער ביקס, פון דעם אופן ווי ער שמעלערט איין די אויגן, פון דעם אופן, ווי ער שמאָרעט מיט זיין גראָבער נאָז, פון דער גוואַלדיקער ערנסטקייט און קאָנ־צענטרירקייט אויף זיין פּנים. ער האָט איסגעשאָסן און געטראָפן אין קליינעם ווייזערל פון וועק־זייגער. און חברה האָבן געקלאַפּט בראַוואָ, און באָטשאַן האָט זיך פאַרנויגט פאַר זיי ווי אַן אַקטיאָר פון דער בינע.

— אָבער צום איבערבייסן קומט דאָס ניט, — האָט יחיאל זיך אָנגע־רופן גוטמוטיק, — באַווייז בעסער די מאַריאַנקער, וואָס דו האָסט דאָרטן אין קעסל.

— אוי, אַ מכה מיינע שונאים, — האָט זיך באָטשאַן פּלוצלונג אַ קנייפּ געטאָן אין די באַקן, ווי אַ אידענע טוט דאָס, ווען אינמיטן ריידן דער־מאָנט זי זיך, אַז זי האָט דאָס טעפּל געלאָזט אויפן פייער, — אוי, אַ דונער האָט מיך ניט דערשלאָגן, ס'ברענט דאָך.

— גיכער, באָטשאַן, שנעלער, באָטשאַן! — האָבן די חברה אים געיאָגט.

און באָטשאַן, גלייך אויפן אָרט, האָט נאָכגעמאַכט אַ אידענע, וואָס לויפט אין גרויס פּאַניק צו זיך אין קיך, ראַטעווען דאָס ברענענדיקע געקעכץ.

אָבער בעריש קאָרנמאַנ'ס מיידעלע, דאָס בעבעלע, האָט ניט געלאַכט.

אַלע קאַטשען זיך אַזש פון געלעכטער און זי, מיט אַ טיכל איבערן קאָפּ, פאַרקנופּט הינטער דער גאָמבעטשקע, ווי אַ באַבעטשקע, מיט אַ שטרענג פּנים׳ל, קוקט קריטיש און מיט פאַרוואורף.

פּסח׳ן האָט זיך אויך ניט געלאַכט. ער איז געזעסן ווי אַן אָפּגעצ־נאַרטער צווישן דער חברה. ער האָט ניט געזען סאָניע׳ן צווישן די אַלע מענטשן, וואָס זיינען זיך אַנגעלאָפן פון די בערגלעך מקבל פּנים זיין די מאַריאַנקער. יחיאל האָט אים שפּעטער דערציילט, אַז זי איז פאַרבליבן אין די פאַרצעווער וועלדער.

און באַטשאַן, בשעת אַלע זיינען געזעסן אויף דער ערד אַרום פייער און געגעסן, האָט דערווייל געגעבן אַ פאַרשטעלונג. ער איז גלייך געוואָרן אַ באַן, און אַ לאָקאָמאָטיוו, און אַ פּאַסאַזשיר מיט אַ גראָבן בויך, טראָגנדיק אַ גרויסן טשעמאָדאַן, און אַ פּוילישער אָפיציר מיט דעם לאַווקן מונדיר און וואויל־יונגעריש היטל און אַ שיינע פּאַניענקע, וואָס פלירטעוועט מיטן אָפיציר.

געווען אַזויפיל יאָר אַ טרעגער ביים פאַרצעווער וואָקזאַל, איז דאָס שוין געווען זיין בעסטער נומער. מיט די הענט, מיט די פיס, מיט זיין דיקער נאָז, מיט זיינע פריילעכע אויסדרוקספולע אויגן, מיט זיינע אַלע קנייטשן אויפן פּנים האָט ער פאַרגעשטעלט דעם פאַרצעווער וואָקזאַל. אפילו געוויזן, ווי די פּאַסאַזשירן גייען צו דער קאַסע קויפן בילעטן, און ווי מען לייגט דעם שטעמפּל אויפן בילעט. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען זעט ווירקלעך ווי ער האַלט אין איין האַנט דעם שטעמפּל, און אין דער צווייטער דעם בילעט, און מען זעט אויך ווירקלעך, ווי די רעדער פון די וואַגאָנען קייקלען זיך, און ווי דער לאָקאָמאָטיוו קוויטשעט . . .

— טראַ, טאַ, טאַ, טאַ, טאַ, — האָט ער זיך געקלאַפּט מיט די הענט אין דער ברוסט און אין דער קני, — און פיו־ו־ה, פּ־י־ו־ו, — האָט ער נאָכגעמאַכט דאָס קוויטשען פון לאָקאָמאָטיוו — סטאַנציע פּ־אַ־ר־צ־ע־וו־ע...

די גבורים פון די וועלדער . . .

מיט די זיבעציק וואָלאָדעווער, וואָס משה ליכטנשטיין האָט געבראַכט מיט עטלעכע טעג שפּעטער, האָבן זיך שוין געפונען אין דער אָכאָזשע אַרום 250 אידישע פּאַרטיזאַנען. אַ סך צווישן זיי מיט אַ סטאַזש, און דער־פאַר טאָקע איז דער ווייטאָג געווען גרויס, און מען האָט זיך גאָרניט

געקאָנט מוחל זיין, וואָס נישט ווייט אין זעלבן געגנט, שמאַכטן אין גע־פאַנגענשאַפט אַכט הונדערט אידישע שקלאַפן, און צווישן זיי פערציק יונגע אידישע מיידלעך, געקליבענע שיינהייטן.

הינטער וולאַדעווע זיינען די אַכט הונדערט שקלאַפן געהאַלטן גע־וואָרן אין דעם אדאמפּאָלער פּאָלוואַרעק. זיי זיינען געווען דאָס אייגנטום פון דעם באַראָן זעלינגער, דער פירער פון דער געסטאַפּאָ אין לובלינער געגנט, און ער האָט שוין גע׳פּועל׳ט ביי דער העכערער קאָמאַנדע, מען זאָל זיי דערוויל לאָזן לעבן, און זיי נאָך ניט שיקן אין דעם סאָביבער מאָרד־לאַגער.

די דאָזיקע אַכט הונדערט אידישע שקלאַפן זיינען געווען מייסטערס בעלי־מלאכות איינס און איינס: מייסטער־שניידער, מייסטער־סטאָליערס, מייסטער־טראַקטאָריסטן, מייסטער־קירזשנער, און אַזוי פון אַלע פאַכן.

די פערציק אידישע יונגע מיידלעך האָט דער באַראָן אויך אויסגע־קליבן פון די פאַרשיידענע טראַנספּאָרטן אידן, וואָס זיינען געגאַנגען אין סאָביבער מאָרד־לאַגער, און בלויז די שענסטע צווישן די שענסטע, גע־נומען און מדקדק געווען, אַז ס׳זאָלן זיין צווישן זיי מוסטערן פון פאַר־שיידענע קאָלירן, פון פאַרשיידענע פאָרמען; פון די ברונעטקעס, פון די שאַטינקעס, פון די בלאָנדינקעס, פון די קלאַסיש־געבויטע, פון די מי־ניאַטורנע פאָרמען.

אויף דעם זעלביקן פּאָלוואַרעק, וואו דער באַראָן האָט געהאַלטן די פערציק אידישע שיינהייטן, האָט ער אויך געהאַלטן אַ טאַבון פון ראַ־סאָווע אוגערס, זעלטענע פערד, וואָס ער האָט אַליין אויסגעקליבן צווישן רויב וואָס איז אַריינגעפאַלן דער דייטשישער אַרמיי, נאָכן פאַלן פון פּוילן.

די אידישע פּאַרטיזאַנען אויף דער אָכאָזשע האָבן שוין זיך ניט פאַר־גונען דאָס לעבן, כל־זמן ביט ווייט פון זייער פעסטונג מאַטערן זיך אידן, וואָס דער סוף זייערער וועט זיין דער סאָביבער קרעמאַטאָריום.

די פירער פון די אידישע פּאַרטיזאַנען אין אָכאָזשע האָבן פאַרטראַכט אַ געוואַגטן פּלאַן פון אַן אָנפאַל: זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די אידן אין לאַגער גופא, זיי צוגרייטן צו אַן אויפשטאַנד, און זיי, די פּאַרטיזאַנען אַליין, זאָלן אין, דער אָפּגערעדטער נאַכט, שטורעמען דעם פּאָלוואַרעק פון וואַלד.

און דערוויל, וואָס אַ טאָג זיינען אַלעמאָל אָנגעקומען אויף דער אָכאָזשע פון די אַרומיקע וועלדער פרישע גרופּעס אידן. ס׳איז אָנגעקומען די זאַהאַיקער גרופּע, גבורים דאָרפס־אידן, וואָס האָבן שוין זיך געמאַכט אַ שם מיט זייער געוואַגטקייט.

ס׳איז אויך אָנגעקומען די זאַלישטשער גרופּע, וואו ס׳זיינען געווען אַ סך אידן פון פּאַכילע און פון האַלאָווגע. די דאָזיקע גרופּע איז אויך געקומען אין דער אַכאַזשע מיט אַ סטאַזש פון העלדישע אויפטואונגען.

ס׳איז אויך אָנגעקומען אין דער אַכאַזשע אַ גרופּע פון ווישניצע, אַ שטאָט לעבן בוג, פופצן אידן באַוואָפנט מיט אַלטמאָדישע ביקסן. אָבער מיט די דאָזיקע אַלטמאָדישע ביקסן האָבן זיי זיך שוין ניט איינמאָל אָפּ־געשלאָגן פון אַבלאַוועס, און געבליבן לעבן.

און אויף צענדליקער מיילן אַרום אין די וועלדער, וואו נאָר ס׳איז געווען אַ איד אין באַהעלטעניש און דערוויסנדיק זיך פון פּריינטלעכע פויערים וועגן דער אַכאַזשע, האָט זיך שוין געצויגן צו דער איינציקער אידישער פעסטונג.

ס׳זיינען אויך דאָרטן געווען פּוילישע פּאַרטיזאַנען. וואַנקא קירפּיטש־ניק האָט געהאַט מיט זיך אַ גרופּע פון פופציק פּאַרטיזאַנען. אַ סך פון זיי אַלטע, אויסגעפּרוואווטע קעמפער נאָך פון די פּאַרצעווער וועלדער. דאָס איז געווען דאָס ערשטע קעמערל אין יענע מקומות פון דער פּוילי־שער גוואַרדיע לודאָווי (פאָלקס־גוואַרדיע), וואָס איז שפּעטער זיך צע־וואַקסן אין אַ גרויסער מעכטיקער אָרגאַניזאַציע. צו די דאָזיקע פּוילישע פּאַרטיזאַנען איז אויך צוגעשטאַנען יאַנעק, דער וויריקער.

און גרייטנדיק זיך צום איבערפאַל אויפן פולווארעק, האָבן וואַנקע קירפּיטשניק צוזאַמען מיט יחיאל׳ן דערוויל אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַלע פּאַרטיזאַנען אויף אַ מיליטערישן אופן. מען האָט איינגעטיילט די כוחות אין קאָמפּאַניעס, פּלאַטונען און דרוזשינעס, מיט עלצטע פאַר יעדן טייל.

אַלע טאָג איינגעפירט מיליטערישע איבונגען, ווי שיסן אין ציל, מאַר־שירן אין טראָט. און נאָך יעדער מושטיראָווקע האָבן זיך אַלע אויסגע־זעצט אויף דער ערד, און וואַנקאַ האָט אויפגעקלערט וועגן דער פּאָלי־טישער לאַגע און וועגן די אונטערערדישע ווידערשטאַנד־באַוועגונגען אין פּוילן, וואָס האַלטן זיך איצט אין פּאַראייניקן אין אַ גרויסער מעכטיקער מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט זיך „גוואַרדיע לודאָווא״.

און איינמאָל, אויף איינער פון אַזעלכע פּאַרזאַמלונגען, האָט וואַנקאַ פאָרגעשלאָגן, אַז אַלע פּאַרטיזאַנען אויף דער אַכאַזשע, זאָלן זיך אָפיציעל אָנשליסן אין דער גוואַרדיע לודאָווע, און זיך אונטערוואַרפן די באַפעלן פון צענטער.

פּסח האָט געמיינט, אַז פאַר אַזאַ פּאַרשלאָג וועלן זיך אויפהויבן אייג־שטימיק אַלע הענט, און אַלע וועלן זאָגן, וואָס פאַר אַ קלוגער פאַרשלאָג דאָס איז, מחמת אַליין איז מען דאָך גאַרניט, און צוזאַמען ווערט מען

שטאַרק. האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַ ביטערע מחלוקת. משה ליכטנשטיין, וואָס האָט זיך אפילו ניט געוואָלט אונטערוואַרפן יחיאל׳ס קאָמאַנדע, האָט אַ פרעמדער אָרגאַניזאַציע, וואָס איר צענטער איז אין וואַרשע, אַוודאי ניט געוואָלט. ער האָט זיך באַזעצט מיט זיין חברה אויף אַ באַזונדער בערגל, און געפירט זיין אייגענעם שטאַט.

— מיר טאָרן ניט געטרויען די פּאָליאַקן, זיי זיינען ניט בעסער פון די דייטשן . . . — האָט משה זיך איצט גע׳כעס׳ט און געשטורעמט.

און אַ סך משה׳ס אָנהענגער פון דער וואָלדעווער חברה, און אויך פּאַרטיזאַנען פון אַנדערע גרופּן, האָבן זיך ווידערגעשטעלט און בשום אופן ניט געוואָלט אָננעמען וואַנקאָ׳ס פאָרשלאָג.

האָט זיך אָבער געפונען אויף דער אָכאָזשע אַן עלטערער איד, יאַנקל האָלאָווענער, אַן ערשט ניט לאַנג צוגעקומענער. אַ איד, וואָס אַלע האָבן פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ. פון זיינע שוואַרצע פינקלדיקע אויגן, האָט אַרויסגעקוקט קלוגע מיושב׳דיקייט, און גערעדט האָט ער מיט וואָגיגקייט און מיט חשיבות צו מענטשן. ניט געווען קיין למדן, אַ פשוט׳ער דאָרפס־איד, וואָס האָט געוועקט אָפּשיי צו זיך סיי ביי איד, סיי ביי פויער, מיט זיין לעבנס־חכמה און מיט זיין קלאָרן שכל. פאַר דער קורצער צייט, וואָס ער איז געווען צווישן זיי, האָט ער זיך שוין באַליבט געמאַכט ביי דער חברה, ווי אַ קלוגער גוטער טאַטע מיט וועמען מען קאָן זיך אַן עצה האַלטן איבער פאַרשיידענע ענינים. און יחיאל מיט וואַנקאָ׳ן האָבן זיך טאַקע אָפט אַן עצה געהאַלטן מיט אים וועגן די אַקציעס איבער די דייטשן, וועגן די שפּייז־עקספּעדיציעס אין די דערפער. און איצטער, אַז די מחלוקת׳ן זיינען שוין פאַרגאַנגען צו וויט, האָט ער אויך גענומען אַ וואָרט, און ער האָט געזאָגט גאַנץ פשוט:

— וואו וואָלטן מיר שוין איצטער געווען, ווען ניט די גויים פון די דערפער? וואו קריגן מיר אונזער שפּייז? און אָפּטמאָל געווער? און ווער וואָרנט אונז אין צייט, אויב ס׳קלייבט זיך אויף אונז אַן אָבלאָווע? איך בין דערפאַר מיר זאָלן צושטיין צו דער גוואַרדיע ליודאָווא. אחדות איז אַ גרויסע זאַך, אַ הייליקע זאַך. אַחוץ דעם, וואָס פאַר אַ ווערט וועלן מיר שוין האָבן דאָס ביסעלע איבערגעבליבענע אידן, אַז מיר וועלן זיין אַליין?

זיינע קלאָרע, גוט־דורכגעטראַכטע רייד האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער חברה און אַזוי־אַרום איז די אידישע גרופּע, אַן ערך 250 מאַן אין יענער צייט, אַריינגעטראָטן אין דער גרויסער לאַנד־אָרגאַניזאַציע גוואַרדיע ליודאָווא.

דערווייל זײַנען די פֿאַרבינדלער־פּויערים, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע אויסצוגעפֿינען אײַנצלהייטן וועגן שקלאַפֿן־פּולוואַרעק אדאמפּאָל, געקומען מיט זייער ניט קיין דערמוטיקנדיקע ידיעות. זיי האָבן איבערגעגעבן, אַז דאָס איז אַ שטאַרקע פֿעסטונג מיט אַ גרויסן גוט־באַוואָפֿנטן גאַרניזאָן, געמיינעוועט אינעווייניק און אין דרויסן, און אפֿילו אַ צוויי מייל אַרום דעם פּולוואַרעק איז שוין פֿאַרבאָטן אַ זייטיקן זיך צו באַווייזן.

און אדאמפּאָל געפֿינט זיך אין קרייז פֿון די רוזשאַנקער וועלדער, וואָס זײַנען אויך געווען באַקאַנט אַלס כראַביע זאמאָנסקי׳ס וועלדער. און די מאַריאַנקער איז שוין דאָרטן יעדעס פֿאַרבאָרגן ווינקעלע באַקאַנט, און זיי האָבן דאָך, די מאַריאַנקער, אַזויפֿיל פּריינט צווישן די דערפֿער אַרום אַדאַמפּאָל, און זיי האָבן דאָך באַוויזן אָפּצוטאָן די זעלביקע מלאכה מיט די וואָלאָדעווער אידן, און דעריבער איז דאָס שוין זייער שליחות.

— גייט, חברה, און דער אויבערשטער זאָל אײַך מצליח זײַן, — האָט זיי רעב יאַנקל האָלאָוונער געבענטשט, — ס׳איז די הייליקסטע שליחות, וואָס קאָן זיך גאָרניט פֿאַרגלײַכן אפֿילו מיט אַזוינע הייליקע שליחות׳ן, וואָס ווערן דערמאָנט אין חומש.

פֿאַקולע, גיב אונז אַן עצה . . .

און שטענדיק ווען מען איז געווען אין אַ גרויסער צרה, איז מען געגאַנגען צו פֿאַקולע׳ן. דער דאָזיקער פֿאַקולע, וואָס זעט אויס פֿאַר דער וועלט אַ טאַמעוואַטער פּויער, אָבער צו די וואָס ער לאָזט זיך דערקאָנען, איז ער חכמה און געוואַגטקייט.

און ווידער האָבן די מאַריאַנקער אָנגעקלאַפּט אין זײַן טיר שפּעט אין דער נאַכט, און ווידער האָט ער זיי באַגעגנט, ווי אַ גוטער טאַטע.

און דאָס טעכטערל קאַסיאַ, וואָס האָט שוין געמיינט, אַז נאָכדעם וואָס די דאָזיקע חברה זײַנען אַוועק אויף דער אָכאָזשע, דאַרף זי זיך שוין מער ניט זאָרגן, טאָמער געפֿינען די דײַטשן אויס, אַז איר טאַטע איז האַנט אין האַנט מיט די פּאַרטיזאַנען, איז איר ווידער געוואָרן קאַלט אין האַרצן, ווען זי האָט זיי איצטער דערזען. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז מען דאַרף שטעלן צום טיש, אפֿילו ס׳איז דער לעצטער ביסן אין הויז. און זי האָט געשטעלט פֿאַר זיי וואַרעניקעס מיט ווײַנשל, וואָס זי האָט הײַנט אָפּגעקאָכט פֿאַרן הויזגעזינט.

און דער טאַטע האָט געוואוסט, אַז זי האָט מורא, און ער האָט גע־שמייכלט צו איר מיט זיין גוטער וואַרעמקייט, און זי געגלעט מיט זיינע שטראַלנדיקע אויגן.

— פּאַקולע, — האָט זיך פּסח אָנגערופן צו אים מיט גוואַלדיקן ערנסט, — דו ביזט געווען אונזער רעטער. אָן דיר, ווער ווייסט, וואו מיר וואָלטן שוין איצט אָנגעשפּאַרט. דו ביזט אונזער גאַנצער שטאַב. דיינע עצות און דיינע פּלענער זיינען אַלעמאָל געווען די בעסטע, גיב זשע אונז איצט אויך די גוטע עצה.

און אַז פּסח איז צוגעטראָטן גלייך צום ענין, איז פּאַקולע׳ס שטערן געוואָרן אַלץ פאַרכמורעטער און פאַרכמורעטער. ער ווייסט שוין פון לאַנג וועגן דעם דאָזיקן פּולוואַרעק אין אַדאַמפּאָל. ער ווייסט אויך, ווי אַזוי ס׳איז שווער אַהינצו צוצוקומען.

— און אַז איך וועל שוין יאָ אַהין צוקומען, — מאַכט ער אַ גוואַלדיק פאַרזאָרגטער, — וואָס־זשע וועט אַרויסקומען פון דעם?

— ווען דו קאָנסט שוין יאָ אַהין צוקומען, — רופט זיך אָן יוחנן מיט די גרויסע אויערן, און מיט די גיכע אויגן, — וואָלטן מיר עפּעס שוין געקאָנט אָנהויבן.

אַ שוועסטערקינד האָבן זיי דאָרטן אין אַדאַמפּאָל, די דריי ברידער יוחנן, גדליה און שמשון. הייסט ער יאַניטשע, און ווען מען קאָן אים, דעם־דאָזיקן יאַניטשע, איבערגעבן אַ בריוועלע, וואָלט דאָס שוין געווען אַ גו־טער אָנהויב.

— און וואָס ווילט איר שרייבן אין בריוועלע? — פרעגט פּאַקולע און מען זעט, אַז עפּעס אַ פּלאַן האָט ער שוין.

— וואָס זיי ווילן שרייבן? זיי ווילן אים שרייבן, אַז ער זאָל לאָזן וויסן אַלעמען אין פּולוואַרעק, אַז ס׳געפינען זיך אידישע פּאַרטיזאַנער, 250 אין צאָל, ניט ווייט פון אַדאַמפּאָל, און אַז מען זאָל זיך אָרגאַניזירן אין אַן אויפשטאַנד, און אַז מען זאָל ניט וואַרטן, מחמת ס׳דערוואַרט זיי ניט קיין גוטער סוף. זאָלן זיי ניט מיינען, אַז דערפאַר, וואָס זיי זיינען מייס־טער־באַלמעלאָכעס, וועט מען זיי לאָזן לעבן. אָבער דער עיקר זאָל יאַניטשע טאָן אַלצדינג, וואָס ער קאָן און זיך אַרויסכאַפּן צום אַלעם ערשטן פון פּולוואַרעק, מחמת פון אים וועט מען קאָנען זיך דערוויסן אַלצדינג וואָס ס׳הערט זיך אינעווייניק. און אויב ער קאָן זיך ניט אַרויסכאַפּן, אפשר איז דאָ עמעצער דאָרטן, וואָס קאָן יאָ זיך אַרויסכאַפּן, און אַז עמיצער וועט זיך אַרויסכאַפּן, זאָל ער זיך לאָזן מיטן וואַלד, ניט ווייט פון דעם און דעם דאָרף, און דאָרטן איז דאָ אַ ראָוו, און נאָכן ראָוו אַ יונג סאָסנאָווע וועלדל,

און דאָרטן, אין יונגן סאָסנאָווע וועלדל, וועט ער געפינען די אַלע, וואָס שרייבן זיך אונטער אויף דעם דאָזיקן צעטעלע. דאָס הייסט: גדליה׳ן, יוחנן, שמשונ׳ען, פסח׳ן, נח׳קען און רבקה׳ן.

אָבער ווי אַזוי־זשע וועט פּאַקולע קאָנען אַרייקומען אַהין? פּאַקולע האָט שוין אַן עצה. גאַנץ פּשוט: באַראַן זעלינגער האָט אויסגערופן מיט אַ צייט פריער איבער אַלע דערפער אַרום, אַז די פויערים קאָנען ברענגען זייערע קאָבילעס צו די ראַסאָווע אוגערס אין אַדאַמפּאָלער פולוואַרעק, וועט פּאַקולע נעמען זיינע צוויי קאָבילעס אַהינצו . . .

***

מען האָט אים זייער שטאַרק געהיט, פּאַקולע׳ן, ווען ער איז אָנגעקומען אין פולוואַרעק מיט זיינע צוויי קאָבילעס. ער האָט ניט געקאָנט דאָרטן מאַכן קיין טריט. די וועכטער האָבן אים באַפוילן שטיין סאַמע ביים אַריינגאַנג, און זיי האָבן אַרויסגערופן אַ שקלאַף, ער זאָל ביי אים צונעמען די קאָבילעס און זיי אָוועקפירן צו די אוגערס. און דער דאָזיקער שקלאַף, אַ איד אין די מיטעלע יאָרן, אין שמאַטעס, אַ בלאַסער, אַ פאַרמוטשעטער, האָט אַ קוק געטאָן אויף פּאַקולע׳ן מיט זייער טרויעריקע אויגן, ווי זיי וואָלטן שטומערהייט געזאָגט צו אים: אוי, ברודער, ס׳איז שלעכט, מיר גייען אונטער, העלף אונז.

ווען דער איד האָט שפּעטער צוריקגעבראַכט די קאָבילעס און פּאַקולע האָט באַמערקט, אַז די וואָך איז איצט פאַרנומען מיט אַן אַנדערן פויער, וואָס איז אויך געקומען מיט זיינע פערדלעך, האָט ער דעם אידן שטומערהייט געגעבן די האַנט, ווי איינער זאָגט: זיי געזונט, און יענער, דערפילנדיק אַ שטיקל פּאַפּיר, האָט אפילו מיט קיין אויג אַ פינטל געטאָן, זיך אויסגעדרייט און אַוועק מיט דעם . . . און אָט אַזוי איז פּאַקולע אַוועק פון דאָרטן, און אפילו ניט געקאָנט אויסריידן אַ וואָרט צו יענעם אידן. אָבער ער איז געווען זיכער, אַז דאָס בריוועלע וועט שוין דערגיין דאָרטן, וואו מען באַדאַרף. טאַקע צוליב דעם, וואָס יענער האָט אַזוי קונציק זיך געמאַכט נישט וויסנדיק.

***

די מאַריאַנקער האָבן געוואַרט דאָרטן אויפן אָפּגערעדטן אָרט אין סאָסנאָווען וועלדל לעבן ראַוו אַ גאַנצע וואָך. די וואַרטעניש איז געווען אַזאַ פּיינלעכע, אַז מען איז אויסגעמוטשעט געוואָרן. מען האָט זיך געדאַרפט דאָ ריכטן אויב דאָס בריוועלע איז אַריינגעפאַלן ניט אין די ריכטיקע הענט, אויך אויף די מחבלים.

אויף דער זיבעטער נאַכט האָט מען דערהערט טריט צווישן די בוימער. פאַרזיכטיקע, ביט־זיכערע טריט, און באַלד נאָכדעם אַ פאַרדומפּן קול וואָס האָט געדופן שטיל און אויסגעצויגן: גדליה, יוחנן, שמשון, וואו זייט איר?

דאָס איז געווען יאַניטשע. און אַז די חברה האָבן זיך מיט אים אַרומ־געכאַפּט, איז געווען, ווי מיט אַ מענטשן, וואָס איז אַרויס פון אַ קבר. ס׳האָט טאַקע געשמעקט פון אים ווי פון אַ קבר. טוכלע ערד האָט געשמעקט פון אים, און קאַליע ריחות. זיי האָבן אים ניט געקאָנט זען אין דער פינצטער, נאָר זיי האָבן געקאָנט דערפילן די מאָגערקייט זיינע, בשעת מען האָט זיך אַרומגענומען און געגריסט.

ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט? דורך דער אָפּצוימונג פון די דראָטן. זיי זיינען אַלע עלעקטריזירט, און אַז מען רירט זיך צו צו זיי, ווערט מען גלייך פאַרברענט. מען האָט געדאַרפט מאַכן ווי אַ טונעל. דער־פאַר האָט דאָס געדויערט אַ גאַנצע וואָך. חברה דאַרטן האָבן אַלע נאַכט געגראָבן צוביסלעך, און געמאַכט דעם טונעל.

און דאָס בריוועלע וואָס ער האָט באַקומען, איז געווען, ווי די טויב, וואָס איז געקומען צופליען צוריק צו נח׳ס קאַסטן מיט אַ גרין בלעטל. ס׳האָט אָנגעצונדן אַ גרויסע האָפענונג ביי אַלעמען. ניט אַלע ווילן איינ־שטעלן און זיך אַרויסרייסן פון דאַרטן. אַ סך גלויבן, אַז מען וועט זיי לאָזן לעבן, מחמת זיי זיינען צו גוטע באַלמעלאָכעס, און אַזוי ווי דער באַראָן זעליגגער איז אַליין דער הויפּט פון דער געסטאַפּאָ, וועט ער זיי שוין באַשיצן.

לויט יאַניטשע׳ס קול אין דער פינצטער, האָט מען געמיינט, אַז דאָס רעדט גאָר אַן אַלטיטשקער און ניט קיין יונגער בחור. פאַרטאָג האָט מען גלייך דערזען, אַז ער האָט ניט קיין איין צאָן אין מויל, זיי זיינען ביי אים אַלע אַרויסגעפאַלן.

ער האָט דאַרטן געאַרבעט אַלס טראַקטאָריסט אויף די פעלדער. אַ גרויסער ספּעציאַליסט מיט טראַקטאָרס, אָבער זיין איינציקע שפּייז יעדן טאָג איז געווען הייסע וואַסער מיט איין קאַרטאָפליע, מיט אַן אַכטל פונט ברויט געמישט מיט שטרוי און מיט קלייען.

אַ גאַנצע נאַכט האָט יאַניטשע ניט געקאָנט שלאָפן, אַלץ גערעדט. גערעדט ניט נאָר וועגן דעם שקלאָפן־לאַגער, נאָר אויך פון די אַמאָליקע יאָרן, וועגן די אַלע בשותפות׳דיקע פעטערס, מומעס, קרובים, אייגענע, וואָס ער האָט געהאַט מיט די דריי מאַריאַנקער ברידער. אַזאַ גרויסע און פאַרצווייגטע משפחה זיינען זיי געווען, און איצטער אַחוץ זיי, פיר, איז שוין מערער קיינער אויף דער וועלט ניטאָ.

ערשט פאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפן, און געשלאָפן און געשלאָפן. מען האָט אים שוין געלאָזט שלאָפן וויפיל זיין האַרץ האָט געגלוסט . . .

צום לייב אין מויל אַריין . . .

אויפן וועג צוריק צו דער באַזע, ווען מען האָט זיך אָפּגעשטעלט דעם צווייטן בייַנאַכט לעבן אַ דאָרף, איז נח׳קע, ווי אונטער די הענט פאַר־שוואונדן געוואָרן. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער געקומען אַ פרייליכער, און פון זיין זאַק אַרויסגענומען צוויי פעטע דערשטיקטע הינער.

יאַניטשע האָט געוויינט, ווען רבקה האָט אים דערלאַנגט אַ שטיקל פון דער הון, וואָס זי האָט אָפּגעבראָטן אויפן פייער. ער האָט זיך פאַרענט־פערט, יאַניטשע, פאַר זיי. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויינט ניט דערפאַר, וואָס ער פאַרזוכט איצט אַ שטיקל עוף דאָס ערשטע מאָל נאָך אַכצן חדשים אַ שקלאַף, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אין לאַגער געזען אַזויפיל ברוטאַליטעט און גרויל, אַז די מענטשלעכע גוטסקייט איצ־טער, האָט אים שטאַרק גערירט.

ער האָט אויך געוויינט שפּעטער, אין דער אַכאַזשע, ווען יעדער איי־נער האָט אים אָפּגעשטעקט אַ שלום עליכם. און בוטשאַן האָט געטאַנצט לכבוד אים. אַליין טאָקע געווען דער כלי־זמר. געהאַלטן אין מויל אַן האַרמאָשקע און זיך צוגעשפּילט, און געהאָפּקעט אַ באַרוועסער מיט די פאַרקאַשערטע הויזן . . .

נאָכדעם, וואָס יאַניטשע האָט דערציילט די פּאַרטיזאַנען וועגן דער לאַגע אויפן פּאָלוואַרעק, האָט מען שוין געזען, אַז אַטאַקירן דעם פּאָל־וואַרעק, וועט גאָר קיין נוצן ניט ברענגען, צוליב דער אַפּאַטיע פון די אידן דאָרטן און זייער געפיל פון רעזיגנאַציע. זיי זיינען דאָרטן אַלע אַזוי פאַרפּייניקט, אויסגעמאַרעט און טעראָריזירט, אַז זיי וועלן שוין ניט האָבן קיין פיצעלע כוח צו מאַכן אַן אויפשטאַנד בשעת די פּאַרטיזאַנען וועלן שטורעמען דעם פּאָלוואַרעק פון דרויסן.

— די איינציקע זאַך מיט וואָס איר קאָנט זיי העלפן, — האָט יאַניטשע געזאָגט, — איז אַרויסצוראַטעווען פון דאָרטן וויפיל אידן ס׳לאָזט זיך. לאָמיך זיך נאָר אויסרוען אַ פּאָר טעג, וועל איך זיך צוריק לאָזן אַהין אויף אַרויסצופירן נאָך אידן.

צו יאַניטשע׳ן האָט מען געדאַרפט נאָך עמיצן, פון די פּאַרטיזאַנען

גופא. אַז זיי וועלן, די פאַרפּייניקטע אידן דאָרטן אין פּוליוואַרעק, דערזען אַן אמת׳ן פּאַרטיזאַן, אַ לעבעדיקן שליח פון באַטאַליאָן, וועט דאָס שטאַרקן זייערע הערצער. ס׳וועט אפילו דערמוטיקן די וואָס האָבן מורא פון צו טראַכטן אויף אַרויסרייסן זיך און זיינען זיך מיאש.

דער סאָסנאָוויצער פּאַצאַן האָט זיך גלייך אָנגעבאָטן. ער וועט גיין מיט יאַניטש׳ען. און „פּאַצאַן" האָבן אים אַלע גערופן, מחמת ער איז געווען אַ קליינגעוואוקסיקער, אַ בחור׳ל פון אַ יאָר 16 אָדער 17, פון סאָסנאָוויץ, אַ קאָמאַשן־שטעפּער. געבליבן איינער אַליין פון אַ גאַנצער משפחה. ער האָט גאָרניט געוואוסט, וואָס אַזוינס הייסט מורא, אָדער שרעק.

און אים נעמען, אַזוי ווי ער שטייט און גייט, האָט ער גאָרניט אויסגע־קוקט, ווי איינער פון די העלדן. מיט קורצע פיסלעך, אַ פּולבלעכער, מיט קינדערשע פּוכלע ליפּעלעך, מיט הומאָריסטישע גניבה׳שע שוואַרצע איי־געלעך, אַ פריילעך־מאַכער.

אָבער אַלעס, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, האָט ער דערזאָבערט מיט זיין אייגענער גבורה: די גוטע דייטשישע ביקס, דאָס רעקל מיט אַ רייע נאַצישע מעדאַלן אויף דער ברוסט, די גוטע שטיוועלעך — אַלץ דייטשישע.

אויך האָט זיך אָנגעבאָטן אברהם, יחיאל׳ס ברודער. אַ לאַווקער בחור מיט אַ חנ׳עוודיקן האַלב פאַרשעמטן שמייכל, מיט אַ פיין לענגלעך פּנים, מיט גוטמוטיקייט אין זיינע שוואַרצע אויגן. ניט געווען אַזוי מאַסיוו גע־בויט, ווי זיין עלטערער ברודער, אַביסעלע איידעלער, אָבער אויך אַן אויס־גערעכנטער, אַ פּראַקטישער און אַ געוואַגטער.

און יאַניטשע, דער טויזנט־מאָל געפּייניקטער, וואָס האָט נאָך רעכט אפילו ניט אָנגעזעטיקט זיך מיט אַביסעלע פרייהייט, האָט זיך ווידער גע־לאָזט אין דעם אָרט פון פאַרצווייפלונג.

מען גייט נאָך אַמאָל . . .

זיבן אידן האָבן זיי אַרויסגעפירט. פיר מיידלעך און דריי יונגע בחורים. און צווישן די פיר מיידלעך איז געווען די שיינע דאָרא מיט די זיידענע שוואַרצע האָר, מיט די באַ׳חנ׳טע ברוינע קלוגע אויגן און מיט אַ פּנימ׳ל זייער דעליקאַט געשניצט, אָבער פול מיט אויסדרוק און כוח. און געקומען איז זי אין שמאַטעס, און געקומען איז זי אַן אויסגעבלאַסטע, אַן אויסגעצערטע, און געקומען איז זי פון דעם שוידערלעכסטן אָרט, וואו

מען האָט געהאַלטן פּערציק אידישע יפת־תואר׳ס צוליב לוסט פון די חיות, אָבער אַז זי האָט זיך באַגעגנט מיט דער חברה, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף זיי מיט חכמה, מיט דעם גרויסן כוח פון וועלן לעבן. און זי האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף זיי ווי אַ שוועסטער אויף אירע ברידער. זייער שוועסטערל, וואָס איז געווען געפּאַנגען צווישן אויסוואורפן, און איצטער איז זי, דאַנקען גאָט, אַ באַפרייטע, און זי איז צוריק צווישן אייגענע.

און גלייך אויפן ערשטן טאָג פון איר קומען אויף דער אַכאַזשע, האָט זי תיכף פּאַרלאַנגט אַ ביקס. און אַז אברהם, יחיאל׳ס ברודער האָט גע־קראָגן פאַר איר אַ לייכט קאַוואַלעריש ביקסל, האָט זי דערשטוינט אַלע־מען, מיט איר שנעל באַהערשן די קונסט, ווי אַזוי זיך באַנעמען מיט דעם דאָזיקן שטיקל געווער.

און אַז זי האָט זיך אויסגעלערנט שיסן, האָט זי גלייך געפאָדערט מען זאָל זי מיטנעמען אויף אַקציעס. און אברהם, יחיאל׳ס ברודער, וואָס האָט איר שוין קיין שום זאַך ניט געקאָנט אָפּזאָגן, האָט אויסגע׳פּועל׳ט, מען זאָל זי מיטנעמען אויך אויף אַקציעס.

און חברה, וואָס האָבן אָנטייל גענומען צוזאַמען מיט איר אויף אַק־ציעס, האָבן באַוואונדערט איר קאַלטקייט, איר רואיקייט, איר גוואַלדיקע קאָנצענטרירטקייט.

און אברהם, יחיאל׳ס ברודער, וואָס האָט זי אַרויסגעפירט פון שקלאַפן־לאַגער, איז שוין ניט אָפּגעטראָטן פון איר. זיי זיינען שוין ביידע צוזאַמען געגאַנגען אויף אַלע אַקציעס . . .

***

און נאָכדעם, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט די ערשטע זיבן פון אַדאַמ־פּאָלער פּולוואַרעק, איז יאַניטשע נאָך אַמאָל געגאַנגען. דאָס מאָל האָט שוין יחיאל מיטגעשיקט מיט אים פסח׳ן, גדליה׳ען און יוחנן. דאָס מאָל האָבן זיי געדאַרפט אַרויספירן ניט נאָר אַ גרופּע אידן, נאָר אויך ברענגען אַ לעבעדיקן דעם גרעסטן צורר פון פּולוואַרעק, דעם פּוילישן אויפזעער.

אויך איז געווען זייער אויפגאַבע זיך באַקענען דאָרטן אויפן פּלאַץ מיט אַלע אומשטענדן, אפשר איז פאַרט מעגלעך, אַז אָנפאַל מיט אַלע כוחות צו באַפרייען אַלעמען מיטאַמאָל.

און ווען מען איז צוגעקומען אין וואַלד נאָענט צום אָרט, איז פּסח׳ן באַפאַלן אַזאַ מורא, ס׳איז אים אַזש געוואָרן קאַלט אין די פיס. עפּעס האָט ער געזען אין זיין פאַנטאַזיע אַ טיפן פינצטערן גרוב מיט אַ טירל פון אויבן, און וויבאַלד ער וועט אַריין אינעווייניק, וועט דאָס טירל זיך געבן אַ פאַרמאַך, און ער וועט דאָרטן בלייבן פאַרפאַקט.

יאַניטשע האָט זיי געפֿירט מיט פאַרפלאָנטערטע וועגן. ביי פּסח׳ן, וואָס איז שוין אַזוי גוט באַקאַנט מיטן וואַלד, האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַר־דרייט. אַ סך מאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מען דרייט זיך גלאַט אַזוי, עפּעס ווי אין אַ פאַרשאָלטענעם קרייז.

יאַניטשע האָט אָבער דאָרטן געוואוסט יעדעס גרעזעלע. געניי אויס־גערעכנט יעדן טריט, און ער האָט זיי געבראַכט צו דער עלעקטריזירטער דראָטענער פאַרצוימונג, אויף אַזאַ אָרט, וואָס איז געווען ווייט פאַרוואָרפן פון דעם לאַגער. אַ טויטער העק.

יאַניטשע האָט אָפּגערוקט אַ צעלייגטן פאַרפוילטן בוים, אָפּגעשאַרט פאַרדאַרטע צווייגן, און אַ קופּע פאַרגעלטע בלעטלעך. דאָרטן איז געווען דאָס אונטערגעגראָבענע אָרט, אַזאַ קליינינקער טונעל, וואָס האָט אַריינ־געפירט אינעווייניק אויף דער צווייטער זייט אָפּצוימונג, און האָט זיך פאַרענדיקט לעבן אַ קופּע ברוכוואַרג און אַלטע קלעצער און ברעטער.

ס׳איז געווען טויט פינצטער אין לאַגער. פון דער ווייטנס האָט מען געקאָנט קוים זען שאָטנס פון די באַראַקן און פאַרשיידענע שטיבעלעך, און גאָר ווייט, דאָ און דאָרטן, אַ שיין פון עלעקטרישער ליכט.

זיי זיינען גלייך צוגעלאָפן צו דער איינגעפאַלענער ציגעלניע. יאַניטשע האָט מיט זיי דאָרט אַראָפּגענידערט אויף צעבראָכענע טרעפּלעך אין אַ טיפן גרוב, און אַליין איז ער אַוועק. אין אַ צען מינוט שפּעטער זיך ווידער געיאַוועט, זיי אַרויסגעפירט פון גרוב און זיי געבראַכט אַ הונדערט פוס ווייטער צו אַ קליין שטיבעלע, און אַליין איז ער ווידער אַוועק.

און דאָרטן אינעווייניק, אין קליינעם שטיבעלע, איז געווען מורא׳דיק פינצטער, נאָר מען האָט געפילט, אַז ס׳געפינען זיך דאָרטן מענטשן. מען האָט געקאָנט הערן זייער דערשראָקן אָטעמען.

— שלום־עליכם, אידן! — האָט פּסח אַרויסגעפּליסטערט.

— שלום־עליכם, אידן! — האָבן אויך גדליה און יוחנן, אַרויס־געפּליסטערט.

ער האָט געהערט פּסח, ווי טריט דערנעענטערן זיך צו אים, און גלייך דערפילט, ווי ער שטרעקן זיך הענט צו אים.

— שלום עליכם, עליכם שלום! — האָבן אַ פּליסטער געטאָן שטימען מיט אַ פאַרבאַהאַלטענער פרייד.

פּסח האָט געדריקט אידישע הענט, שאַרסטקע, שטעכיקע, הייסע אויפ־ציטערנדיקע אידישע הענט.

— מיר זיינען געקומען צו אייך, — האָט פּסח זיך אָנגערופן פייערלעך, — אַלס די שליחים פון 250 אידישע פאַרטיזאַנען, און הונדערט סאָוועטישע

און פּוילישע פּאַרטיזאַנען, מיט אייך צוזאַמען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי דורכצופירן אַן אָנפאַל אויפן פּולוואַרעק און באַפרייען אַלע אידן.

— זייער שיין פון אייך, — האָט זיך אָנגערופן אַ קול אין דער פינצ־טער, אַ מיושב׳דיק קול, ווי פון אַן עלטערן אידן, — אָבער מיר ווייסן ניט צי ס׳איז כדאי — באַראַן זעלינגער איז דער גרעסטער צווישן היטלער׳ס חברה און ער וועט שוין זען, אַז מיר זאָלן בלייבן לעבן. מיר מאַכן אים רייך. און כל־זמן אונזערע הענט וועלן אונז דינען, וועלן מיר לעבן, מיט גאָטס־הילף. און אין וואַלד זיינען מיר דען זיכער? זיי האָבן גענוג געווער און סאָלדאַטן צו פאַרניכטן דעם וואַלד מיט אַלע פּאַרטיזאַנען, מיט אַלע בוימער אפילו.

פּסח האָט גערעדט. יוחנן און גדליה אויך. איינגע׳טענה׳ט אין דער פינצטער מיט דעם אידן, וואָס מען האָט ניט געקאָנט זען זיין פּנים, אַז ניט איינמאָל האָבן שוין די נאַציס זיך פאַרמאָסטן מיט אַלע זייערע טריפה־נע שטאַרקע כוחות, צו פאַרניכטן די פּאַרטיזאַנען, אָבער ס׳האָט זיי גאָר־ניט געהאָלפן. אין וואַלד זיינען דאָ טויזנטער וועגן, ווי אַזוי צו אַנטלויפן. דאָ אָבער אין פּולוואַרעק, איז ווי אין אַ שטייג. און זאָלן זיי זיך ניט איינ־רעדן, אַז די נאַציס וועלן זיי שאַנעווען, מעגן זיי זיין די בעסטע בעלי־מלאכות אין דער וועלט...

דער פאַרדראָס איז געווען, וואָס ס׳איז געווען בלויז צוואַנציג מינוט צייט צו פאַרברענגען אין דעם דאָזיקן שטיבעלע, און נאָכדעם מוז מען זיך גלייך אָפּטראָגן, מחמת די זומער נאַכט איז קורץ. יאַניטשע איז אַריינגע־לאָפן, נאָך איידער די צוואַנציק מינוט האָבן זיך פאַרענדיקט, און שוין ניט געלאָזט ווייטער רעדן.

דעם צורר, דעם פּוילישן אויפזעער, האָט מען אויך ניט געקאָנט פאַרפאַקן, ער איז גאָר יענע נאַכט ניט געווען אין לאַגער, און אַחוץ דעם האָט מען זיי אין דעם דאָזיקן שטיבעלע ניט געראָטן צו טאָן אַזאַ זאַך.

— פונוואַנעט ווייסן מיר, אַז אַן אַנדערער וועט זיין בעסער? — האָט זיך דאָס קול פון עלטערן אידן זיך אָנגערופן.

יאַניטשע האָט דערנאָכדעם דערציילט, אַז דער איד אין דעם דאָזיקן שטיבעלע, שמחה יאַשקעס, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון אַלעמען, איז אַ זעלטענער זייגערמאַכער, קאָן צונויפשטעלן אַזוינע זייגערס, וואָס זינגען אויס לידער. אַ איד פון אַ יאָר זעכציק. און אַזוי ווי ר׳ שמחה יאַשקעס, זיי־נען דאָ אַ סך אַזוינע אין פּולוואַרעק, וואָס וועלן אָפּשלאָגן פון יעדן פּלאַן צו מאַכן אַן אויפשטאַנד.

די איינציקע דערגרייכונג דעם דאָזיקן אָוונט איז געווען פופצן חברה פון פולוואַרעק, וואָס האָבן שוין געוואַרט אין גרוב פון דער ציגעלניע אין גרויס ציטערניש און פחד. מען האָט מורא געהאַט פאַר דער נאַכט, זי זאָל פלוצלונג ניט ווערן ליכטיק. כאָטשבי אַזאַ זאַך איז קעגן דעם סדר פון דער נאַטור, ווייל ס'זיינען נאָך פאַרבליבן גאַנצע צוויי שעה, ביז דעם ערשטן שפּראָץ פון פאַרטאָג, אָבער דאָס אויס'הרג'ענען פון אַזויפיל מי־ליאָנען אידן איז דאָך אויך קעגן דעם סדר פון דער נאַטור.

— גיכער, גיכער . . .

די מאַריאַנקער, באַוואָפנט מיט ביקסן, פּיסטאָלעטן און גראַנאַטן זיינען געבליבן צום לעצטן, און אַלע מינוט האָט געטאָן אַ לויף צום לאָך וואָס צווישן דעם הויפן ברוכוואַרג, נאָך איינער און נאָך איינער, און פאַר־שוואונדן געוואָרן . . .

מען עס איז געלאָפן . . . געסאָפּעט שווער און געלאָפן.

— לויפט ניט אַזוי, — האָט פסח אויף זיי אָנגעשריען, — איר וועט גיך מיד ווערן.

האָבן זיי אין אָנפאַנג אַביסל פאַרלאַנגזאַמט זייערע טריט, אָבער שפּע־טער אַ ווייל, פון זיך אַליין, ווי מען איז שוין ווידער געלאָפן, געסאָפּעט שווער, און זיך ניט אומגעקוקט אויף צוריקצוואַועגס.

און אַז ס'איז געקומען דער פאַרטאָג זיינען זיי שוין אַנגעלאָפן פיר קילאָמעטער אַוועק פון שקלאַפן־לאַגער. מען איז אַריין אין אַ ווילדערניש צווישן דיקע אוראַלטע ביימער, און דאָרטן האָט מען זיך אָפּגעשטעלט.

פינף יונגע מיידלעך זיינען געווען צווישן די פופצן אַרויסגע־ראַטעוועטע:

רחל'ע, האָט איינע געהייסן, אַ וואַרשעווער, אַ קליינינקע, מיט אייגעלעך, ווי קאָרן־בלימעלעך, מיט גרויסע וויעז, וואָס האָבן געוואָרפן אַ שאָטן אויף איר הויט, און אויף איר קאָפּ אַ גאַנצן וואַלד מיט האָר. כוואַליעס אויף כוואַליעס, וואָס זיינען זיך צעפּאַלן אין לאָקן. פון אַש־קאָליר זיינען גע־ווען אירע האָר, און זי, אַן אויסגעמאַטערטע, אַן אויסגעפּייניקטע מיט קליינע פּוקעס ליפּעלעך, האָט געשמייכלט מיט שיין־מיידלשן רייץ און מיט דאַנקבאַרקייט צו יאַניטשעק׳ן, צו פסח׳ן, צו יוחנן און צו גדליה׳ן.

און איינע האָט געהייסן רעבעקאַ. אַ לובלינער, אַ הויכע, אַן אָט־לעטישע, מיט אַ שטאָלצן, קלאָר ווייסן האַלדז, מיט די גרויסע וואַרעמע קאַרשן אויגן, פון דער אידישער יפת־תואר, מיט רייכע ברוינע האָר, וואָס האָט געשלאָגן פון זיי אַזאַ סאַמטענער שיין. אין אַ קורץ קליידל פון אַ זאַק, איז זי געגאַנגען אָנגעטאָן. אַ באָרוועסע, און אירע פיס

שלאַנקע, הויכע, אָבער, ווי פאַרשעמטע. זיי האָבן זיך ווי געריוויטלט, אירע פּיס, פון פאַרשעמטקייט.

און די צוויי שוועסטער, פּעסיע און טעמע, לאַדזשער, בײדע שאַטענקעס, פּעסיע פון מיטעלן וואוקס, זעלטן־שיין פאַרמירט, מיט צאַרטער ווייבלעכ־קייט אין יעדן גליד. טעמע, די אינגערע, איז געווען אַ הויכע, אַ פולבלעכע, און אין אירע בלויע אויגן אַ וועלט מיט מאַמע.

שפּעטער האָט זיך טעמע באַליבט געמאַכט ביי אַלע פּאַרטיזאַנער, אַלס די זעלטענע קעכין. אירע געקעכצן זיינען געווען מיטן גוטן היימישן טעם. אפילו באַטשאַן אַליין האָט צוגעגעבן, אַז זי קאָכט בעסער פון אים, און ער פלעגט לויפן צו איר גרופּע, פאַר וועלכער זי האָט געקאָכט, עסן מיט זיי צוזאַמען.

די אינגערע שוועסטער, פּעסיע, איז געווען אַן אומעטיקע. זי פלעגט גאַנצענע טעג איבערליגן אין אירביידל און האַלטן אין איין זינגען, איינס און דאָס זעלביקע לידל:

סאביבא, אַ פאַבריק פון אומברענגען אידן.
סאביבא, ס'גייט דורך איבערן לייב אַ שוידער מיט קעלט
סאַביבא, דאָרטן די ערד מיט בלוט, טוט אין איין זידן.
סאַביבאַ, זיי פאַרשאַלטן פון דער וועלט.

און ס'איז אויך געווען גרעטא צווישן די פּופּצן. אַ האַמבורגער, מיט געדיכטע רויטע האָר און מיט אַ רייצנדיקער, קלאָר־ווייסער ווייבלעכער הויט. אַ הויך־בוזעמדיקע, און מיט אַ קול, וואָס איז געווען גאָלע פּרוי.

און אַז מען האָט זי געבראַכט אויף דער באַזע, און נח'קע האָט זי גע־טאָן אַ דערזען, איז ער פאַרצאַפּלט געוואָרן. ער האָט געזאָגט, אַז זי זעט אויס ווי זיין כלה, עליה השלום.

און געווען איז איינער צווישן די פּופּצן, אַ איד פון דאָרף דובעטשנע, און ער האָט גאָרניט אויסגעקוקט, ווי קיין איד. פון אַ יאָר פערציק, שמאָל, אָבער ווי אויסגעגאָסן פון שטאָל. אַ ליסע קאָפּ, מיט אַ קליינעם שטערן, מיט ערלעכע טאַמעוואַטע אויגן. גערעדט אידיש זייער פאַרגרעבט. פּויליש האָט ער בעסער געקאָנט רעדן.

און אַז מען איז געקומען צו דער באַזע און מען האָט אים אָנגעוויזן אויף יחיאל'ן און אים געזאָגט, אַז יענער איז דער קאָמאַנדיר, האָט ער זיך געלאָזט צו אים, ווי אויף די שפּיץ פינגער, געקניט אויף איין פוס, אָפּ־געכאַפּט זיין האַנט און זי אים אַ קוש געטאָן . . .

***

דאָרטן, אין שקלאַפן לאַגער, איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע ביי די דייטשן, זיי האָבן אָנגעהויבן אַ גרויסן טעראָר קעגן די אידן. מען האָט די וואָך פאַרשטאַרקט. טאָג און נאַכט זיינען אומגעגאַנגען פּאַטרולן אין אַלע ווינקעלעך.

אָבער דאָך האָט זיך יאַניטשע צום דריטן מאָל אַריינגעכאַפּט אַהין, און אויך צום פערטן מאָל, און צום פינפטן מאָל. אויך דער סאָסנאָוויצער פּאַצאַן, און אויך אברהם זיינען געגאַנגען אַהין, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און מען האָט שוין אַרויסגענומען פון דאָרטן אַן אַכציק מענטשן.

און איינמאָל, ווען יאַניטשע האָט זיך צום זעקסטן מאָל געלאָזט אַהין, האָט ער מיטגענומען מיט זיך נאָר חברה, געוועזענע שקלאַפן. טאַקע פון זעלביקן פּולווערק. פינף זיינען זיי געווען. דאָס מאָל האָט מען געוואָלט אַרויספירן אַ פופציק מענטשן מיטאַמאָל.

אָבער די דייטשע וואָך האָט שוין, ווייזט אויס, אַנטדעקט דאָס אונ־טערגעגראָבענע אָרט לעבן דער דראָטן־פאַרצוימונג, און ווען די פינף חברה זיינען שוין געווען ביי אַ הונדערט פוס פון יענעם אָרט, ווי פון אַלע זייטן זיינען זיי אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַ האָגל פון קוילן.

— גיט זיך אונטער, איר זייט אַרומגערינגלט! — האָט מען געשריגן צו זיי.

— מיר גיבן זיך ניט אונטער! — האָט יאַניטשע געשריען צוריק צו זיי. — אַרישע באַרבאַרן, קרעציקע הינט, סיפיליטיקער, פאַרפעסטעט בלוט. אייערע מאַמעס זיינען געווען נפקא׳ס און געשלאָפן מיט היענעס . . .

און נאָך און נאָך האָט ער זיי געשאָלטן, יאַניטשע, אַזוי האָט איבער־געגעבן אָשר דער לאָדזשער, דער איינציקער, וואָס איז געבליבן לעבן פון די פינף . . .

און נאָכדעם, איז מען שוין ניט געגאַנגען מערער אין פולווערק אַרויספירן אידן. ס׳איז שוין ניט געווען וואוהין צו גיין. די נאַציס האָבן אַוועקגעשיקט אַלע אידן אין פאַרניכטונגס־לאַגער פון סאביבא.

צוויי וואָכן פון פּאַרטיזאַנישע אַקציעס

און כמעט אַלע 250 אידישע פּאַרטיזאַנען זיינען שוין געווען באַוואָפנט מיט ביקסן און אַ גרויסער טייל אויך מיט גראַנאַטן. זיי האָבן אויך פאַר־מאָגט איין שווערע און צוויי לייכטע מאַשין־ביקסן.

אין פּאַכיל, אַן אַכט קילאָמעטער פון דער אָכאָזשע, איז געווען אַ פּול־

וואַרעק מיט אַ גרויסער וואַך דייטשישע און פּוילישע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן געהאַלטן דאָרטן גרויסע סטאַדעס מיט חזירים און קי, וואָס פלעגן אָפּגע־שיקט ווערן קיין דייטשלאַנד.

ס׳איז געווען אין היי־שניט. די פּויערים אויף די לאַנקעס, וואָס האָבן געשניטן היי, זיי זיינען גוואַלדיק איבערראַשט געוואָרן ווען זיי האָבן דער־זען אידישע פּאַרטיזאַנען אינמיטן העלן־טאָג. מען האָט זיך אַזש גע׳־צלמ׳ט פון איבערראַשונג. אַ סך האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן פון די פעלדער.

אין דאָרף גראַבאָווקא לעבן פּאַכיל, האָט מען אויסגעטיילט צוואַנציק מאַן, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו כאַפּן וואָגנס.

אין אַ צען מינוט אַרום זיינען שוין געווען וואָגנס פאַר אַלעמען, און די פּאַרטיזאַנען האָבן זיך אַריינגעזעצט און געהייסן די פּויערים שמייסן זייערע פערד מיט אַלע כוחות.

מען האָט געוואָלט אָנקומען ווי אַ שטורעם, מיטאַמאָל, זיי פאַרכאַפּן אין אַ פּאַניק.

אַ קילאָמעטער פאַר פּאַכיל, האָבן זיך חברה אַרויפגעכאַפּט אויף די טעלעפאָן־סלופּעס און אָנגעהויבן איבערצושניידן דראָטן, כדי די דייטשן זאָלן ניט קאָנען זיך פאַרבינדן מיטן נאָענטן דאָרף ווישניץ, וואו ס׳איז גע־שטאַנען דאָרטן אַ גרויסער נאַצישער כוח.

הינטער פּאַכיל זיינען אַלע פּאַרטיזאַנען אַראָפּגעשפּרונגען פון די פורן און אָנגעלאָפן אויפן פּולווארעק פון אַלע זייטן. ס׳איז צוגעגאַנגען אַזוי פּלוצלונג, אַז מען האָט זיי פאַרכאַפּט דאָרטן שפּילן אין קאָרטן, און איידער וואָס ווען האָט שוין דער פּולוואַרעק מיט אַלע געביידעס, שייערן און שטאַלן געברענט פון אַלע זייטן.

ס׳האָט זיך אויפגעהויבן צום הימל אַזאַ געדיכטער רויך, אַז פּויערים אין די דערפער, מיילן און מיילן ווייטער, האָבן אים געזען. אויך אין ווישניץ, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ גרויסער דייטשישער כוח, האָט מען דערזען דעם רויך, און די נאַציס האָבן זיך גלייך געלאָזט לויפן אין געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן קיין פּאַכיל. אַז זיי זיינען אָבער אָנגעקומען אַהין, איז שוין ניט געווען קיין סימן פון אַ פּאַרטיזאַן.

און גלייך אויף מאָרגן האָבן די אידישע פּאַרטיזאַנען אונטערגעצונדן אַ בראָנפן־פאַבריק אויף אַן אַנדער פּולוואַרעק. די לעדערנע פּאַסן, וואָס זיי האָבן אַראָפּגענומען פון די מאַשין־רעדער, האָבן זיי שפּעטער צעשניטן אין קלענערע טיילן און זיי צעטיילט אומזיסט צווישן די דערפער צו פּריינט־לעכע פּויערים.

זיי האָבן אויך אַרויסגענומען פון אונטערגעצונדענעם פּולוואַרעק אַ פּאַס מיט צוויי טויזנט ליטער בראַנפן, אַרויפגעשטעלט אויף אַזאַ וואָגן מיט צוויי רעדער, אַוועקגעפירט אין וואַלד, און פאַרגראָבן אויף אַזאַ אָרט, וואָס בלויז וואַנקאַ און יחיאל האָבן געוואוסט פון דעם דעם. פון צייט צו צייט, פלעגט מען אַרויסנעמען אַביסל בראַנפן און טיילן צווישן דער חברה.

בשעת מען האָט געפירט דעם גרויסן אייזערנעם פּאַס בראַנפן אויף צוויי רעדער, האָט דאָס זיך אויסגעוויזן פונדערווייטנס צו די פויערים אויף די פעלדער, ווי אַ האַרמאַט. אַ קלאַנג האָט זיך גלייך נאָכדעם פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן געגנט און ס'איז אויך אָנגעקומען שפּעטער צו די דייטשן, אַז די אידישע פּאַרטיזאַנען פירן זיך שוין אַרום אויך מיט שווערע האַר־מאַטן . . .

אַזוי זיינען פאַרביי צוויי וואָכן פון פאַרשיידענע פּאַרטיזאַנישע נקמה־אַקציעס. מען האָט אונטערגעהאַקט טעלעפאָן־סלופּעס, מען האָט געבערנט מיליטערישע שפּייז־מאַגאַזינען, פאַרניכטעט מילך־פאַרמס, און באַפאַלן דאָ און דאָרט איזאָלירטע דייטשישע פּאָסטנס און פּאָליציי־פּאָסטרונקעס.

די טאַוונגען פון דער גוואַרדיע ליודאָווע זיינען באַקאַנט געוואָרן אין אַלע דערפער באָענט און ווייט, און וואַנקאַ קירפּיטשניק'ן איז שוין ניט אָנגעקומען אַזוי שווער צו רעקרוטירן נייע קעמפער צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג.

***

און די דאָזיקע 250 פּאַרטיזאַנען, לאָזנדיק זיך צוריק צו דער אָכאָזשע, נאָך צוויי וואָכן פון אַקציעס, האָבן שוין אויסגעקוקט ווי אַן אַרמיי אָפּ־טיילונג, כאָטש זיי האָבן ניט געטראָגן קיין איינהייטלעכע יוניפאָרם. מען איז געווען אָנגעטאָן אין וואָס ס'האָט זיך געלאָזט: אין שטיוול, אין שיך, אין פעלצלעך, אין וואַטאָווקעס, אין ווינטערדיקע קוטשמעס, אין קעפּקעס מיט דאַשעקעס, אין דייטשישע שינעלן, אין שטיוול, אין שיך, און אייניקע איינגאַנצן באָרוועסע. דערפאַר האָט יעדער איינער כמעט געטראָגן אַ טאָרבע, וואָס דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער סימן פון אַ פּאַרטיזאַן. אין דער טאָרבע האָט מען געהאַלטן אַ העמד, אַ שטיקל זייף, גאַל־מכשירים, און אויך איבעריקע פּאַטראָנען, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַריין אין פּאַטראָנען־טאַש.

דער פּאַטראָנען־טאַש, איז אויך געווען דער אַלגעמיינער סימן פון פּאַרטיזאַן. כמעט יעדער איינער האָט זיך אויפגעניייט אַ פּאַטראָנען־טאַש פון צעריסענע כאָליעוועס, אָדער גאַר פון אַ גראָבן לייוונט. און דעם פּאַט־

ראָנען־טאַש, וואוהין ס׳האָבן געקאָנט אַריינגיין צוויי הונדערט קוילן, האָבן זיי שוין קיינמאָל ניט אַראָפּגענומען פון זיך. געטאָגט און גענעכטיקט מיט אים, פונקט ווי מיט דער ביקס, וואָס זיי האָבן אויך קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון די הענט, אפילו אין שלאָף.

צו דעם פּאַטראָנען־טאַש האָט מען אויך צוגענייט ספּעציעלע צוויי לעדערלעך, וואו מען האָט אָנגעהאַנגען צוויי גראַנאַטן.

פּאַטראָנען האָט מען צעטיילט צווישן די שלאַכט־פּייאיקע גלייך אויף גלייך, אָבער חברה האָבן גע׳גנב׳עט, אויב ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. אַ באַזונדערע מאַניע האָבן זיי געהאַט צו קוילן, ווייל קוילן זיינען געווען וויכטיקער פון ברויט.

אייניקע פּאַרטיזאַנען האָבן אויך געהאַט באַטאַרייקעס, עלעקטרישע שיין־וואַרפער, וואָס מען האָט דעראָבערט אין די דייטשישע מאַגאַזינען.

די ביקסן זיינען געווען פאַרשיידענע: עסטרייכישע, פּוילישע, דייטשישע, רוסישע, אויך קורצע קאַוואַליערישע, וואָס זיינען אויסגעטיילט געוואָרן צו די פּאַרטיזאַנקעס.

אָבער דער טרוים ביי יעדן איינעם פּאַרטיזאַן איז געווען: אַ דייטשישע ביקס. לויט אַ דייטשישער ביקס, האָט מען שוין געקאָנט דערקענען די העלדישקייט פון פּאַרטיזאַן. ס׳האָט פּשוט געמיינט, אַז ער האָט זי דעראָבערט מיט זיין אייגענעם כוח, דער׳הרג׳עט אַ נאַצי און גע׳ירש׳נט זיין כלי־זין.

אַ נייער דייטשישער פּיסטאָלעט איז אויך געווען דער סימן פון אַ העלדישן פּאַרטיזאַן, נאָך חשוב׳ער ווי אַ מעדאַל. און מיט דער צייט האָבן אַ סך אידישע פּאַרטיזאַנען דעראָבערט נייע דייטשישע פּיסטאָלעטן, אייניקע גאָר זעלטענע, אָפיצערישע, מיט פּערלמוטערנע הענטלעך.

און אויך לויט די שטיוול, האָט מען שוין געקאָנט דערקענען דעם סטאַזש פון שלאַכט־מאַן. באַזונדערס נאָך די אָפיצערישע דייטשישע שטיוועלעך, מיט דעם גוטן רייכן לעדער, וואָס פלעגן אָנהויבן גלאַנצן בלויז פון אַ וויש טאָן מיטן אַרבל איבער זיי.

אַ פּאָר גוטע גראַמע שטייל זיינען געווען פּונקט אַזוי וויכטיק, ווי אַ ביקס. אַ פּאָר גוטע גראַמע שטיוול האָבן אָפטמאָל געראַטעוועט דאָס לעבן, ווען מען האָט געדאַרפט שנעל זיך אָפּטראָגן.

פּסח אָבער, האָט זיך ניט געקאָנט צוגעוואוינען צו שטיוול. מאָדנע צוויי פיס פאַרמאָגט, וואָס האָבן ניט געקאָנט פאַרליידן קיין שטיוול. האָבן זיי געמעגט זיין פון דעם ווייכסטן לעדער, אָבער וויבאַלד ער האָט זיי אָנגעטאָן, האָט ער זיך גלייך אָנגעריבן וואונדן אין זיינע פיס. אפשר דערפאַר ווייל

ער איז געווען אַלע זיינע יאָרן אַ גרויס־שטאָטישער און קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געטראָגן קיין שטיוול.

נח׳קע, פונקט ווי פסח, האָט אויך ניט געקאָנט פאַרליידן קיין שטיוול, אָבער קיין פשוט׳ע שיך אויך ניט געוואָלט טראָגן. זיי האָבן געדאַרפט זיין די שיך מיט לאַנגע כאַליעווקעלעך, וואָס פאַרשנירעווען זיך ביז אַרויף. און שטענדיק האָט ער שוין ערגעץ דערטאַפּט אַזוינע שיך מיט די לאַנגע כאַליעוועס, ווען די אַלטע האָבן זיך צעריסן. זיינע פיס זיינען געווען דין, און די לאַנגע ענג־פאַרשנירעוועטע כאַליעווקעס, האָבן נאָך מערער אונטערגעשטראָכן זייער דינקייט, אָבער ווי אַזוי ער זאָל זיך שוין ניט אָנטאָן, און וואָס פאַר אַ שטיק ער זאָל ניט צוטראַכטן, האָט ער שוין קיין סך אויפמערקזאַמקייט ניט געצויגן צו זיך. צופיל קאָנקורענטן געהאַט דאָ. מען רעדט שוין ניט פון באָטשאַנ׳ען, דעם מלך פון אַלע לצים, דער דובעטשנער איד, וואָס איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון אַדאַמפּאָלער שקלאַפן־לאַגער, הערי דער אַמעריקאַנעץ, דער קורצער, אָבער ברייט־געפּאַקטער ברוך, דער אַלטער דאניכע׳ס אַ זון, אָט־די אַלע האָבן אויך אַרויסגערופן זייער פריילעכע געלעכטערס ביי דער חברה.

דער דובעטשנער איד האָט קיינמאָל מיט זיין אייגענעם ווילן ניט געטאָן אַזוינס, מען זאָל לאַכן. דער חברה אָבער איז געוואָרן פריילעך בלויז פון קוקן אויף אים. זיין נאַקעטער קאָפּ, ווי אַ געגדזן איי, זיין שמאָלער שטערן, זיינע צוויי קליינע טאַמעוואַטע אייגעלעך, זיין גלייכער שטייפער גאַנג, און, דער עיקר, זיין ניט וועלן אָפּטרעטן קיינמאָל פון יחיאל׳ן, האָט אַרויסגערופן אַ סך פריילעכע געלעכטערס. ווי אַ שאָטן איז ער נאָכגעגאַנגען יחיאל׳ן. מען האָט אים טאַקע גערופן יחיאל׳ס שאָטן.

הערי דער אַמעריקאַנעץ מיט זיין גאָלדענעם צאָן פון פאָרנט אין מויל, מיט זיין רוזוועלט־קנעפּל, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן צוגעשטעפּעט צו זיין ברוסט, ווי אַ מעדאַל, אים האָט מען גערופן: „אַך, אַך, אַמעריקע״. וואָס איינער האָט ניט געזאָגט, און וואָס איינער האָט ניט דערציילט, פלעגט הערי גלייך אַ זיפץ טאָן און זאָגן:

— אַך, אַך, אַמעריקע! אין אַמעריקע, אַשטייגער . . .

די איינציקע, וואָס האָט ניט חוזק געמאַכט פון אים, איז געווען דאָס קליינע בעבעלע, און פאַר איר פלעגט ער טאַקע ליב האָבן צו דערציילן זיינע מעשיות וועגן אַמעריקע: — אַך, אַך, אַמעריקע, בעבעלע! אין אַמעריקע, אַשטייגער, ווען ס׳קומט דער זונטאָג און מען גייט זיך שפּאַצירן אין פּראָספּעקט פּאַרק מיט די שיינע ביימער און שמעקדיקע בלומען, איז גאָר קיין בעסערן פאַרגעניגן ניטאָ . . .

ברוך, דער זאַהאַיקער גיבור, דווקא אַ נידעריקער, אָבער אַן אַטלעט אין דער ברייט, פֿון אים האָט מען געלאַכט צוליב זיין מאַמען, דער אַלטער דאַניכע. זיין מאַמע, אַ אידענע פון אַ יאָר פינף־און־פופציק, שטענדיק אַ באָרוועסע, מיט אַ ציינלאָזן מויל, האָט נאָר געוואָלט, אַז איר זון, ברוך, זאָל הרג׳ענען אַ סך דייטשן. ביים אוועקגיין אויף אַן אַקציע, האָט זי אים שטענדיק אָנגעזאָגט מיט אַ מין סטראַשונאַק:

— דו הערסט, זון, זאָלסט מיר דער׳הרג׳ענען אַ סך דייטשן.

און אַז ער האָט זיך אומגעקערט פון אַן אַקציע, איז זי גלייך צוגעלאָפן צו אים מיט אַ שטרענג פּנים:

— וויפיל?

איצטער, זיך אומקערנדיק צוריק אויף דער אַכאָזשע, איז ברוך גע־גאַנגען זייער אַ טרויעריקער, מחמת ער האָט דאָס מאָל אפילו קיין איין דייטש ניט גע׳הרג׳עט, און ער האָט זיך געריכט פון זיין מאַמען אַ ווּיסטן סוף. און נאָך איז ער געווען אומעטיק, וואָס דער שוואַרצער רעגן־מאַנטל איז געווען צו לאַנג אויף אים, און ער האָט זיך אים געפּלאָנטערט פאַר די פיס. האָט ער דאָך אים געקאָנט אונטערשניידן, האָט אָבער ס׳האַרץ ניט געלאָזט, אַן עבירה די סחורה. דעם דאַזיקן לאַנגן רעגן־מאַנטל, האָט ער געפּאַקט בשעת מען איז באַפאַלן אַ דייטשישן סחורה־לאַגער, אויף איינער פון די אַקציעס . . .

***

צוויי הונדערט פופציק אין צאָל שפּאַנען זיי, די אידישע חברה, טרי־אומפירנדיקע פון צוויי וואָכן גרויסע אַקציעס, און זייער פריילעך ווערן די הערצער, ווען מען דערזעט פונדערווייטנס די הויכע אַלטע דעמבעס, וואָס וואַקסן אויף די בערגלעך אין דער אַכאָזשע. די דאַזיקע הויכע אַלטע דעמבעס קאָן מען זען פון גאָר ווייט, אפילו פון דאָרף זאַהאַיקע.

ס׳איז אויך פריילעך, באַזונדערס די יונגע בחורים, וואָס אַ סך יונגע מיידלעך־פּאַרטיזאַנקעס שפּאַנען צווישן זיי, איינציקע פון זיי גרויסע שייג־הייטן:

הינדע די מעזריטשטשער, די הויכע ברונעטין, מיט די גרויסע ברע־נענדיקע אויגן, הייסע אויגן, ליידנשאַפטלעכע, מיט איר לענגלעך מאַ־טעווען פּנים, אַ פּאַרטיזאַנקע מיט סטאַזש. ניט אין איין אַקציע אָנטייל־גענומען.

ראָסטקע די זאַלישטשער, כמעט פון די ערשטע פּאַרטיזאַנקעס, נאָך פון די פּאַרצעווער וועלדער, אַ פולבלעכע, אַ געפּאַקטע, שטענדיק אַ פּאַר־

פלאַמטע. זי איז אי אַ קראַנקן־שוועסטער, אי אַ שלאַכט־פרוי, אַ פריילעכע, אַ מונטערע.

דאָרא די אַדאַמפּאָלערין, מיט איר קורץ־קאַוואַלעריע־ביקסל, אַ לייכט־פוסיקע, אַ ריטמישע, דערקוויקט די בחורים מיט איר שטענדיקן קלינגעוו־דיקן געלעכטער. זי האַלט זיך נאָר מיט אברהמ׳ען. זיי צעשיידן זיך שוין ניט, סאַי אין שלאַכט, סאַי אין אָפּרו.

און נאָך און נאָך פּאַרטיזאַנקעס, ווי: חנה׳טשע די קאָדעניצערין, גאָלדע די ווילעווער, גיטל די פּאַרצעווער, צירל די ווירזקער און הענדל די סקראָדניצער . . .

און אָט זיצט זי, סאָניע

און אַז מען איז געקומען צוריק אויף דער אָכאָזשע, האָבן אַלע אומ־באַוואָפנטע אידן, וואָס זיינען דאָרטן געווען אַרום 300 נפשות, אין דער שפּיץ מיט רעב יאַנקל האַלאָווער, אויפגענומען די העלדן מיט ה־ו־ר־ר־א.

די אומבאַוואָפנטע האָבן שוין אַרויסגעקוקט זייערע אויגן אויפן צו־ריקקומען פון זייערע גבורים. ס׳האָבן געוואַרט טאַטעס און מאַמעס אויף זייערע זין, ווייבער אויף זייערע מענער, כלות אויף זייערע חתנים, שוועס־טער אויף זייערע ברידער.

און ווען נח׳קע האָט דערזען גרעטאַ׳ן, מיט די כוואַליענדיקע רויט־ברענענדיקע האָר, און מיט די הייסע בלויע אויגן, און מיט איר הויכן בוזעם, האָט ער זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צו איר, זי אַרומגעכאַפּט פּאָר אַלעמען אין די אויגן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ער האָט זי שיעור ניט אומ־געוואָרפן.

און די דאָביכע, אַ דאַרע, אַ באָרוועסע, איר פּנים דורך און דורך צע־אַקערט מיט קנייטשן, איז צוגעלאָפן צו איר זון, ברוכ׳ן, דעם נידעריק געוואַקסענעם גיבור און אים גלייך געפרעגט:

— מיין זון, האָסטו כאָטש גע׳הרג׳עט אַ סך דייטשן?

און אַז ער האָט געשוויגן אַ שולדיקער מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, און זי האָט געדרונגען פון דעם, אַז ער האָט אפילו קיין איין דייטש ניט גע׳הרג׳עט, האָט זי זיך אָפּגעקערט פון אים און האָט שוין ניט געוואָלט רעדן צו אים.

און צו פּסח׳ן איז צוגעלאָפן רבקה, וואָס איז דעמאָלט געבליבן אויף

דער באַזע און אַ זאַג געטאָן פּסח'ן דריי ווערטער, פון וועלכע ס'איז אים הייס געוואָרן אומעטום.

„סאָניע איז דאָ!" — האָט זי אים געזאָגט. זי איז געקומען מיט אַ גרופּע פון צען אידישע פּאַרטיזאַנען פון די פּאַרצעווער וועלדער.

אָבער וואו־זשע איז זי? זי איז ניטאָ צווישן די אַלע, וואָס האָבן אויפגענומען דאָס צוריקקומען פון די פּאַרטיזאַנען מיט „הורא".

— זי איז אָבער יאָ דאָ. זי איז אויף אַ ווייט אינדזעלע צווישן דיביידלעך פון די אומבאַוואָפנטע, — האָט אים רבקה געזאָגט.

און אויף דער אָכאָזשע, וואָס איז געווען ביי אַ צוואַנציק אויף צוואַנציק קילאָמעטער, זיינען געווען צענדליקער אינדזעלעך. איין אינדזל פון אַנ־דערן אָפּגעטיילט מיט בלאָטעס, מיט וואַסער. און אין די בלאָטעס איז געווען אַ גרויסע באַווילדערניש און באַוואַקסעניש פון פאַרשיידענע אַלערליי אָט־שערעטן, טשערמוכעס, נידעריקע ביימלעך און ווילדע גראָזן, דיקע און הויכע. בלויז איינצלנע, זייער הויכע דעמבעס, האָבן געוואַקסן דאָ און דאָרטן אויף די אינדזעלעך. פון דאָרף זאַהאַיקע, וואָס איז געווען ביי אַ צען קי־לאָמעטער, האָט מען שוין געקאָנט זען די הויכע בוימער אויף די אינדזלעך פון דער אָכאָזשע. איידער די פּאַרטיזאַנען האָבן דאָס אָרט אויסגעקליבן פאַר זייער פעסטונג, פלעגן די פויערים פון די נאָענטע דערפער קומען אַהינצו אַלע זומער קאָסען היי.

פּסח האָט זיך געלאָזט צו יענעם ווייטן אינדזעלע, וואו סאָניע האָט געוואוינט, מיט פּחד און ספיקות אין הארצן. אפשר וואָלט ער גאָר גע־דאַרפט אָפּוואַרטן. אפשר איז זי שוין אַ פרעמדע צו אים. אַ סימן, פאַר־וואָס איז זי ניט געווען צווישן אַלע מענטשן, וואָס האָבן אויפגענומען די חברה, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער אָכאָזשע?

און אפשר דערפאַר, וואָס דאָס אינדזל, וואו זי וואוינט, סאָניע, איז אַ ווייטס, האָט זי שוין ניט געוואוסט, אַז מען איז צוריקגעקומען.

און די קאַמאַרן אויף דער אָכאָזשע, די גרויסע בלוט־זויגערס, באַפאַלן אים כמאַרעסווייז. פעט געוואָרן, די דאָזיקע קאַמאַרן, פון זינט די פאַר־טיזאַנען האָבן דאָ איינגעפירט זייער באַזע.

— כאַליערעס, — טרייבט זיי פּסח פון זיך מיט כעס, און שעלט זיך שוין פונקט ווי נח'קע, — אַ ניכפּה אויף אייך, אַן אויסכאַפּעניש.

***

און אָט זיצט זי סאָניע. זי זעט אים נאָך ניט. אָבער ער זעט זי יאָ. ווי זי איז אָפּגעצערט געוואָרן! זי זיצט לעבן איר ביידל און נייט עפּעס.

פלינק לויפן אירע פינגער איבערן בגד . . .

— סאָניע! — טוט ער אַ רוף.

— פסח! — גיט זי זיך אַ שטעל אויף.

וואָלטן זיי אפשר געדאַרפט איינער צום אַנדערן צולויפן און זיך אַרומ־כאַפּן כאָטש צוליב די פריערדיקע יאָרן, כאָטש צוליב די גרויסע שטי־קער גוטסשאַפטן, וואָס זיי האָבן זיך געגעבן איינער דעם אַנדערן. שטייט זי אָבער אַ דערשראָקענע, אַ פאַרשטייפטע, און ער שטייט אויך אַ דער־שראָקענער און אַ פאַרשטייפטער.

— וואָס־זשע מאַכסטו, סאָניע? — גיט ער איר אפילו ניט די האַנט.

— וואָס־זשע מאַכסטו, פסח? — גיט זי אים אויך ניט די האַנט.

— ווי אַזוי־זשע איז דיר געגאַנגען, סאָניע? — פרעגט ער זי מיט אַ ציטערדיק קול.

— אַ דאַנק, פסח, — טוט זי אַ זיפץ. — ווי אַזוי איז דיר געגאַנגען?

— מאַכט זי אויך מיט אַ ציטערדיק קול. — זעץ זיך, פסח.

זעצט ער זיך צו, און זי אויך, און מען קוקט ניט איינער אויפן אַנ־דערן אָפן און גלייך, נאָר בגניבה קוקט מען.

— ווי זי איז אַ תל, סאָניע, — טראַכט ער צו זיך. ס'ערשטע מאָל זעט ער אויף איר פנים קנייטשן. טיפע קנייטשן לעבן די ווינקלען פון מויל. אַ שווער לעבן מסתמא געהאַט אין די פאַרצוווער וועלדער. און אפשר האָט זי זייער שטאַרק געבענקט נאָך אים, זיך געריסן צו אים, פסח'ן.

— אַ תל געוואָרן, פסח, — טראַכט זי אויך צו זיך. — קיינמאָל נאָך ניט געהאַט קיין קנייטשן אונטער די אויגן. אָבער דערפאַר איז ער אַזוי פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. אַ שטאַרקער בחור, פסח, גאָלע שטאָל. און ס'קומט איר אַרויף אויפן געדאַנק אָט־יענער פסח, וואָס האָט געוואוינט ביי זיי אין קעלער. אַ בלאַסער פסח. נאָך אַ טאָג אַרבעט, פלעגט ער זיך אומקערן אַזוי בלאַס אין פנים, אַן אַ טראָפּעלע בלוט, און איצטער זייַנען ביי אים די באַקן רויט, צעפלאַמט פון פראָסט, פון ווינט, פון היץ און פון גבורה.

— ווי אַזוי ביזטו געקומען אַהער? — פרעגט זי פסח'ן.

— זיך דערוואוסט, אַז אַ גרופּע אידישע פאַרטיזאַנען לאָזן זיך אין דער אָכאָזשע, בין איך צוגעשטאַנען צו זיי, — מיידט זי אויס אים צו קוקן אין די אויגן.

פרעגט ער זי שוין ניט, צי פיאָדאָר האָט זי געלאָזט, און וואָס פלוצ־לונג איז איר איינגעפאַלן זיך לאָזן צו דער אָכאָזשע. ער פרעגט זי שוין גאָרניט. ער האָט מורא זי צו פרעגן.

— אַזוינע בייזע קאַמאַרן ביי אייך, — קראַצט זיך סאַניע אין אירע אַנטבלויזטע אָרעמס.

— ס׳איז צוליב די בלאַטעס, — דערקלערט איר פּסח ליבלעך. — דאָ טאָר מען שוין ניט אויפדעקן קיין פּיצעלע לייב. און אַז דו וועסט זיך לייגן שלאָפן, וויקל אַרום ס׳פּנים מיט אַ טוך, כאָטשבי אַ סך מאָל העלפט דאָס אויך ניט. זיי פאַרמאָגן, אָט־די פאַרשאָלטענע, אַזוינע לאַנגע שטעכערס, אַז זיי דערגרייכן אפילו דורך אַ וואַטאָווע רעקל.

ריידן זיי נאָך צווישן זיך ביידע וועגן זאַכן, וואָס אינטערעסירט זיי לחלוטין ניט, און קוקן זיך נאָך אַלץ ניט איינער אויפן אַנדערן פריי און אָפן, סיידן בגניבה.

***

און זיי זיינען דאָך געווען אַזוי נאָענט! — טראַכט נאָכדעם פּסח, שפּאַנענדיק צוריק צו דער הויפּט־באַזע, — לייב צו לייב זיינען זיי געווען, און איצט אַזוי ווייט, אַזוי ווייט!

פאַרוואָס איז זי טאַקע ניט געבליבן מיט פיאָדאָר׳ן? וואָס האָט זי געצויגן אַהער? אפשר האָט זי געוואָלט זיין צווישן אידן?

ער שפּאַנט זיך אין דער געדעכטער פינצטערניש, אין די ווילדערניש. ער שפּרינגט פון בוים צו בוים איבער דער טיפער בלאָטע און קומט אַרויף אויף אַן אַנדער אינדזל. און אויפן אַנדערן אינדזל שטעלט ער זיך פּלוצלונג אָפּ, פּסח. זיינע פאַרשאַרפטע אויערן דערהערן אין דער פינצטער אַ שושקען זיך לעבן אַ הויכן דעמב, און ער דערקאָנט גלייך אין שושקען זיך נח׳קעס קול:

— נאָך איין קוש, גרעטאַ, שאַץ! — איז זיין קול אי ברוגז, אי בעטנדיק, — נאָך איין קוש, ניט מערער!

— מאָרגן, נח׳קע! — לאַכט גרעטאַ מיט אַ גילעכטערל, וואָס צעפאַלט ווי אין קרייזלעך. מיט איין לאַך קומט שוין ביי איר אַרויס אַ גאַנץ קרענצל פון געלעכטערלעך.

— מאָרגן וועט שוין זיין אפשר צו שפּעט, — הערט פּסח, ווי נח׳קע ענטפערט איר מיט אַ גוואַלדיקן ערנסט, — ווייסט דאָך, אונז, פּאַרטיזאַנען, הייגט לעבן מיר און מאָרגן קאָנען מיר שוין זיין אויס.

ער קאָן די „מלאכה״! — טראַכט פּסח, ווען ער דערהערט פּלוצלונג אַ שטילקייט, וואָס איז די שטילקייט פון אַ לאַנגן איינגעצויגענעם קוש.

— נאַשער! — מאַכט גרעטאַ, און איר קול איז ווי זי קאָן קוים אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

— אַי, גרעטעלע, גאָלד! — מאַכט נח׳קע וויינענדיק, — ס׳גייט מיר אויס מיין לעבן נאָך דיר . . .

הערשל רובינשטיין . . .

אַלע זיינען געלאָפן קוקן אויף דעם בחור, וואָס איז ווי אַרויס פון אַ לעגענדע, די לעגענדע פון דעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ. הערשל רובינשטיין, האָט ער געהייסן.

ביי די פייערן האָט מען זיך אָפט דערציילט מעשיות וועגן די דאָזיקע גבורים, וואָס זייער העלדישקייט האָט גאַרניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק.

קיין סך פרטים האָט מען ניט געוואוסט, אָבער דאָס וואָס מען האָט געוואוסט, האָבן חברה באַפּוצט מיט זייער פאַנטאַזיע, און ס׳האָט געשטאַרקט, ס׳האָט דערהויבן, און אַ סך האָבן זיך געוואונטשן, אויב ס׳איז באַשערט צו פאַלן אין קאַמף, זאָלן זיי פאַלן, ווי יענע לעגענדאַרע אויפשטאַנדלער.

און דאָ שטייט איינער פון יענע לעגענדאַרע גבורים, אַ לעבעדיקער פאַר זייערע אויגן. און ניט מיט מעכטיקע פּלייצעס, מיט אַ הויכער ברוסט, מיט שטאָלענע אָרעמס, נאָר אַ געוויינלעכער מיטלוואוקסיקער בחור, מיט שטאַרקע פינקלדיקע אידישע שוואַרצע אויגן, מיט גאַנץ גרויסע אויערן און ברייטע נאָזלעכער, וואָס הערן ניט אויף צו בלאָזן און צו שמאַרען, און בלויז איין האַנט ביי אים איז אַ געזונטע, די צווייטע, די לינקע, איז אויסגעדרייט צוריקצוואוועגס, און איז אומבאַוועגלעך, ווי אַ פּאַראַליזירטע. אין אַ זעלנעריש קנישן־היטל, אין אַ שוואַרצער לעדערנער קורטקע, און כאַקיהויזן אַריינגעלייגט אין די גרויסע שטיוול, מיט אַ פּיסטאָלעט אַריינגעשטעקט ביי דער זייט אין גאַרטל, איז ער געשטאַנען פאַר די פּאַרטיזאַנען און געשמייכלט צו זיי זייער וואַרעם מיט זיינע שטאַרק־פינקלדיקע שוואַרצע אויגן.

און זיין אַנטלויפן פון דער וואַרשעווער געטאָ, און זיין אָנקומען אַהער אויף דער אָכאָזשע, דאָס אַליין איז שוין געווען די געשיכטע פון העלדישקייט, וואָס האָט צו זיך גאַרניט קיין גלייכן.

דורך די וואַסער־לייטונג רערן, איז ער, הערשל, מיט זיין פרוי, דורכגעקראָכן, און אָנגעקומען אין אַ קוואַרטיר אַזאַ פון יענער זייט געטאָ, וואו

ס׳האָט זיך געפונען אַ פאַרטרעטער פון דער לינקער אונטערערדישער אָר־
גאַניזאַציע פ. פ. ר.

און די פ. פ. ר. האָט אים מיט זיין פרוי דעלעגירט צו די פּאַרטיזאַנען
אין דער אָכאָזשע. אָבער אין דאָרף ניט ווייט פון וואַרשע, האָבן די נאַציס
זיי ביידן געכאַפּט און אַריינגעזעצט אויף אַ באַן, אין אַ פאַרזיגלטן וואַגאָן,
צווישן אַ טראַנספּאָרט מיט אידן, וואָס איז געלאָפן קיין טרעבלינקאַ.

אָבער וואָס איז שוין אַ פּאַר׳חתמ׳עטער וואַגאָן פאַר אַ קעמפער פון
דער וואַרשעווער געטאָ? און בשעת די באַן, וואָס האָט געפירט צום טויט,
איז געלאָפן איבער די פעלדער, האָט ער מיט די אַלע איבעריקע אידן
אָנגעהויבן צו ברעכן די טיר. און זייערע הענט זיינען געווען אָפּגעשוואַכט
פון הונגער, פון שרעק, פון ווייניק לופט. אָבער אַז יעדער איינער האָט
צוגעלייגט אַ האַנט, אפילו זקנים און קליינע קינדער, האָט זיך די טיר נאָכ־
געגעבן, און אַלע אידן האָבן אָנגעהויבן צו שפּרינגען פון לויפנדיקן צוג.
ס׳איז געווען אין אַ שטאָק פינצטערער נאַכט.

און דאָ, ביים שפּרינגען פון וואַגאָן, וואָס זיין האַנט איז אויסגע־
דרייט געוואָרן אויף צוריקצואוועגס און אַזוי פאַרבליבן אויף שטענדיק.

און וואָס ס׳איז געוואָרן פון די אַלע אידן פון וואַגאָן, ווייסט ער ניט
מחמת ער האָט גע׳חלש׳ט. פון דעם ווייטאָג פון דער אויסגעדרייטער האַנט
האָט ער גע׳חלש׳ט, און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זיין פרוי גע־
זעסן לעבן אים אויפן פעלד, הינטערן אַנשיט פון די באַן־רעלסן.

הערשל האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענעם כוח צו רעדן צו מענטשן און
זיי באַווירקן. דעם פויער, וואָס האָט זיי ביידן אַריינגעלאָזט שפּעט אין
יענער נאַכט צו זיך אין כאַטע אַריין, האָט ער אַזוי צענומען מיט זיינע
שיינע און קלוגע רייד, אַז יענער האָט שוין אפילו מסכים געווען אויס־
צובאַהאַלטן זיין פרוי, וואָס פאַרמאָגט קיין שום אידישן שטריך ניט אין
איר אויסזען.

אַליין האָט ער זיך דערשלאָגן קיין מינסק־מאַזאָוויצק צו אַ פּוילישן
חבר פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, און יענער האָט אים איבער־
געשיקט צו אַן אַנדערן חבר אין אַ נאָענטן דאָרף. און אַזוי פון חבר צו
חבר, פון דאָרף צו דאָרף, האָט מען אים דורכגעשמוגלט אין דער פינצ־
טערניש פון די נעכט, ביז ער האָט דערגרייכט צו דעם פונקט, וואוהין
די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע האָט אים דעלעגירט, דאָס הייסט, צו דער
אָכאָזשע . . .

הערשל רובינשטיין האָט זיך גלייך גענומען צו פאַרשטאַרקן די מאָ־
ראַל פון דער גוואַרדיע לודאָוואַ אין דער אָכאָזשע. כאָטשבי אַ מערהייט

פון דער חברה האָט געשטימט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פאַר אָנשליסן זיך אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, אָבער משה ליכטנשטיין, וואָס האָט זיך באַזעצט מיט זיין וולאָדעווער חברה אויף אַ באַזונדער בערגל, האָט ניט געוואָלט הערן און ניט וויסן.

יחיאל האָט געוואָלט אַרומרינגלען די וולאָדעווער, זיי אַנטוואָפענען און שטעלן משה׳ן צו אַ פּאַרטיזאַנען געריכט, האָט אָבער וואַנקאַ ניט געלאָזט.

נאָר מיט געדולד, — האָט ער געזאָגט, — און מיט אויפקלערונג.

וואַנקאַ האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט הערשל רובינשטיינ׳ס אָנ־קומען אויף דער אַכאָזשע. ער האָט געהאָפט, אַז הערשל׳ען וועט זיך איינגעבן באַווירקן משה׳ן זיך אונטערוואַרפן דער אַלגעמיינער קאָמאַנדע.

הערשל רובינשטיין, פסח, יחיאל און וואַנקאַ, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום בערגל, וואו משה ליכטשטיינ׳ס שטאַב האָט זיך געפונען. ווי בלויז זיי האָבן אַרויפגעטראָטן אויפן בערגל, האָט מען זיי ניט געלאָזט קיין איין שפּאַן וויטער מאַכן. מען האָט געדאַרפט וויסן דעם פּאַראָל, און ווי האָבן יחיאל, הערשל און פסח געוואוסט דעם פּאַראָל, וואָס משה פלעגט אָפּ־מאַכן בלויז פאַר זיין חברה? מען האָט געלאָזט וויסן מאָטל דעם לאַנגען, און ער האָט זיי געהייסן דורכלאָזן.

אינעווייניק אין ציכטיק־ריינעםביידל, האָט משה, וואָס האָט זיך שוין גע׳בריה׳ט אומצוגיין אַ פּאַרפוצטער אפילו צווישן די בלאָטעס, אויפגע־נומען זיינע געסט קאַלט און חוצפּה׳דיק.

הערשל רובינשטיין, מיט זיין זעלטענעם טאַלאַנט פון רעדן צו מענטשן, האָט משה׳ן דערציילט, וועגן די קאַמפן אין דער וואַרשעווער געטאָ, וועגן דער פעסטער פאַראייניקונג פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּן, וועגן דער הילף, וואָס זיי האָבן געקראָגן בלויז פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער גוואַרדיע ליודאָוואַ.

אָבער משה׳ן, ווי ס׳וואָלט אים אין איין אויער אַריין, און צווייטן אַרויס.

— ס׳איז פּוסטע רייד, איך פאַראייניק זיך ניט מיט קיינעם, — האָט ער אַ זאָג געטאָן שטרענג און אָפּגעהאַקט, — די פּאָליאַקן ווילן זיך האָבן אַ „גוואַרדיע ליודאָווע״, זאָלן זיי זיך האָבן געזונטערהייט. איך מיט אַנ־טיסעמיטן קאָן זיך ניט פאַראייניקן.

איז הערשל רובינשטיין זייער געדולדיק, און דערציילט אים שוין פון דער אמת׳ער אַנטיסעמיטישער פּוילישער אָרגאַניזאַציע, וואָס גרינדעט איצט אומעטום אירע אייגענע קאַמפּס־גרופּן, אונטערן נאָמען „אַרמיי־

קראַיאָווא״. און דערפאַר טאַקע, אַלס אידן, דאַרף מען צושטיין צו דער גוואַרדיע ליודאָווא, וואָס באַשטייט פון דעמאָקראַטישע עלעמענטן.

— די דעמאָקראַטיע איז אין מיין ביקס, — האָט זיך משה אָפּגערופן חוצפּה׳דיק, — און מיט דער „אַרמיי קראַיאָווא״, וועלן מיר זיך אויך קאָנען איספּראַווען.

***

— אַ מאַניאַק פון זעלבסט־גרויסקייט, — האָט הערשל געזאָגט נאָכדעם ווי זיי זיינען אַוועק פון אים מיט גרויס פאַרדראָס, — מיר וועלן שוין דאַרפן גיין איבער זיין קאָפּ, מיט יעדן פון זיין חברה אינדיווידועל רעדן און באַווירקן.

משה ליכטנשטיין האָט אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז וואָס לענגער ער וועט זיצן אויף דער אָכאָזשע, אַלץ לויזער קאָן נאָך ווערן די דיסציפּלין אין זיין גרופּע, וואָס ער האָט מיט אַן אייזערנער האַנט אריינגעקלאַפּט אין זיי. און ער האָט זיך אינגאַנצן אויפגעהויבן און אַוועק פון דער אָכאָזשע.

אָבער אַ דריטל פון זיין חברה, צווישן וועלכע ס׳איז אויך געווען משה קצב, האָט ניט געוואָלט מיטגיין מיט אים און פאַרבליבן מיט די פּאַרטיזאַנען אונטער יחיאל׳ס קאָמאַנדע.

און שפּעטער מיט עטלעכע חדשים, האָבן זיך די אַוועקגעגאַנגענע וואָלאָדעווער חברה זיך געלאָזט הערן מיט זייערע העלדישקייטן פון יענער זייט בוג קעמפנדיק צוזאַמען מיט די סאָוועטישע אָטריאַדן, אָבער שוין ניט הינטער משה ליכטנשטיינ׳ס פירערשאַפט און אויך ניט אונטער מאָטל דעם לאַנגנ׳ס פירערשאַפט. מען האָט זיי ביידן געהרג׳עט. און זיי זיינען ניט געפאַלן אין אַן אַקציע, נאָר פשוט אין אַ קריגעריי מיט רוסישע פּאַרטיזאַנען, פון וואָלאָדקע׳ס גרופּע.

בחצי הלילה (אין אַ האַלבער נאַכט)

און דאָ זיינען די פּאַרטיזאַנען אין דער „אָכאָזשע״ מיט דעם הויפּטשטאַב, וואָס האָט זיך געפונען אין די פאַרצוואָרענע וועלדער געווען אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. דער ראַדיאָ־קאָנטאַקט מיטן אַלגעמיינעם פּאַרטיזאַנישן שטאַב אויף דער גרויסער ערד, וואָס דאָס האָט געמיינט סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז שוין פון לאַנג געווען טויט. מען האָט מיט עט־

לעבע חדשים צוריק פאַרלוירן, בשעת אַ דייטשישער אַבלאַווע, דעם שיפּ־רירטן קאָוד, די געהיימע אָפּגעמאַכטע שפּראַך.

און דאָ דאַרף מען אויפרייסן בריקן און אייזנבאַנען און ס׳איז ניטאָ מיט וואָס. און די באַנען מיט מיליטערישע דייטשישע טראַנספּאָרטן לויפן אומגעשטערט איבער אַלע ליניעס. און איבער די בריקן פירן די פויערים קאָנטיגענט צו די הויפּט־סקלאַדן, און שטאָפּן אָן די דייטשן מיט תבואה, מיט פליישן, מיט פוטער, מיט אייער און מיט דעם פעטס פון דער פוילישער ערד.

און דער קלוגער איד, רב יאַנקל האַלאַוונער, מיט וועמען מען האָט זיך זייער אָפט באַראַטן וועגן פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע און אויך מיליטערישע ענינים, האָט געראַטן, מען זאָל פּשוט ברענען די בריקן, אויב ס׳איז ניטאָ קיין ספּעציעלער אויפרייס־שטאָף. און וועגן די באַן־ליניעס, זיך צעוואַרפן אויף פאַרשיידענע סטראַטעגישע ערטער, אויס־גראָבן די ברעווענעס (קלעצער), און די רעלסן אויפשרויפן.

און אין איין נאַכט האָט מען זיך פאַרלייגט אויף פיר בריקן. אַ נאַכט פון קאָנצענטרירטער אַקציעס איז דאָס געווען, און באַטשאַן האָט תיכף נאָכ־דעם געשאַפן אַ לידעלע צוליב דער דאָזיקער נאַכט, און געזונגען דאָס מיטן נוסח פון „ויהי בחצי הלילה״, וואָס אין דער הגדה:

בחצי הלילה, בחצי הלילה,
האָבן מיר זיי געצונדן, האָבן מיר זיי געברענט
מיט די הוילע הענט.
בחצי הלילה, בחצי הלילה,
געמאַכט פון זיי אַ תל,
געשונדן פון זיי די הינטישע פעל,
בחצי הלילה, בחצי הלילה. . . . .
אַ רוח אין זייער טאַטנס מאַמעס אַריין.
אַלע פרעה׳ס מכות זאָלן אויף זיי זיין,
בחצי הלילה, בחצי הלילה.

און אין דער דאָזיקער קאָנצענטרירטער נאַכט, האָט יחיאל צעטיילט די גאַר דערפאַרענע פאַרטיזאַנען אין פיר גרופּעס. איינע אַוועקגעשיקט הינטער ווישניץ, אַ צווייטע הינטער לעווערטאָף, אַ דריטער הינטער וולאָדעווע, און אַ פערטע הינטער פאַרצעווע.

און הינטער פאַרצעווע איז געווען דער גרעסטער בריק פון אַלע, און אַהינצו האָט יחיאל געשיקט פופציק פון די אויסגעפּרוואוסטע חברה מיט

פסח׳ן אין דער שפּיץ. נאָכדעם וואָס זיי האָבן שטילינקערהייט קאַלט גע־מאַכט די צוויי דייטשישע וואַכליים ביים בריק, האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין דערבייאיקן דאָרף מיט גרויס שטורעם. ס׳איז טאַקע געווען בחצי הלילה, אין אַ האַלבער נאַכט. אַ הימל אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן און אַזאַ שטילקייט און פרידלעכקייט איבערן גאַנצן דאָרף. אַ קילע נאַכט נאָך אַ הייסן זומער־טאָג.

— שפּאַנט די פערד! שפּאַנט די פערד! — זיינען די אידישע פּאַרטי־זאַנען געלאָפן פון כאַטע צו כאַטע און געקלאַפּט מיט די ביקסן אין די טירן.

און באַטשאַן האָט נאָכגעמאַכט די קלויסטער־גלעקער:

— באָם גלאָן, באָם גלאָן, שטייט אויף מענטשן, גיכער, שנעלער, באָם־גלאָן, באָם־גלאָן . . .

און לייזער סוכאַר, אַ גבור אַ איד, אַ בהמה־סוחר פון פּאַרצעווע, מיט אַ געדיכטער צעפּאַטלטער געלער באָרד, האָט געטראָגן אַ שווערן לאָם (ברעך־אייזן) אויף די פּלייצעס, געשטאַנען אינמיטן דער גאַס און גע־שריען מיט זיין מעכטיקער, באַסאָווער שטימע איבערן גאַנצן דאָרף:

— שטרוי, מענטשן, ש־ט־רו־י . . .

נח׳קע האָט אַריינגעלייגט ביידע פינגער אין מויל און זיך צעפייפט מיט אַן אויסגעצויגענעם, בלוט־פאַרגליווערנדיקן פייף.

און צענדליקער פורן אָנגעלאָדן מיט שטרוי, האָבן זיך געצויגן צום בריק, און די פויערים האָבן געמאַכט כיטרע איינער צום אַנדערן:

— מיר זיינען ניט שולדיק. די פּאַרטיזאַנען האָבן אונז מיט ביקסן געצוואונגען. אַזוי וועלן מיר זאָגן די דייטשן.

אָבער צוקומענדיק צום בריק, האָבן זיי שוין ניט אויסגעקוקט, ווי מען צווינגט זיי. זיי זיינען געלאָפן מיט שמחה, אונטערגעאיילט איינער דעם אַנדערן און געשריען:

— גיכער! גיכער! די נאַכט שטייט ניט . . .

דאָס פּאַרברענען דעם בריק, האָט געמיינט פאַר זיי אָפּכאַפּן דעם אָטעם פאַר אַ צייט, און ניט דאַרפן פירן קאָנטיגענט אין שטאָט אַריין. האָבן זיי שוין געאַרבעט מיט גרויס פלייסיקייט, און באַלייגט מיט סנאָפּעס שטרוי אין דער גאַנצער לענג פון דעם בריק.

לייזער סוכאַר, דער בהמה־סחור פון פּאַרצעווע, האָט געהאַקט מיטן לאָם אין די באַליעס, געמאַכט גרויסע לעכער אין דער גאַנצער לענג פון בריק כדי ס׳זאָל זיך שאַפן אַ צוג־ווינט און ציען דאָס פייער פון איין עק ביז׳ן אַנדערן.

די פּאַרטיזאַנען זיינען געקראָכן מיט באַנקעס בענזין און באַשפריצט

יעדעס שטיקעלע האָלץ. דאָס שוועבעלע האָט געוואָרפן באַטשאַן און האָט זיך צעזונגען, ווי מען זינגט איבער דער הבדלה:

— „ברוך אתה ה׳ אלוהנו מלך העולם בורא מאורי האש". געבענטשט ביזטו גאָט, אונזער גאָט, דער מלך פון דער וועלט, דער באַשאַפער פון פייער, וואָס מאַכט ליכטיק.

ס׳האָט אַ פלאַקער געטאָן די גאַנצע נאַכט. דער טייך אונטן האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען מיט רויטע פלאַמען. די דייטשן אין פאַרצעווע האָבן גלייך באַמערקט דאָס פייער און אָנגעהויבן פון דאָרטן צו שיסן. אָבער די פלאַמען־פייער האָבן זיך ניט דערשראָקן פאַרן שיסעריי, זיי האָבן זיך געטאָן זייערס, געפלאַקערט און געקנאַקט און אַרומגעלעקט יעדעס שטיקעלע האָלץ, אַרום און אַרום.

די פאַרטיזאַנען האָבן זיך גלייך אָפּגעטראָגן פון ברענענדיקן בריק, און דעם גאַנצן וועג צום וואַלד האָבן זיי געשניטן די דראָטן פון די טעלעפאָן סלופּעס.

און אַז ס׳איז געקומען דער פאַרטאָג און זיי זיינען אַריין אין וואַלד, פאַררויכערטע, פאַרשוויצטע, איז זיי אַנגעלאָפן אַנטקעגן דאָס האָלישקער יאָטל, אברהמ׳ל, מיט אַ באַפעל פון יחיאל׳ן אויסצודרייען צו גראַבאָווקאַ...

מיינט ניט, אַז די וועלט איז הפקר...

הינטער גראַבאָווקאַ האָבן זיי אָנגעטראָפן יחיאל׳ן מיט אַ גרופּע פאַרטיזאַנען, פּוילישע און אידישע. ער האָט אויסגעקליבן צווישן דער חברה פופצן שטיק. ניין פּוילישע און זעקס אידישע, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך אויך געפונען פּסח, און זיי באַשטימט אויף אַ וויכטיקער שליחות צו דעם וואַלד הינטער שעדליץ.

ס׳איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון שטאַב, אַז הינטער שעדליץ, האָט אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן געמאַכט אַ זשוט (אַן אַראָפּוואַרף) פון אויטאָמאַטישע ביקסן, און די דאָרטיקע פאַרבינדלער האָבן דאָס פאַרגראָבן אויף אַ זיכער אָרט אין וואַלד.

ווען יחיאל מיט דער חברה, אָפּטאָגנדיק הינטער גראַבאָווקאַ, האָט זיך געוואָלט לאָזן אין וועג אַריין אונטערצופירן די געשיקטע פאַרטיזאַנען, איז אָנגעלאָפן די דאַניכע, מיט אירע דאַרע פאַרבלאָטיקטע פיס, מיט פאַרקאַטשעטע קליידלעך. מיט אַ גדולה איז זי אָנגעלאָפן:

— אין זאַהאַיקע איז אַ חתונה.

— איז וואָס־זשע, אַז אין זאַהאַיקאַ איז אַ חתונה? — האָט יחיאל גע־וואָלט מיט איר זיך אַ רייץ טאָן.

— וואָס מיינסטו, וואָס־זשע איז, אַז ס'איז אַ חתונה? — האָט יענע זיך צעשריען אויפן קאָמאַנדיר, — דער מסור, סטאַשעק, מאַכשעמוי (ימח שמו), מאַכט חתונה זיין שוועסטער, און דייטשן זיינען דאָ אויף דער חתונה און מען קאָן זיי פּאַקן איצט, אַז קיין האָן זאָל קיין קריי ניט טאָן.

אין דאָרף זאַהאַיקע איז זי געבוירן געוואָרן. דאָרטן חתונה געהאַט, געבראַכט קינדער אויף דער וועלט און געפירט מיט איר מאַן אַן אָרעמע באַלעבאַטישקייט. דעם מאַן האָבן די דייטשן דערשאָסן. זי, מיט איר זון, ברוכ'ן, דעם גבור אין דער ברייט, מיט אירע צוויי טעכטער, שפּרינצע און טויבקע, מיט דעם זאַהאַיקער יתומ'ל, אויף וועמען זי האָט אַכטונג גע־געבן, באַכדעם וואָס מען האָט זיין טאַטע און מאַמע דער'הרג'עט, זיינען אַנטלאָפן אין נאָענטן וואַלד, און דאָרטן זיך אויסבאַהאַלטן. אָבער זי האָט שוין שטענדיק געהאַלטן אַן אויג אויף איר כאַטע, וואָס זי האָט אָפּגע־געבן אַ באַקאַנטן פּויער. געקומען אָפט אין דאָרף אַריין, ווען קיין דייטשן זיינען ניט געווען און נאָכגעקוקט צי אַלץ איז גאַנץ אין איר באַלעבאַטיש־קייט, צי דער פּויער, וואָס איז געוואָרן דער באַלעבאָס איבער איר גוטס, האָט חס וחלילה ניט פאַרקויפט עפּעס פון איר מעבל, צי פּאַשעט ער גוט איר קיעלע, צי ס'פעלט ניט קיין ברעט אין דער סטאָדאָלע.

זי האָט געהאַט גרויסן בטחון, אַז זי וועט נאָך צוריק אָפּנעמען איר באַלעבאַטישקייט, זאָל מען נאָר פאַרטרייבן די דייטשן. דערווייל איז זי געגאַנגען אַלעמאָל געוואויר ווערן אין איר דאָרף, און פלעגט אַלעמאָל צוריקקומען אין אַכאָזשע און יחיאל'ן ניט געלאָזט צורו.

— וואָס ליגסטו זיך אין דער אַכאָזשע? — האָט זי אַלעמאָל געשריען אויף יחיאל'ן, — אין זאַהאַיקע זיינען דאָ דייטשן. הרג'ע זיי. איך וועל דיך פירן אַהין.

און אַז קיין דייטשן זיינען ניט געווען אין זאַהאַיקע, האָט זי גלאָט אַזוי געוואָלט מען זאָל גיין קיין זאַהאַיקע און זיך אָפּרעכענען מיט די מוסרים.

אַז מען איז אָנגעפאַלן אויף אַנדערע דערפער, האָט זיך דאָס ביי איר ניט גערעכנט. זאַהאַיקע, דאָס איז ביי איר דער עיקר. זאָל מען גיין אויף זאַהאַיקע. זאָל מען אַרומרינגלען זאַהאַיקע. זאָל מען כאַפּן אַלע מוסרים פון זאַהאַיקע.

און די זאַהאַיקער אידן, וואָס האָבן זיך געפונען צווישן די פּאַרטיזאַנען אויף דער אַכאָזשע, זיינען אַלע געווען גבורים איינס און איינס. די פיר

זאַהאַיקער ברידער: נאַטע, טולי, מאַניק און זאַלי, זיינען געווען די שרעק פון אַלע מוסרים.

און פון אַלע פיר ברידער האָט זיך געהערט ווייט און ברייט צווישן אַלע פויערים, מאַניק. מאַניק איז געווען נאָך אַ אינגל, עלף יאָר אַלט אינגאַנצן. פון 1941, ווען ער איז נאָך קיין ניין יאָר ניט אַלט געווען, האָט ער זיך שוין אויסבאַהאַלטן אין וואַלד מיט טאַטע און מאַמע און מיט זיינע ברידער. און צוויי יאָר אין וואַלד האָבן געמאַכט פון אים אַ באַזונדערע מענטשלעכע באַשעפעניש, אַ מענטשלעכע באַשעפעניש מיט גאָר אַ שאַרפן געהער און חוש הריח, מיט אַ גוואַלדיקער פלינקייט אין די ביינער, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פיאיקייט, ווען ס׳איז אויסגעקומען צו אַטאַקירן דעם שונא.

און אויסגעקוקט האָט מאַניק אויך באַזונדער. אַ אינגל פון עלף יאָר, און זיינע טינט־שוואַרצע אויגן, אַזוינע האַרטע, אַזוינע אומ׳ברחמנות׳־דיקע. די האָר ביי אים, זייער דיקע, זייער פעטע, זיינען געוואקסן אויף זיין קאָפּ אין דער פאָרמע פון אַ יאַרמולקע, ווי ביי אַ פּאַרצייטיקן מענטשן אַ סקיף, וואָס מען זעט אויף די בילדער אין די רוסישע געשיכטע־ביכער. קיין שטערן האָט מען ניט געזען ביי אים, נאָר עפּעס אַ שמאָל פּאַסיקל, און די געדעכטע ברעמען זיינען ניט געווען אָפּגעטיילט, נאָר ווי איין לאַנגע אויסגעצויגענע ברעם, די באַקן־ביינער שפּיציקע, ווי ביי אַ מאָנגאָל, און ער איז געווען הויך, דין און הויך, מיט לאַנגע אויערן, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם פּאַטראָנען־טאַש, מיט גראַנאַטן הענגענדיק פון די ספּעציעל צוגעמאַכטע רימענס אויפן גאַרטל, מיט אַ גרויסער ביקס אויף די פּלייצעס.

און שיסן האָט ער געקאָנט אַזוי גיך, ווי דאָס אויג גיט אַ בליק. און ווען ער האָט געקוקט מיטן אויג און געצילעוועט זיך, האָט מען שוין געוואוסט, אַז ער וועט טרעפן און וועט טויטן.

מען האָט אים גערופן דער זאַהאַיקער פּאַצאַן, אָבער ניט אין די אויגן, מחמת ער האָט ניט געוואָלט לײַדן, געקאָנט דערלאַנגען מיט זיינע ביינערדיקע, גאַרניט קינדערשע פויסטן שטאַרקע קלעפּ. געוואָלט מען זאָל אים האַלטן פאַר אַ גרויסן, אפילו געמאַכט אַ „לחיים״, ווי אַ גרויסער.

עפּעס יאָ אַ אינגל און ניט קיין אינגל. די פּלייצעס ניט פון קיין אינגל. דווקא ניט קיין צו ברייטע, אָבער דערפאַרענע פּלייצעס. אַט־די פּלייצעס האָבן זיך געקאָנט אַ קער טאָן, אַזוי אומגעריכט, מען זאָל גאָרניט וויסן פונוואַנעט. זיין פּנים איז יאָ געווען אינגליש, אָבער אַזאַ אינגלשקייט, וואָס דערשרעקט. אַזוינע פּנים׳ער האָבן מיר געזען ביי געוויסע

בעזפּריזאָרניקעס (וואָרלאָזע) אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין די ערשטע יאָרן נאָכן בירגער־קריג.

***

ס׳איז געווען פריילעך ביי סטאַשעק׳ן דעם מסור אין הויז, און אַרום הויז. דאָרפישע קלעזמער האָבן דאָרטן געשפּילט פאַרשיידענע טענץ. די יוגנט האָט באַקלעפּט אַלע פענצטער און אַריינגעקוקט אינעווייניק. אַכט דייטשן, סטאַשעק׳ס בוזעם־פריינט, צעפּאַרעטע, צעיאַכמערטע, האָבן גע־טאַנצט אינעווייניק אין הויז מיט די פּוילישע יונגע מיידלעך.

ווי פּלוצלונג יאָווען זיך אַריין פינף אידישע פּאַרטיזאַנען, גאַלע זאַ־האַיקער: גוטע, טולי, מאָניק, זאַלי און ברוך.

— הענט אין דער הויך! — האָט אַ געשריי געטאָן מאָניק מיט זיין אינגלש קול׳כל, אָבער זיינע אויגן זיינען שוין ביט געווען אינגלש, אַ שרעקלעכקייט האָט אין זיי געברענט, הפקר׳דיקייט און נקמה.

— דער זאַהאַיקער פּאַצאַן! דער זאַהאַיקער פּאַצאַן! — האָט געגעבן אַ לויף דורך אַ ציטער צווישן אַלע געסט אין הויז.

מען האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען דורך די פענצטער. די פרויען האָבן אויפגעהויבן גרויסע געוואַלדן. די זאַהאַיקער פינף חברה האָבן מורא געהאַט צו שיסן, כדי ניט טרעפן קיין אומשולדיקן פּויער, אָבער אויף די הויפּט־מחותנים, די דייטשן, און סטאַשעק׳ן, האָבן זיי שוין גוט גע־האַלטן אויפן אויג.

סטאַשעק איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן אויך אַריבערשפּרינגען דעם פּלויט, און ער וואָלט שוין גע־ווען פאַרלוירן געגאַנגען אין דער פינצטערניש, אָבער מאָניק, פּונקט ווי דאָס אויג גיט אַ בליק, אַזוי שנעל האָט ער אים נאָכגעשאָסן, און יענער איז געפאַלן פון יענער זייט פּלויט.

און די אַכט דייטשן האָט מען דערשאָסן איינציקווייז פאַר אַלעמען אין די אויגן. פּונקט ווי די דייטשן פלעגן דערשיסן אידן פאַר אַלע פּויערים אין די אויגן.

נח׳קע מיט באַטשאַנ׳ען האָבן דערווייל געראַמט. אַרויסגעטראָגן פון שטוב אַלע פלעשער מיט בראָנפען, און דאָס געבעקס, און אַ גאַנצן מול־טער מיט כאָלאָדיעץ, און מען האָט געפּראַוועט ערשט די חתונה איב־דרויסן, מיט אַלע פּויערים, ניט פון די איינגעלאַדענע געסט.

און די דאָניכע איז אַרומגעגאַנגען צווישן עולם, פאַר די גוטע פריינט און באַקאַנטע, זיך העפלעך פאַרנויגט, און געוואונטשן אַלדאָס גוטס, צו

אַנדערע, וואָס זי האָט חושד געווען, אַז זיי זיינען פאַרביסענע און שלעכטע, האָט זי זיך אויך פאַרנויגט און געזאָגט:

— איר האָט שוין געמיינט, אַז די דאָנעכע איז טויט. איך בין ניט טויט. איך לעב נאָך, און וועל לעבן, און מיינע קינדער וועלן לעבן. און מיר וועלן זיך אומקערן אין דאָרף אַריין, און נאָך אָפּנעמען אונזער כאַטע, און די קי, און די פערד, און מיר וועלן באַצאָלן וועמען ס׳קומט. מיינט ניט, אַז די וועלט איז הפקר...

לאָמיר זיך צעלויפן...

יאַנעק דער ווירקער, וואָס מען האָט זיין כלה, וואַיטיק׳ס טאָכטער, פאַרשיקט טיף קיין דייטשלאַנד אויף שקלאַפן־אַרבעט, איז געווען דער פירער פון דער גרופּע פון די פּופּצן.

און די דאָזיקע פּופּצן זיינען אַלע געווען פון די גאָר אויסגעפּרואווטע פּאַרטיזאַנען. די זעקס אידן צווישן זיי: דאַניס דער סאַסנאָוויצער, שלמה דער סטאָליער, עליע פאַרצעווער, דער סאַלטיס פון נעבין, אהרן דער פּטשעוואָלקער און פּסח. זיינען אַלע געווען אַזוינע חברה, וואָס מען קאָן זיך שוין אויף זיי פאַרלאָזן.

זיי זיינען שוין געווען, די פּופּצן חברה, ביי אַ פּופּצן קילאָמעטער פון דעם אָרט, וואו די אויטאָמאַטן זיינען געווען באַהאַלטן, אָבער ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן און זיי זיינען אַריין צו אַ פּויער אין אַ דאָרף איבער־שטיין ביי אים אין כאַטע דעם טאָג.

דעם פּויער מיט זיין גאַנצער פאַמיליע האָבן זיי ניט אַרויסגעלאָזט אינדרויסן, אָבער דאָס אינגסטע בחור׳ל, פון אַ יאָר אַכט, האָט זיך אַרויס־גע׳גנב׳עט דורכן בוידעם, און איז געלאָפן צו די שכנים דערציילן, אַז ביי זיי אין שטוב געפינען זיך פּופּצן מענטשן באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז אין די פיס.

באַלד איז די כאַטע אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַרום פינף און זי־בעציק פויערים, אַלע מיט ביקסן, און זיי האָבן געסטראַשעט צו פאַר־ברענען די שטוב מיט אַלע מענטשן אין איר, אויב עמיצער וועט ניט אַרויסגיין, זיך דורכריידן מיט זיי.

— מיר זיינען פּאַרטיזאַנען פון דער גוואַרדיע לודאָוואַ, — איז יאַנעק אַרויסגעגאַנגען צו זיי אינדרויסן, — מיר קומען פון די קאַפּלינאָסער וועלדער.

— אויב אַזוי זייט איר אונזערע שונאים, — האָט געענטפערט דער פירער פון דער באַנדע, וואָס האָט ניט אויסגעקוקט ווי קיין פויער, נאָר ווי איינער פון די פּוילישע אדעל־לייט, — מיר זיינען פון דער אַרמיי־קראַיאָווא.

— וואָס פאַר אַ שונאים זיינען מיר אייך? — האָט יאַנעק געענטפערט.

— פאַרקערט, מיר זיינען פריינט. מיר האָבן אַ געמיינשאַפטלעכן ציל.

— אָבער איר זענט צוזאַמען מיט די אידן און די קאָמוניסטן, און אידן און קאָמוניסטן זיינען שונאים פון פּוילישן פאָטערלאַנד.

— אונזער שונא פון פאָטערלאַנד איז בלויז דער נאַצי, — האָט יאַנעק געענטפערט מיט הארץ, — ווער פאַרברענט אונזער האָב און גוטס? ווער הענגט אונזערע מענטשן? ווער שענדעט אונזערע טעכטער? ווער פאַר־שיקט אונזערע קינדער אין שקלאַפעריי? און ווער ס׳דערלאַנגט זיי צוריק, איד צי פּוילישער, צי קאָמוניסט, געבענטשט זאָלן זיין זיינע הענט! ווער רייסט אויף די מיליטערישע באַנען? ווער דערלאָזט ניט, אַז זיי זאָלן אַוועקשיקן די גערויבטע תבואות פון אונזער ערד קיין דייטשלאַנד, איד צי פּוילישער, צי קאָמוניסט, געבענטשט זאָלן זיין זיינע הענט!

— דו רעדסט צופיל, — האָט דער אַנפירער זייערער געענטפערט סטראַשענדיק, — בעסער גיט אָפּ דאָס געווער אי דאָס שוין, און גייט אייך פונוואַנעט איר זענט געקומען.

— גיב אונז צייט זיך דורכצורעדן צווישן זיך, — האָט יאַנעק זיך געבעטן, זעענדיק, אַז קיין שום רייד וועלן דאָ ניט העלפן.

— כ׳גיב אייך פינף מינוט צייט, — האָט יענער אַ הוקע געטאָן.

אין דער דאָזיקער קורצער געאיילטער באַראַטונג, וואָס איז פאַר־געקומען צווישן די פּופּצן איבעוויניק אין כאַטע, איז פּסח געווען אַבסאָלוט קעגן, מען זאָל אָפּגעבן דאָס געווער.

— פאַרשטייט איר דען ניט, — האָט פּסח געשטורעמט, — אַז נאָכ־דעם וואָס מיר גיבן זיי אָפּ אונזער געווער, הרג׳ענען זיי אונז ביז איינעם. האָט איר שוין פאַרגעסן וואָס וואַנקאַ און הערשל רובינשטיין האָבן גע־זאָגט, אַז די „אַרמיי קראַיאָווא" איז ניט בעסער פון די נאַציס. כ׳בעט אייך, חברים, לאָמיר ניט אָפּגעבן אונזערע ביקסן. לאָמיר עפענען אויף זיי אַ פייער אַלע מיט איינמאָל, אַרויסרייסן זיך פון דער כאַטע און זיך צעלויפן.

— ס׳גלויבט זיך מיר עפּעס ניט, — האָט זיך יאַנעק גוואַלדיק פאַר־לוירן, — זיי זיינען דאָך אונזערע אייגענע פּוילישע ברידער. זיי וועלן ניט טאָן אַזאַ זאַך.

— צוליב וואָס ווילן זיי, מיר זאָלן זיי אָפּגעבן אונזער געווער? —

האָט פסח געפרעגט זייער שאַרף, — האָבן זיי דען ניט אַלע זייערע אייגן געווער?

— איך, אידן, שרעקט זיך שטענדיק צופיל, — האָט זיך אָנגערופן יוזיק, אַ פוילישער בחור, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען איבעריק פריינט־לעך צו די אידישע פּאַרטיזאַנען, — פוילישע מענטשן זיינען ניט קיין מערדער, ווי די נאַציס. לאָמיר אָפּגעבן אונזערע ביקסן, און פאַרטיק.

— אָבער, חברים! — האָט פסח אַזש געוויינט, — פאַרשטייט איר ניט . . .

— נאָך אַ האַלבע מינוט! — האָט מען געשריען פון דרויסן.

ס׳האָט גלייך אויסגעבראָכן אַ פּאַניק צווישן די פופצן. יוזיק האָט אויפגעריסן די טיר, און דער ערשטער אַרויסגעוואָרפן זיין ביקס. די איבעריקע האָבן אים גלייך נאָכגעטאָן.

— וויבאַלד די פופצן חברה האָבן אָפּגעגעבן זייער געווער, ווי זיי זיינען גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע פויערים, און ס׳האָט זיך דערהערט אַ באַפעל:

— אייערע הענט אין דער הויך, און מאַרש!

— האָסט דאָך אונז צוגעזאָגט, אַז דו וועסט אונז לאָזן פריי? — האָט יאַנעק אַ געשריי געטאָן.

— איך האָב דיר צוגעזאָגט גאָרניט, — האָט דער פירער פון דער באַנדע געענטפערט ברוטאַל.

פסח׳ן האָט זיך אָפּט מאָל גע׳חלום׳ט אין זיין שלאָף, ווי די נאַציס כאַפּן אים, און פירן אים צום טויט, און ווי ער שפּאַנט מיט די הענט אין דער הויך, און זיין רוקן רעכט זיך יעדע סעקונדע געטראָפן ווערן פון אַ קויל. איצטער איז אויסגעקומען פונקט אַזוי ווי אין זיינע קאָשמאַר־חלומות. ער שפּאַנט מיט די הענט אין דער הויך און זיין רוקן רעכט זיך איצט יעדע סעקונדע געטראָפן ווערן פון אַ קויל. אפשר איז דאָס גאָרניט אין דער וואָר? אפשר שלאָפט ער גאָר, און ער דאַרף זיך נאָר אויפכאַפּן, און ער וועט דערזען, אַז ס׳איז געווען בלויז אַ שרעקנדיקער חלום? ניין, ס׳איז ניט קיין חלום. די זון שיינט אַזוי העל; דער הימל אַזוי טיף בלוי און שנייאיקע געקרייזלטע וואָלקנס ליגן זיך אַזוי פרידלעך ביים האָריזאָנט.

איז דאָס טאַקע דער סוף? — האָט ער זיך געפרעגט. ניין, ס׳קאָן ניט זיין. ער וועט לעבן. ער מוז לעבן! ער און סאָניע מוזן לעבן!

— חברים! — האָט פסח אַ געשריי געטאָן, ווען מען האָט זיי גע־בראַכט אויף אַ קליין שטיק פעלד אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט וואַלד. — חברים! צעלויפט זיך אין אַלע זייטן.

יעדער צעל אין זיין בלוט האָט צו אים געשריען: „לויף, פּסח, לויף"...

ווי לאַנג האָט אים גענומען צו דערגרייכן דעם ראַנד פון וואַלד? הונדערט יאָר האָט דאָס אים גענומען. אפשר מערער פון הונדערט יאָר. אַן אייביקייט האָבן געדויערט די צען סעקונדן ביז די ערשטע ביימער אויפן ראַנד פון וואַלד...

„כאַפּט אים! כאַפּט אים!", האָט מען געשריען און געשאָסן. און דער גאַנצער וואַלד האָט ווידערגעקול׳ט און ווידער־געשאָסן... ער איז אַריין אין אַ געדעכטעניש פון דעמבעס. ער איז געקראָכן אויף אַלע פיר צווישן דער געדעכטעניש. ער האָט דערהערט ווי מען לויפט און מען סאָפּעט... האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ געדיכט־באַוואַקסענעם דעמב. „כאַפּט אים, כאַפּט אים!" זיינען די קולות און ווידער־קולות, גע־וואָרן שוואַכער און שוואַכער.

ווי לאַנג זיצט ער שוין פאַרשטעקט אויף דעם דאָזיקן בוים? וואָס פאַר אַ שעה פון טאָג איז איצט? איז דאָס נאָך אַלץ אין דער פרי? אָדער ס׳איז שוין זייער שפּעט אין טאָג? ווען די נאַכט שוין קיין מאָל ניט קומען?... און פּלוצלונג, — אַ פייער מיט אַ ביקס. אַ פייער מיט זייער געדיכטע געלע וואָנצעס. ער זוכט אים, פּסח׳ן, דער דאָזיקער פייער. מיט כיטרע אייגעלעך קוקט ער צו די ביימער און האַלט זיין ביקס גרייט...

עפּעס אַזוינס האָט זיך שוין פּסח׳ן געטראָפן. אין וואַלד לעבן סטע־פּאַנס פּאַשע־פעלדער. אָבער דעמאָלט האָט ער ניט קיין שפּרונג געטאָן פון בוים מיט זיין גאַנצער משא אויף זיין שונא. איצטער וועט ער שפּרינ־גען... זאָל נאָר יענער צוקומען נעענטער צו זיין בוים...

ער האָט אַ שפּרונג געטאָן... געפאַלן אויפן פייער מיט זיין גאַנצער משא, מיט דעם פאַרצווייפלטן כוח פון געיאָגטן... אַ הייסן האַלדז האָבן פּסח׳ס אַלע צען פינגער אַריינגעכאַפּט...

און דערנאָכדעם? דערנאָכדעם איז פּסח געלאָפן. מיט דעם דער־שטיקטן פייערס ביקס איז ער געלאָפן... ער איז געלאָפן און געוועזן זייער שטאַרק דורשטיק. דער דורשט האָט אים אַזוי געברענט, אַז ער האָט דאָס גאַרנישט געקאָנט אויסהאַלטן... און אַז ער האָט דערזען אַ הריטשקעלע, האָט ער געקניט אויף אַלע פיר און געזופּט מיט זיינע פאַר־שמאַכטע ליפּן די קאַלטע וואַסער פון הריטשקעלע... און דערנאָכדעם? דערנאָכדעם איז ער ווידער געלאָפן. געלאָפן און געוויינט...

***

געראָטעוועט זיך צוריק צו דער אָכאָזשע אַחוץ פּסח׳ן, האָבן זיך אויך עליע דער פאַרצווער און ראובן דער פשעוואָלקער. וועגן די איבעריקע,

האָבן די פאַרבינדלער פון יענע מקומות נאָך דעם באַריכטעט, אַז זיי זיינען אַלע אומגעקומען. זיי האָבן געפונען די צוועלף טויטע קערפּערס אויפן שטיק פעלד אין וואַלד, זייערע רוקנס דורכגעלעכערט פון קוילן.

נאָר געדולד און אויפקלערונג . . .

און בשעת די פּופּצן זיינען געווען אויף זייער וועג צו די שעדליצער וועלדער, האָט וואַנקאַ קירפּיטשניק מיט אַ גרופּע פּוילישע פּאַרטיזאַנען זיך געלאָזט איבער די דערפער צו אַגיטירן פאַר דער גוואַרדיע לודאָווא. זיי האָבן אָנגעטראָפן אומעטום פּשוטע פּויערים, וואָס זיינען געווען זיכער, אַז די אַרמיא קראַיאָווא איז דאָס זעלביקע, וואָס די גוואַרדיע לודאָווא. און אַז וואַנקאַ האָט זיי געפרעגט, וואָס אַזוינס זיי טוען אויף, האָבן זיי געענטפערט תמימות׳דיק:

— דערווייל טוען מיר נאָך גאָרניט אויף. מיר וואַרטן אויף באַפעלן, און אַז די באַפעלן וועלן קומען, וועט דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק אויפשטיין ווי איין מענטש און מיר וועלן אָנטרייבן די דייטשן.

— און ווער וועט אייך געבן די באַפעלן ? — האָט וואַנקאַ געפרעגט.

— אונזערע עלצטע.

— און ווער זיינען אייערע עלצטע ?

האָבן די פּויערים אָנגערופן נעמען פון פּריצים און פון געוועזענע פּאָליציי־באַאַמטע אין זייער געביט.

*
**

„נאָר געדולד און אויפקלערונג״, האָט וואַנקאַ געזאָגט און ער איז געגאַנגען מיט זיין גרופּע פּוילישע פּאַרטיזאַנען פון דאָרף צו דאָרף און מיט פיל געדולד אויפגעקלערט און געדופן די פּויערים זיך אָנשליסן אין דער גוואַרדיאַ לודאָווא. ס׳איז אָבער געווען שניט־צייט און זייער ווייניק האָבן זיך אָנגעשלאָסן. זיינע רייד זיינען אָבער געווען ווי קערנדלעך פאַרזייט אין פרִיש אויפגעאַקערט פעלד, מיט דער צייט וועלן זיי זיך אָנבעמען. און זיי האָבן זיך אָנגענומען. האַרבסט צייט זיינען אַ סך יונגע פּויערים אַוועק צו דער גוואַרדיאַ לודאָווא . . .

— נאָר געדולד און אויפקלערונג, — האָט וואַנקאַ ווידער געלערנט

די פּאַרטיזאַנען אויפֿן טרויער־מיטינג נאָך די געפֿאַלענע צוועלף חברים לעבן די שעדליצער וועלדער.

צו דעם טרויער־מיטינג האָט מען צונויפֿגערופֿן פֿאַרשטייער־פֿויערים פֿון אַלע אַרומיקע דערפֿער, און וואַנקאַ האָט גערעדט, און דער פּוילישער אויבערשלעזישער קוילן־גרעבער, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן צו־נאָמען טיפּוס, האָט גערעדט, און אויך הערשל רובינשטיין. זיי האָבן גע־רעדט מיט גרויס טרויער און ווייטאָק וועגן די צוועלף חברים, פֿאַרדאַמט די מערדער פֿון דער אַרמיאַ קראַיאָווא, אָבער דאָך גערופֿן צו פֿאַראייני־קונג מיט דער זעלביקער אַרמיאַ קראַיאָווא, כדי צוזאַמען שלאָגן דעם אַלגעמיינעם שונא.

***

און איין מאָל זייענדיק שוין אין פּאַרצעוווער וואַלד, איז אָנגעקומען אַ שליח פֿון אַן אָפּטיילונג פֿון אַרמיי־קראַיאָווא בעטן הילף: די דייטשן האָבן זיי אַרומגערינגלט הינטערן דאָרף ריכעווע, און זיי האַלטן זייער שמאָל. און דער הויפּט פֿון שטאַב פֿון דער גוואַרדיע לודאָווע איז דע־מאָלט געווען דער באַרימטער פּאַרטיזאַנען־פֿירער אַלעף באַלעק. ער האָט באַפֿוילן אַז אַ שטאַרקע אָפּטיילונג פּאַרטיזאַנען זאָל זיך גלייך לאָזן צו הילף דער אַרמיי קראַיאָווע לעבן דאָרף ריכעווע. און ווען חברה האָבן פּראָטעס־טירט און געזאָגט, צי האָט שוין באַלעק פֿאַרגעסן, וואָס די אַרמיי־קראַיאָוואַ האָט געטאָן צו זייערע צוועלף חברים לעבן די שעדליצער וועלדער, — האָט יענער זיך אָנגערופֿן:

— איך האָב ניט פֿאַרגעסן. די צייט וועט קומען, און זיי וועלן באַ־צאָלן דערפֿאַר. אָבער איצטער מוזן מיר העלפֿן, און מיט דעם מאַכן מיר גרויס דעם נאָמען פֿון דער גוואַרדיע לודאָווע. די דאָזיקע אַקציע וועט פֿאַר אונדז געווינען טויזנטער און טויזנטער פֿריינט צווישן די פּויערים.

— נאָר געדולד, אויפֿקלערונג און מעשים, — האָט וואַנקאַ ווידער געלערנט די פּאַרטיזאַנען ווען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון באַלעק'ן, האָבן זיי פֿאַרטריבן די גרויסע דייטשישע כּוחות און געראַטעוועט די אָפּטיילונג פֿון דער אַרמיי קראַיאָווע, — מיר וועלן אַריבערגעווינען גאַנץ פּוילן.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן די פּאַרטיזאַנען באַקומען אַן איינלאַדונג פֿון דער אַרמיי קראַיאָווע אין לובלינער דיסטריקט, שיקן פֿאַרשטייער צו זיי אויף אַ געוויס אָרט אונטער אָסטראָוו אויפֿנעמען די פֿראַגע וועגן אַ פֿאַראייניקטער אַקציע קעגן די נאַציס.

— גייט ניט, — האָט זיך פּסח געבעטן ביי וואַנקאַ'ן, וואָס האָט גע־מאַכט הכנות זיך לאָזן צו זיי מיט נאָך פֿינף פּוילישע פּאַרטיזאַנען, צווישן

וועלכע ס'איז אויך געווען דער איבערשלעזישער קוילן־גרעבער טיפּוס — איך קאָן זיי זייער גוט. זיי זיינען ערגער פון די נאַציס.

— זיי מיינען דאָס מאָל אויפריכטיק, — האָט וואַנקאַ געענטפערט פּסח'ן, — אונזער הילף וואָס מיר האָבן אַרויסגעוויזן דער אַרמיי קראַיאָווע הינטער ריכעווע האָט געענדערט זייער גאַנצע באַציאונג צו אונז.

* * *

און וואַנקאַ מיט זיינע פינף באַגלייטער האָבן זיך שוין צוריק ניט אומגעקערט . . .

די פאַרבינדלער פון יענע מקומות האָבן דערציילט, אַז די אַרמיי־קראַיאָוואַ האָט זיי פריער מערדערלעך געפּייניקט און דערנאָכדעם דערשאָסן.

די אידישע און פוילישע פּאַרטיזאַנען האָבן זיך געריסן נקמה צו נע־מען פון די מערדער, אָבער הערשל רובינשטיין האָט ניט געלאָזט:

— דאָס טאַקע וואָס די נאַציס ווילן, — האָט הערשל געזאָגט, — אַנ־רייצן ברודער קעגן ברודער, איין טייל פון דער פוילישער באַפעלקערונג קעגן דער צווייטער, און אויסמאָרדן איינער דעם אַנדערן. אונזערע חשבונות מיט דער אַרמיי קראַיאָוואַ וועלן מיר איבערלאָזן אויף שפּעטער. דערווייל דאַרפן מיר אָנטאָן שאָדן דעם נאַצי, וואו נאָר מיר קאָנען. דערווייל דאַרפן מיר אויך געווינען וואָס מער פריינט צווישן די פּשוטע ערלעכע פּויערים, וואָס געהערן צו דער אַרמיי קראַיאָוואַ, און מיינען אַז דאָס איז די אָרגאַני־זאַציע וואָס קעמפט קעגן די אַריינדרינגער. בלויז געדולד, אויפקלערונג און גרויסע טאַטן, — ווי וואַנקאַ האָט ליב געהאַט צו זאָגן . . .

לאָמיר זיך אַרומנעמען

שפּעט אין זומער האָבן די דייטשן אָנגעהויבן ראַבעווען אין די דער־פער און צונעמען דאָס לעצטע ביסעלע שפּייז ביי די פּויערים, וואָס האָט שוין ניט געהאַט קיין שייכות צום אָפיציעלן קאָנטינגענט.

ניט אַוועק קיין טאָג, וואָס זייערע עקספּעדיציעס זאָלן זיך ניט באַ־וויזן אין די דערפער. זיי זיינען געלאָפן פון הויז צו הויז מיט קוישן און מיט זעק און געכאַפּט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אייער, הינער, ברויט, פּוטער, קעז, און דערביי געזאָגט:

— איר וועט שוין ניט האָבן וואָס צו געבן די באַנדיטן (מיינענדיק די פּאַרטיזאַנען).

די דאָניכע, וואָס האָט אָפּט זיך אויפגעהאַלטן אין וואַלד ניט ווייט פון זאַהאַיקע, איז געקומען צו לויפן צו יחיאל׳ן מיט אַ גרויסער טענה:

— די דייטשן באַראַבעווען מיין דאָרף, נעמען צו פון די אָרעמע באַ־לעבאַטים דאָס לעצטע, און איר מוזט גלייך גיין אַהין. ס׳זיינען איצטער דאָ דאָרטן דייטשן, ניט קיין סך, אַ פופציק שטיק.

יחיאל, וואָס איז תמיד אַ פאַרזיכטיקער, און איידער ער לאָזט זיך אויף אַן אַקציע, שיקט ער אויסשפּירער באַך אַמאָל און נאָך אַמאָל, האָט דאָס מאָל קיין שום אַנדערע באַוואָרענישן ניט געמאַכט, שטיצנדיק זיך בלויז אויף דער דאָניכע׳ס אינפאָרמאַציע.

דער דאָניכע, וואָס האָט שטענדיק געריסן שטיקער פון יחיאל׳ן, ער זאָל זיך לאָזן אויף זאַהאַיקע, איז דאָס מאָל געגאַנגען אין לעבן אַריין. זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז אויב די פּאַרטיזאַנען וועלן איצט אָנ־לויפן און נישט דערלאָזן די דייטשן באַראַבעווען דאָס דאָרף, וועלן די פּויערים זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אַחוץ דעם, האָט זי דאָך בפירוש צוגעזאָגט געוויסע פריינט דאָרטן אין זאַהאַיקע, אַז זי אַליין וועט זיי ברענגען, און מען וועט די רוצחים דערציילן די מעשה, און ווי קאָן זי שוין בלייבן אַ ליגנערטע פאַר דער וועלט?

מען איז אָנגעקומען הינטער זאַהאַיקע אַ פּאָר שעה פאַר פאַרטאָג. מען האָט זיך צעלייגט אין וואַלד לעבן אַ פּונקט, וואו דער וועג איז געלאָפן ווי אַן איינגעבויגענע קני. מען האָט געוואוסט, אַז דורך דעם פּונקט מוזן די דייטשן דורכגיין.

די אַלטע דערפאַרענע פּאַרטיזאַנען, וואָס זיינען שוין געווען גע־וואוינט צו אַזוינע אַקציעס, האָבן דערווייל אַריינגעכאַפּט אַביסעלע שלאָף. די פרישע, באַזונדערס די ערשט־צוגעקומענע פון אַדאַמפּאָלער פּאָלוואַרעק, האָבן גאַרניט געוואוסט, ווי אַזוי קאָן מען שלאָפן אין אַזאַ צייט, געלעגן אומרואיקע, פיינלעך־וואַכע און זיך צוגעהערט צו די אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געהערט פון וואַלד.

פּסח האָט ניט געקאָנט שלאָפן, און אויך ניט סאָניע. זיי זיינען גע־לעגן זייט ביי זייט און געטראַכט, וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן, אָבער געבליבן ביים טראַכטן.

און פּסח האָט איר גראָדע געוואָלט זאָגן זייער נויטיקס. ער האָט איר געוואָלט זאָגן:

— אונזער לעבן, סאָניע, איז יעדן טאָג ווי אַ נס. אָט וועט זיך באַלד אָנהויבן די שלאַכט. ווער ווייסט, צי איך, אָדער דו, וועל מאָרגן דערלעבן די נאַכט, איז לאָמיר פאַרגעסן אין פריערדיקן, לאָמיר זיך אַרומנעמען

ווי אַמאָל אין די אַלטע צייטן, און אַזוי אַרומגענומען, וואַרטן ביז דער שונא וועט אָנקומען.

און אפשר האָט סאָניע אויך געוואָלט אַזוי זאָגן . . .

ס'איז געווען אין חודש תמוז, די נאַכט אַ וואַרעמע, אַ שטיקנדיקע, אויך פאַרטאָג איז ניט געוואָרן קיין סך קילער. די ליכטיקייט האָט אָנגע־הויבן אויפצוגיין, און מען האָט דערקאָנט לויט דער ליכטיקייט פון הימל אין מזרח, אַז דער נייער טאָג וועט אויך זיין אַ שטאַרק הייסער.

ס'איז שוין פון לאַנג ניט געגאַנגען קיין רעגן, און מען האָט זיך גע־זאָרגט וועגן די בלאָטעס אַרום דער אָכאַזשע, זיי זאָלן, חס וחלילה, ניט אויסגעטריקנט ווערן.

פון די דערפער אַרום, האָט זיך געהערט דאָס קרייען פון די העגער, און ס'האָט אויפגעוועקט ביי פילע פּאַרטיזאַנען, וואָס זיינען געווען דאָרפס־אידן, אַ גרויסע בענקשאַפט נאָך יענער צייט, ווען דאָס קרייען פון די הע־נער האָט אָנגעזאָגט אין אַ פרידלעכן אויפגייענדיקן טאָג אין דער סביבה פון טאַטע און מאַמע, ברידער און שוועסטער, און גוטע באַקאַנטע . . .

די דאַניכע, וואָס איז געשיקט געוואָרן אויסקוקן דאָס דאָרף, איז גע־קומען צולויפן אַ פאַרשוויצטע, אַ פאַרפלאָמטע:

— אויף פורן לאָזן זיי זיך. זיי האָבן געהייסן די פויערים איינשפּאַנען די פורן. אַ פּופציק שטיק.

זי האָט געזען בלויז פופציק שטיק. אָבער דערנאָכדעם, האָט מען ערשט דערזען, אַז ס'זיינען געווען אַ סך מערער ווי פופציק.

די אַלטע פּאַרטיזאַנען זיינען געבליבן צוגעזאָטן צו דער ערד, זיך פּאַרטאַיעט, אַקוראַט ווי זיי אָטעמען ניט. די פרישע פּאַרטיזאַנען זיינען געווען אומרואיק, זיך אונטערגעהויבן אַלעמאָל, זיך געדרייט אין אַלע זייטן, געקוקט אויף יחיאל'ן, און זיך געוואונדערט, וואָס ער שמייכלט. ער האָט געשמייכלט, יחיאל. געצויגן אַלעמאָל פון דעם ניט אָנגעצונדע־נעם פּאַפּיראָס און ווי אָנגעקוואָלן פון עפּעס . . .

זיי זיינען אָנגעפאָרן אויף פורן. פויערים האָבן געטריבן די פערד. דערגרייכנדיק דעם פונקט פון וועג, וואָס לויפט ווי אַן אָנגעבויגענע קני, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעקראָכן און זיך געלאָזט גיין הינטער די פורן, אויסרעכענענדיק, אַז אין פאַל פון אַ פּאַרטיזאַנישער זאַסאַדע, זאָלן זיי די פורן באַשיצן.

צווישן די דייטשן האָט פּסח גלייך באַמערקט זאַרעמבאַ'ן, דעם בלו־טיקן פוילישן פּאָליציאַנט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט פילע אַבלאַוועס אויף די אידן אין וועלדער, און איז געווען נאָך גרויזאַמער, ווי אַ נאַצי.

די פּאַרטיזאַנען האָבן געגעבן אַ זאַלפּ, די פֿויערים האָבן צעטריבן די פערד אין גרויס פּאַניק, און פאַרשוואונדן געוואָרן. די דייטשן וואָס זיינען געבליבן אויפגעדעקט, האָבן זיך גלייך געוואָרפן אויף דער ערד און גע־קראָכן צו די ביימער פאַר שוץ, און פון דאָרטן אָפּגעענטפערט מיט אַ שיסעריי.

דער בלוטיקער זאַרעמבאָ מיט דער ריזיקער חיה׳שער מאָרדע, מיט די פייערדיקע צוויי געלע וואָנצעס, איז צוגעקראָכן צו אַ דיקן דעמב, אַ צוואַנציק מעטער פון דעם אָרט, וואו פּסח איז געווען פאַרשטעקט.

פּסח האָט אים גענומען אויפן ציל און יענער האָט אים אויך גע־נומען אויפן ציל. זיי האָבן ביידע גלייכצייטיק אויסגעשאָסן, און ביידנס קוילן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן דער קאָרע פון די ביימער.

סאָניע, וואָס איז געלעגן פאַרשטעקט הינטער דעם זעלבן בוים, וואָס פּסח, האָט אָנגעהויבן צו קריכן אויפן בויך און זיך אַריבערגעכאַפּט אומ־באַמערקט צו אַ צווייטן בוים, נעענטער צו זאַרעמבאָ׳ס אָרט. פּסח, וויסנ־דיק וואָס פאַר אַ טייוול מיט דער ביקס דער דאָזיקער בלוטיקער פּוילישער פּאָליציאַנט איז, האָט שוין ניט אויפגעהערט צו שיסן אין זיין ריכטונג, כדי אָפּצואווענדן יענעמס אויפמערקזאַמקייט פון סאָניע׳ן.

זאַרעמבאַ האָט זי אָבער גלייך באַמערקט, און זיך גענומען צילעווען אויף איר. פון הינטער אַ צווייטן בוים האָט זיך אויך דאָרא אָנגעהויבן צו צילעווען אויף אים. ער האָט דערקאָנט, אַז דאָס זיינען מיידלעך, און האָט אָנגעהויבן זיי רופן מיט שענדלעכע נעמען.

אָבער איין באַזונדער מיאוס וואָרט האָט ער שוין נישט געקאָנט פאַר־ענדיקן, נאָר פלוצלונג אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעכן רעווע. מען ווייסט ניט צי דאָס איז געווען אַ קויל פון דאָרא׳ס ביקס, צי פון סאָניע׳ס, נאָר ס׳האָט געגעבן אַ יושע דאָס בלוט פון זיין פּנים.

ס׳האָט אָנגעהויבן צו שטעפּן אַ דייטשישער קוילנוואָרפער, און זיך גוט געצילעוועט אויך. קיינער האָט שוין ניט געקאָנט אַרויסשטעקן קיין פּיצל נאָז, פון הינטער די ביימער, וואו מען איז געלעגן פאַרשטעקט. מוניק, דער זאַהאַיקער פּאַצאַן, דאָס עלף־יאָריק בחור׳ל, האָט געגעבן אַ לויף אַריין צווישן די הויכע גראָזן, און גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן. ס׳איז פאַר־שטאָרבן געוואָרן דאָס האַרץ פון אַלע חברה, וואָס האָבן אים געזען אַריינ־לויפן צווישן די הויכע גראָזן, מחמת דאָרטן איז טאַקע געווען דער דיי־טשישער קוילנוואָרפער פאַרשטעקט. אָבער פלוצלונג האָט זיך געהערט אַן אויפרייס, ווי פון אַ גראַנאַט, און גלייך האָט זיך דאָס בחור׳ל באַוויזן פון די הויכע גראָזן מיט אַ ביטרען וואונק אין די אויגן.

דער דייטשישער קוילנוואַרפער איז פאַרשטילט געוואָרן, און דאָ גלייך האָבן אָנגעהויבן אונטערצוקומען פון הינטער דעם שונא׳ס פּלייצעס הערשל רובינשטיין מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך פאַרשטעקט אַביסל טיפער אין וואַלד, טאַקע מיט דער אויסרעכענונג אויף אָנצופאַלן אין רוקן פון נאַצי, אַז די שלאַכט וועט זיך אָנהויבן.

די דייטשן האָבן אָבער אויך געהאַט כוחות אין רעזערוו, און דאָס וואָס די דאַניכע האָט ניט געוואוסט, בשעת זי האָט זיך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַריינגעגנב׳עט אין דאָרף; זי האָט געזאָגט, אַז בלויז פופציק דייטשן זיינען דאָרט געווען, אָבער געווען זיינען עטלעכע מאָל פופציק. און אפשר האָט זי גוט געוואוסט, אַז ס׳זיינען דאָ אַ סך מערער פון פופציק, און זי האָט אומיסטנע ניט אויסגעזאָגט, טאָמער וועלן זיך די אידישע פּאַרטיזאַנען אָפּזאָגן פון שלאַכט?

די דייטשישע רעזערוון, וואָס זיינען געבליבן אין זאַהאַיקע זיינען אָנ־געלאָפן צו הילף זייערע שטאַרק־צעשלאָגענע חברים. יחיאל האָט געגעבן דעם באַפעל זיך צוריקצוציען. גרופּקעס־ווייז האָט מען זיך צוריקגעצויגן. די לעצטע זיינען געווען די מאַריאַנקער און די זאַהאַיקער. זיי האָבן נאָך אַ שטיקל צייט געהאַלטן די פּאָזיציעס, ווען אַלע איבעריקע זיינען שוין געווען טיף אין וואַלד.

און פאַרשוואונדן זיינען געוואָרן די פּאַרטיזאַנען ביז איינעם, ווי די ערד וואָלט זיי איינגעשלונגען. אַ היפּשע צייט האָבן די דייטשן געשאָסן אויף אַ שונא, וואָס איז שוין ניט געווען.

צוויי אידישע חברה זיינען געפאַלן יענעם טאָג: אַ בעניבער בחור, קאַט, פון די אַלטע פּאַרטיזאַנען, און גוסטאַוו, אַ האַמבורגער איד, וואָס איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון אַדאַמפּאָלער שקלאַפן־לאַגער.

קאַט איז געפאַלן לעבן פּסח׳ן, און בשעת ער האָט אָפּגעצויגן מיט דער מאַריאַנקער גרופּע, האָט ער אים גענומען אויף די פּלייצעס. גוסטאַוו׳ן, דעם האַמבורגער אידן, האָט ברוך, דער דאַניכע׳ס זון, געכאַפּט אויף די פּלייצעס.

פון די דייטשן זיינען געפאַלן צוויי און צוואַנציק שטיק, אַזוי האָבן די פאַרבינדלער נאָכדעם דערציילט. אויך האָבן זיי דערציילט, אַז זאַרעמבאַ איז געבליבן לעבן, אָבער מיט אַ צעשאָסענער נאָז און מיט אַ צעריסענעם מויל . . .

אומעטום — דאָרט . . .

ס׳איז שוין געווען סוף זומער פון 1943. די ידיעות פון סאָוועטישן פראָנט, האָבן געשטאַרקט די הערצער, געגעבן האָפענונג און געשטויסן צו אַקציעס.

ס׳זיינען אָבער אויך אָנגעקומען אַנדערע ידיעות, וואָס האָבן אַרויפגעוואָרפן אַ מרה שחורה. ידיעות פון די מאָרד־לאַגערן. ידיעות פון טאָטאַלער אויסראָטונג.

— ווער ווייסט, — האָט בעריש קאָרנמאַן איינמאָל געזאָגט, — צי מיר זיינען שוין ניט דאָס לעצטע קליינע הייפעלע, וואָס איז געבליבן פון אַלע אידן אין פּוילן.

— הער אויף צו קראַקן, די שוואַרצע קראָ, — האָט הערשל אויף אים אָנגעשריען.

— שריי ניט אויף מיין טאַטן, — האָט בעבעלע גערעדט זייער שטרענג צו הערשלען, ווען בערל איז ניט געווען דערביי, — ס׳איז אים זייער טרויעריק אויפן האַרצן, דערפאַר רעדט ער אַזוי. די נאַציס האָבן דערהרג׳עט מיין מאַמען און אַלע מיינע ברידער און שוועסטער. זי איז געווען אַזאַ שיינע מיין מאַמע, און אַזאַ גוטע איז זי געווען מיין מאַמע.

— אָבער ער דערשלאָגט מיט זיינע רייד די איבעריקע פּאַרטיזאַנען, — האָט הערשל גערעדט צו דער בלוי־אויגיקער דעליקאַט־געשניצטער צוועלף יאָריקער בעבעלע, ווי צו אַ גרויסער, — אַ פּאַרטיזאַן דאַרף זיין אַ שטאַרקער אין גוף און אַ שטאַרקער אין האַרץ און זיך ניט לאָזן באַהערשן פון מרה שחורה׳דיקע געדאַנקען.

— אָבער וואָס דאַרפט איר שרייען אויף אים, — האָט זי הערשל׳ען גע׳מוסר׳ט, — דאָס אייגענע קאָנט איר דאָך טאָן מיט גוטן.

— איך וועל שוין דאָס טאָן מיט גוטן, — האָט הערשל אַ גלעט געטאָן מיט ליבשאַפט אַט־דאָס דאָזיקע וואָלדיק־ערנסט בעבעלע.

הערשל האָט גערעדט מיט גוטן צו בעריש קאָרנמאַן. אויך גערעדט צו אַנדערע פּאַרטיזאַנען, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט מרה־שחורה׳דיקע געדאַנקען.

הערשל האָט געגלויבט, אַז אַ סך אידן באַהאַלטן זיך ערגעץ אויס. און דער בטחון איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען די מאַריאַנקער האָבן געפונען איינעם אַ מענדלען . . .

ס׳איז געווען אין דער צייט פון די גרויסע פּוילוואַרעק־אַקציעס, נאָכן שניט, נאָכן אַראָפּנעמען די תבואה פון די פעלדער, נאָכדעם וואָס די פּוי־

ערים האָבן אַוועקגעגעבן דעם גרעסטן חלק פון זייער האַרוואַניע צו די דייטשן.

און דאָס פּאַרטיזאַנישע שלאַג־וואָרט איז דעמאָלט געווען:

— קיין איין קערנדל תבואה, קיין איין פּאַסאָליע, אָדער קאַרטאָפליע, אָדער אפילו מייערל דעם שונא.

און אין די דאָזיקע אַקציעס איז דאַרא, די געוועזענע שקלאַפין פון אַדאַמפּאָל, באַרימט געוואָרן איבער דעם גאַנצן געגנט. די פּאַרטיזאַנישע קאָמאַנדע האָט זי געמאַכט פאַר אַן עלצטער איבער אַן אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין די פּוליוואַרעק־אַקציעס, און אומעטום וואו ס'האָבן געפלאַקערט פּוליוואַרעק'ס מיט תבואות, און מען האָט געבראַכן דרעש־מאַשינען, האָבן די פּויערים געזאָגט, אַז דאָס איז געווען דאַראַ'ס אַרבעט, כאָטשבי ס'האָט גאָר געקאָנט זיין די אַרבעט פון אַן אַנדער אָפּ־טיילונג.

די גרעסטע פּוליוואַרעקס אין דעם געגנט זיינען געווען די וולאָסקאָ־וועלער פּוליוואַרעקס. דאָרטן איז געלעגן אָנגעזאַמלט דאָס בעסטע און דאָס פעטסטע פון די אַרומיקע פעלדער: ווייץ, פּאַפּשויעס, הרעטשקע, האָבער, קאַרטאָפליעס, פּאַסאָליעס, קרויט, זעק מיט עפּל, באַרן, פלוימען, טויזנטער קי און שעפּסעלעך.

און דאָס פאַרברענען פון די וולאָסקאָוועלער פּוליוואַרעקס, איז געווען די אַרבעט פון דאַראַ'ן מיט איר אָפּטיילונג. און פּויערים, וואָס זיינען גע־שטאַנען מיט זייערע ווייבער און קינדער אינדרויסן לעבן זייערע הייזער מיט עמער וואַסער, גרייט צו לעשן, אויב ס'כאַפּט זיך אָן דער שטרויענער דאַך פון זייער כאַטע, האָבן געקוקט אי מיט דערשרעק, אי מיט פרייד, אויף די ריזיקע פלאַמען, וואָס האָבן געבושעוועט איבער די פּוליוואַרעקס, און האָבן פאַרצערט דאָס דייטשישע רויב.

און באַלויכטן פון די פלאַמען, האָבן זיי אויך געזען דאָס דאָזיקע אי־דישע מיידל, דאַראַ'ן, אין מענערשן אָנגעטאָן, לויפנדיק מיט אַ ברענענ־דיקן סטורקאַטש, און מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס, און נאָך איר ווי די שדים, צענדליקער פּאַרטיזאַנען, צווישן זיי אויך מיידלעך, אויך מיט די ברענענדיקע סטורקאַטשעס, און מיט די ביקסן אויף די פּלייצעס.

אין דעם רייכן פּוליוואַרעק אין טערנעוווע, האָבן דאָרטן גאָר די מאַר־יאַנקער געהרודעוועט, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען סאָניע, אָבער ביי די דאָרטיקע פּויערים איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז געווען דאַרא, וועגן וועלכער זיי האָבן געהערט פון די פּויערים פון אַנדערע דערפער.

און דאָס איז געווען דער זעלביקער טערנעווער פּוליוואַרעק, וואו עס

האָט זיך געפונען דאָס שולכל, וואוהין אַלע אידן פון די אַרומיקע דערפער פלעגן זיך צונויפקומען אין שבת און יום־טוב, דאַוונען צו גאָט.

דער איין־און־איינציקער אידישער פריץ אין דעם געגנט, דוד טער־נאָוועד מיט זיין משפּחה, מיט דעם יונגן רב׳ל, זיינען שוין פון לאַנג אומ־געקומען אין סאַביבאָ. זיין רייכן פולוואַרעק האָבן די נאַציס גע׳ירש׳נט.

יחיאל האָט צעטיילט זיין אָפּטיילונג אין צווייען. די מאַריאַנקער האָט ער געשיקט איבער די הויפן ברעכן די דרעש־מאַשינען, און ער מיט אַן אָפּטיילונג האָט גענומען צינדן דעם גרויסן טערנעווער פולוואַרעק.

און בשעת דער פולוואַרעק האָט שוין געפלאַקערט פון אַלע פיר עקן, און די מאַריאַנקער האָבן געהאַלטן אין ברעכן די דרעש־מאַשינען, זיינען דייטשן אַנגעלאָפן פון האַליע און אָנגעהויבן אַ גרויס שיסעריי פון מאַ־שין־ביקסן.

און ווען די מאַריאַנקער מיט יחיאל׳ס אָפּטיילונג האָבן זיך אין אַ פּאָר מינוט באַלד פאַראייניקט און אָנגעהויבן זיך אָפּצושיסן, האָט פּסח פּלוצלונג באַמערקט אין דעם העלן אָפּשיין, וואָס דער ברענענדיקער פול־וואַרעק האָט געוואָרפן אויפן גאָרטן הינטער דעם הויז, ווי ס׳קריכט אַ באַשעפעניש אויף אַלע פיר, וואָס זעט אויס יאָ ווי אַ מענטש און ניט ווי קיין מענטש. אַ פאַרזעעניש עפּעס, מיט אַ לאַנגער צעפּאַטלטער סמאָלע־שוואַרצער באָרד, האַלב נאַקעט, און קריכט אויף אַלע פיר.

די באַשעפעניש האָט זיך אַלע מאָל אויפגעשטעלט, גלייך, ווי אַ מענטש שטעלט זיך אויף, און געמאַכט מיט דער האַנט. אָבער ס׳איז שוין ניט געווען קיין צייט זיך אָפּצושטעלן, מחמת די דייטשן האָבן פאַרנומען דאָס גאַנצע דאָרף, און אָנגעהויבן צו לויפן באַרג אַרויף צום ברענענדיקן פול־וואַרעק.

די מענטשלעכע פאַרזעעניש איז אָבער אויך נאָכגעלאָפן. ניט נאָכגע־לאָפן, נאָר נאָכגעקראָכן, אויף אַלע פיר, ווי אַ מאַלפּע נאָכגעקראָכן, און נאָכגעשפּרונגען. פון צייט צו צייט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט זיך ווי אַ מענטש, און געלאָפן ווי אַ מענטש, אָבער באַלד ווידער זיך גע־לאָזט אויף אַלע פיר, און נאָכגעשפּרונגען, ווי אַ מאַלפּע. זי האָט עפּעס געשריען צו זיי, די באַשעפעניש, אָבער מען האָט ניט געהערט, וואָס זי שרייט.

— ס׳איז אַ איד, — האָט פּסח אַ זאָג געטאָן צו גדליה׳ן, און זיי זיינען צוגעלאָפן, אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די הענט און אים מיטגעשלעפּט. אָבער ווען זיי האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן ביי די הענט איז ער געוואָרן אויס, גע׳חלש׳ט.

ערשט אין וואַלד, ווען מען האָט אים אָפּגעמונטערט, אָפּגעפרישט,

האָט אים פּסח דערקאַנט. דאָס איז געווען מענדל, וואָס האָט געאַרבעט אויפן פּולוואַרעק. דער דאָזיקער מענדל איז געווען אַ שטיקל קרוב צו דוד טערנאָווער, און שטענדיק, ווען פּסח מיט זיין פּעטער פּלעגן קומען דאַוונען אין שולכל, האָט ער שוין ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס מיט דעם דאָזיקן מענדלען, וואָס איז געווען אויסגעקאָכט אין פּולוואַרעק, און ליב געהאַט פּסח'ן צו דערציילן וועגן די אַלע וואונדער פון דער ריזיקער רייכער באַלעבאַטישקייט.

ווען די נאַציס האָבן געכאַפּט פאַראַיאָרן זומער דוד טערנאָווער מיט זיין גאַנצער משפחה און זיי אַוועקגעפירט קיין סאַביבאָ, האָט ער, מענדל, זיך אויסבאַהאַלטן אין גרוב, וואָס ער האָט אויסגעגראָבן סאַמע הינטערן שטאַל פון די קי. דערנערט האָט ער זיך מיט דעם, וואָס מען האָט פאַרמישט פאַר די קי. וואָס זיי האָבן געגעסן, האָט ער שוין אויך געגעסן. אָבער וואָס האָט אים באמת אויפגעהאַלטן אין לעבן, איז געווען די מילך, וואָס ער האָט געזויגן גלייך פון די קיעשע אייטערס.

פון דער פייכטקייט אין גרוב, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ שרעקלעכער רומאַטיזם אין זיינע ביינער, און פון דאַרפן זיצן אויף איין אָרט און פון דאַרפן קריכן אויף אַלע פיר, בשעת ער האָט זיך גע'גנב'עט פון גרוב אין שטאַל, איז אים שוין שווער געווען צו גיין גלייך, ווי אַ מענטש גייט. אַ צייט נאָכדעם וואָס מען האָט אים געבראַכט אין דער באַזע, איז ער נאָך געקראָכן אויף אַלע פיר.

***

און שפּעטער, ס'איז שוין געווען אין זומער פון 1944, האָבן די מאַריאַנקער זיך ווידער אָנגעשלאָגן אומגעריכט אויף אַן אָרט, וואו דריי אידן האָבן געלעבט הינטער דער ערד פּונקט ווי די קראָטן.

די מאַריאַנקער האָבן געדאַרפט דורכפירן אַן אָנפאַל אויף אַ דייטשישן טראַנספּאָרט אין וואָלאָדעווער געגנט. גייענדיק ביים ראַנד פון וואַלד, ווי זיי דערהערן צווישן די קוסטעס גיכע טריט, און געכאַפּט בלויז איין אויגנבליק פון אַ מענטשלעכער געשטאַלט, וואָס האָט אַ לויף געטאָן, און ווי הינטער דער ערד נעלם געוואָרן.

זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט צווישן די קוסטעס, און קוים, קוים באַמערקט אַן עפענונג, אונטער אַן אַלטן צעלייגטן בוים.

— דאָ באַהאַלטן זיך אידן, — האָט יוחנן גלייך אַ זאָג געטאָן.

— שרעקט זיך ניט, — האָט פּסח אַריינגעשריען אין דער עפענונג, — מיר זיינען אידישע פּאַרטיזאַנען.

און שפּעטער, ווען פּסח האָט זיך אומיסטן איירנגעלאָזט אין דער עפּענונג צו זען, וואו מענטשן האָבן געקאָנט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער דער ערד, האָט ער געמוזט קריכן אויפן בויך. און אַז ער איז אַריין אין דער הייל, איז פּונקט ווי אין אַ קבר, קיין פּיצעלע שיין ניט געזען. נאָר אַ לאָך איז געווען פון דער צווייטער זייט, פּאַר לופט. מיט פּאַרפּוילטע שטרוי איז געווען אויסגעבעט דער גרוב, און פון דעם ריח דאָרטן האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ.

גאַנצע צוויי יאָר האָט זיך דער וואָלאָדעווער רב מיט נאָך צוויי אידן, אויסבאַהאַלטן אין דעם דאָזיקן גרוב הינטער דער ערד, און אַז די מאַר־יאַנקער האָבן זיי אַרויסגענומען אויף דער ליכטיקער וועלט, האָבן זיי אויסגעזען ווי פּאַרזעעניש. באַוואַקסענע, די קליידער צעפּוילט, און דאָס לייב אָן אַ טראָפּן בלוט, אַזוי ווי מתים. קיין כוח שוין ניט געהאַט צו גיין. די מאַריאַנקער האָבן זיי געמוזט טראָגן אויף די פּלייצעס. זיי געבראַכט צום ליעסניטשע (צום וואַלד וועכטער). און דער ליעסניטשע איז געווען איינער פון די פאַרבינדלער, און ער האָט זיי אויסגעבאַהאַלטן ביז צו דער באַפרייאונג, און זיי האָבן אַלע דריי איבערגעלעבט היטלערן.

און זיי האָבן געלעבט דאָרטן אין דעם גרוב, טאַקע ווי קראָטן, ווי אונטער־דער־ערד באַשעפעניש. פרילינג און זומער האָבן זיי זיך דער־נערט פון די גראָזן, און פון ווילדע יאַגעדעס, און פון יונגע גרינסן, און פון די פּרוכטן וואָס זיי האָבן ביינאַכט גע׳גנב׳עט פון די נאָענטע פעלדער און גערטנער.

אין האַרבסט האָבן זיי געשלעפּט רייפע זאַנגען פון די פעלדער, און קאַרטאָפליעס, און בוריקעס, און פּאַסאָליעס, און זיך פאַרגרייט פאַרן גאַנצן ווינטער . . .

און גלייך פּאַרנאַכט . . .

צו כל נדרי האָבן זיך אַלע אידן אויף דער אַכאַזשע, סיי די באַוואָפנטע און סיי די אומבאַוואָפנטע, זיך פאַרזאַמלט אויף איין אָרט.

נאָר יאַנקל האַלאָוונער איז געווען דער איינציקער וואָס האָט געהאַט אַ טלית און אויך אַ גראָב סידור׳ל, אַ „כל־בו׳ניק״, וואו ס׳זיינען געווען די הויפּט־תפילות פון אַלע יום־טובים. און פון דעם דאָזיקן סידור׳ל, האָט יאַנקל געזאָגט הויך אויף אַ קול, און אַלע האָבן געהערט.

און איידער ער האָט אָנגעהויבן כל נדרי, האָט ער פריער דערקלערט,

ווי אַזוי די דאָזיקע תפילה איז באַשאַפן געוואָרן.

לעבן אַ גרויסן פייער איז ער געשטאַנען, מיטן טלית איבערן קאָפ און מיטן סידור׳ל אין די הענט, און אַלע אידן, אַ זעקס הונדערט אין צאָל, אַרום אים.

און ווען יאַנקל האַלאָוונער האָט דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי די אנוסים (פאַרשטעלטע אידן) אין שפּאַניע, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די קעלערס, כדי צו קאָנען אָפּריכטן יום־כיפור באַהאַלטענערהייט, האָט מען זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז זיי, דאָס ביסעלע איבערגעבליבענע אידן פון פוילן, ריכטן אָפּ יום כיפור, נאָך ביי ערגערע אומשטענדן, און מען האָט געוויינט.

די פאַליענעס האָלץ אויפן פייער האָבן געטרעשטשעט. פון די בלאָ־טעס און פון די קוסטעס האָט זיך דערטראָגן דאָס פליסטערנדיק גערויש פון די נאַכט־באַשעפענישן.

און אַז מען האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל האָט מען געזען, ווי שטערן זיינען געפאַלן. קיינמאָל נאָך ניט ווי אין יענער נאַכט, האָבן זיי געזען אַזויפיל שטערן פאַלן. פאַלן און לעשן זיך.

און דער קאַראַאול, אַ קילאָמעטער ווייטער, איז אומגעגאַנגען אין אַלע פיר זייטן און זיך פון צייט צו צייט איבערגערופן:

— הירשל, ביזט דאָ?

— איך בין דאָ.

— און דו, חיים?

— איך בין אויך דאָ.

— און דו, נחום?

— וואָס־זשע הערט מען?

מען הערט גאָרנישט. ס׳איז שטיל די נאַכט. נאָר די זשאַבעס קוואַ־קען און די נאַכט־פויגל פלאַטערן מיט זייערע פליגל, צווישן די בוימער, און פון הימל פאַלן אַזויפיל שטערן און לעשן זיך פאַר זייערע אייגענע אויגן אויף אייביק, אויף אייביק... און פון טיף פון דער אָכאָזשע דערטראָגט זיך דער אידישער דור־דורות׳דיקער טראַדיציאָנעלער געזאַנג פון „כל־נדרי“...

***

דעם צווייטן טאָג האָבן ניט נאָר די עלטערע אידן געפאַסט, נאָר אויך אַ סך פון די יונגע בחורים. קיין סך יום־כיפור׳דיקע תפילות זיינען ניט געווען אין סידור, האָט יאַנקל געזאָגט תהילים. הויך אויף אַ קול האָט ער געזאָגט.

אַזוי זײַנען אַלע געזעסן אויף איין אָרט, און געהאַלטן זיך דעם גאַנצן טאָג פון יום־כּיפּור, ביז פאַרנאַכט. און פאַרנאַכט האָט מען זיך געוואונטשן אַ „גמר חתימה טובה״ און מען זאָל דערלעבן דעם נצחון און די פרייהייט.

און גלייך פאַרנאַכט האָט זיך די מאַריאַנקער גרופּע, וואָס איז די לעצטע צייט פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט די זאַהאַיקער גבורים, און אויך מיט אַ פּאָר פון משה ליכטנשטיינ׳ס חברה, זיך געלאָזט מיט דער היי־ליקסטער שליחות פון אַלע שליחות׳ן, וואָס זיי האָבן ווען עס איז געהאַט אין זייער פאַרטיזאַנישן לעבן.

די שליחות איז געווען סאַביבאָ, דער פאַרניכטונגס־לאַגער. אָנצושלאָגן קאָנטאַקט מיט עמיצן פון אינעווייניק, אויסצוגעפינען אַלע נויטיקע אינ־פאָרמאַציעס צו מאַכן אַן אָנפאַל אויפן לאַגער.

און וואָס נעענטער זיי זײַנען צוגעקומען צום שרעקלעכן אָרט האָט מען אין דער לופט דערפילט אַזאַ איבלדיקייט ווי צו חלש׳ן. און זיי האָבן שוין געוואוסט פון וואָס די איבלדיקייט קומט.

אַ צוויי קילאָמעטער פון סאַביבאָ האָבן זיי דערזען אין דער פינצטער־ניש ווי אַ פייער זעצט פון שוואַרצע קוימענס, און דער פייער האָט זיך גע־הויבן צום אויסגעשטערנטן הימל און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געדיכטן רויך, אַ קנוילנדיקער, פעטער, בלוטיקער רויך.

און דער נידער־געוואַקסענער גבור ברוך האָט ניט אויסגעהאַלטן, געפאַלן צווישן די קוסטעס, וואו זיי האָבן זיך פאַרשטעקט און אַריינגע־וויינט אין דער ערד אַריין.

און מיטאַמאָל האָבן זיך אָנגעהויבן שטרעקן ליכטיקע זיילן פון שרעק־לעכן אָרט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו זוכן די זיילן אין דער פינצטערניש אַרום און אַרום און דערגרייכט די קוסטעס וואו די חברה זײַנען געווען פאַרשטעקט, און זיך פאַרהאַלטן אויף אַ פּאָר סעקונדן בלויז.

און אַז די ליכטיקע זיילן האָבן זיך אַוועקגעשאַרט פון די קוסטעס, האָט פּסח באַפוילן צוריקציען זיך אין וואַלד אַריין. און אַז מען איז שוין געשטאַנען צווישן די בוימער ביים ראַנד, האָבן זיך אַלע אויסגעדרייט מיט די פּנים׳ער צו די קוימענס, און צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויף די פעטע קנוילן רויך.

— העי, אידן, — האָט נח׳קע אויסגעשריען מיט אַ מאָדנעם הילכיקן קוויטש, — העי, אידן, דאָרטן, איר הערט אונז? איר הערט אונז?

— העי, אידן, דאָרטן, איר הערט אונז, איר הערט אונז?! — האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט און געשריען אויסגעצויגן און וויינענדיק.

— לאָמיר אויסשיסן, — האָט פּסח זיך אָנגערופן, — לאָמיר אויס־

שיסן אַלע מיטאַמאָל, אפשר וועלן זיי דערהערן און זיך אַנשטויסן, אַז דאָס זיינען אידן.

זיי האָבן אויסגעשאָסן אַלע מיטאַמאָל, איין מאָל און צוויי מאָל, און דריי מאָל, און גלייך האָבן זיך פון דאָרטן צעקוויטשעט די סירענעס, ווי טויזנטער שדים, און אַ שרעקלעכע שיסעריי איז אָנגעקומען פון דאָרטן. מען האָט אָנגעהויבן צו שיסן פון צענדליקער קוילנוואַרפער, ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אויפרייסן ציגנד־קוילן אין דער לופטן, און די זיילן ליכט, וואָס זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פון פּראָזשעקטאָרס האָבן ניט אויפגעהערט צו זוכן און צו טאַפּן די פינצטערניש אַרום און אַרום . . .

אין דער אָפּגערעדטער מינוט

עטלעכע מע־לעת האָבן זיך די מאַריאַנקער אַרומגעדרייט אין די דערפער ניט ווייט פון סאַביבאָ, און אַלץ געזוכט עצות און מיטלען ווי אַזוי אָנצושלאָגן קאָנטאַקט מיט עמיצן פון אינעווייניק.

צו מאַכן אַן אָנפאַל אויפן לאַגער, האָבן זיי שוין געוואוסט, אַז עס איז אוממעגלעך, מחמת דאָס אָרט איז שטאַרק באַוואָפנט און געמינעוועט אַרום און אַרום און פון זייערע אָבסערוואַציע־טויערן קאָנען זיי דערשפּירן מיילן און מיילן אַרום.

מען האָט אָבער געטראַכט, אַז אפשר וועט מען קאָנען אָפּשלאָגן די באַן־טראַנספּאָרטן מיט אידן, וואָס גייען אַהין. און אויך אפשר נעמען זיי אַרויס געוויסע גרופּעס שקלאַפן צו אַרבעטן אין די וועלדער, אומוואַרפן בוימער, וואָלטן מען שוין כאָטש אַזוינע גרופּעס געקאָנט אָפּרייסן.

קומענדיק איין פאַרנאַכט אין דאָרף אוטשיקאַ, האָט זיך דער דאָרטי־קער פאַרבינדלער, אַנטאַש, דערציילט, אַז ער האָט געהערט, ווי מיט אַ טאָג פריער האָבן זיך אַלע אידן אין סאַביבאָ זיך אַרויסגעריסן פון דאָרטן און זיך צעשפּרייט איבער די וועלדער. ער האָט זיי אויך דערציילט, אַז ער האָט פריער מיט אַ פּאָר שעה געזען, ווי צוויי פאַרדעכטיקע לייט מיט גע־ווער אין די הענט, האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער עקסטער כאַטע פון דאָרף. זיי זיינען אַרויסגעלאָפן פון וואַלד, צו צו דער טיר פון דער עקסטער כאַטע און אָנגעקלאַפּט, און אַז דער באַלעבאָס האָט זיך באַוויזן, האָבן זיי, סטראַשענדיק אים מיט די ביקסן, געצוואונגען צוריק אַריינגיין, און זיי האָבן זיך אויך אין דער גיך אַריינגעכאַפּט, און גלייך האָט זיך אויסגע־לאָשן די ליכט אינעווייניק.

— עפנט אויף, מיר זיינען פּאַרטיזאַנען, — האָט פּסח אַריינגעשריען אין פענצטער פון דער עקסטער כאַטע, — מיר זיינען אַ גרויסע מחנה און מיר וועלן אויפרייסן מיט באָמבעס די גאַנצע כאַטע אויב איר וועט ניט אַריינלאָזן.

און אַז די טיר האָט זיך געעפנט און די מאַריאַנקער זיינען אַריין אינע־ווייניק, האָבן זיי געטראָפן דאָרטן דעם פויער מיט זיין משפחה דער־שראָקן אויף טויט באַהאַלטנדיק זיך אונטערן אויוון, און צוויי חברה אין הויכע שוואַרצע פוטערנע היטלען, אין לאַנגע שוואַרצע בורקעס, שטייען אַזוינע בלאַסע, אָבער די ביקסן אין זייערע הענט זיינען גרייט אויגנ־בליקלעך צו געבן פייער.

און די דאָזיקע צוויי חברה, וואָס איינער האָט געהייסן באָריס, אַ סלאָנימער, דער צווייטער וולאַדעק, אַ לובלינער, האָבן זיך אַרויסגע־ריסן פון דעם ערגסטן שוידער וואָס דער מענטש האָט ווען עס איז גע־וואוסט. און זיי האָבן דערציילט:

. . . מען האָט שוין צוגעבויט אַ ספּעציעלע באַן־ליניע קיין סאָביבאָ, אַזוי ,אַז די טראַנספּאָרטן פלעגן אָנקומען דירעקט אַהין און מען האָט זיך שוין ניט געדאַרפט אין ערגעץ איבערזעצן.

און געבראַכט האָט מען טראַנספּאָרטן מיט אידן פון בעלגיע, פון האָלאַנד, פון פראַנקרייך, פון דייטשלאַנד. און געפאָרן זיינען די דאָזיקע אידן פון האָלאַנד, פון בעלגיע א. אַז. וו. ווי מיטן ערשטן קלאַס, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. מען האָט זיי אפילו געלאָזט מיטנעמען די שפּילעכ־לעך פאַר זייערע קינדערלעך, אויך זייערע באַליבטע הינטעלעך און קעצעלעך.

און אַז מען האָט זיי געבראַכט קיין סאָביבאָ, האָט זיי דער קאָמענ־דאַנט אויפגענומען מיט גרויס גאַסט־פריינטלעכקייט.

— וועלקאָמען, מיינע פריינט, — האָט ער זיי געזאָגט, — אייערע וואַנדערונגען האָבן זיך שוין פאַרענדיקט. דאָ וועט איר שוין זיין זיכער. מיר וועלן אייך באַהאַנדלען מענטשלעך. דאָס איינציקע וואָס מיר פאָדערן פון אייך, איז אַרבעטן געטריי פאַרן דריטן רייך.

די איבעריקע ווערטער האָבן זיך אויך מיט גרויס העפלעכקייט באַ־נומען צו זיי. זיי אַריינגעפירט אין אַ גרויסן עס־צימער, וואו אויף טישן זיינען שוין געוועזן אָנגעשטעלט פאַרשיידענע גוטע שפּייז.

באַכן עסן האָבן די ווערטער אָנגעגלייגט לעבן יעדן איינעם אַ קאָנ־ווערט מיט אַ בייגעלע פּאַפּיר, און דער קאָמענדאַנט האָט געבעטן זיי זאָלן שרייבן אַהיים, צו זייערע אייגענע, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן דאָרטן אין

דער היים, אַז זיי זאָלן זיך שוין גאָרניט זאָרגן, מען באַהאַנדלט זיי דאָ גוט.

— נאָך דעם אמת שרייבט, — האָט דער קאָמענדאַנט זיי געזאָגט שטרענג.

און אַז זיי האָבן אַלע שוין אָנגעשריבן די בריוו, האָט מען זיי געהייסן זיך אויפשטעלן, אויסגעטיילט די פרויען באַזונדער, די קינדער באַזונדער, די מענער באַזונדער און זיי צעשיידט.

דאַן האָט מען זיי געפירט אין אַזוינע צימערן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי פּאָדער־צימערן אין אַ באָד. מען האָט זיי געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט, אייניקע געגעבן שטיקלעך זייף אפילו — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

***

דער לאַגער איז געווען צעטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען: דאָרטן וואו די אויסוונס האָבן געברענט 24 שעה אין מעת־לעת; און דאָרטן, וואו עס זיינען געווען די ווערקשטאַטן.

און די וואָס מען האָט נאָך געלאָזט לעבן, און זיי האָבן געאַרבעט אין די ווערקשטאַטן, האָבן שוין אַ פּאָר מאָל געמאַכט פּאַרזוכן צו אַנטלויפן.

מען האָט געמאַכט אַ פּאָדקאָפּ (אַן אונטערגראַב). די בעסטע אינזשע־נערן האָבן זיך געפונען אין די ווערקשטאַטן און זיי האָבן געפּלאַנעוועט דעם אונטערגראַב. אין די קעשענעס האָט מען געמוזט אַוועקטראָגן די הויפנס ערד, וואָס מען האָט אויסגעגראָבן. און נאָך לאַנגע חדשים, ווען דער טונעל איז שוין געווען פאַרטיק, האָט איינער פאַרראַטן.

***

ס'איז אויך געווען אַ גרופּע פון פערציק אידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַלד אומצוואוואָרפן ביימער. פאַרוואָס די נאַציס האָבן געשיקט מיט זיי בלויז אַ וואַך פון זעקס זעלנער, איז געווען אומפאַרשטענדלעך.

אפשר האָבן זיי זיך שוין פאַרלאָזט אויף דעם כוח פון די זעקס וועכ־טער, וואָס זיינען געווען הויכע, שטאַרקע קוילער, איינס און איינס באַ־וואָפנט מיט אויטאָמאַטן און מיט גראַנאַטן.

ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען דער קאַמף פון די פערציק אויסגעמאַ־טערטע, פאַרפייניקטע אידן קעגן די זעקס פון קאָפּ־ביז־די־פיס באַוואָפנטע דייטשן, האָבן באַריס און וולאַדעק ניט געוואוסט. די אידן האָבן אָבער גע־הרג'עט אַלע זעקס וועכטער און זיך צעלאָפן אין וואַלד. און וואָס ס'איז געוואָרן מיט זיי ווייסן זיי אויך ניט. אפשר באַהאַלטן זיי זיך ערגעץ אוים.

***

פּרעציעז און פּערפעקט איז צוגעגאַנגען דער לעצטער צוגעגרייטער אויפשטאַנד, וואָס באַריס און וולאַדעק האָבן זיך אויך באַטייליקט אין אים.

אין אַרבעטס־לאַגער פון סאַביבאַ זיינען געווען פאַרשיידענע וואַר־שטאַטן: אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ סטאָליער, אַ גערבער, אַ פאָטאָגראַפיע, און אפילו אַ מאָלער־וואַרשטאַט.

איבער יעדן ווערקשטאַט איז געווען אַ ספּעציעלער נאַצי־אויפזעער, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף דער פּראָדוקציע. אַזוי ווי די דאָזיקע אויפזעער מיט זייער דייטשישער פּינקטלעכקייט פלעגן אַלע כמעט אין דער זעלבער צייט אַריינקומען אין די וואַרשטאַטן קאָנטראָלירן די אַרבעט, האָט מען זיך אויף זיי אין דער אָפּגערעדטער מינוט אַרויפגעוואָרפן, זיי דערשטיקט און צוגענומען ביי זיי דאָס געווער.

פונדרויסן האָט מען שוין גאָרניט געקאָנט הערן, וואָס עס קומט פאָר אינעווייניק, מחמת פון אַלע וואַרשטאַטן האָט זיך געטראָגן דאָס געוויינ־לעכע טאָג־טעגלעכע רוישן פון די מאַשינען און דאָס קלאַפּן פון די האַמערס.

אין דער זעלביקער אָפּגערעדטער מינוט האָבן אידן, וואָס האָבן גע־אַרבעט אין די וואַרע־הייזער און אין די מאַגאַזינען — מיט העק און מיט מעסערס און מיט פאַרכאַפּטע פּיסטאָלעטן זיך געוואָרפן אויף די וועכטער און זיי צורעכט געמאַכט.

צווישן די וואָס האָבן זיך געפונען אין די וואַרע־הייזער, איז געווען איינער אַ לעאָן, אַ וואַרשעווער בחור. אַכצן יאָר אינגאַנצן אַלט געווען. האָט ניט פאַרמאָגט קיין שום פאַך, אָבער מען האָט אים געלאָזט לעבן צוליב זיין אויסערגעוויינלעכער גבורה. די דייטשן פלעגן אים אויסנוצן אויף צו טראָגן די שווערע משאות. אַ גאַנצן וואָגן מיט די רעדער האָט ער געקענט טראָגן אויף זיינע פּלייצעס. אַז עס פלעגן קומען וואַזשנע געסט־נאַציס, פלעגט דער קאָמענדאַנט אַריינרופן דעם דאָזיקן לעאָנ׳ען, אים הייסן זיך אויסטאָן באַקעט און וויזן פאַר די געסט זיין מערקווירדיקן אַטלעטישן קערפּער, וואָס וואָלט געקאָנט דינען אַ סקולפּטאָר פאַר אַ מאָדעל פון אַ לעגענדאַרן גבור.

און דער־דאָזיקער לעאָן, אין דער אָפּגערעדטער מינוט פון אויפ־שטאַנד, האָט שוין איינער אַליין אָוועקגעלייגט אַכט דייטשן־וועכטער. פינף פון זיי האָט ער דערשטאָכן מיט זיין מעסער, די איבעריקע דריי מיט די הוילע פויסטן.

און דערווייל די אידן, וואָס האָבן זיך ספּראַוועט מיט זייערע אויפ־זעער אין די ווערקשטאַטן זיינען מיטן פאַרכאַפּטן געווער אין זייערע הענט

געלאָפן צו די טורעמס, וואו אויבן זיינען געשטאַנען אוקראַינער וועכטער. ס׳איז פאָרגעקומען אַ גרויסער קאַמף, אַ סך אידן זיינען געפאַלן, אַ סך אוקראַינער וועכטער זיינען געפאַלן.

בשעת מעשה האָבן די איבעריקע זיך אַריינגעבראָכן אין וואַכטע־הויז, וואו ס׳איז שטענדיק געווען דאָרטן אַ גרויסער זאַפּאַס געווער. מען האָט געכאַפּט ביקסן, גראַנאַטן, אויטאָמאַטן און 800 אידן אין צאָל האָבן זיך געלאָזט צו די טויערן הינטער אַ האָגל פון קוילן. אַ סך זיינען געפאַלן, ניט דערלויפנדיק צום טויער. אַ סך, וואָס האָבן זיך שוין אַרויסגע־ריסן דורכן אויפגעזעצטן טויער, זיינען אויפגעריסן געוואָרן פון די מי־נעס, וואָס זיינען געלעגן זייער גוט פאַרמאַסקירט אַרום און אַרום דעם לאַגער, אָבער אַ סך האָבן זיך געראַטעוועט און זיך צעלאָפן אין די וועלדער.

וויפיל אידן זיינען לעבן געבליבן, ווייסן זיי שוין ניט, באָריס און וולאַדעק. ערשט איצט זעען זיי איין, ווי דער אויפשטאַנד איז ניט געווען אָרגאַניזירט ביזן סוף. אין פּלאַן, וואָס מען האָט פאַרטראַכט, איז בלויז אַריינגעגאַנגען, דאָס אַרויסרייסן זיך פון לאַגער, אָבער וואָס מען זאָל טאָן נאָכדעם, האָט מען שוין ניט געטראַכט. נאָכדעם איז שוין יעדער איינער געווען פאַר זיך. אין קליינע גרופּקעלעך זיינען זיי זיך צעלאָפן, די אַהין, און די אַהער.

די מאַריאַנקער האָבן זיך גלייך געלאָזט אין די נאָענטע וועלדער זוכן די אַנטלאָפענע. בלויז אויף אַ גרופּע פון פופצן מאַן מיט לעאָנ׳ען דעם אַטלעט אין דער שפּיץ, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן. פון די איבעריקע קיין שפּור ניט געפונען . . .

דער אָנפאַל

מוסרים פון די נאָענטע דערפער האָבן באַקאַנט געמאַכט די דייטשן מיטן גאַנצן געאָגראַפישן פּלאַן פון דער אָכאָזשע, די דאָזיקע פאַרטיזאַ־נישע פעסטונג, וואָס האָט כמעט באַהערשט דעם גאַנצן געגנט אַרום, און די פויערים פון די דערפער האָבן זיך שוין מערער גערעכנט מיט די באַ־פעלן פון דער אידישער פאַרטיזאַנישער קאָמאַנדע, ווי מיט די באַפעלן פון דער דייטשישער קאָמאַנדע.

און דאָ צו האַרבסט צו, זיינען די בלאָטעס שוין כמעט געווען אויס־געטריקנט פון די זומערדיקע היצן.

און אין יענעם פרימאָרגן, ווען די אַטאַקע האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען

אַלע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנישע כוחות געווען הינטער לענטשע, אַ פּופציק מייל ווייטער, וואו זיי האָבן זיך געגרייט אָנצופאַלן אויף דער שטאָט צו־זאַמען מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנען. געבליבן זיינען דאָרטן בלויז די אומבאַוואָפנטע.

געוויינלעך, ווען די דייטשן פלעגן פאַרטראַכטן אַ אַבלאַווע, פלעגן זיי אָנקומען מיט אַ טאָג אָדער צוויי פריער פון אַ צענטראַלן פּונקט, זיך באַ־פעסטיקן אין די דערפער נעענטער צום וואַלד, און פון דאָרטן זיך לאָזן אויף דער אַבלאַווע.

דאָס מאָל זיינען זיי גלייך פון לובלין אויף טראָקס אָנגעקומען צו דעם אָרט, און איידער ס׳איז נאָך ליכטיק געוואָרן, הינטער דער פירער־שאַפט פון דעם דייטשישן גאַרניזאָן אין ראַזשאַנקע, וואָס האָט גוט געקאָנט דעם געגנט, אַרומגערינגלט די אַכאַזשע.

ווי די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן נאָכדעם דערציילט, זיינען געווען אַרום צען טויזנט דייטשן מיט די מאָדערנסטע כלי־זין, און זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין גומענע שטיוול.

די וואַכטע פון טאַבאָר האָט גלייך אַלאַרמירט אַלע אידן, וואָס זיינען געזעסן אויף באַזונדערע אינדזעלעך צו פערציק און פופציק נפשות.

די רוצחים זיינען אָנגעקומען פון דריי זייטן: פון דאָרף זאַהאַיקע, פון דאָרף קראַסאַווקא און פון דאָרף קאַפּלינאָס. די פערטע זייט אין דער ריכטונג פון דאָרף זאַלישטשע, וואו ס׳איז געווען אַ פרייע לאַנקע, האָבן זיי געלאָזט אָפן. און דאָרטן, ניט ווייט פון דער לאַנקע, אין אַן אַלטער סטאָדאָ־לע, האָט אַ גרויסער דייטשישער כוח זיך פאַרשטעקט מיט מאַשין־געווער.

די אַכאַזשע איז געווען פאַרבונדן געאָגראַפיש מיט אַלע וועלדער אַרום, וואָס זיינען געווען באַקאַנט אַלס כראַביאַ זאַמאַיסקי׳ס וועלדער, און האָבן זיך געצויגן ביז וולאָדעווע, כעלם און אויך ווייטער אויף יענער זייט בוג. פון די פאַרצעוויר וועלדער איז געווען אַהין אַרום פופציק מייל. מיט קליינע איבעררייסן האָט מען געקאָנט גיין פון דאָרטן מיטן וואַלד ביז דער אַכאַזשע.

עטלעכע מאָל, ווי די דייטשן האָבן געמאַכט פאַרזוכן איבערצופאַלן די אַכאַזשע, אָבער צוליב די גרויסע וואַסערן און בלאָטעס, האָבן זיי גע־קאָנט באַשיסן דאָס אָרט נאָר פונדערווייטנס.

איבערן גאַנצן געגנט אַרום, און אויך ווייט אַוועק, פון דעם געגנט, איז דאָס דאָזיקע אָרט געווען באַוואוסט אַלס אַ פּאַרטיזאַנישע פעסטונג, און ס׳האָבן זיך געצויגן אַהין אידן, אַנטלאָפענע פון די לאַגערן, אויך סאָ־ווען ישע פלעניקעס, וואָס זיינען געקומען אַזוי ווייט ווי פון אייניקע פּונקטן

אַרום וואַרשע.

אויף דער אָכאָזשע האָבן זיך דעמאָלט געפונען ביי אַ 300 נפשות, עלטערע מענער און פרויען און אַ קליינע צאָל קינדער. בלויז אַ פּופּציק ביקסן האָבן זיי געהאַט צווישן זיך. מערסטנס אַלט געווער, ווי פראַנצויזישע, עסטרייכישע און רוסישע ביקסן נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. בלויז אַ קליינע צאָל האָט פאַרמאָגט גוטע דייטשישע ביקסן.

נחמן קראַסאַווקער, פון אַ יאָר פערציק, אַ שטאַרקער איד, האָט זייער גוט געקאָנט די געגנט אַרום. דאָס דאָרף קראַסאַווקע, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, ליגט האַרט לעבן דער אָכאָזשע.

יאַנקל האַלאַוונער האָט אויך גוט געקאָנט די געגנט אַרום. זיין דאָרף געפינט זיך אינגאַנצן אַרום זיבן מייל פון דער אָכאָזשע. ער פלעגט טאָקע גיין פון צייט צו צייט קיין האַלאַוונע מיט זיינע צוויי טעכטער צו זיינע שכנים, וועלכע פלעגן אים געבן עסן, אויך וויכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן די באַוועגונגען פון די דייטשן.

דער אַלטער סאַלטיס, אַ איד פון אַ יאָר זעכציק, ער האָט פאַרמאָגט אַ גוטע דייטשישע ביקס, ער האָט געשטאַמט פון דאָרף נעניק, לעבן די פאַרצעווער וועלדער. אַ סך מאָל פלעגט ער אויך מיטגיין מיט די פאַרטיזאַנען אויף אַקציעס.

אברהם זאַלישטשער, דער טאַטע פון די צוויי זין נחום און יורעק, אַ איד פון אַ יאָר פופציק. איידער ער איז נאָך געקומען אויף דער אָכאָזשע, איז ער מיט זיינע צוויי בנים געוועזן שוין באַרימט פאַר זייערע געוואָגטע איבערפאַלן אויף די דייטשישע שפּייז־סקלאַדן.

ראובן מאַטל׳ס פון סאָסנאָוויץ, אַ בחור פון אַ יאָר 25, זייער אַ קרעפּטיקער, ער האָט פאַרמאָגט אַ גוטע רוסישע ביקס. ער האָט געהאַט אין טאַבאָר צוויי שוועסטער, איינע אַ פאַרהייראַטע מיט צוויי קינדער. די אינגערע שוועסטער האָט מען אַרויסגענומען פון אַדאַמפּאָלער שקלאַפן־לאַגער.

אַט־די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע האָבן זיך געשטעלט אין דער פירערשאַפט, ווען די אַטאַקע האָט זיך אָנגעהויבן. און די אַטאַקע האָט זיך אָנגעהויבן פון דריי זייטן: פון זאַהאַיקע, פון קראַסאַווקע, פון קאַפּלינאַס. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה צווישן די אומבאַוואָפנטע און אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג פון זאַלישטשע פון וואַנעט ס׳האָט זיך ניט געטראָגן קיין שיסעריי. יאַנקל האַלאַוונער האָט גלייך אַרויסגעשיקט שליחים צו אַלע באַזעצטע בערגלעך, אַז מען זאָל, למען־השם, ניט לויפן אין יענער ריכטונג, מחמת ס׳איז אַ פאַסטקע. דאָרטן איז אַן אָפן פעלד, און די דייטשן ווילן טאָקע, אַז מען זאָל לויפן אַהין. זאָל מען

זיך באַהאַלטן צווישן די קוסטעס אין די בלאָטעס און וואַרטן ביז ביי־נאַכט. ביינאַכט זאָל מען זיך רייסן קיין זאַהאַיקע, וואו דער וואַלד דאַרטן איז זייער געדיכט.

אַ סך דייטשן זיינען געפאַלן פון דעם פּלוצלונגדיקן זאַלפּ, וואָס האָט אַ זעץ געטאָן אויף זיי פון די געדיכטע קוסטעס, טשערמוכעס און די הויכע ווילדע גראָזן אין די בלאָטעס אַרום דעם הויפּט־אינדזל. די נאַציס האָבן געענטפערט מיט אַ שטאַרקן פייער פון זייערע מאַשין־ביקסן, און ניט געוואוסט, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ הייפעלע עלטערע אידן, איי־ניקע פון זיי אין די זעכציקער. אַן אומזעבאַרער שונא איז דאָס געווען פאַר זיי, וואָס האָט זיך פאַרטאַיעט צווישן די ביימלעך, קוסטעס און הויכע גראָזן און לאָזט קיין טריט ניט מאַכן.

אויף די קלענערע בערגלעך האָבן די „בראַווע" זעלנער פון דריטן רייך געהאַט מער מזל מיט די פרויען, קינדער און גאָר אַלטע לייט. זיי האָבן זיי פאַרטריבן אין דער ריכטונג פון זאַלישטשע, אַ זעכציק נפשות, און דאַרטן, אויפן אָפענעם פעלד, אַלעמען אויסגעקאָסעט.

פאַרנאַכט צו האָבן די דייטשן לעבן הויפּט־אינדזל זיך צוריקגעצויגן מיטנעמענדיק מיט זיך אַ סך טויטע און פאַרוואונדעטע. נחמן קראַ־סאַוועקער אַליין האָט איבערגעקערט מיט זיין ביקס פינף שטיק. פון די פופציק אידן זיינען שוין מערער ניט געווען ווי פערציק. נאָך דעם, וואָס זיי האָבן באַערדיקט די טויטע, האָבן זיי זיך אין דער פינצטער געלאָזט מיט די בלאָטעס. לעבן די פאַרשיידענע אינדזעלעך צונויפגענומען די לעבן־געבליבענע, אַ הונדערט אין צאָל, וואָס האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן אַ גאַנצן טאָג צווישן די קוסטעס און הויכע גראָזן און זיך אַלע אַוועקגע־לאָזט אין דער ריכטונג פון זאַהאַיקע.

לעבן קאַפּלינאָסער און זאַהאַיקער טראַקט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ דייטשישער אָפּטיילונג, אַ טייל פון די כוחות, וואָס האָבן אַרומגע־רינגלט די אָכאָזשע. אַ גרויסער פּחד איז באַפאַלן די אידן. יאַנקל האַלאַוור־נער האָט צו זיי גערעדט:

— ציען מיר זיך צוריק זיינען מיר פאַרלוירן. אונזער איינציקע ישועה איז זיך דורכרייסן דעם טראַקט. ס'איז איצטער זייער פינצטער. אין דער פינצטער זיינען די דייטשן אויך פול מיט פּחד. זיי ווייסן דאָך ניט ווי גרויס מיר זיינען אין צאָל און אין כוח. לאָמיר טאָן אַזוי, ס'זאָל זיך זיי אויסדאַכטן, אַז מיר זיינען אַ גרויסער באַוואָפנטער כוח. מיר וועלן שיסן אויף זיי און לויפן, אַלע צוזאַמען וועלן מיר לויפן. לאָמיר אויך שרייען אַלע מיטאַמאָל, מיט אַלע כוחות זאָלן מיר שרייען.

און דאָס שרייען פון הונדערט און פערציק פאַרצווייפלטע אידן מיט איין קול, אין דער פיינטלעכער פינצטערניש, האָט אָנגעוואָרפן אַ גרויסע מורא אויף די דייטשן. די אידן האָבן געשריען מיט דעם פאַרצווייפלטן כוח פון מענטשן וואָס האָבן קיין אַנדער אויסוועג נאָר זייער טויט אָדער דעם שונא׳ס טויט . . .

***

בלויז הונדערט און צוואַנציק נפשות האָבן דערגרייכט יענעם זייט פון טראַקט. און פון יענער זייט טראַקט איז גלייך געווען וואַלד. דער אַל־טער סאַלטיס, דער טאַטע פון יונגן נעבינער סאַלטיס, וואָס האָט גוט גע־קאָנט די דאָזיקע מקומות, האָט זיי אָװעקגעפירט אין די פאַרצװוער װעלדער.

נאָך אַ הונדערט אידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די בלאָטעס, האָבן ביינאַכט זיך אויך אַרויסגעריסן פון דער אַכאָזשע, און זיך צעשפּרייט אין די אַרומיקע וועלדער אין קליינינקע גרופּקעלעך.

די פּאַרטיזאַנען, מיט דריי טעג שפּעטער, אומקערנדיק זיך צוריק צו דער באַזע, האָבן אויפן וועג באַגעגנט פּויערים, וואָס האָבן זיי דערציילט וועגן גרויסן אומגליק. זיי האָבן אויך דערציילט וועגן דעם מאַסן־קבר פאַר די זעכציק קדושים, וואָס די נאַציס האָבן זיי געצוואונגען אויסגראָבן.

אַריינגייענדיק אין דער אַכאָזשע האָבן די פּאַרטיזאַנער געזוכט אויף אַלע אינדזעלעך, וואו דער טאָבאָר פלעגט זיך אויפהאַלטן און געפונען צעוואָרפענע געפעסן, שמאַטעס, און איבערגעקערטעביידלעך. זיי האָבן אויך געזוכט צווישן די קוסטעס און געפונען נאָך הרוגים, זיי האָבן זיי באַערדיקט אויף די העכערע ערטער, וואו ס׳איז טרוקן, און פאַרלאָזט די אַכאָזשעס.

צוויי וואָכן האָבן זיי זיך אויפגעהאַלטן אין די מקומות, נאָענט דער־ביי, טשאַטעוועדיק אויפן קאַפּלינאָסער פאַרוואַלטער פון פּוליוואַרעק, וואָס האָט געפירט די רוצחים אויף דער אַבלאַווע, און אויך אויפן רוזשאַנקער דייטשישן גאַרניזאָן, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער הריגה.

דער קאַפּלינאָסעווער פאַרוואַלטער האָבן זיי געכאַפּט ביינאַכט אין זיין הויז און געטאָן מיט אים משפּט.

דער רוזשאַנקער גאַרניזאָן, פּופציק שטיק, האָבן זיי אַרומגערינגלט הינטער ווישניק, און געטאָן אויך מיט זיי משפּט.

דערנאָכדעם האָבן די פּאַרטיזאַנען צונויפגעזאַמלט פון די באַהעל־טענישן אין די דערבייאיקע וועלדער אַלע איבערגעבליבענע אידן פון טאָ־באָר, און זיי אַוועקגעפירט אין די פאַרצוווער וועלדער.

איז דאָס געווען אַ נאַכט . . .

אַז מען האָט זיך געלאָזט אין די פּאַרצעווער וועלדער, זיינען פּסח און סאָניע איינגאַנצן אָפּגעפרעמדט געוואָרן איינער פון אַנדערן. פּסח האָט זייער מורא געהאַט פאַר דער באַגעגעניש מיט פיאַדאָרן דאָרטן. ער האָט מורא געהאַט פאַר דער בייזקייט אין זיך, וואָס קאָן אים פאַרפירן אָפּטאָן די גרעסטע נאַרישקייט. האָט ער שוין דעם גאַנצן וועג צו די פּאַרצעווער וועלדער זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין, און זיך ניט געקאָנט בייקומען...

און אַז מען האָט דערגרייכט אַהין און פיאַדאָר'ן אינגאַנצן ניט גע־טראָפן, איז פּסח'ן ניט געוואָרן לייכטער, ווייל סאָניע איז געבליבן אַ פאַראומערטע . . .

אין די פּאַרצעווער וועלדער האָבן די אידישע חברה געטראָפן אַ פרישע גרופּע פּוילישע פּאַרטיזאַנען, הונדערט אין צאָל. ערשט צוגעקו־מענע, יונגע שטאַרקע בחורים פון אָרעמע פּויערישע הייזער.

אויך האָבן זיי געטראָפן אַ סאָוועטישע גרופּע פון אַן אכציק מאַן, אָן פיאַדאָר'ן. יענער איז אָפּגעשיקט געוואָרן טיפער אין לאַנד, אויף אָר־גאַניזירן דאָרטן די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג.

מען האָט נאָך קיינמאָל ניט אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין דעם געגנט אָנגעטאָן אַזויפיל שאָדן דעם שונא, ווי אין יענער צייט. און טאַקע דערפאַר האָבן די נאַציס זיך פאַרלייגט איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַזייטיקן די דאָזיקע סכנה פון אונטער זייער רוקן.

זיי האָבן אָפּגעצויגן פון פראָנט, וואָס איז שטאַרק געדריקט געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי, פיר גאַנצע דיוויזיעס, מיט שווערע קאַנאָנען, מיט עראָפּלאַנען, מיט צינד־באָמבעס, און דערלאַנגט אַ מעכטיקע קאַנאָנאַדע אויף די פּאַרצעווער וועלדער, די הויפּט־געסט פון די „פּאַרטיזאַנישע באַנ־דיטן“, ווי זיי האָבן זיי גערופן.

פון דער הויך האָט גערעגנט מיט באָמבעס, סנאַריאַדן זיינען געפאַלן אין אַלע ווינקעלעך, די בוימער האָבן געברענט אין אַלע געדיכטענישן, און דער גאַנצער וואַלד האָט געוואָיעט, געברומט, געהילכט, געקנאַקט און געיאָמערט אויף צענדליקער מיילן אַרום.

בעריש קאַרענמאַן האָט שוין גאַרניט געקאָנט אויסהאַלטן, זיך גע־שלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ אַריין און געשריען:

— אַ מבול, אידן, אַ מבול . . .

זיין טעכטערל בעבעלע, אָנגעטאָן ווי אַ אינגל, מיט דעם קליינעם קאַוואַלערסקע ביקסל, פון וועלכן זי האָט שוין געקאָנט גוט שיסן, האָט

אויף אים געשריען מיט בייזן און מיט גוטן:

— טו דאָס ניט, טאַטע, ס'איז ניט שיין פאַר לייטן. דו ביזט דאָך אַ העלדישער פאַרטיזאַן, האָסט דאָך קיינמאָל קיין מורא ניט געהאַט. פאַר־קרעמפּעווע די ציין, טו ווי איך טו, דו זעסט ווי אַזוי . . .

אָבער ניט נאָר בעריש קאָרנמאַן, נאָר אַ סך איינגערע פון אים, פון די פאַרהאַרטעוועטע פאַרטיזאַנען, האָבן שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן די אומאויפהערלעכע קאַנאָנאַדע, וואָס האָט ווי צעריסן די געהער־הייטלעך און געהויבן ממש די הויט פון שאַרבן . . .

הערשל רובינשטיין, איידער מען האָט זיך געלאָזט צו אַן אַנדער עק וואַלד זוכן אַ וועג אויף דורכרייסן זיך, האָט גערעדט צו די אידישע פאַרטיזאַנען:

— חברה, — האָבן זיינע טיפע שוואַרצע אויגן געברענט מיט הייסן כוח און גלויבן, — אין דער וואָרשעווער געטאָ איז מיליאָן מאָל געווען ערגער. דאָ אין וואַלד האָבן מיר טויזנטער וועגן, ווי אַזוי זיך דורכרייסן זייער אַרומרינגלינג, דאָרטן איז בלויז פאַרבליבן איין וועג — קעמפן און שטאַרבן. מיר דאָ קעמפן ניט כדי צו שטאַרבן, נאָר צו לעבן. אוי, וועלן מיר לעבן! אוי, וועלן מיר זיי נאָך אָנטאָן געבראָטענע צרות! אוי, וועלן מיר נאָך מאַרשירן איבער די גאַסן פון בערלין . . .

יחיאל, דער קאָמאַנדיר, אַ בלאָסער, אָבער אַ שמייכלענדיקער, האָט ווי שטענדיק, געהאַלטן אַ פּאַפּיראָס צווישן די פינגער, אָבער דאָס מאָל אַן אָנגעצונדענעם, און זיך אַלע מאָל פאַרצויגן פון אים מיט גרויס הנאה. ער איז געגאַנגען פאָראויס מיט פעסטע זיכערע טריט, און זיינע ברייטע פּלייצעס האָבן זיך געוויגט רואיקע, געלאַסענע, אָן דעם מינדסטן שרעק.

דער דובעטשנער איד, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט פון אַדאַמפּאָלער לאַגער, איז געגאַנגען הינטער יחיאל'ן עפּעס ווי אַ טאַטע גייט הינטער די פּלייצעס פון זיין זון, אים צו באַשיצן, אויב, חס וחלילה, אין אַ סכנה. ער האָט געטראָגן אויף די פּלייצעס אַ פּאַק, אָנגעלאָדן מיט אַ וואַרעם פּעלצל, אַ פּאָר שטיוול, מיט עסנוואַרגן, אַלץ פאַר יחיאל'ן אויב ער וועט באַדאַרפן. קיינער האָט אים ניט געזאָגט ער זאָל אַכטונג געבן אויף יחיאל'ן, נאָר דאָס געטאָן פון זיין אייגענער געטריישאַפט צו אים.

דער זאַהאַיקער פּאַצאַן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אָבלאָוועס, און אין אָנפּאַלן, און אין דעם וואַיען פון באָמבעס, — ער האָט געשפּאַנט, ווי אַן אַקראָבאַט, מיט זיינע ברייטע פּלייצעלעך, און מיט זיינע קינדערשע שמאָלע היפטן. אין די לאַנגע שטיוול, מיט דער ביקס אויף די פּלייצעס, איז ער געגאַנגען און געשפּיגן. פון אַ זייט מויל האָט ער געשפּיגן, ווי די

גרויסע טועך, און זיך געשאָלטן אין פּויליש און אין אוקראַיִניש, און אין אידיש, מיט די מיאוס׳טע קללות.

משה קצב, פון וואָלאָדעווע, דער גוואַלדיק הויכער, מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע פּאַרטיזאַנען, זיין פּנים רויט ווי אַ בוריק, האָט געטראָגן אַ שווערן פּולעמיאָט אויף די פּלייצעס, זיך אַלעמאָל אויסגעדרייט אין דער ריכטונג פון דער אומגעהויערער קאַנאָנאַדע און בייז געסטראַשעט מיט זיין שווערער בלוט־אָנגעגאָסענער פּויסט.

באַטשאַן האָט געשפּאַנט אַ באָרוועסער, כאָטשבי ס׳איז שוין געווען טיף אין האַרבסט און האָט זיך באַגלייך ווי גאַרניט, געשפּילט אויף אַ מויל־האַרמאָשקע.

די דאָניכע, אויך אַ באָרוועסע אין אירע זיבעצן קליידלעך, מיט אַ גראָבן שטעקן אין איר האַנט, האָט געשפּאַנט לעבן איר נידער־געוואָקסענעם גבורדיקן זון, וואָס האָט געטראָגן אַרעלען, דאָס זאַהאַיקער יתומ׳ל, אויף די הענט. אַרעלע, האָט שטאַרק געשלוקערצט, און גאַרניט זיך געקאָנט אָפּשטעלן. האָט די דאָניכע געשמייכלט צו אים מיט איר צאַנלאָז מויל, און מיט די טויזנטער קנייטשן אויף איר פאַרהאַרטעוועט שטאַרק פאַרברענטן פּנים און אַלעמאָל געמאַכט ווי זי וויל דאָס קינד שלאָגן, און געשריען:

— אַרעלע, נאַרעלע, שלוקערץ ניט, שלוקערץ ניט.

דאָרא מיט איר קורץ ביקסל אויף די שמאָלע מיידלשע פּלייצעס, אין דייטשישע מיליטערישע קליידער, האָט אויסגעקוקט, ווי אַן איידל שלאַנק אינגל פאַרשטעלט אַלס זעלנער. און אברהם, יחיאל׳ס ברודער, העכער פון איר מיט אַ קאָפּ, אויך אַ שלאַנקער און אַ בויגעוודיקער,ביידע בלאָסע, זייענדיק אַקוראַט ווי געווען אָפּגעשיידט פון דערווירקלעכקייט, זיך געקוקט אַלעמאָל אין די אויגן, און זיך אָפּגעטאָן אַ כישוף איינער דעם אַנדערן. זיי האָבן געזען אין איינער דעם אַנדערנס אויגן דערהויבנקייט און ליבשאַפט, און די אייביקייט פון לעבן.

און פסח מיט סאָניע׳ן? גראָדע איצט, ווען די ערד האָט זיך געהויבן, און דער הימל האָט געקראַכט, און דער וואַלד האָט געפלאַקערט, האָבן זיי זיך צוריק דערזען איינער דעם אַנדערן, ווי אַמאָל. זיי האָבן אַ שמייכל געטאָן איינער צום אַנדערן, וועלנדיק געבן קוראַזש איינער דעם אַנדערן.

און סאָניע, גוואַלדיק אָפּגעצערט, שוין גאַרניט געבליבן פון איר מיידלשן גוף, נאָר אירע פלאַקערנדיגע בלויע אויגן האָבן געקוקט צו אים מיט דער זאָרג פון אַ מאַמען.

די פּאַרטיזאַנען האָבן זיך געדרייט צווישן די ווילדערנישן, פאַרקראַכן

טיף אין אַזויגע ערטער, וואוהין די סנאַריאַדן האָבן נאָך ניט דערגרייכט, וואו ס'האָט נאָך ניט געברענט קיין איין בוים. און ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט די קאַנאָנאַדע אינגאַנצן אויפגעהערט, און מען האָט געמיינט, אַז מען קאָן שוין איצט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווי פּלוצלונג האָבן זיך גע־געבן אַ רייס אויף ראַקעטעס און אין דער אויפגעריסענער ליכטיקייט האָט מען דערזען, אַז דייטשן זיינען דאָ הינטער יעדן בוים.

***

און דאָס איז געווען אַ נאַכט, וואָס די אידישע פּאַרטיזאַנען, האָבן שוין געוואוסט, אַז קיין וועג צוריק איז ניטאָ. דער וועג פון רעטונג איז איבער דעם שונא'ס קערפּער.

דאָס איז געווען אַ נאַכט, וואָס יעדער איינער, אפילו דער שוואַכסטער, דער אויסגעמאַטערסטער, איז געוואָרן אַ גבור, און אין דער אויפגערי־סענער ליכטיקייט פון דעם שונא'ס ראַקעטן, האָט מען דעם שונא געשלאָגן.

דער זאַהאַיקער פּאַצאַן, דער סאָסנאָוויצער פּאַצאַן, זיי זיינען געקראָכן גלייך אינמיטן פון שונא, זיך פאַרלייגט אויף זייערע קוילנוואַרפער און זיי אויפגעריסן מיט גראַנאַטן צוזאַמען מיט זייערע באַדינער.

און דאַרפס־אידן פון זאַלישטשע, פון פּאַכיל, פון זאַהאַיקע, פון מאַר־יאַנקע, פון נעניך, און שטאָט־אידן פון פּאַרצעווע, פון וולאָדעווע, פון סאָסנאָוויץ, פון אָסטראָווע, און אידן אַנטלאָפענע פון שקלאַפן־לאַגערס, און פון סאָביבאָ, און פון טרעבלינקע, קריכנדיק אויף די בייכער צווישן די הויכע גראָזן, גלייך אין די נאַצישע רייען, האָבן גאָרניט געוואוסט פון קיין מורא. און די וואָס האָבן שוין ניט געהאַט קיין קוילן אין זייערע ביקסן האָבן זיך גע'גנב'עט צום שונא אים דורכשטעכן מיט די שפּיזן, אים דערוואָרגן מיט די הענט. און אַז ס'איז אויסגעקומען זיך ראַנגלען מיטן שונא איינס אויף איינס, האָט דער זידנדיקער האַס, דער קאָכנדיקער צאָרן, דער ווײ־געשריי פון דער'הרג'עטע טאַטעס, מאַמעס, ברידערלעך, שוועס־טערלעך, געגעבן כוח בייצוקומען דעם נאַצי און אים דער'הרג'ענען.

און ווען משה קצב דער ריז, און לעאָן דער סאָביבער, דער אַטלעט, האָבן געשריען „הורא״, איז דאָס געווען נאָך סטראַשנדיקער, ווי דאָס ברילן פון לייבן, און זייער שרייען איז געווען כוח צו די אידישע פּאַרטיזאַנען, און פּאַניק צו די דייטשן.

און אַז ס'האָט משה'ן דעם קצב געטראָפן אַ קויל אין אַקסל, האָט דער שאַרפער ווייטאָג נאָך הילכיקער געמאַכט זיין „הורא־שרייען, דאָס שרייען פון אַ צערייצטן ריז, אַ גבור, וואָס וועט צעטרעטן יעדן איינעם, וואָס ער וועט אָנטרעפן אויף זיין וועג.

און ערשט ווען ס׳איז אָנגעקומען דער פֿאַרטאָג, האָט זיך נאָך שטאַר־קער צעבערענט דער פֿאַרצווייפֿלטער כּוח פֿון די אידישע פּאַרטיזאַנען. מען האָט שוין פֿאַרגעסן, אַז מען וויל זיך בלויז דורכרייסן, נאָר פּשוט שוין נאָכגעיאָגט דעם שונא.

און סאָניע׳ן האָט פּסח געפֿילט די גאַנצע צייט לעבן זיך, געהערט איר „הורא״ שרייען, געזען אין דער ליכטיקייט פֿון די ראַקעטן איר שיסן פֿון דער ביקס צו די סילועטן פֿון די נאַציס פֿאַרשטעקט הינטער די ביימער.

אָבער פּלוצלונג, ווען ס׳האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט ער זי אויף אַ סעקונדע ניט דערפֿילט לעבן זיך, און אַז ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, איז זי געלעגן ווי טויט, און דער הויז פֿון רעכטן פֿוס איז געווען איינגעוויקט אין בלוט.

ריעשיטעלנאָ און אָקאָנטשאַטעלנאָ

זיך דורכרייסנדיק די אַרומרינגלונג זיינען די אידישע פּאַרטיזאַנען אַ צייט אָפּגעווען אין די סקראָדניצער וועלדער, און דער נאָך דעם זיך גע־לאָזט צום בוג, כּדי זיך אַריבערכאַפּן צו די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען, וואָס זיינען דאָרטן געווען זייער שטאַרק.

זיי האָבן זיך אפֿילו ניט אָנגעפּרעגט ביים שטאָב פֿון דער גוואַרדיע לידאָווע, און געגאַנגען צום בוג אויף זייער אייגענער אחריות. ס׳איז פּשוט געווען אַן אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג, אַן אַראָפּפֿאַל, מען איז שוין געווען מיד צו זיין בלויז אַ קליינער כּוח, אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן פֿון צענדליקער טויזנטער גרויזאַמע מערדער.

פּסח האָט סאָניע׳ן איבערגעלאָזט ביי פּאַלאַשקע׳ן אין ליובען. אין איר סטאָדאָלע אויפֿן בוידעם האָט פּאַלאַשקע אויסגעבעט אַן אָרט פֿאַר סאָניע׳ן, און צוגעזאָגט זי האַלטן דאָרטן, ווי לאַנג ס׳וועט זיך לאָזן. אָבער וואָס פּסח האָט זיך געשראָקן, ס׳זאָל זיך ניט אַריינכאַפּן אין איר געשוואָלענעם פֿוס קיין גאַנגרין און, חס וחלילה, פֿאַרגיפֿטן איר גאַנצן קערפּער.

און אַז פּסח האָט זיך געזעגנט מיט סאָניע׳ן אויפֿן בוידעם ביי פּאַ־לאַשקע אין דער סטאָדאָלע, האָבן זיי זיך ביידע שטאַרק אַרומגענומען, און גאָרניט געזאָגט איינער צום אַנדערן. אָבער ס׳האָט זיך שוין געזאָגט פֿון זיך אַליין. אַלע גאָלדענע יאָרן פֿון זייער קאָנען זיך איינער דעם אַנ־דערן, האָבן גערעדט אין זייערע הערצער. און אַז פּסח האָט זיך אָפּגעריסן

פון איר, און זיך געלאָזט איבערן וואַלד צו דער באַזע, וואו זיינע חברים האָבן זיך געגרייט זיך אָפּצוזעגענען צום בוג, איז ער געגאַנגען און געוויינט...

***

הינטער סלאָוויטש, אַ דריי קילאָמעטער פון בוג, איז געשטאַנען אַן איינזאַמער כוטאָר, און דאָרטן האָט געוואוינט אַ פּוילישער פּויער אַ באַפּטיסט, מיט קינדעריש־ווייכע גרויע אויגן. אַ זאַ אומשולדיקער אַזאַ, אַ בנעימות׳דיקער, און קיינער האָט אים שוין ניט געקאָנט חושד זיין, אַז ער איז שטאַרק פאַרבונדן מיט דער גוואַרדיע לודאָווע, און אַז ער האָלט אין איין אַריבערפירן איבערן בוג, אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, פאַרטיזאַנישע שליחים אַהין און צוריק.

ניט אויף שיפלעך, און ניט אויף פליטן, האָט ער זיי אַריבערגעפירט, נאָר פשוט צופוס. ער האָט שוין גוט געקאָנט די טבע פון בוג, און אַלע ענדערונגען פון דער טיפקייט פון טייך ניט נאָר אין די פאַרשיידענע צייטן פון יאָר, נאָר אויך אפילו אין די פאַרשיידענע צייטן פון טאָג.

האָט דער באַפּטיסט די גאַנצע מחנה אידן צוגעפירט ביינאַכט צום בוג, צו אַזאַ אָרט, וואו ס׳איז ניט געווען טיף, און די אידישע פאַרטיזאַנען האָבן זיך אויסגעלייגט מיט געווער לעבן ברעג און באַוואַכט דאָס איבערגיין פון די אומבאַוואָפנטע, די ווייבער, קינדער און אַלטע לייט.

די דאָניכע מיט הויכע פאַרקאַשערטע קליידלעך, דאָס זאַהאַיקער יתומל, אַרעלע, אויף אירע הענט, האָט זיך אַ לאָז געטאָן די ערשטע, און אַ זאָג געטאָן צו אירע צוויי טעכטערלעך שפּרינצע און טובקע, פּולינקע, אָנגעפּאַקטע:

— קומט, מיידן.

דאָס זאַהאַיקער יתומ׳ל, אַ איינגעלע פון אַ יאָר פיר, וואָס מען האָט זיין טאַטן און מאַמען דער׳הרג׳עט גלייך ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין פוילן, האָט שוין יעדן פאַרטיזאַן גערופן טאַטע, און געלאָפן צו יעדן פאַרטיזאַן מיט זיינע דיניקע פיסלעך אָנגעטאָן בלויז אין זעקעלעך. קיין שיכעלעך ס׳זאָלן זיך פּאַסן פאַר אים, האָט מען ניט געקאָנט געפינען אויף די באַמביאַזשגעס, האָט אים די דאָניכע אויסגעשטריקט וואָלענע זעקעלעך.

און דאָס זאַהאַיקער יתומ׳ל האָט אפילו ניט געוואוסט, אַז מען טראָגט אים איבערן וואַסער, ער איז פשוט געשלאָפן אויף דער דאָניכע׳ס הענט.

און אַז ס׳האָט נאָר־וואָס אַ שפּראָץ געטאָן דער פאַרטאָג, איז שוין די גאַנצע מחנה, די באַוואָפנטע און די אומבאַוואָפנטע, געווען אויף יענער זייט בוג, אויף דער שטאַרק באַוואַכטער סאָוועטישער פאַרטיזאַנישער ערד.

אַ סך דערפֿער מײלן און מײלן אַרום, זײנען געװען פּאַרטיזאַנישע טע־ריטאָריע. די נאַציס האָבן שוין ניט קײן אײן שטאַרקע אָבלאַווע דורכ־געפֿירט קעגן זײ, אָבער יעדעס מאָל צעקלאַפּט געוואָרן מיט שווערע פֿאַר־לוסטן.

מיט גרויס חבר׳שאַפֿט האָבן די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען אויפֿגענו־מען די אידישע חברה. זײ האָבן ספּעציעל אָפּגעלאָזט דאָס וואַסער פֿון אַ גאַנצן טײך, וואָס איז געװען פֿול מיט קאַרפּן און געזאָגט:

— פּאָזשאַליוסטע טאָוואַרישטשע, אוגאָשטשאַיטעס (ביטע, חברים, זעט זיך צו).

און דאָס אָפּלאָזן דאָס וואַסער פֿון אַ גאַנצן טײך, כדי טראַקטירן זײערע געסט מיט פֿרישע פֿיש, איז דאָס אַלײן שוין בײ די אידישע פּאַר־טיזאַנען געװען דער סימבאָל פֿון גרויסן העלדישן פֿאַרנעם. מען טוט דאָ זאַכן אַזוי ברײט, אַזוי ריזיק. ס׳איז אַזאַ מעכטיקער כוח, און ס׳האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט פֿאַרבלײבן מיט זײ.

אָבער שוין דעם צווײטן טאָג, האָט מען זײ געלאָזט וויסן, אַז לאַנג וועלן זײ זיך דאָ ניט קאָנען האַלטן. פֿון סאָוועטישן פּאַרטיזאַנישן שטאַב, וואָס איז געװען מיט אַ פּופֿצן מײל ווײטער, איז אָנגעקומען אַ קאָמאַנדיר און געהאַלטן פֿאַר דער אידישער חברה אַ פֿײערלעכע רעדע. זײ גערופֿן: „ברידער טײערע, העלדן גרויסע פֿון דער גוואַרדיע ליודאָוועץ״, אָבער כדי צו שלאָגן דעם שונא „ריעשיטעלנאָ און אָקאָנטשאַטעלנאָ״ (אַנטשײדנדיק און ענדגילטיק), מוזן זײ זײן דאָרטן, וואו זײ זײנען פֿריער געװען, אויף דער פּוילישער ערד. אָבער אַזוי ווי זײ זײנען שוין דאָ, זאָלן זײ זיך אָפּ־רוען און קומען צו זיך . . .

***

זײ האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אין דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנישער טע־ריטאָריע אַרום צוויי וואָכן. אַרעלע, דער זאַהאַיקער יתום און אַנדערע קינ־דערלעך יתומים, זײנען שוין דאָרטן פֿאַרבליבן. דער רוסישער פּאַרטי־זאַנען קאָמאַנדיר האָט צוגעזאָגט זײ אָפּשיקן מיט אַן עראָפּלאַן קײן מאָסקווע אין אַ קינדער־הויז (אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן פֿלעגט פֿון צײט צו צײט זיך אַראָפּלאָזן דאָרטן מיט אַמוניציע און מעדיקאַמענטן).

הערי דער אַמעריקאַנער האָט אויך דאָרטן געוואָלט פֿאַרבלײבן. ס׳האָט זיך אים גע׳חלום׳ט, אַז ער וואָלט געקאָנט זיך דורכרײסן קײן אַמעריקע, ווען מען זאָל אים נאָר וועלן אָפּשיקן מיט אַן עראָפּלאַן קײן מאָסקווע.

— ליבער חבר, — האָט ער זיך פֿאַרנויגט זײער ליבלעך פֿאַרן סאָ־וועטישן קאָמאַנדיר מיט די קרעפּטיקע פּלײצעס און מעכטיקער ברוסט,

— איך בין אַן אַמעריקאַנער בירגער. איך וויל פאָרן צוריק אין מיין לאַנד. שיק מיך מיט אַן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע, דאָרטן איז פאַראַן אַן אַמעריקאַנער קאָנסול, און ער וועט שוין זען, אַז איך זאָל זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע.

ווען דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנען קאָמאַנדיר האָט אים געהייסן ווייזן אַן אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט, האָט זיך הערי ווידער פאַרנייגט זייער ליבלעך און געזאָגט:

— ליבער חבר! די דייטשן האָבן ביי מיר צוגענומען מיינע אַמעריקאַנער פּאַפּירן. זיי האָבן אַלצדינג ביי מיר צוגענומען. זיי האָבן מיך אויך מערדערלעך געשלאָגן און מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ באַן פול אָנגעפּאַקט מיט אידן. דער באַן איז געגאַנגען קיין מאַידאַנעק. אָבער איך מיט נאָך עטלעכע יידן זיינען אַרויסגעשפּרונגען אויפן וועג און זיך דערשלאָגן אין די פאַרצעוועטער וועלדער. דאָס איינציקע וואָס איך קאָן ווייזן, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער, איז אָט־דאָס קנעפּל. דאָס איז אַ רוזוועלט־קנעפּל. איך האָב געשטימט פאַר רוזוועלט׳ן אין די וואַלן. ער איז זייער אַ גוטער פּרעזידענט. איך וועל ווייזן דעם אַמעריקאַנער קאָנסול אָט־דאָס קנעפּל, וועט ער גלייך פאַרשטיין. אַחוץ דעם וועל איך צו אים ריידן ענגליש און דאָס איז דאָך דער בעסטער באַווייז. איך וועל אים בעטן שיקן אַ בריוו צו מיין פריערדיקער באַלעבאָסטע, מיסעס פעלדמאַן, אויף 98 טאָטפּאָרד עווענין, ברוקלין. איך האָב געוואוינט ביי איר אַכט יאָר כסדר מיט עסן, מיט טרינקען און מיט שלאָפן. זאָל מען זיך ביי איר אָנפרעגן.

הערי האָט אָבער געמוזט גיין צוריק. דער סאָוועטישער קאָמאַנדיר האָט געזאָגט, אַז ס׳איז שווער איצטער אויפנעמען אַזאַ ענין ווי זיינער... שפּעטער, אויפן וועג צוריק, האָט הערי אויסגעגאָסן זיין פאַרוויטאָגט האַרץ פאַר בעבעל׳ען, די גוטע נשמה, וואָס האָט אים שטענדיק אַזוי וואַרעם אויסגעהערט:

— אי, בעבעלע, בעבעלע! געטאָן די גרעסטע נאַרישקייט... געווען געדאַרפט אַפּוואַרטן נאָך אַ פּאָר יאָר. אָבער אַז איך האָב אַזוי געוואָלט זען מיין מאַמען פאַר איר טויט. אַך, בעבעלע, בעבעלע! ס׳איז אַזאַ טייער לאַנד דאָרטן. אין אַ זונטאָג, למשל, פלעג איך מיר גיין שפּאַצירן אין פּראָספּעקט פּאַרק. ס׳איז דאָרטן אַזוי שיין...ביימער, בלומען און גראָזן. טויזנטער בלומען... און מענטשן, אַזויפיל מענטשן... גאַנץ ברוקלין איז דאָרטן געגאַנגען שפּאַצירן... און אַ טייכל איז דאָרטן אויך דאָ... און אינגלעך און מיידלעך אָנגעטאָן אַזוי שיין, שיפן זיך אין די שיפלעך, און מען זינגט לידער, און מען לאַכט... און אַ גרויסער

אָרקעסטער פון גאָלע טרובעס, פלעגט דאָרט שפּילן . . . אַך, בעבעלע, בעבעלע! געטאָן די גרעסטע נאַרישקייט...

די קאַנאָנען־קויל

ס׳האָט געדעגנט טאָג און נאַכט. אַ קאַלטער וואָרלאָזער רעגן. ס׳איז געווען אומעט און חושך. ס׳האָט געוויינט דער הימל, די ערד און אַלע ביימער... בערל קאַרנמאַנ׳ס רייד האָבן זיך געלייגט זייער שווער אויף די געמיטער פון דער חברה. ער האָט געזאָגט:

— ווי לאַנג נאָך קאָן אַ מענטש אויסהאַלטן אַזאַ לעבן? און צוליב וואָס לעבן? איז שוין דען ניט בעסער אַליין מאַכן אַ סוף צו זיך?

און אַז רעב יאַנקל האַלאָוונער האָט זיך אָפּגערופן און געזאָגט, אַז דאָס איז די גרעסטע זינד קעגן גאָט און קעגן מענטשן, האָט בערל זיך צעשריען:

— „גאָט״ זאָגט איר? „מענטשן״ זאָגט איר? וואו איז ער, גאָט? וואו זיינען זיי, די מענטשן?

אין די זומער חדשים האָבן די קלאַנגען וועגן דעם, אַז אָט הייבן אָן אַמעריקע און ענגלאַנד דעם „צווייטן פראָנט״, געגעבן אַ סך האָפענונגען דער חברה, איצטער זיינען אַלע קלאַנגען אָפּגעשטאָרבן. די זיגרייכע רויטע אַרמיי, איז געווען אַזוי ווייט פון זייער געגנט. אַ שוואַרצער יאוש האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו אַ סך פון זיי, אין די דאָזיקע רעגנדיקע חושכ׳דיקע טעג. האָט הערשל רובינשטיין גערעדט צו דער חברה:

— פאַרצווייפלונג, דאָס איז אַזאַ שונא, — האָט ער געזאָגט, — וואָס איז נאָך ערגער פון נאַצי. דער נאַצי וויל, אַז מיר זאָלן אַריינפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג, און ווערן שוואַך און אָפּהעגעטיק . . . און לאָמיך אייך זאָגן, אַז די דאָזיקע האַרבסטיקע רעגנס זיינען גאָר אַ ברכה פאַר אונז. די האַרבסטיקע רעגנס איז דער אידעאַלסטער וועטער פאַר אונז. פאַרטי־זאַנען. זייערע טאַנקען און פאַנצער־מאַשינען, קאָנען גאָרניט אויפטאָן אין די בלאָטעס. אָבער מיר קאָנען זייער אַ סך אויפטאָן . . .

— און פאַראַיאָרן ווינטער, — האָט זיך אויך פסח אָנגערופן, — איז דאָך אונז געווען אַ סך ערגער. מיר זיינען געווען צעזייעט און צעשפּרייט איבער די וועלדער אין קליינע גרופּקעלעך, אָן געווער . . . און אויב מיר האָבן געקאָנט איבערלעבן דעם פאַראַיאָריקן ווינטער, וועלן מיר דעם ווינטער אויך איבערלעבן . . .

***

און אין די בלאָטעס און סליאָטעס, אין דעם דאָזיקן „אידעאַלן פּאַרטיזאַנען וועטער" האָבן די חברה זיך אַ לאָז געטאָן אויף די דייטשישע גאַרניזאָנען און פּאָליציי־פּאָסטרונקעס, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין די דערפֿער. אינגיכן האָבן זיי אָפּגערייניקט אַ היפּש שטיק טעריטאָריע נאָענט און ווייט. צוליב די גרויסע בלאָטעס, האָבן די דייטשישע גרעסערע כּוחות, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין די שטעט און לעבן די אייזנבאַן־פּונקטן, ניט געקאָנט קומען צו הילף די אַטאַקירטע גאַרניזאָנען.

די חברה האָבן זיך אויך אַ נעם געטאָן צו די בריקן און די טעלעגראַף־ און טעלעפֿאָן־סלופּעס. זיי האָבן זיך אָבער שוין ניט געקאָנט מוחל זיין, וואָס די דייטשישע טראַנספּאָרטן לויפֿן אומגעשטערט איבער די אייזנבאַן־ליניעס, און זיי האָבן ניט מיט וואָס זיי אויפֿצורייסן. ס׳האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אינגיכן וועט אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן אַראָפּוואַרפֿן זעק מיט מינעס און אַ ראַדיאָ אויסשטאַטונג. אָבער טעג זיינען אַוועק און דער קלאַנג איז געבליבן אַ פּוסטער.

איין מאָל, אין אָוונט, ווען זיי האָבן געהאַלטן סטאַנציע אין דאָרף קאַניוקי (פֿון זינט זיי האָבן אָפּגערייניקט דעם געגנט פֿון די דייטשישע גאַרניזאָנען און פּאָליציי־פּאָסטרונקעס, האָבן זיך די פּאַרטיזאַנען שוין אויפֿגעהאַלטן מערסטנס אין די דערפֿער), ווי ס׳קומט אָן אַ שליח, אַז מען רופֿט יחיאל׳ן אין דאָרף קאַווילעווע, און ער זאָל מיטנעמען זעכציק חברה.

און דאָרטן, אין קאַווילעווע, האָט זיי קאַפּיטאַן „זעמסטאַ", איינער פֿון די הויפּט פֿירער פֿון פּאַרטיזאַנישן שטאַב, אָנגעוויזן אויף אַן אַרטילעריע־קויל, וואָס האָט געוואויגן אַן ערך צוויי פּוד. פּויערים האָבן געפֿונען די דאָזיקע קויל אויף אַ פֿעלד.

— חברה, האָט קאַפּיטאַן זעמסטאַ געזאָגט, — נעמט די קויל און רייסט מיט איר אויף אַ באַן.

— אָבער ווי אַזוי ? — האָט מען אים געפֿרעגט.

— בויערט אויס אינעווייניק אַ לעכל, — האָט ער געענטפֿערט, — און זעצט אַריין אַ זאַפּאַלניק (אַן אָנצינדער) פֿון אַ גראַנאַט. בינדט צו אַ לאַנגן שטריק, און אין געהעריקן מאָמענט גיט אַ ציי דעם שטריק.

און אויסגעקליבן האָט מען אַ באַן אויפֿצורייסן לעבן סאַביבאַ, אויף דער ליניע צווישן כעלם און וולאָדעווע, אַ פֿערציק קילאָמעטער פֿון קאַווילעווע.

איז מען 30 קילאָמעטער ביז׳ן דאָרף זשאַרקי געפֿאָרן אויף פֿורן, און די לעצטע 30 קילאָמעטער איז מען שוין געגאַנגען צופֿוס. וויסט האָט

אויסגעזען דער אַרום. ווייסע זאַמדן צעשפּרייט, ווי אין אַ מדבר, בלויז דאָ און דאָרטן האָבן זיך אַרויסגעהויבן איינצלנע פּאַרדאַרטע סאָסנע בוימער.

און ניט ווייט איז געווען דאָס אָרט, וואָס האָט געהייסן סאָביבאָר, און סאָביבאָר איז שוין מערער ניט געווען. די דייטשן האָבן דאָס פֿאַרניכטעט, און פֿאַרווישט אַלע שפּורן פֿון זייערע גרויזאַמקייטן.

די צוויי־פּודיקע אַרטילעריע־קויל האָט מען געדאַרפֿט טראָגן אויף די הענט. און יעדער איינער האָט זי צוביסלעכווייז געטראָגן. און כאָטש זי האָט שיעור ניט אָפּגעריסן די קישקעס, אָבער דאָס געפֿיל, אַז מען וועט מיט איר שיקן אַ באַן אין דער לופֿטן, גראָדע ניט ווייט, וואו צענדליקער טויזנטער אידן זיינען אַוועק מיטן רויך, האָט געגעבן כוח.

און מיטגעגאַנגען זיינען מיט דער גרופּע פֿון זעכציק יחיאל אַליין, און אויך הערשל רובינשטיין.

מען האָט זיך אַלע אויסגעלייגט אין דער לענג פֿון ליניע ניט ווייט פֿון וועלדל, באַטשאַנ׳ען און פּסח׳ן האָט מען געשיקט אונטערגראָבן די שינעס, מאַכן אַ גוט אָרט דאָרטן פֿאַר דער קויל.

פֿאַרטיק געוואָרן מיטן אונטערגראָבן, האָט מען אונטערגעלייגט דעם סנאַריאַד, באַדעקט אים מיט ערד, צוגעבונדן צום זאַפּאַלניק אַ שטריק פֿון אַן ערך הונדערט מעטער די לענג, און שנעל אַוועק אין וועלדל, וואָס איז געווען אַן ערך פֿופֿציק מעטער אָפּגעטיילט פֿון דער באַן־ליניע.

ס׳איז דעמאָלט געווען אַן אויסגעשטערנטע נאַכט. קאַלט און רואיק האָבן די שטערן געלויכטן איבער דעם דאָזיקן געגנט, וואו ניט ווייט האָבן אידישע גופים געברענט אין די קאַלך־אויוונס, קרבני־עולה׳ס פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט . . .

און קיינמאָל אין זייער פּאַרטיזאַנישן לעבן זיינען זיי געווען אַזוי אָנגעשטרענגט, און קיינמאָל אין זייערע אַקציעס האָבן זיי געוואוסט אַזאַ אומגעדולדקייט . . .

און יעדע מינוט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳ברומען שוין די רעלסן, און אַז אָט פֿאָרט שוין די באַן, און יעדער איינער האָט זיך געריסן צו טאָן די מצווה פֿון אַ ציִ טאָן מיטן שטריק.

און כאָטשבי ס׳איז געווען טויט שטיל, אָבער דאָך האָט זיך געפֿילט צווישן דער חברה, אַז אומעטום רוישן באַנען, אומעטום לויפֿן באַנען און לאָקאָמאָטיוון האַלטן אין איין רעווען.

— רואיק, רואיק! — האָט יחיאל אַלעמאָל אַ פּליסטער געטאָן.

— נאָר געדולדיקייט, — האָט הערשל רובינשטיין געזאָגט, ווי וואַנקאַ קורפּיטשניק פּלעגט זאָגן ביי אַזוינע געלעגנהייטן.

פסח איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים און זיך איינגעגראָבן מיט די אויגן אין דער פינצטערער ווייטקייט. מען זעט אָבער גאָרניט. אַ פאַר־טאַיעטע שטילקייט אַרום און אַרום. די שטערן הויך אין הימל פינקלען אַזוי העל און קאַלט...

און אַז פסח האָט שוין ענדלעך פונדערווייטנס יאָ געזען עפּעס אַ מין פייערל, וואָס האָט געקאָנט זיין דאָס פייערל פון אַן אַנלויפנדיקן לאָקאָ־מאָטיוו, האָט ער געמיינט, אַז ס׳דאַכט זיך אים אויס . . .

אָבער ס׳דאַכט זיך אים שוין ניט אויס. ס׳ווערט העלער, גרעסער און גרעסער, און אויך הערט מען שוין, ווי די רעלסן האָבן זיך צעברומט אויף אַן אמת.

דער לאָקאָמאָטיוו איז געלאָפן מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט. אַ זי־כערער געלאָפן, מחמת ס׳האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן אויף דער ליניע קיין באַן־אויפרייס. ס׳האָט איבערהויפּט זעלטן געטראָפן אין דעם געגנט אויפרייסן פון די באַן־ליניעס.

ס׳איז געווען אַ מיליטערישער פּאַסאַזשיר־צוג פון אַן ערך צוועלף וואַגאָנעס.

— גיכער, שנעלער . . .

ס׳האָט אַ הויב געטאָן אַלעמען אין דער לופטן... ס׳האָט אַ בלענד געטאָן אַזאַ שאַרפע ליכטיקייט, אַז ס׳האָט בלינד געמאַכט . . . ס׳האָט אַ זעץ גע־טאָן אַזאַ מעכטיקער דונער, אַז ס׳האָט טויב געמאַכט . . . די ערד איז געשפּרונגען אין דער לופטן אין העלישע קנוילן פייער און רויך . . .

זיי זיינען געלאָפן און דער וואַלד האָט ווידער־גע׳קול׳ט מיט די וויי־געשרייען פון די פאַרוואונדעטע דייטשן. און באַזונדערס איין וויי־געשריי איז זיי נאָכגעלאָפן טיף, טיף אין דער געדעכטעניש. „מוטער, מוטער!“ — האָט דאָס געוויין פון אַ יונגן דייטש זיי נאָכגעלאָפן אין דער געדעכטעניש.

— איר הערט, ער שרייט „מוטער“, — האָט ראָסטקאָ, די פּאַרטיזאַנישע קראַנקן־שוועסטער, ניט געקאָנט פאַרטראָגן יענעמס האַרציק־רייסנדיקן געוויין.

— נאָר זיי האָבן נאָך מוטערס, — האָט זיך אָנגערופן דער פאַרצעוועט פּאַצאַן, מיט אַ פינצטער קול, — מיר האָבן שוין ניט קיין מוטערס. זיי האָבן אַלע אונזערע מוטערס אויסגע׳הרג׳עט.

— און איר ווייסט כאָטש, וואָס ס׳מיינט דאָס שטיקל אַרבעט, וואָס מיר האָבן ערשט אָפּגעטאָן? — האָט הערשל רובינשטיין זיך אָנגערופן, — ס׳מיינט, אַז מיר האָבן פאַרקירצט די מלחמה אויף איין מינוט, אָדער אויף אַ האַלבער מינוט וויניקער... דער דאָזיקער מיליטערישער טראַנס־

פּראַט, וואָס מיר האָבן אָפּגעשיקט צום הימל, איז זיכער געווען נאַצישע פאַרשטאַרקונגען צום פראָנט...

⁂

און מען האָט זיך דערוואוסט שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג, אַז ס׳זיינען געטויטעט געוואָרן פערציק דייטשן, און נאָך מערער פאַרוואונדעט געוואָרן, און ס׳האָט זיי גענומען קנאַפּע צוואַנציק שעה צוריק אויפצושטעלן די פאַרבינדונג צווישן כעלם און וולאָדעווע . . .

ס׳איז שוין באַשערט נאָך אַ מצוה

ווען די חברה זיינען געגאַנגען צוריק צו זייער באַזע אין יענער נאַכט פון באַן־אויפרייס, און זייענדיק שוין הינטער סוכאָווע, האָבן זיי פּלוצלונג דערהערט דאָס רוישן פון אַ סך מאַשינען. מען האָט זיך גלייך אַ לייג געטאָן אויף דער ערד און אָנגעהויבן צו קריכן אויף אַלע פיר צום סאַמע ראַנד פון וואַלד, און געזען צענדליקער לאַסט־אויטאָמאָבילן אָנגעפּאַקט מיט דייטשישע זעלנער, טראָגן זיך איבערן שאָסיי, איינער נאָכן אַנדערן, און מען איילט זיך אַ געוואַלד.

און דאָ האָבן פּלוצלונג צוויי מאַשינען זיך אָפּגעשטעלט. צי זיי זיינען קאַליע געוואָרן? צי זיי זיינען אַריין אין אַ בלאָטע און האָבן ניט געקאָנט אַרויסקריכן? די אַלע איבעריקע מאַשינען האָבן זיי אויסגעמיטן, און געיאָגט זיך ווייטער. אַרום אַ פופציק לאַסט־אויטאָמאָבילן האָבן חברה איבערגעציילט.

— ס׳איז אונז שוין באַשערט היינט נאָך אַ מצוה, — האָט באַטשאַן אַ זיפץ געטאָן קאָמיש־פרום.

אַרום אַ צוואַנציק פריצעס האָבן זיך געפּאַרעט לעבן די קאַליע־געוואָרענע־מאַשינען, און די חברה האָבן דערווייל זיך צוגערוקט גאַנץ נאָענט, געגעבן אַ זאַלפּ און אויסגעשריען:

— הענדע האָך (הענט אינדערהויך).

אַ צען זיינען זיך גלייך צעלאָפן, צוויי זיינען שוין געלעגן איבערגעקערטע אויפן שליאַך, די איבעריקע זיינען געבליבן שטיין מיט אויפגעהויבענע הענט, און אַז מען האָט זיי אַריינגעשיינט אין די פּנים׳ער מיט שיין־וואָרפערס, האָבן זיי אויסגעקוקט ווי האָזן, וואָס איבערלויפנדיק דעם וועג, ווערן זיי פּלוצלונג אַריינגעכאַפּט אין דעם ליכט פון אויטאָמאָביל־פּראָזשעקטאָרס.

און אין די צווי לאַסט־אויטאָמאָבילן האָבן זיי אַנגעטראָפן אַ גרויסן אוצר פון מאַנופאַקטור, קעסטלעך זייף, אויך שאַכטלעך טשאָקאָלאַד און פלעשלעך קאָניאַק.

פון די אַכט דייטשן זיינען געבליבן לעבן נאָר צוויי. באַטשאַן האָט זיי ניט געלאָזט דערשיסן.

— לאָמיר זיי מיטנעמען מיט זיך, — האָט באַטשאַן זיך געבעטן ביי דער קאָמאַנדע, — איך וועל אויף זיי אַכטונג געבן.

און אַז מען האָט אים געפרעגט צוליב וואָס ער דאַרף זיי, האָט ער געענטפערט:

— זיי וועלן ביי מיר האַקן האָלץ, שיילן קאַרטאָפליעס, מיטראָגן אונז די פעק. און אַחוץ דעם וויל איך זען, ווי אַזוי זיי וועלן אויסקוקן אַלס פּלעניקעס (געפאַנגענע) ביי אידן.

הערשל רובינשטיין האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אפשר ניט קיין קרומער געדאַנק. זאָל דאָס דאַזיקע פּאָרל דינען פאַר אַ גוטן מוסטער, ווי אַזוי דאָס „ערנפאָלק" באַנעמט זיך אין געפאַנגענשאַפט ביי אידן.

איינער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגיקער, קוים צוואַנציק יאָר אַלט, אָבער אַ געפאַקטער בחור, מיט רויטע פּאַמפּושקעס־באַקן. זיינע בלאָנדע האָר אָפּגעשוירן ביז צו דער הויט, און ס׳האָט אויסגעזען כמעט נאַקעט.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז באַטשאַן האָט אים אויסגעבעטן, האָט ער צו אים געשמייכלט, מיט זייער אַ זיסלעכן שמייכל, און שפּעטער, ווען מען האָט אים געבראַכט צו דער באַזע און אייניקע האָבן זיך געוואָלט אויף אים אַרויפוואַרפן שלאָגן, איז ער גלייך געלאָפן צו באַטשאַנ׳ען און זיך געשטעלט הינטער זיינע פּלייצעס.

דער צווייטער, זייער אַ הויכער, אַן אַטלעט, אַ בחור פון אַ יאָר 28, מיט שטעכיקע שוואַרצע האָר, אויפגעשטעלט אויף זיין קאָפּ, ווי אַ בערשטל, האָט געוויינט. ניט מיט די אויגן האָט ער געוויינט, נאָר מיט דער נאָז. עפּעס אַ פליסיקייט האָט אים גערונען פון דער נאָז אָן אויפהער.

מען האָט מיטגענומען די דאָזיקע צוויי דייטשן אויף דער באַזע. באַטשאַן איז געווען זייער באַשיצער און קיינעם ניט געלאָזט שלעכטס טאָן זיי. זיי זיינען געוואָרן זיינע אַרויסהעלפער ביים קאָכן. זיי האָבן געשמייכלט קנעכטיש־חניפה׳דיק צו יעדן איינעם פון דער חברה. באַטשאַנ׳ען האָבן זיי ניט אָפּגעלאָזט פון אויג, און אים נאָכגעגאַנגען, ווי הינט זייער באַלע־באָס. פאַר דעם איין־און־איינציקן מענטשן, וואָס זיי האָבן מורא געהאַט אויף דער באַזע, איז געווען די דאָניכע. זי האָט זיי בשום אופן ניט גע־קאָנט פאַרטראָגן. ווי נאָר זי האָט זיי דערזען, אַזוי גלייך האָט זי זיך גע־

וואַרפן אויף זיי מיט איר שטעקן, און געשלאָגן אָן רחמנות.

און עסן האָט זיי באַטשאַן דווקא געגעבן היפשע פּאַרציעס, אָבער כמעט אַלע מאָל אָפּגעשפּילט אַ קאָמעדיע דערביי:

— ביטע, מיינע הערן, — פלעגט ער פאַר זיי זיך פאַרנויגן ביזן גאַרטל,

— וואָס פאַרלאַנגען זיי עפּעס צום עסן? עטלעכע אידן אָפּגעברענטע אין קאַלך־אויוון? זאַפּאַרט, מיינע הערן!

און אַז ער האָט זיי דערלאַנגט עפּעס אַ געקעכץ, האָט ער זיך ווידער געבוקט ביזן גאַרטל און גערעדט צו זיי כלומרשט אין פראַנצויזיש:

— סילוואָ פלעי מיינע אויבערקאַקערס, באַנזשור, מיט אַ כאָליערע אין בויך אַרייַן, ביען, ביען.

און חברה האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. און זיי, די צווי פויגלען, האָבן אויך געלאַכט, געשטאָפּט זיך אויף ביידע באַקן און געלאַכט.

אָבער קומענדיק איין מאָל אין דאָרף קאַווילעווע, האָט זיי שוין באַטשאַן ניט געקענט ראַטעווען. פויערים האָבן ביידע דייטשן דערקענט אַלס די רוצחים, וואָס האָבן פאַרמוטשעט זייער פאַסטוך צום טויט.

און סאָניע שמעקט אין איר ליבשאַפט

און ווי נאָר עס איז אויסגעקומען צו זיין באַענט לעבן דאָרף ליובען, האָט פּסח זיך אָפּגעטיילט פון דער חברה און אַוועק צו סאָניע׳ן.

דאָס מאָל איז ער געקומען מיט אַ שווערן פולן זאַק אויף די פּלייצעס, אָנגעלאָדן מיט אַ פערטל קאַלב, מיט צוויי קאַרענע ברייטלעך, מיט אַ האַלבן פוד זאַלץ, מיט אַ קאַן בוימל, מיט אַ פּעלצל פאַר פּאַלאַשקאַ׳ן און מיט אַ טייערער וואָלענער קאָלדרע פאַר סאָניע׳ן.

מיט אַזאַ טייערער וואָלענער קאָלדרע האָט זיך פּסח זינט ער לעבט ניט צוגעדעקט. נאָר ביי די גבירים געפינען זיך אַזוינע קאָלדרעס, וואָס נאָר פון קוקן אויף זיי ווערט וואַרעם אין די איברים. זייער אַ ברייטער גע־קעסטלטער אויסשפּרייט פון דיקן וואָל איז דאָס געווען, געוועבט פון רויט און גרין, און ווייך, אַ מחיה.

דאָס האָט ער פאַרכאַפּט די וואָלענע קאָלדרע און דאָס פּעלצל אין אַ הויז פון אַ פּאָליציאַנט אין דאָרף וויריק.

און כאַטשבי אויף דער דאָזיקער באַמביאַזשקע זיינען געווען צוזאַ־מען מיט אים אויך די מאַריאַנקער, אָבער זיי האָבן אים געלאָזט נעמען די זאַכן, ווייל זיי האָבן געוואוסט פאַר וועמען ער נעמט זיי.

די פּראָוויאַנטן מיטן פּעלצל, האָט ער אָפּגעגעבן פּאַלאַשקאַ׳ן און די טייערע וואַלענע קאָלדרע האָט ער אַרויפגעבראַכט צו סאָניע׳ן אויפן בוידעם.

און הינטער דער טייערער וואָלענער קאָלדרע זיינען זיי ביידע געלעגן צוגעדעקט יענע נאַכט. אַ קאַלטע נאַכט אין שפּעטן האַרבסט איז דאָס געווען, אָבער הינטער דער וואַלענער קאָלדרע איז געווען אַ מחיה וואַרעם.

און כאָטשבי פון זינט זיי זיינען אין וואַלד איז זיי אויסגעקומען אָפּט ליגן צוזאַמען שטאַרק אַרומגענומען, אָבער די גאַר גרויסע פרייד, די פרייד פון אַלע פריידן, וואָס איז אַנגעגרייט אין באַשאַף פאַר מאַן און ווייב, האָבן זיי זעלטן געוואוכט, פון זינט זיי זיינען אַנטלאָפן אין וואַלד.

זי האָט מורא געהאַט סאָניע, און קיינמאָל ניט דערלאָזט, ווען פּסח האָט געוואָלט אַריבערשפּאַנען די לעצטע גרענעץ.

— פּסח׳שע, — פלעגט זי אין יענער סכנות׳דיקער רגע אים אַריינפליסטערן אין אויער, — באַדענק זיך.

און ער האָט זיך שטענדיק באַדענקט. אין אַזאַ לעבן אין וואַלד, און זי קאָן נאָך ווערן אַ מאַמע.

אין יענעם אָוונט אָבער, אויפן בוידעם הינטער דער וואַלענער קאָלדרע, אין דער ווייכער שמעקנדיקער שטרוי, האָט אים סאָניע ניט אַריינגעפליסטערט אין אויער: „פּסח׳שע, באַדענק זיך״.

יענע נאַכט האָט זיך זיי ביידן געח׳לום׳ט די אייביקייט. אייביק וועלן זיי לעבן. אייביק וועלן זיי זיין אויף דער וועלט. כל־זמן ס׳וועט זיין אַ זון, אַ לבנה, שטערן אין הימל, תבואות וועלן אויפגיין פון דער ערד, ביימער וועלן וואַקסן און טראָגן פּירות...

און סאָניע שמעקט אין איר ליבשאַפט פּונקט ווי די רייפע פּירות אויף די ביימער, פּונקט ווי די יאַגעדעס און די פּאַליניצעס און זון־דערוואַרימטן היי, פּונקט ווי די רויטע מאַלינעס אויף די ביימלעך, און די צייטיקע דיניעס אויף די פעלדער . . .

און פון זינט נאָר זי איז באַשאַפן געוואָרן, סאָניע, אַלס קינד־מיידל, האָט זי געטראָגן אָפּגעהיט און פאַרבאָרגן אין זיך די אַלע ריחות און טעמים, און זיסקייטן און וואַרעמע פריידיקייטן, פאַר אים, פּסח׳ן, ער זאָל זיי אַנרירן, זיי אויפוועקן, זיי מאַכן אויפגיין...

און זיי זיינען ביידע אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַ שטראָם פון הייסער פליסיקער פרייד... און זיי זיינען ביידע געשוואומען לייב צו לייב, וואַרעמקייט צו וואַרעמקייט, לעבן צו לעבן...

און דערנאָכדעם זיינען זיי אַריין אין אַ חלום, אַ חלום פון לויטערער

רו און אויסלייזונג, און זיי האָבן שוין ניט געטראַכט פון דעם הוה, פון דעם איצט, און אַז זיי ליגן פאַרבאַהאַלטן ביי פּאַלאַשקעק׳ן אויפן בוידעם, און אַז די אוממענטשן, די נאַצים, לויערן אויף אַלע וועגן, און אַז אין דרויסן איז פייכט, און רוי, און קאַלט, אַז באַלד דאַרף זיך פסח אָפּרייסן און לויפן צו די פּאַרטיזאַנען אין וואַלד...

איך זאָל אַזוי וויסן פון מיינע צרות...

מען איז דעמאָלט געשטאַנען אין דאָרף אַלט־ריכעווע. מען איז שוין מערער ניט געזעסן אין די וועלדער. מען האָט אַלע דייטשישע פּאָסטנס און פּאָליצייאישע פּאָסטרונקעס (קוואַרטירס) פאַריאָגט פון געגנט, און די פּאַר־טיזאַנען האָבן זיך באַפעסטיקט אין די דערפער.

אין דאָרף הרדוקא האָט זיך געפונען דער שטאַב, און דאָס דאָרף הרדוקאָ איז געווען אַ באַזונדער מין דאָרף, ס׳האָט אַרויסגעגעבן אַ סך פּאַרטיזאַנישע העלדן. די גאַנצע יוגנט פון דעם דאָרף, און אויך עלטערע מענטשן זיינען צוגעשטאַנען צו דער גוואַרדיע־לינדאָווע (נאָך דער באַ־פרייאונג איז טאַקע דאָס דאָזיקע דאָרף הרודקאָ באַערט געוואָרן פון דער נייער פּוילישער רעגירונג מיט דער העכסטער אויסצייכענונג).

און נאָך אַ סך אַנדערע דערפער זיינען געווען, וואו די פּויערים האָבן זיך מקריב געווען פאַר דער גוואַרדיע לידאָווע. און אין די דאָזיקע דער־פער האָט מען צעשטעלט די פאַרוואונדעטע פּאַרטיזאַנען, און די קראַנקע און די אומבאַוואָפנטע.

מען האָט אָפּט גערופן יחיאל׳ן צום שטאַב, און ע ר פלעגט פון דאָרטן ברענגען פרישע קאָמוניקאַטן וועגן דעם גאַנג פון דער רויטער אַרמיי, און באַפעלן פאַר פאַרשיידענע אַקציעס.

יענעם פאַרנאַכט אָבער, ווען ער איז געקומען צוריק צו רייטן פון שטאַב און נאָך אים זיין אייביקער שאָטן, דער דובעטשנער איד, וואָס מען האָט אים גערופן „וואָיע״, האָט מען שוין אויף זייערע פּנים׳ער דערקאָנט, אַז עפּעס קומט אַ גרויסע געשעעניש.

און אַז יחיאל האָט געגעבן דעם באַפעל אַרויס פון די כאַטעס, איז מען שוין אין איין אויגנבליק געווען אינדרויסן און זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים.

און יחיאל ווייסט גראָדע זייער גוט, אַז די חברה חלש׳ן ממש, ער זאָל

זיי שוין וואָס גיכער אויסזאָגן וועגן דער שליחות, וואָס ער האָט געבראַכט פון שטאָב, אָבער יענער מאַכט זיך ניט ווייסנדיק.

— צי אונז ניט אַרויס די נשמה, — האָט זיך פּסח אָנגערופן.

— ווער ציט פון אייך אַרויס די נשמה, — האָט יחיאל געשמייכלט.

— אָבער איך קאָן אייך דאָס ניט זאָגן, ס'איז אַ מיליטערישער סוד.

— אָבער פּאַרט, גזלן, — מאַכט באַטשאַן צו די אויגן, כאַפּט זיך ביים האַרצן, ווי ער נעמט חלש'ן.

— איך קאָן אייך גאָרנישט זאָגן, — האָט יחיאל געענטפערט שטרענג.

— נאָר ס'וועט ניט נעמען לאַנג און איר וועט אַליין זען מיט אייערע אייגענע אויגן.

אָבער דער קאָלעקטיווער מוח פון 250 חברה איז גוואַלדיק קלוג. בלויז פון דעם, וואָס יחיאל האָט געהייסן טאָן, האָט מען זיך שוין אָנגעשטויסן.

ער האָט געהייסן אָנלאָדן פינף פורן מיט טרוקן האָלץ, און אויך אַ פור מיט שטרוי. און מען האָט זיך אַלע געלאָזט אַ פינף קילאָמעטער פון דאָרף אין וואַלד, און אָנגעקומען צו אַן אָרט, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט פון די ביימער אויף אַ צוויי מייל.

איז צוליב וואָס אַ פעלד אינמיטן וואַלד? און צוליב וואָס פינף פורן מיט האָלץ און איין פור מיט שטרוי? מסתמא אָנצינדן. אָבער וואָס פאַר אַ פעולה וועט זיין אָנצינדן דאָס האָלץ אינמיטן אַ ליידיקן פעלד? איז מסתמא צו געבן עמיצן אַ צייכן. איז צו וועמען־זשע דער צייכן? אַז ס'איז וואַלד אַרום און אַרום; איז מסתמא צום הימל.

און וויבאַלד מען האָט צעטיילט דאָס האָלץ און אויסגעלייגט איבערן פעלד פינף הויפנס, אין דער פאָרמע פון אַ ראָד, הונדערט מעטער אָפּגעטראָטן איין הויפן פון אַנדערן, האָט מען שוין זיכער געוואוסט, אַז דאָס דאַרף מען געבן צייכנס צו סאָוועטישע עראָפּלאַנען.

חברה האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן האָלץ. ס'איז געווען אַ קאַלטע אויסגעשטערנטע נאַכט. און יחיאל האָט זיי נאָך אַלץ ניט געזאָגט, וואָס און ווען. אָבער זיין קוקן אַלע מינוט אויפן זייגער, און זיין קוקן אַלע מינוט צום הימל, האָט מען שוין ניט באַדאַרפט ער זאָל זאָגן.

אַרום צען אַזייגער ביינאַכט, האָט יחיאל געהייסן אָנצינדן די קופּעס האָלץ, אָבער באַפוילן צו האַלטן די פייערן קליין . . .

און באַטשאַן, בשעת מען זיצט און מען קוקט צום הימל און מען וואַרט, הויבט אָן דערווייל זיך צעלאָזן מיט זיינע שטיק:

— זע נאָר, — רופט ער זיך אָן הויך אויף אַ קול, — פונוואַנעט ווייסט

סטאַלין אַזש פון מאַסקווע, אַז איך, באַטשאַן, ליג דאָ אויפן פעלד הינטער אַלט־ריכעווע און קוק אַרויס מיינע אויגן אויף זיין עראָפּלאַן?

צעלאַכן זיך אַוודאי די חברה, און אַז די חברה צעלאַכן זיך, איז דאָס ווי אַ באַלזאַם פאַר באַטשאַנ׳ס אַקטיאָרישער נאַטור, און זיין פאַנטאַזיע צינדט זיך אָן, און ער הויבט שוין אָן אַ גאַנצן אַקט. ער מאַכט נאָך, ווי ער אַליין איז סטאַלין, און ווי ער שטייט אויפן לופט־פעלד אין מאַסקווע און גיט באַפעלן:

— פליער, גוטינבקע, אַדלערלעך, בראַווע! — רופט ער אויס מיט פּאַ־טאָס, כלומרשט ווי סטאַלין וואָלט אויסגערופן, — שוין טאַקע זאָלט איר מאַכן גרייט די עראָפּלאַנען, און גלייך טאַקע זאָלט איר מיך זיך אַריינזעצן אין זיי, און די מינוט פליען צום פעלד אינמיטן וואַלד הינטער אַלט־ריכעווע, וואו ס׳קוקט אויף אייך אַרויס די אויגן איינער אַ פאַרצווייפלטער איד, וואָס הייסט באַטשאַן...

— שטענדיק גרייט, חבר סטאַלין! — מאַכט נח׳קע, וואָס האָט זיך שטענדיק ליב אַריינצורייסן, ווען באַטשאַן שפּילט די קאָמעדיע, — אימער צו דיין באַפעל, חבר סטאַלין!

און דאָ הויבט זיך ערשט אָן דער ריכטיקער טעאַטער. ער מאַכט נאָך, באַטשאַן, ווי אַזוי די עראָפּלאַנען ווילן זיך אויפהויבן פון דער ערד און קאָנען ניט, אָבער באַלד ווערט דער רויש שטאַרקער און שטאַרקער און זיי פליען שוין אונטער די הימלען, און די פליער שרייען זיך איבער:

— וואו איז אַלט ריכעווע?

— אַלט ריכעווע? — ענטפערט נח׳קע, — איך זאָל אַזוי וויסן פון מיינע צרות...

***

אַרום צוועלף אַזייגער, ווען די חברה, איבערגעפּרווירענע, האָבן שוין ניט געגלייבט, אַז ס׳וועט עפּעס געשען, ווי פּלוצלונג האָט זיך דערהערט דאָס רוישן פון אַן עראָפּלאַן.

— חברה, וואַרפט שטרוי אויף אַלע פינף פייערן, — האָט יחיאל געגעבן אַ קאָמאַנדע.

און אַז די פינף קופּעס האַלץ האָבן זיך צעפלאַקערט פון דעם שטרוי מיט גרויסע פייערן, האָט דער עראָפּלאַן זיך אָנגעהויבן צו קרייזלען אַרום און אַרום דעם אָרט, און זיך אַראָפּגעלאָזן וואָס נידעריקער און נידעריקער.

און אַז יחיאל האָט אויסגעשאָסן פון אַ ראַקעטניצע און ס׳איז באַ־לויכטן געוואָרן דער אַרום, ווי פּלוצלונג האָט אָנגעהויבן צו פאַלן אַ פּאַ־ראַשוט...

— אַט דאָרטן, אַט דאָרטן, — האָבן חברה זיך אַ לאָז געטאָן לויפן איבערן פעלד.

און באַלד נאָכן ערשטן פּאַראַשוט האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער, אַ פינפטער און אַ זעקסטער, אָבער אָן מענטשן. דער זעקסטער איז פאַרפלויגן זייער ווייט, אפשר אַ צוויי קילאָמעטער, און חברה, שוין ניט וואַרטנדיק אויף באַפעלן, האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד פון די פורן, און זיך געלאָזט רייטנדיק נאָך דעם ווייט־פאַרפלויגענעם פּאַראַשוט.

אין אַ ווײַלע אַרום, האָט אָבער אָנגעהויבן אַראָפּצוגידערן אַ זיבעטער און אַן אַכטער פּאַראַשוט, און וואָס נעענטער זיי האָבן אָנגעהויבן אָנצו־קומען צו דער ערד, האָבן אַלע באַמערקט, אַז צוויי מענטשן לאָזן זיך אַראָפּ אויף די לעצטע צוויי פּאַראַשוטן.

כמעט לעבן פייער זײַנען די צוויי געפאַלן, און יעדער איינער פּאַראַ־שוטיסט, האָט אין איין האַנט געהאַלטן אַ פּיסטאָלעט, און אין דער צווייטער — אַ מעסער. און אַז זיי האָבן דערגרייכט די ערד, האָבן זיי ביידע אַ פיר געטאָן מיט זייערע מעססערס איבער די שטריק, און זיך באַפרייט פון די פּאַראַשוטן. אָבער זיך ניט אַ לאָז געטאָן צו דער יובלענדיקער חברה. פאַרקערט, אָפּגעשפּרונגען צוריקצואוועגס, צילעוועדיק מיט די פּיסטאָ־לעטן און יעדער איינער האָט אויסגעשריען:

— קיעוו.

— קראָקאָוו, — האָט יחיאל געענטפערט.

און גלייך האָבן זיי אַרײַנגעלייגט זייערע פּיסטאָלעטן אין די טאַשן, און זיך שוין געלאָזט אַרומרינגלען פון די צעשטורעמטע אידישע פּאַרטי־זאַנען, וואָס זײַנען געלאָפן צו זיי זיך קושן און האַלדזן.

אַ יונגע פרוי מיט אַ מאַן זײַנען געווען אָט־די צוויי וואָס זײַנען אַראָפּ־געפאַלן פון הימל. זיי זײַנען געשיקט געוואָרן מיט אַ ראַדיאָ־אויסשטאַטונג צו פאַרבינדן דעם פּאַרטיזאַנישן שטאַב אין דער לובלינער געגנט מיט דער גרויסער ערד, און מיט אַלע אַנדערע פּאַרטיזאַנישע שטאַבן אין פוילן.

די יונגע פרוי, אין רויט־אַרמייאישע הויזן, אין אַ שײנעם אָפּיצערסקן רעקל, אויפן קאָפּ אַ קײלעכדיק גרוי קאַראַקול היטעלע, אַ קאָזאַצקע הי־טעלע אַזאַ, האָט ליבלעך געשמייכלט צו דער חברה. און אַז זי האָט אַ זאָג געטאָן פשוט, אָבער זייער פּרויעניש־האַרציק: „זדראַווסטוואויטע, טאָוואַ־רישטשי, יעווריעסקיע פּאַרטיזאַני“. האָט מען דערפילט ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַליין וואָלט איצט זיי באַגריסט דורך איר קול.

חברה האָבן זי געכאַפּט אויף די הענט, איר געהויבן אין דער לופטן

און געשריען: „הוראַ! הוראַ!״, און נאָך אַמאָל „הוראַ״, און זי גאַרניט געוואָלט אַראָפּלאָזן צו דער ערד.

און ווען מען האָט די זעקס זעק מיט די פּאַראַשוטן, וואָס מען האָט געבראַכט צום שטאַב אויפגעשניטן, האָט מען אין ערשטן זאַק דערזען: 15 נייע רוסישע אויטאָמאַטישע ביקסן. ס'האָט נאָך געגלאַנצט אויף זיי דער וואַזאַלין, וואָס געוויסע טיילן זיינען געווען אָנגעשמירט מיט דעם.

דער צווייטער זאַק איז געווען אָנגעפּאַקעוועט מיט קוילן צו דייטשישע ביקסן און פּיסטאָלעטן. און חברה האָט זיך גוואַלדיק געפרייט מיט דער דאָזיקער מתנה, מחמת אַ סך פון זיי האָבן געהאַט דייטשישע ביקסן און פּיסטאָלעטן, און ס'האָבן אויסגעפעלט קוילן, סיידן, אַז מען האָט געמאַכט אַן אָנפאַל און אויסגעליידיקט די פּאַטראָנען־טאַשן פון די דערשאָסענע דייטשן.

אין דריטן זאַק זיינען געלעגן זעקס דיכטאַריווע פּולעמיאָטן, וואָס שיסן אויס 43 קוילן. אין פערטן זאַק זיינען גאָר געלעגן עפּעס אַזוינע מאָדנע שטיקלעך, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי זייף, אָבער דאָס איז שוין געווען אַזאַ מין זייף, וואָס האָט געמאַכט פליען דייטשישע באַנען אין דער לופטן.

אין דעם זעלביקן זאַק זיינען אויך געווען ענגלישע מאַגנעטישע מינעס, וואָס אַז מען וואַרפט זיי אַרויף אויף אַ לאָקאָמאָטיוו, צי אַ שטאָלע־נעם וואַגאָן, קלעפּן זיי זיך צו, ווי אַ מאַגנעט, און מען קאָן זיי שוין ניט אַראָפּרייסן, און זיי מוזן אויפרייסן.

אויך זיינען געווען אין זעלביקן זאַק אַזוינע מינעס אין פאָרמע פון פּאַראָשקעס, ווי בלויילעכער מעל האָט דאָס אויסגעקוקט, אויף אַריינצור־שיטן אין די לעכער פון די אַקסן ביי די וואַגאָנען, און אין גאַנג פון באַן האָט שוין די פוידער רייבנדיק זיך אין שטאָל, אויפגעריסן.

אין פינפטן זאַק זיינען געווען פינף פּע־טע־ערן, „פּראָטיוו טאַנקאָוו אָרוזשיע״ (קעגן־טאַנקען־געווער). געוואויגן האָט יעדער איינער פּע־טע־ער, בלויז אַ 17 קילאָ, אָבער אַז מען האָט זיי אויפגעשטעלט, זיינען זיי געווען אַ צען פוס די הויך.

און דער זעקסטער זאַק איז געווען פול אָנגעפּאַקט מיט פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור, אין פּויליש און אין אוקראַאיניש, צו צעטיילן צווישן די פּויע־רים אין די דערפער.

די דערהויבנקייט פון דער חברה איז גלייך אַראָפּגעפאַלן, ווען פּסח האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַך, ווי הערשל רובינשטיין וואָלט זיך געפרייט מיט אַלע די־דאָזיקע מתנות פון הימל.

הערשל רובינשטיין, וואָס איז אַוועק מיט אַ שליחות צו די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען אויף יענער זייט בוג, איז דערטרונקען געוואָרן אין טייך אויפן וועג צוריק. ווען ניט זיין אויסגעדרייטע האַנט, האָט מען געשמועסט, וואָלט ער זיך אפשר געקאָנט ראַטעווען . . .

אייביק וועלן זיי לעבן

און וואָס אַ טאָג האָט מען אָנגעהויבן מערער צו פילן דעם שטאַרקן צענטראַלן כוח, וואָס האַלט אַן אויג אויף אַלע טואונגען און פירונגען פון די פּאַרטיזאַנישע קרעפטן.

וואו עס געפינט זיך דער צענטראַלער כוח פון דער פאָלקס־גוואַרדיע האָט מען ניט געוואוסט. וואָס מען האָט יאָ געוואוסט, אַז סאַמע אין דער נאַציישער געדיכטעניש אָפּערירט געהיים די דאָזיקע ווידערשטאַנד אָרגאַניזאַציע און פון איר ציען זיך שוין פעדימער צו אַלע פּאַרטיזאַנישע גרופּן איבער גאַנץ פוילן.

פון צייט צו צייט האָבן זיך אויך אַראָפּגעכאַפּט צו די פּאַרטיזאַנען אין לובלינער געגנט די הויפּט־פירער, ווי גענעראַל ראַליא זשמערסקי און אַנדערע שליחים, וואָס זיינען אָפּגעווען אַ שטיקל צייט, דערלייזט וויכטיקע פראַגן און אַוועק אין אַנדערע טיילן פון פוילן, צו אַנדערע פּאַרטיזאַנישע גרופּן.

ווי אַזוי קומען זיי, און ווי אַזוי פאָרן זיי צוריק ? ווען אויף יעדן טריט און שריט וואַכט דאָס העכסט־טיכטיקע און גרויזאַמע אויג פון דער געסטאַפּאָ. מען איז אָבער געקומען, שליחים זיינען געגאַנגען אַהין און צוריק, און אין יעדער שטאָט און אין יעדן דאָרף, איז שוין געווען אַ געהיימע קוואַרטיר פון דער פאָלקס־גוואַרדיע.

מען האָט אַראָפּגעבראַכט אַ דאָקטאָר פון וואַרשע צו די פּאַרטיזאַנען.

אַ בלאָנדלעכער אויסגעמאָגערטער דאָקטאָר מיט בלאָס־בלויע אויגן. דאָס שווערע פּאַרטיזאַנישע לעבן האָט אים נאָך מערער אויסגעמאָגערט. ער האָט גלייך אָרגאַניזירט אַ קורס פאַר קראַנקן־שוועסטער, און די פּאַרטיזאַנקעס וואָס האָבן זיך גוט אויסגעטויגט מיט דער ביקס, האָבן זיך נאָך בעסער אויסגעטויגט אין אַרומגיין אַרום די קראַנקע און פאַרוואונדעטע . . .

***

און די נאַכט, וואָס פּסח האָט אָפּגעמאַכט מיטן דאָקטאָר, אים צו ברענגען צו סאָניע׳ן אַ קוק טאָן אויף איר פוס, האָט זיך צעשפּילט אַ בייזער ווינט, און ס׳האָט אויסגעקוקט ווי אויף אַ זאַווערוכע, און גיין דאַרף מען אַהין צופוס דורכן וואַלד.

— זאָלן מיר דאָס אפשר אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל? — האָט פּסח אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַזוינע אויגן, וואָס בעטן גראָדע ס׳פאַרקערטע, אַז מען זאָל דאָס נית אָפּלייגן.

ניט שטענדיק האָט שוין פּסח זיך געקאָנט אַריבערכאַפּן קיין ליובען צו פּאַלאַשקאַ׳ן אין הויז. נאָר ווען מען איז געווען נאָענט אין דעם געגנט. און איצטער איז מען געווען נאָענט.

— ניין, מיר וועלן ניט אָפּלייגן, — האָט דער דאָקטאָר אויפגעשטעלט דעם הויכן פוטערנעם קאָלנער פון זיין וואַרשעווער פּאַלטאַכל און זיך פאַר־וויקלט מיט אַ וואָלענער שאַרפע.

דער בייזער פּראָסטיקער ווינט האָט געשמיסן מיט שטעכיקן שניי גלייך אין פּנים אַריין, און איבערן וואַלד האָט געוואָיעט, ווי טויזנטער וועלף, און די שטיוול זיינען געקראָכן טיף אין שניי, און מען האָט דעם אָטעם קוים געקאָנט כאַפּן.

און אָט דער דאָזיקער דאָקטאָר, כמעט אַ קליינגעוואוקסיקער, מיט אָנ־געבויגענע פּלייצעס, וואָס רייסט זיך דורך דער זאַווערוכע אין פינצטערן וואַלד, האָט פּסח׳ן דערהויבן דאָס האַרץ מיט גרויס בטחון און גוטסקייט צום מענטשן.

***

און פּאַלאַשקע׳ס הונט, מיטן אָפּגעפּליקטן ווידל, אַ מאָגערער, אַן איינ־געפּאַלענער, אַ פאַרביטערטער, וואָס דאָס מזל האָט אים פאַרטראָגן צו דינען אין דער אָרעמסטער כאַטע פון דאָרף, און פילט זיך שטענדיק שוין דערשלאָגן בנוגע די הינט פון אַנדערע הייזער, וויל עפּעס קיינמאָל ניט שלום מאַכן מיט פּסח׳ן. שטענדיק, ווען יענער באַווייזט זיך, הויבט ער אויף גרויסע געוואַלדן און צעוואָיעט זיך אַזוי יאָמערלעך. האָט ער דאָס מאָל זיך ווידער צעוואָיעט אַזוי יאָמערלעך, און זיך געריסן סאַי צו פּסח׳ן און סאַי צום דאָקטאָר מיט אַ פאַרביטערטער שלעכטסקייט.

און אַז פּאַלאַשקע האָט זיי אַריינגעלאָזט אין שטוב אַריין, האָט פּסח גלייך דערקאָנט אין אירע לויטער קלאָרע אויגן, אַז זי איז גוואַלדיק פאַרזאָרגט.

— האָט עפּעס געטראָפן מיט סאָניע׳ן?

— נייק, ס׳האָט גאָרניט געטראָפן מיט סאָניע׳ן, — דערציילט זי אים.
— ערגער איז איר ניט געוואָרן, אָבער אויך ניט בעסער. אָבער ניט צוליב דעם איז זי אַזוי פאַרזאָרגט. זי האָט מורא אין אַזוינע קאַלטע נעכט לאָזן סאָניע׳ן אויפן בוידעם. אַלע פאַרטאָג דאַכט זיך איר אויס, אַז ווען זי וועט אַרויפקומען אויפן בוידעם, וועט זי טרעפן סאָניע׳ן אַ פאַרפרוירענע אויף טויט. זי גליט אָן אין אויוון אַ ציגל, און ברענגט דאָס אַלע אויף דער נאַכט צו סאָניע׳ן, און לייגט דאָס הינטער די קאָלדרעס לעבן סאָניע׳ס פיס . . .

***

דער דאָקטאָר האָט פון זיין שיין־וואַרפער געשיקט אַ ליכט אויף סאָניע׳ס פנים, און פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר שיינקייט. דאָס איז שוין ניט געווען קיין פיזישע שיינקייט. אַן אָפּגעצערטע ביז גאָר, נאָר אירע בלויע אויגן האָבן געפלאַקערט. ווי אַ הייליקע האָט זי אויסגעקוקט צו אים. זי האָט ניט געקרעכצט, און ניט געאַכצעט, גאָר געוואָלט שמייכלען, ווען דער דאָק־טאָר האָט אונטערזוכט איר קני.

— דאָקטאָר, — האָט זי צו אים געזאָגט מיט איר זינגעוודיק מיידלש קול, — מאַכט מיך געזונט, איך קאָן שוין דאָ ניט ליגן.

דער דאָקטאָר האָט זי שוין ניט געקאָנט מאַכן געזונט. מען וואָלט געקאָנט אויסהיילן איר פוס, ווען מען זאָל געווען גלייך אויפן אָרט מאַכן אַן אָפּעראַציע.

און אפילו איצטער וואָלט אויך ניט געווען צו שפּעט, ווען מען קאָן זי נעמען אין אַ גוטן האָספּיטאַל, מען דאַרף איצטער מאַכן זייער אַ דעליקאַטע אָפּעראַציע, און ער האָט ניט די אינסטרומענטן דערצו.

איז וואָס־זשע קאָן ער איר זאָגן? ער קאָן בלויז רעדן צו איר גוטע רייד. ער קאָן איר אויך בלויז געבן אַזוינע פילן, וואָס זאָלן זי שטאַרקן.

***

און שפּעטער, ווען דער דאָקטאָר איז שוין געשלאָפן אין דעם שטרוי אַזאַ מידער, און פסח האָט זי געהאַלטן שטאַרק אַרומגענומען, האָט אים סאָניע אַריינגעפליסטערט אין די אויערן מיט אַ פאַרטאַיעטער שרעק:

— פסח׳שע, ווערסט אַ טאַטע.

איז אים באַפאַלן אַ גרויסע פחד. ער איז געבליבן אָן לשון, איר ניט געקאָנט זאָגן קיין וואָרט. און אַז ס׳איז אַוועק אַ היפּשע ווײַלע, און ער האָט נאָך אַלץ געשוויגן, האָט זי אָנגעהויבן וויינען. און דאָס איז געווען אַזאַ געוויין, וואָס פסח האָט דאָס פון זינט ער לעבט ניט געהערט. ער האָט שוין געהערט דאָס געוויין פון מאַמעס, וואָס די נאַציס האָבן דער׳הרג׳עט זייערע קינדער. אָבער דאָ האָט געוויינט אַ מאַמע, וואָס טראָגט נאָך דאָס

קינד אינעווייניק אין זיך, און האָט מוראָ דאָס אַרויסגעבן פון זיך, אַז אומעטום איז פאַרדאַרבונג און אומקום, און אַז זי אַליין באַהאַלט זיך גאָר אויס פון דער שיין פון דער זון.

אָבער ניט לאַנג איז פּסח געווען אין פּחד. ס׳איז צו אים אָנגעקומען גבורה און בטחון. אין די מינוטן פון די גרעסטע סכנות קומט שוין צו אים גבורה און בטחון. אלא ניט, וואָלט ער שוין ניט געלעבט, פּסח, און סאָניע וואָלט אויך ניט געלעבט. יעדעס פּיצעלע אין זיין גוף זאָגט אים, אַז ער וועט דערלעבן די באַפרייאונג, און סאָניע אויך, און דאָס קינד וואָס זי וועט געבוירן.

און ער נעמט זי אַרום מיט שטאַרקייט און רעדט צו איר רייד אָנגעזאַפּט מיט בטחון:

— ניטע וויין, סאָניעשע! ס׳וועט זיין גוט. די צייט וועט זיך בייטן. די באַפרייאונג איז שוין נאָענט. די רויטע אַרמיי ניט זי גייט, נאָר זי פליט, און מיר, די פּאַרטיזאַנען, זייענען שוין געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז מיר ליגן ניט מערער אין די וועלדער ווי די חיות, נאָר מיר וואוינען שוין אין די דערפער, ווי די מענטשן. און איבער גאַנץ פּוילן טוט זיך. מען פאַראייניקט זיך. ס׳איז אַ סברא, אַז די כלאָפּסקי באַטאַליאָנען וועלן אויך צושטיין צו אונז.

— אַזוי, די כלאָפּסקע באַטאַליאָנען אויך? — פרייט זיך סאָניע, ניט אַזוי פון דעם וואָס ער דערציילט איר, נאָר וואָס ער איז אַזוי פול מיט בטחון.

— יאָ, די כלאָפּסקי באַטאַליאָנען אויך, — פרייט זיך פּסח, וואָס סאָניע פרייט זיך, — און מיר זייענען שוין אַ גאַנצע רעגירונג. יענע וואָך ווי מען רופט אונז צונויף, און באָלעק האַלט אַ רעדע פאַר אונז. און ווייסט דאָך, ווי באָלעק רעדט, פייער שפּריצט פון זיין מויל. און ער דערציילט אונז ווי די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג איז געוואָרן זייער שטאַרק, און אַז ס׳נעמט אַרום אַלץ ברייטערע שיכטן פון פאָלק, און אַז ניי־יאָר איז אין וואַרשע אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ היסטאָרישע באַראַטונג, און אויף דער באַראַטונג איז פאָרגעקומען אַ פאַראייניקונג פון אַלע דעמאָקראַטישע כוחות אין פּוילן, און ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט, און מיר הייסן שוין ניט „גוואַרדיע לודאָווע“, נאָר: „אַרמיע לודאָווע“. מיר ווערן אַ גרויסער כוח, סאָניע. מיר ווערן שטאַרקער, און די נאַציס ווערן שוואַכער. די באַפרייאונג איז נאָענט. מיר פילן זי שוין אין דער לופטן . . . און דיין קני וועט אויך געזונט ווערן. לאָז נאָר קומען די באַפרייאונג. מיר וועלן לעבן, סאָניע, און אונזער קינד וועט אויך לעבן.

ווידער אַמאָל זישקע . . .

און דעם גוואַלדיקן פּאַרטיזאַנישן כוח, האָבן די פּויערים אין הונ־דערטער און הונדערטער דערפער פון בוג ביז די קאַרפּאַטן געזען, אין באַ־רימטן מאַרש פון גענעראַל קאָלפּאַק׳ס פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, אין פרילינג פון 1944.

דאָס איז שוין ניט געווען קיין אָטריאַד, נאָר אַ גאַנצע אַרמיי, וואָס האָט געציילט צען טויזנט מאַן. און דאָס איז נאָך ניט געווען דער גאַנצער אָטריאַד, ווייל אַ היפשער טייל איז געבליבן פון יענער זייט בוג.

זיי האָבן געפירט מיט זיך קאַנאָנען, און מינען־וואַרפער, און אַנטי־טאַנקען געווער, און געגאַנגען אינמיטן העלן טאָג, און פאַרניכטעט היב־טער זיך אַלצדינג, וואָס ס׳האָט געקאָנט צונויף קומען די דייטשן.

און געגאַנגען איז קאָלפּאַק׳ס אָטריאַד רייסנדיק זיך צו די קאַר־פּאַטן, דורך באַן־ליניעס, דורך הויפּט־שאָסייען, און דורך דערפער און שטעט . . .

און אַז דער אָטריאַד האָט זיך אָפּגעשטעלט רוען, האָט ער זיך צע־לייגט איבער צענדליקער דערפער, און כמעט אַ גאַנצן פּאָוויאַט (אָקרוג, דיסטריקט), פאַרנומען.

און אַז די ערשטע ראַזוויערקע (אויסשפּיר־אָפּטייל) האָט זיך באַוויזן אין הרודקא, האָט גלייך קאַפּיטאַן זעמסטא מיט די איבעריקע פירער, זיך אויפגעזעצט אויף פערד און אָוועקגעריטן צו דער הויפּט־קוואַרטיר פון גענעראַל קאָלפּאַק.

און גענעראַל קאָלפּאַק, אַן עלטערער מאַן, מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, אַ מיטלוואוקסיקער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט לוסטיקע בלויע אויגן, האָט זיי אויפגענומען, אויפן עכט רוסישן שטייגער: זיך צעקושט מיט יעדן איינעם איןביידע באַקן, זיי מכבד געווען מיט בראָנפן און פאַרבייסן און געשמועסט מיט זיי היימיש און חבריש.

און ווען קאַפּיטאַן זעמסטא מיט זיין חברה זיינען אָפּגעפאָרן צוריק צו זייער שטאַב, האָבן זיי שוין מיטגעפירט מיט זיך צוויי וועגענער מיט געווער און מעדיקאַמענטן. צווישן געווער האָבן זיך געפונען נייע דייט־טשישע פּולעמיאָטן, וואָס מען האָט זיי גערופן: „הינטעלעך״, מחמת זיי זיינען געווען אויפגעשטעלט אויף צוויי פיסלעך.

און אַז גענעראַל קאָלפּאַק׳ס אָטריאַד האָט זיך אָנגעהויבן צו ציען דורך דעם דאָרף, וואו יחיאל מיט זיינע פּאַטריזאַנען האָבן זיך געפונען, האָבן

זיך אידישע חברה אויסגעשטעלט פוןביידע זייטן און געהאַלטן אין איין שרייען „הורא״.

צופוס, און אין וועגענער, און רייטנדיק אויף פערד, האָבן זיי זיך געצויגן, יונגען גבורים, מיט ביסטרע אויגן, מיט הפקרות אין זייערע צע־פּאַטלטע טשובן, שטאַרק־פאַרברענטע, פאַרהאַרטעוועטע, אין פעלצלעך, אין וואַטאָווקעס, אין דייטשישע מונדירן, אין הויכע קוטשמעס און אין פעסטע שטיוול.

גבורים פון אַלע פעלקער, וואָס באַוואוינען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען דאָרטן געווען פאַרטראָטן: חברה מיט בלויע אויגן, און העלע האָר; און חברה מיט קאַרע אויגן און פעך־שוואַרצע האָר; און חברה מיט קרום־געשניטענע אויגן און הויכע באַקן־ביינער; און חברה שלאַנקע ווי די טענצער מיט געקרייזלטע האָר; און חברה שווערע, גוואַלדיק ברייט־פּלייציקע; און חברה הויכע, ריזן; און חברה נידעריקע ביי דער ערד.

מען האָט געזאָגט, אַז אין קאָלפּאַק׳ס אָטריאַד געפינען זיך אַ סך אידן, האָבן יחיאל׳ס חברה געהאַלטן אין איין זיך איינקוקן אויף די פאַרביי־מאַרשירנדיקע סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען, און געוואָלט דערקאָנען אידישע פּנים׳ער.

און ס׳איז שוין ניט געווען אַזוי שווער צו דערקאָנען. די אויגן האָבן שוין עדות געזאָגט, די אידישע אויגן, די פיינלעך־וואַכזאַמע, די גיך־לויפנדיקע, מיט דער באַזונדערער טרויעריק־קלוגער ליכטיקייט.

און אַז מען האָט דערקאָנט אַ אידיש פּנים, האָבן די חברה גלייך אַ געשריי געטאָן:

— אַמכאַ?

— אַוודאי אַמכאַ, נאָך ווי אַמכאַ! נאָך אַ מין אַמכאַ, אַמכאַ פון אַמכאַ־לאַנד! — זיינען געפלויגן ענטפערס פון צעשיינטע פּנים׳ער.

— און מיר זיינען פון יחיאל׳ס אָטריאַד, — האָבן חברה געשריען צו זיי.

— מיר האָבן געהערט פון אייך, — האָבן יענע צוריק געשריען.

אָבער באַטשאַן האָט פאַרטראַכט אַן אַנדער שפּיל, געוואָלט טרעפן פון אַ וועלכער שטאָט מען קומט.

— פון מינסק? — האָט ער איסגעשריען מיט אַ פּנים פון אַ טרעפער, — דערזעענדיק אַ אידישן בחור.

— ניין, ניט פון מינסק, פון זוויל.

פון זוויל, און פון בריסק, און פון וואַרשע, און פון לאָדזש, פון אָדעס, און אפילו פון באַלטע.

און צווישן די רייטער האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן אַ יונג בחור׳ל פון אַ יאָר 12 צי 13. אויף אַ ביסטרע געל פערדל איז ער געזעסן, אַ פלינקער אַזאַ, מיט אַ קורץ קאַוואַלערסקע ביקסל אויף די פּלייצעס, מיט אַ פּיסטאָלעט ביי די היפּטן, אָנגעטאָן אין אַ לעדערן רעקל מיט אַ פוטער־נעם קאָלנער, אין אַ דייטשיש היטל אָן אַ דאַשעק, האָט ער געריטן צווישן אַ גרופּע געזונטע יונגען, אין הויכע פוטערנע קוטשמעס, מיט אַרויסגע־געלאָזטע הפקר׳דיקע טשובעס. דאָס בחור׳ל האָט זיך געהאַלטן צווישן זיי, ווי אַ דערוואַקסענער. געדרייכערט אַ פּאַפּיראָס, און געשפּיגן, און זיך גע־וויגט זייער חנ׳עוודיק אויף זיין פערדל.

און אַז פסח האָט דערזען דאָס דאָזיקע העלדישע אינגל, האָט אים גלייך דאָס האַרץ אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן.

— אוי ווי, אויב ס׳איז נית זישקע, — האָט ער אויסגעשריען, — זיש־קע, זישקע.

— אוי, פּסח! — האָט יענער זיך צעשריען, שוין ניט ווי אַ העלדן־פּאַרטיזאַן, נאָר ווי אַ קליינער אינגל, וואָס האָט פּלוצלונג אומגעריכט דער־זען זיין עלטערן ברודער אין דער פרעמד. און ער האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדל, אַרויס פון דער ריי, זיך אַ לאָז געטאָן צו פּסח׳ן, אַראָפּגע־שפּרונגען פלינק פון פערדל. — אוי, פּסח, פּסח!

מען האָט זיך געהאַלזט און געקושט. מיט די אַנדערע מאַריאַנקער אויך. און ער האָט דערציילט, זישקע, פון זיינע טרעפונגען, און ווי אַזוי ער איז אַריינגעפאַלן אין קאָלפּאַק׳ס אָטריאַד, און ווי אַזוי ער האָט געפונען חן אין די אויגן פון גענעראַל אַליין, און ווי אַזוי מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ קאַוואַלעריסט, א. אַז. וו. א. אַז. וו. . . .

— אוי, פּסח, בין איך מזל׳דיק! — האָט ער געשיינט ביז אין די אויערן . . .

איך האָב מורא, אַז אין אַמעריקע זיינען שוין אויך ניטאָ קיין אידן . . .

דער פרילינג פון 1944 איז געקומען, און מיט אים די גרויסע האָפע־נונג, אַז ס׳וועט שוין נעמען ניט לאַנג. דער פראָנט האָט זיך גערוקט אַלץ נעענטער צום בוג.

אָסטראָווע און סאָסנאָוויץ, וואָס זיינען געוועזן צוויי שטאַרקע נאַצישע פעסטונגען זיינען פאַרנומען געוואָרן פון די פּאַרטיזאַנען, און אַז די אידישע

חברה זיינען אַריין אין די דאָזיקע צוויי שטעטלעך, האָבן זיי געזוכט אין יעדן הויז, אפשר וועט מען נאָך געפינען אויסבאַהאַלטענע אידן.

מען האָט געזוכט אין די קעלערס און אין די בונקערס, זיינען שוין די איינציקע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס מען האָט געטראָפן דאָרטן, געווען בלויז שטשורעס, און די איינציקע סימנים, וואָס האָבן עדות גע־זאָגט, אַז דאָרטן זיינען אַמאָל געווען פאַרבאַהאַלטן אידן, זיינען געווען צע־פּרעסענע בלעטלעך פון סדורים, מחזורים און גמרא׳ס.

בעריש קאָרנמאַן איז געווען זייער מרה־שחורה׳דיק. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז אויך אויף זיי, די אידישע פּאַרטיזאַנען, וואַרט שוין דער טויט.

— קיינער פון אונז וועט שוין ניט בלייבן לעבן, — האָט ער געזאָגט צו דער חברה, — פאַרוואָס זיי, יאָ, און מיר ניט? ס׳איז שוין אַזאַ גזר־דין פון גאָט, — אויס אידן. ביז 1940־1942 האָט ער זיי נאָך געלאָזט לעבן און מער ניט. מען וועט די אידן אין אַנדערע לענדער אויך אויס־מאָרדן, איר וועט זען. ס׳איז אַזאַ גזר דין. גאָט דאַרף שוין מערער ניט קיין אידיש פאָלק.

— טאַטע, שווייג! טאַטע, רעד מערער ניט קיין וואָרט! — האָט בעבעלע, וואָס האָט געגעבן אַ וואַקס־אויס אין דער הויך פאַר דער לעצטער צייט, אַ שטאַרקס, אַ פאַרהאַרטעוועטס, און שוין זיך געקאָנט באַגיין מיט אַ ביקס, ווי אַ דערפאַרענער פּאַרטיזאַן, אָנגעשריען אויף אים.

אָבער אַז איר טאַטע האָט ניט געדעדט, אַז איר טאַטע האָט איינ־גאַנצן געשוויגן איז געווען נאָך ערגער. ער האָט געשוויגן מיט אַזאַ פינצ־טערניש, מיט אַזאַ פאַרגליווערטקייט, ווי אַ מענטש וואָס האָט זיך אָפּגע־שיידט פון דער וועלט. פלעגט אים שוין בעבעלע פּאַטשן אין די באַקן אַריין, ווי מען פּאַטשט אַ שיכור, וואָס פאַלט אַריין אין אַ קאָמא, און מען וויל אים ברענגען צו די חושים.

— איך האָב מורא, אַז אין אַמעריקע זיינען שוין אויך ניטאָ קיין אידן, — האָט געזאָגט באָטשאַן, און דאָס מאָל ניט צוליב אַ שפּאַס, — אַ סימן, ווען דאָרטן זיינען יאָ דאָ אידן, וואָלטן זיי דען געשוויגן? וואָלטן זיי דאָך עפּעס געטאָן אָפּצושטעלן די שחיטות.

— אַוודאי ווייסן זיי ניט, — האָט זיך אָנגערופן הערי דער אַמערי־קאַנער, — ווען זיי ווייסן, וואָלטן זיי געטאָן אַלץ אין דער וועלט אונז צו העלפן. ס׳איז דאָרטן דאָ אין ניו־יאָרק אַ גרויסער ראַבאַי, איז ער מיט פּרעזידענט רוזוועלט, ווי צוויי פינגער.

— אפשר ווייסן זיי ניט, וואָס מען האָט געטאָן צו אונז, — האָט זיך אָנגערופן יאַנקל האַלאָוונער.

— מען ווייסט, מען ווייסט, — האָט פסח זיך געבייזערט, — אויב סאָוועטן־פאַרבאַנד ווייסט, ווייסן זיי שוין אויך. מען איז דאָך פאַרבינדעטע.

— פאַרוואָס־זשע האָבן זיי גאָרניט געטאָן, די אַמעריקאַנער אידן, אונז צו העלפן, — האָט זיך באַטשאַן געהאַלטן ביי זיינעם.

קאָן שוין פסח ניט ענטפערן אויף דעם. אַ סך זאַכן זיינען אים אַליין קשה. ווי קומט דאָס טאַקע, וואָס די אידן אין אַמעריקע האָבן אפילו ניט געלאָזט הערן פון זיך? כאָטש פון אַן עראָפּלאַן אַראָפּלאָזן מיט אַ פּאַראַשוט עמיצן אַ פאָרשטייער פון דאָרטן, אָדער כאָטש אַ בריוו צו די אידישע פאַרטיזאַנען.

און דאָ, וואָס נעענטער צו דער באַפרייאונג, האָט זיך אַריינגעגנב׳עט אַ גרויסע מורא צווישן אַ סך חברה, אַז מען וועט ניט דערלעבן די באַפרייאונג. די באַציס וועלן זען, אַז זיי האָבן פאַרשפּילט וועלן זיי זיך שוין נוקם זיין אָן לעצטן רעשטל אידן.

פסח האָט גערעדט צו זיי:

— ברידער און שוועסטער! ווען הערשל רובינשטיין וואָלט געלעבט און געשטאַנען איצטער פאַר אייך, וואָס וואָלט ער געזאָגט? ער וואָלט געזאָגט: יאוש איז דער ערגסטער שונא. ערגער פון נאַצי. יאוש שוואַכט אָפּ און מען פאַרלירט דעם מוט. באַלעק האָט אונז איין מאָל געזאָגט, אַז אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן אין פּוילן און אין דייטשלאַנד לעבן נאָך צענדליקער טויזנטער אידן. און באַלעק וועט דיר ניט ריידן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. איך אַליין גלויב, אַז ערגעץ אין די באַהעלטענישן, זיינען נאָך אויך דאָ אַ סך אידן. זיי קוקן אַרויס אויף אונז. זיי בעטן גאָט פאַר אונז. און מיר קאָנען פאַרקירצן די מלחמה כאָטש אויף איין מינוט, ווי הערשל רובינשטיין האָט געזאָגט, און אין דער מינוט ראַטעווען צענדליקער טויזנטער אידן אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן. מיר, אידישע פאַרטיזאַנען, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אַזוי שטאַרק די גאַנצע צייט, ווען די באַפרייאונג האָט אויסגעקוקט אַזוי ווייט, און ס׳איז געווען בלויז אַ חלום, קאָנען מיר איצטער ניט אַראָפּפאַלן אין כוח און אין מוט. איצטער, וואָס אָט אָטאָ און מיר גיבן „שלום־עליכם״ דער רויטער אַרמיי . . .

פסח אַליין האָט נאָך קיין מאָל ניט געהאַט אַזאַ גרויסן בטחון, אַז מען וועט דערלעבן די באַפרייאונג, ווי איצט. סאָניע האָט אים געגעבן אַזאַ גרויסן בטחון. זי, אַ האַלבער אינוואַליד, אַן אָפּגעצערטע, אַן אויסגעמאַטערטע, ליגט איינע אַליין פאַרשטעקט אויף אַ בוידעם שוין חדשים און

חדשים מיט אַ קינד׳ אין אירע אינגעווײדן, אָבער וואָס פאַר אַ כוח ס׳שטראַלט אַרויס פון איר . . . זי האָט שוין אָנגעגרייט אויפן בוידעם אַ גאַנצן גאַר־דעראָב ווינדעלעך, ווינדעלעך, העמדעלעך, און אפילו קינדערשע קאָלדרעס. פון אַלטע שמאַטעס, מאַכט זי מיט אירע גאָלדענע פינגער אָנטאָן פאַר דעם קינד וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט . . .

דאָס רעכטע קומט ערשט . . .

ווי האָט געזאָגט רעב יאַנקל האָלאָוונער, אַז ס׳פּילט זיך שוין ווי ערב נעילה, און דאָס האַרץ חלש׳ט אָמשטאַרקסטן. ס׳האָט זיך געפּילט ערב שלום, ערב סוף. אָט באַלד, אָט גאָר אינגיכן, וועט מען שוין דער־לייזט ווערן. אָבער גראָדע דעמאָלט איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט, וואָס איז געווען די גרעסטע, די פאַר׳עקשנ׳סטע, די סכנה׳דיקסטע אין דער געשיכטע פון זייער פּאַרטיזאַנישער דערפאַרונג.

און דאָ זיינען אַלע פירער פון שטאַב, צוזאַמען מיטן גאַנצן חיל פון די סאָוועטישע און פּוילישע פּאַרטיזאַנען אַוועק אין די יונעווער וועלדער, מיט דער כוונה זיך דורכרייסן צו די קאַרפּאַטן־בערג. זיי האָבן אויך מיט־גענומען פּערציק פון דער אידישער חברה, צווישן וועלכע ס׳זיינען אויך געווען באָטשאַן, לייאַנקע פּאַרצעווער, יוריק זאַלישטשער, ליאָווא פּאַבילער און נאָך אַ סך אויסגעפּרוּוטע העלדישע חברה.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט מען זיך אָבער דערוואוסט, אַז פון יענער זייט בוג איז אַריבערגעקומען דער גענעראַל באַראַנאָווסקי מיט אַן אָפּ־טיילונג פון פופציק סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען. אויך איז אָנגעקומען טשאַר־ני׳ס באַוואוסטער פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד, וואו ס׳האָבן זיך געפונען פערצן אידישע חברה, באַרימטע פּאַרטיזאַנער־העלדן.

אין דאָרף וואָליא־וועדעשינסקי, אַן אַכט קילאָמעטער פון שאָסיי, צווישן וולאָדעווע און לובלין, האָבן די אידישע פּאַרטיזאַנען צוזאַמען מיטן גענעראַל באַראַנאָווסקי איינגעשטעלט אַ באַזע. די פאַרבינדלער זיינען אַלע־מאָל געקומען מיט ידיעות, אַז די דייטשן קאָנצענטרירן זייערע קרעפטן אַרום דעם דאָזיקן דאָרף און דאָס מיינט, אַז מען קאָן אינגיכן דערוואַרטן אַ גרויסן איבערפאַל.

און איידער נאָך גענעראַל באַראַנאָווסקי מיט יחיאל׳ן האָבן באַשלאָסן וואָס צו טאָן, ווי אין אַ פרימאָרגן, פון דאָרף וועטישנע, האָבן זיך אַריינ־

געריסן בליץ־שנעל צוויי הונדערט דייטשישע קאַוואַלעריסטן, און גלייך דערגרייכט סאַמע אינמיטן דער גאַס, וואו דער שטאַב האָט זיך געפונען.

פון יעדער כאַטע, פון יעדן גאָרטן, פון יעדן פּלויט, האָט געגעבן אַ האַגל אויף זיי מיט קוילן. פערד און רייטער האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן.

דער סאָטנאָוויצער פּאַצאַן, וואָס איז געווען אַ בריה מיט גראַנאַטן, האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין די פאָדערשטע רייען רייטער.

טשאַרני׳ס פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד, וואָס האָט זיך געפונען אין שכנות׳דיקן דאָרף, איז גלייך אָנגעלאָפן צו הילף און מען האָט זיי פאַר־טריבן.

מען האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס איז ערשט אַ פאָרשפּיל. אַז דאָס האָבן זיי געשיקט די ערשטע כוחות, אויסצוטאַפּן ווי שטאַרק די פּאַרטי־ זאַנען זיינען, אַז דאָס רעכטע קומט ערשט . . .

די פּאַרטיזאַנישע טאַקטיק ביז אַהער איז געווען, קיינמאָל ניט האַלטן קיין פראָנט קעגן גרעסערע כוחות פון שונא, נאָר אָנפאַלן פּלוצלונג אומגעריכט און גלייך פאַרשווינדן ווערן. דאָס מאָל אָבער, האָבן די קאָ־מאַנדירן באַשלאָסן פאַרטיידיקן דאָס דאָרף, וואָס וואָלט געקאָנט זיין אַ גוטע פּאָזיציע פאַר די דייטשן קעגן דער גיך אָנגרייפנדיקער רויטער אַרמיי. אין פאַל מען וועט ניט קאָנען איינהאַלטן דאָס דאָרף, וועט מען זיך צוריקציען אין נאָענטן וואַלד, וואו טשאַרני׳ס אָטריאַד איז געהאַלטן גע־וואָרן אין רעזערוו. אַהינצו, אין וואַלד, האָט מען אויך איבערגעשיקט די אומבאַוואָפנטע.

מען האָט זיך גענומען גראָבן אָקאָפּעס (טרענטשעס). דערווייל, צו נאַכט צו, איז אָנגעלאָפן אַ פאַרבינדלער מיט דער גרויסער נייעס, אַז ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער צווייטער פראָנט, און אַז די אַמעריקאַנער און ענגלישע אַרמייען, שלאָגן זיך שוין אויף דער פראַנצויזישער ערד. האָט שוין קיינער ניט געקאָנט איינשלאָפן יענע נאַכט אין די אָקאָפּעס. מען האָט געהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט אין איין ריידן וועגן דער גרויסער נייעס . . .

— צו שפּעט, צו שפּעט, — האָט געזאָגט אַ פאַנצטערער בערל קאַרמאַן.

— וואו זיינען זיי געווען פאַראַיאָרן ? — האָט אויך רבקה געזאָגט אַ פינצטערע, — זיי וואָלטן געקאָנט ראַטעווען אַזויפיל אידן.

הערי דער אַמעריקאַנער האָט יענע נאַכט ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן אַמעריקע :

— אַך, אַמעריקע ! איר וועט זען, ווי די „יענקיס״ וועלן זיי צע־ברעקלען אויף פּיצלעך. איר קאָנט נאָך ניט די אַמעריקאַנער. איר זאָלט

זען, ווי זיי האָבן געבויט אַ מויער אפשר פון 200 שטאָק . . .

פּסח מיט די מאַריאַנקער, צווישן וועלכע ס׳איז אויך געווען אַ סאָוועטישער מאַטראָז, האָבן געהאַלטן וואַך אויף אַ בערגל לעבן צווינטער. ער איז געווען דער איינציקער לעבנגעבליבענער מאַטראָז פון אַן אויפגעריסענער שיף לעבן סעוואַסטאָפּאָל. ער האָט זיך דערנאָכדעם געשלאָגן הינטער כאַרקאָוו, דאָרטן אַרײַנגעפאַלן אין פּלען (געפאַנגענשאַפט), פון פּלען אַנטלאָפן, ווען מען האָט אים געבראַכט אין פוילן, און זיך דערשלאָגן צו די פּאַרטיזאַנען. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן סעוואַסטאָפּאָל, און נאָך יעדן עפּיזאָד אַלעמאָל אויסגעלאָזט מיט די ווערטער:

— דאַ, דאַ, טאָוואַרישטשי דאָראָגיע, פּאָד סעוואַסטאָפּאָלעם בילאָ דיעלאָ (יאָ, יאָ, חברים טײַערע, הינטער סעוואַסטאָפּאָל איז געשען די ריכטיקע זאַך).

— אַך, אַך, — האָט זיך פּסח אָנגערופן צו די מאַריאַנקער, — איר באַנעמט כאָטש אַן ענין? אַ לאַנד פון גבורים, און מען האָט גענומען די דאָזיקע גבורים און מען האָט זיי געלערנט: האָב ליב יעדעס פּאָלק, יעדער האָרעוועדיקער מענטש איז דײַן ברודער. מיט דער מאַמעס מילך האָט מען זיי שוין אַרײַנגעשפּראָצט דעם גוטן טראָפּן, און זיי זײַנען אונזערע פרײַנט. איר פאַרשטייט כאָטש . . .

פּסח איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים, דאָרטן פון דער הויך האַלטן אַן אויג אויף די וועגן אַרום. און ער איז געזעסן דאָרטן אײַנגעקאָרטשעט אויף דער צווײַג און אַלץ נאָך געטראַכט וועגן מאַטראָס, וואָס האָט אײַנגעדרעמלט לעבן זײַן פּע־טע־אָר (קעגן־טאַנקען־געווער); און אַלץ נאָך געטראַכט, וועגן פאָלק פון גבורים, וואָס קומט אַלץ נעענטער און נעענטער אין דער לובלינער געגנט . . .

און אַז ער האָט דערזען, ווי דער הימל אין מזרח גאָלדיקט זיך, האָט ער עפּעס פאַרגעסן, אַז דאָס וואַכט ער גאָר איבערן שונא. און אפשר האָט ער גאָר אויך אײַנגעדרעמלט? ניט ממש קיין דרעמל, נאָר עפּעס אַ פּולקאָמע רו האָט אין אים אַרײַנגעדרונגען, אַ פולשטענדיקע אויפלייזונג. דאָס גאָלד אין מזרח איז געוואַקסן גרעסער און גרעסער. האָנען האָבן געקרייט, אויף די פעלדער האָבן פויערים און פויערטעס זיך געצויגן מיט די סאָפּעס אויף די פּלייצעס, מיט בינטלעך שפּייז צווישן די אָרעמס. די געדיכטע זאַנגען האָבן זיך לײַכט געוויגט און געכוואַליעט זיך פון די פרישע פרימאָרגן־ווינטלעך, און ס׳איז געווען שלום און רו אויף דער וועלט . . .

***

און פלוצלונג האָט ער אויפגעציטערט. איידער נאָך זיינע אויגן האָבן זיי נאָך דערזען, האָבן זיינע אויערן זיי דערשפּירט. פון וואַלד זיינען זיי אַרויס מיטאַמאָל, אַנדערהאַלבן קילאָמעטער ווייטער.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן. פון אַלע זייטן אַרום און אַרום האָט זיך דאָס אָנגעהויבן.

און איבערן קאָפּ — פינף עראָפּלאַנען. און דאָס שרעקלעך וואָיען זייערס, איז שוין געווען ווי דאָס שרעקלעכע וואָיען פון נאַציזם אַליין. די גאַנצע אוממענטשלעכקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין די דאָזיקע בלוט־פאַרגליווערנדיקע וואָיערייען.

און אַזאַ האַס האָט פּסח'ן אָנגעכאַפּט צו די דאָזיקע מחבלים־מאַשינען, און אַזאַ שטאַרקע גלוסטונג אַראָפּצוקנאַקן כאָטש איינעם פון זיי.

זיי זיינען געפלויגן זייער נידעריק, באַשיסנדיק פון מאַשין־ביקסן די גאַנצע פּאָזיציע, און דאָ דער קעגן־טאַנקן־ביקס שיסט נאָר האָריזאָנטאַל, נאָר ליגנדיק. אָבער אפשר וועט ער שיסן אויך ווערטיקאַל. מען דאַרף נאָר וועלן, און ווילן, ווילן זיי אַזוי שטאַרק! יעדע צעל פון זייער הויט וויל, יעדעס טראָפּעלע בלוט אין די אָדערן וויל.

פּסח און רבקה האָבן זיך צעלייגט אויף דער ערד, אויפגעשטעלט דעם אַנטי־טאַנקן־געווער אין דער לופטן, אים צוגעהאַלטן ביים הענטל. זיי האָבן ממש ווי אָפּגעטאָן אַ כשוף דעם שטאָל, ער זאָל ענדערן זיין טבע פון שיסן האָריזאָנטאַל און שיסן ווערטיקאַל אין דער הויך.

— צילעווע, ניקאָלאַי! — האָבן זיי ביידע געשריען צום מאַטראָס.

און ניקאָלאַי לאָזט אַרויס איין קויל נאָך דער אַנדערער צו אַן עראָ־פּלאַן, וואָס קרייזלט זיך כמעט איבער זייערע קעפּ, אָבער ס'טרעפט ניט.

אָבער מיט זייער גרויסער גלוסטעניש, מיט זייער גאַנצן ברען פון האַרצן, מיט זייער גאַנצן לויף פון די בלוטן, האָבן זיי געקערעוועט דעם אַנטי־טאַנקן־ביקס, אים ווי היפּנאָטיזירט ער זאָל טרעפן.

און דער אַנטי־טאַנקן ביקס האָט געטראָפן און דער עראָפּלאַן האָט אָנגעהויבן צו ברענען, און ער האָט אָנגעהויבן פאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ אין וואָלקנס שוואַרצן רויך, און אַראָפּגעקראַכט ווייט ערגעץ אין וואַלד.

דער גענעראַל באַראַנאָווסקי, מיט אַ הוילן קאָפּ, פאַרלוירן ערגעץ זיין היטל, אַ קליינגעוואוקסיקער מיט די קורצע פעסטע פיס, איז געלאָפן איבער דער גאַנצער ליניע פון די אָקאָפּעס און געשריען:

— פּאַרטיזאַנענלעך, אָדלערלעך! דערלאַנגט און לויפט, צום וואַלד לויפט.

ביזן וואַלד איז געווען אַן אַנדערהאַלבן קילאָמעטער. מען האָט געמוזט לויפן דורך אַ פעלד. גוט איז כאָטש, וואָס די הויכע זאַנגען תבואה וועלן אַביסל זיין אַ שוץ.

דאָס דאָרף האָט אָנגעהויבן צו ברענען פון אַלע זייטן. די פיר איבער־געבליבענע עראָפּלאַנען האָבן געהאַלטן זיך אין איין דרייען, אין איין אַראָפּוואַרפן קעסטלעך מיט גראַנאַטן, און דער האַס פון דער חברה צו די דאַזיקע מאַשינען־מחבלים איז נאָך געווען גרעסער, ווי צו די דייטשן אַליין. מיט די הוילע ביקסן, מיט די אויטאָמאַטן, מיט די פּע־טע־אַרן, האָט מען געשאָסן אויף זיי און נאָך איין עראָפּלאַן אַראָפּגעשאָסן.

— באַר רואיק! באַר קאַלט! — איז יחיאל געלאָפן פאַראויס און גע־שריען צו דער חברה.

ס׳האָט געוואָיעט דער הימל, ס׳האָט געציטערט די ערד. פערד האָבן זיך געשטעלט דיבאָם. באַריס דער סאָביבער, דער פלינקער רייטער, איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין סיווקע פערדל, און דאָס פערדל מיטן ליידיקן זאָטל האָט זיך גאַלאָפּ געטראָגן צום ברענענדיקן דאָרף.

ווען די חברה זיינען אַריין אין די זאַנגען פון די פעלדער, האָט מען זיי דאָרטן אויך געטראָפן. ברוסט צו ברוסט, פּנים צו פּנים, אויג צו אויג, אָטעם צו אָטעם, האָט מען זיך מיט זיי געשלאָגן. און דער ריח פון נאַ־צישן אָטעם איז גאָרניט געווען איבערצוטראָגן. פאַר די פון דער אי־דישער חברה, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די געטאָס, איז דער אָטעם וואָס האָט זיך געטראָגן פון די דייטשישע מיילער, געווען מיט אַ ריח פון פאַרדומפּענעם ליים און קאַלך; פאַר די וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דעם אַדאַמפּאַלער שקלאַפן־לאַגער איז דער ריח פון דעם דייטשישן אָטעם, געווען ווי דער ריח פון כלאָראָפאָרם געמישט מיט פערדישן צוי; פאַר די וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון סאָביבער פאַרניכטונגס־לאַגער, איז דער ריח פון שונא׳ס אָטעם געווען ווי דער איבלדיקער ריח פון פאַר־ברענטן מענטשלעכן פלייש. מען האָט דערזען פאַר זיך די שוידערלעכע מערדער פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, ווייבער און קינדער און פון דעם גאַנצן אידישן לעבן, און מען איז געגאַנגען נאָ שטיקי, מיט די באַיאָנעטן געזעצט אין זייערע בייכער.

***

און אַז די חברה האָבן זיך דורכגעריסן דאָס פעלד און זיינען אַריין אין וואַלד, האָט זיך דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן די גרויסע אַטאַקע.

נאָך פינף פרישע עראָפּלאַנען זיינען אָנגעפלויגן און אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן דעם וואַלד.

אַ פּאַרטיזאַנישער שליח איז אַוועק אין אַ שכנה׳שן דאָרף, וואו דאָרטן האָט זיך געפונען אַ כוח פון דער אַרמיי־קראַיאָווע (לאַנדס־אַרמיי), בעטן הילף, אָבער דער שליח האָט זיך שוין קיינמאָל ניט אומגעקערט. זיי האָבן אים דערמאָרדעט די אַרמיי־קראַיאָוועצעס.

און דאָ גייט אויפן וואַלד איין גרויסע דייטשישע כוואַליע נאָך דער אַנדערער.

— קיין איין שאָס ניט, — האָט געדונערט גענעראַל באַראַנאָווסקי.

— נאָר רואיק, נאָר קאַלט, — האָט געשריען יחיאל.

און זיי האָבן זיך גערוקט די דייטשן, אַלץ נעענטער כוואַליעסווייז. און זיי האָבן שוין געוואוסט, די דייטשן, אַז זיי גייען צום טויט. פון דעם אופן, ווי די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד האָבן געשוויגן און מיט קיין שאָס ניט אָפּ־געענטפערט, האָבן זיי שוין געוואוסט, אַז זיי גייען צום טויט.

אָבער הינטער זייערע פּלייצעס איז אויך געווען דער טויט. דער גאַנצער שטאָב פון לובלין האָט זיך געפונען הינטער זייערע פּלייצעס מיט די „עס־עס״־לייט, גרייט צו שיסן יעדן איינעם דייטשישן זעלנער, וואָס פאַלט אַריין אין אַ פּאַניק און וויל לויפן אויף צוריק.

און די אָדערן ביי די פּאַרטיזאַנען האָבן שיעור ניט געפּלאַצט, און די הערצער האָבן זיך שיעור ניט אָפּגעריסן. אַ צוואַנציק מעטער באָענט האָט מען זיי צוגעלאָזט.

— אָ־ג־אָ־ן (פ־יי־ע־ר), — האָט דער גענעראַל זיך צעשריען ביז הייזעריק צו ווערן.

אָ־ג־אָ־ן, האָט דער גאַנצער וואַלד זיך צעהילכט, אָ־ג־אָ־ן האָבן אַלע בוימער אָנגעהויבן ברומען. ס׳האָט זיך געעפנט אַ שטאַרקע שיסעריי אויף זיי, און דאָס איז שוין ניט געווען קיין הוילער פייער, נאָר זודיקער צאָרן. די ערד האָט געגעבן אַ שפּרונג אין דער לופטן, און די דייטשן האָבן אָנ־געהויבן לויפן צוריק אין פעלד מיט זאַנגען.

אַ אידישער מינען־וואַרפער איז געווען צווישן דער חברה, „דריק די האַנט״ האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען אַ גוטער היגער־כאַ־פער, אָבער נאָך אַ בעסערער מינען־וואַרפער. פון זיינע מינען האָט זיך די ערד געהויבן אין דער לופטן.

און כוואַליעס דייטשן, געשיקטע צום טויט, האָבן זיך באַנייעס געלאָזט, און די פּאַרטיזאַנען האָבן ווידער געשוויגן, ביז יענע זיינען אָנגעקומען גאַנץ נאָענט. טשאַרני׳ס אָטריד האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין דער

זייט און געהיט מען זאָל ניט אָנפאַלן פון הינטן אַרומעט.

און הינטער די דייטשישע ליניעס זיינען אַלעמאָל אַראָפּגעפלויגן טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנען און צוגענומען די פאַרוואונדעטע. ביז פאַרנאַכט זיינען זיי געפלויגן אַהין און צוריק, און פאַרנומען די פאַרוואונדעטע.

און ביז פאַרנאַכט האָבן זיי געשיקט כוואַליעס נאָך כוואַליעס צום טויט, און זיי האָבן דעם טויט באַקומען, און דער וואַלד האָט געברענט און געקראַכט פון די אויפרייסנדיקע סנאַריאַדן און פון באָמבעס, וואָס זייערע אַרטילעריע און עראָפּלאַנען האָבן געהאַלטן אין איין שיקן.

***

אין יענער נאַכט, איז דער הימל געווען רויט מיילן און מיילן אַרום וואַלד. צען דערפער האָבן זיי אונטערגעצונדן אָפּטרעטנדיק פון שלאַכט, פון וואָליאַ־ווערעטשינסקי איז שוין קיין זכר ניט געבליבן.

ווידער אַמאָל זאַרעמבא . . .

און זיי האָבן ווידער געמוזט זיך אומקערן צוריק צו די פאַרצעוועד וועלדער, צו זייער אַלטער באַזע. די גאַנצע געגנט איז געווען פול מיט אָפּ־טרעטנדיקע דייטשישע אַרמייען.

און די אָפּטרעטנדיקע דייטשישע אַרמייען, האָבן זייער גאַנצן אָנ־מעכטיקן צאָרן אויסגעלאָזט צו די פאַרצעוועד וועלדער. צוויי וואָכן נאָכ־אַנאַנד האָבן זיי אַלע טאָג געשיקט פראָנט־עראָפּלאַנען און געהאַלטן אין איין באָמבאַרדירן. די חברה האָבן שוין גאַרניט געקאָנט טאָן קעגן דעם, נאָר זיך איינגעגראָבן אין בונקערס, און איבערגעוואַרט די אומגעהויערע באָמבאַרדירונג.

און דער גאַנצער כוח פון די סאָוועטישע, פּוילישע, און פערציק חברה פון די אידישע פּאַרטיזאַנען, וואָס זיינען אַוועק אין אין די יאַנעווער וועל־דער, כדי פון דאָרטן זיך דורכרייסן צו די קאַרפּאַטן־בערג, האָבן געליטן אַ גרויסן דורכפאַל.

אַ גאַנצע דייטשישע אַרמיי איז זיי באַפאַלן הינטער ראַמלעוו, לויט דער מסירה פון דער „אַרמיי קראַיאָווע" און נאָך אַ צוויי טאָגיקער שלאַכט, זיי צעשלאָגן, זיי צעפּיצלט אין קליינע גרופּקעלעך. דאָרטן איז אויך גע־פאַלן דער העלדישער אידישער קאַפּיטאַן זעמסטאָ.

באָטשאַנ'ען האָט מען געבראַכט אין די פאַרצעוועד וועלדער אַ פאַר־

וואונדעטן אין פוס. אָבער באָטשאַן איז געבליבן באָטשאַן. זיך געמאַכט אַ קוליע און פּאַרוועט זיך מיט יעדן איינעם, אַז ער קאָן לויפן אויף איין פוס שנעלער ווי אַנדערע אויף צוויי פיס.

יעדן טאָג האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען נייע גרופּקעס, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער ראַמלעווער שלאַכט. באַלעק האָט זיך ניט אומ־געקערט צוריק, אַוועק אין קעלצער געגנט צו אָרגאַניזירן דאָרטן די פּאַר־טיזאַנישע באַוועגונג.

הינטער דער פירערשאַפט פון פּאָלקאָווניק קאַרטשינסקי, אַ געווע־זענער קעמפער אין שפּאַניע, האָט מען צוריק איינגעשטעלט אַ שטאַב, פאַר־אייניקט אַלע קרעפטן און זיך געגרייט צו דער לעצטער און אַנטשיידענער שלאַכט.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסער „זשוט" (אַן אַראָפּוואָרף) פון געווער, און ס'האָבן זיך אויך אַראָפּגעלאָזט אויף פּאַראַשוטן אַכציק מאַן, פּוילישע זעלנער פון דער קאָסטיושקא אַרמיי, וואָס איז צונויפגע־שטעלט געוואָרן אויף דער סאָוועטישער ערד. צווישן זיי זיינען געווען אַ סך אידישע חברה, אָנגעפירט פון קאַפּיטאַן טראַקער, אויך אַ איד.

זיי, די קאָסטיושקעווער, זיינען אָנגעקומען אָנגעטאָן אין פולן פּוילישן מיליטערישן גלאַנץ: אין די פיר־קאַנטיקע ברייטע היטלען, מיט די שפּי־ציקיקע פאַרריסענע בלישטשנדיקע דאַשיקעס, מיט די אָדלער־הערבן צו־געטשעפּעט פון פאָרנט. זיי האָבן מיטגעבראַכט אַ פולשטענדיק אויסגע־שטאַטע ראַדיאָ סטאַנציע, אַ סך מינעס, און עס איז געוואָרן פריילעך אויף די אייזנבאַן־ליניעס.

ס'זיינען אויך אָנגעקומען פון יענער זייט בוג די סטאַליניצעס, די טשאַפּאַיעווצעס, די בודיענאָווצעס, די וואָראָשילאָווצעס. אויך אַ סך פּוילישע אָטריאַדן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַ סך אידן, און אַלע האָבן אָפּגעמאַרשירט טיף אין הינטערלאַנד פון שונא.

ס'איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון שטאַב, אַז אַ טייל פון יחיאל'ס פּאַר־טיזאַנער, און פון קאָסטיושקאָווצעס, זאָלן זיך פאַראייניקן מיט יאַנקאָ־סקי'ס פּוילישן אָטריאַד און זיך רייסן צו די קאַרפּאַטן אויף דער טשע־כישער גרענעץ. פּאָפּציק אידישע חברה האָט מען אויסגעקליבן, צווישן זיי אויך געווען משה קצב און בעריש קאָרנמאַן מיט זיין טעכטערל בעבעלע.

מען האָט זיך אויך געלאָזט אין די דערפער, וואו ס'זיינען נאָך פאַר־בליבן פּאָליצייאישע פּאָסטאָרונקעס (קוואַרטירן) און זיי פאַרניכטעט. אָבער זייער שווער איז זיי אָנגעקומען איינצונעמען דעם פּאָליצייאישן פּאָסטאָ־רונאָק אין קזשיוואָויעזשע, וואָס איז געווען אָנגעפירט פון גרעסטן

בעסטיאַלישסטן מערדער פּאַליציאַנט, זאַרעמבאַ. טאַקע דער זעלביקער זאַרעמבאַ, וואָס די קויל פון אַ אידישער פּאַרטיזאַנקע האָט אים צעשמעטערט אַ שטיק נאָז און אַ טייל פון זיין מאָרדע. דאָס גאַנצע פּנים איז אים שוין געווען צעקרומט, און זיין אכזריות צו די פּויערים, וואָס מען האָט זיי גע׳מסר׳ט, אַז זיי העלפן אַרויס די פּאַרטיזאַנער, האָט שוין ניט געוואוסט קיין גרענעץ.

דער דאָזיקער פּאָסטאַרונאַק האָט אַרויסגעוויזן אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד, און די מערסטע פּאָליציאַנטן האָבן זיך שוין קיין לעבעדיקע ניט אונטערגעגעבן. אָבער גראָדע דער שווידערלעכער זאַרעמבאַ מיטן צעקרומטן פּנים, האָט זיך אונטערגעגעבן אַ לעבעדיקער. ער האָט געקושט די הענט, זיך געשלאָגן מיטן קאָפּ אין דער ערד.

און אַ סך צווישן דער אידישער חברה, וואָס זייערע אייגענע זיינען גרויזאַם פאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט פון דעם דאָזיקן זאַרעמבאַ, האָבן געמיינט, אַז אויב זיי וועלן אים נאָר פּאַקן אַ לעבעדיקן, וועט מען שניידן שטיקער פון זיין לייב, אים אָנטאָן כל המיתות משונות, אָבער אַז מען האָט אים שוין געפּאַקט, איז שוין ניט געווען דאָס האַרץ אים צו פּייניקן.

און דאָ זיינען זיי באַך פּאַרטיזאַנער, און געלערנט האָט מען זיי, אַז דו פּאַקסט דעם שונא, דאַרפסטו אים בלויז עלימינירן, ליקווידירן, אָבער פּייניקן צוליב הנאה, ביזטו שוין ניט בעסער פון שונא. האָט מען אים עלימינירט, באַזייטיקט פון לעבן, לויט דער פּשוט׳ער פּאַרטיזאַנישער גערעכטיקייט.

אין אַ פּאַסטקע

די רויטע אַרמיי איז שוין געווען אַט אַטאָ, בלויז כמעט אַ שפּאַן, אָבער די פּאַרטיזאַנער זיינען אַריין אין אַזאַ קלעם, אַז מען האָט שוין געמיינט, אַז ס׳איז דער סוף פון זייער לעבן.

די דייטשן האָבן אַריינגענומען די פאַרצוואָר וועלדער אין אַ מעכטיקן רינג. דאָס איז געווען אין אָנהויב חודש יולי, אין אַ פאַרנאַכט. אַ קילער זומער פאַרנאַכט. גענעראַל באַראַנאָווסקי מיט זיין אָטריאַד, וואָס איז ניט געשטאַנען אין רשות פון דער „אַרמיי לודאָווע״, האָט בעסער אָפּגעשאַצט די לאַגע ווי דער שטאַב. פאַרשטאַנען, אַז דאָס בעסטע איצט זיך אַרויסרייסן פון וואַלד אונטער אַלע אומשטענדן, און ער האָט זיך געלאָזט מיט זיינע פּאַרטיזאַנער אין דער ריכטונג פון באַר.

יחיאל מיט דער חברה זיינען געלעגן אין די אָקאָפּעס און געוואַרט אויף באַפעלן פון שטאַב, וואָס איז געווען אַן אַכט קילאָמעטער טיפער אין וואַלד.

און אַז ס'איז געוואָרן נאַכט, און קיין באַפעל פון שטאַב איז נאָך אַלץ ניט געקומען, האָט זיך יחיאל אויפגעזעצט אויף אַ פערד, און אויך דער דובעטשנער איד, זיין אייביקער שאָטן, און מען האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום שטאַב זיך דורכצורעדן וועגן דער לאַגע, ווייל עס קאָן זיין אַמאָל צו שפּעט, און מען זאָל זיך שוין ניט קאָנען דורכרייסן.

דעם שטאַב האָט מען שוין ניט געטראָפן, נאָר אַ שליח, וואָס האָט זיך טאַקע געקליבן פאָרן צו יחיאל'ן אויף דער פּאָזיציע מיט אַ באַפעל אָפּצוציען אין דער ריכטונג פון אָסטראָוו און פון דאָרטן זיך רייסן קיין מערב־צו, וואוהין דער שטאַב אַליין מיט אַן אָפּטיילונג פּוילישע פּאַרטי־זאַנען, האָט זיך ערשט אַוועקגעלאָזט . . .

די חברה האָבן גלייך גענומען אָפּציען. די וועגענער האָט מען איבער־געלאָזט אין וואַלד, דאָס איבעריקע געווער פאַרגראָבן אין דער ערד. יאַקו־באָוויטש, אַ העלדישער פּאַרטיזאַן, אַן אַנטלאָפענער פון גריכעווער לאַ־גער, און איציק פּאַרצעווער, וואָס זיינען געווען ממונים איבער פּע־טע־ער (אַנטי־טאַנקען געווער), האָבן זיך מיט דעם ניט געוואָלט צעשיידן, און אים מיטגעטראָגן.

שפּעט אין דער נאַכט האָט די דייטשישע אַרטילעריע אָנגעהויבן צו רעדן פון אַלע זייטן, און דאָס מאָל די שווערסטע קאַנאָנען.

ס'איז געווען אַזוי פינצטער, אַז מען האָט פאַרלוירן די אָריענטאַציע און אָנגעהויבן בלאָנדזשען. אַ שעה פּאָר פאַרטאָג זיינען זיי צוגעקומען צו אַ ברעג וואַלד און חברה האָבן דערקענט, אַז זיי זיינען גאָר פאַרקראָכן הינטער דראָזדאָווקע.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו רייסן קיין באָר, וואוהין גענעראַל באַראַנאָווסקי איז אַוועק. ווי נאָר דער לעצטער פּאַרטיזאַן האָט איבער־געשפּאַנט דעם טראַקט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך ביים ראַנד פון וואַלד, האָט זיך געגעבן אַן עפן אַ פייער, ווי פון הינטער דער ערד אַרויס.

— זאַסאַדע, — האָבן חברה אָנגעהויבן צו שרייען.

— נאָר רואיק, נאָר קאַלט, — האָט יחיאל אויסגערופן.

— נאָר רואיק, נאָר קאַלט, — האָט וואַיע, זיין אייביקער שאָטן, אי־בערגע'חזר'ט.

די זאַסאַדע איז געווען פון דריי ערטער. זייערע ראַקעטן האָבן אָנ־

געהויבן צו באַלויכטן דעם אָרום, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט ני־דעריקע קוסטעס.

פּסח מיט דער מאַריאַנקער גרופּע, די אויסגעפּרואווטע אין פּילע אַזוינע זאַסאַדעס, האָבן זיך גלייך געגעבן אַ ריס צוריק אין וואַלד, און פון דאָרטן דערלאַנגט פייער הינטער די פּלייצעס פון די דייטשן. יענע האָבן זיך אָפּגערוקט אַביסל אָן אַ זייט, און דעמאָלט האָבן זיך נאָך חברה אַריינגעריסן אין וואַלד, צווישן זיי קאַפּיטאַן טראַקער און לייטענאַנט מאַרסקי,ביידע פון קאָסטיושקאָ׳ס אָטריאַד. אויך איציק פּאַרצעווער און יאַקובאָוויטש. דאָס שיינע היטעלע זיינס, דאָס זעלנעריש כאַקי קנישן־היטל, מיט וועלכן יאַקובאָוויטש האָט שטענדיק שטאָלצירט, האָט ער פאַרלוירן, אָבער ניט דעם פּע־טע־ער. אַ פּאַרסאָפּעטער געלאָפן מיט דער שווערער משא, און זיך בשום אופן ניט געוואָלט שיידן מיט איר.

אָן ערך דרייסיק חברה האָבן זיך אַריינגעריסן צוריק אין וואַלד, און מיט די איבעריקע האָט מען שוין ניט געוואוסט, וואָס עס איז געשען.

אומעטום אין וואַלד זיינען שוין געווען דייטשן. די גרופּע פון 30 מיט זייערער אויסגעפּרואווטער פּאַרטיזאַנישער טאַקטיק האָבן זיך אַלע־מאָל אַרויסגעגליטשט פון די אַרומרינגלונגען, און אַוועק אין די טיפע געדיכטענישן.

מען איז געלאָפן אין דער ריכטונג פון דאָרף מאַקאַשקאַ, דענקנדיג, אַז אפשר דאָרטן וועט זיי געלינגען ביינאַכט זיך אַרויסרייסן פון וואַלד, אָבער דאָרטן איז ווידער געווען דער וואַלד פאַרשטעלט.

האָבן זיי זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג פון נעניך, אָבער דערגרייכנ־דיג אַהין, האָט זיי ווידער באַגעגנט אַ מבול פון פייער.

און צו אַ וועלכן עק מען האָט ניט דערגרייכט, זיינען שוין געווען פאַר־לייגט דייטשן.

אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרופּקעלע פון אַכט פּאַרטיזאַנען, און פון זיי האָט מען זיך דערוואוסט די טרויעריקע נייעס, וואָס האָט געטראָפן מיטן שטאַב: אַריבערגייענדיק די באַן־ליניע לעבן אָסטראָוו, זיינען זיי באַפאַלן געוואָרן פון שווערע חיילות, און צענדליקער און צענדליקער פּאַרטיזאַנען האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס דאָרטן, צווישן זיי אויך דער העלדישער קאַפּיטאַן מאַראַ. פּאַלקאָווניק קאַרטשינסקי, דער געוועזענער קעמפּער אין שפּאַניע, האָט זיך גראַטעוועט, פאַרשטעקנדיק זיך אין אַ וואַסער הינטער יעדלינקע.

און פון יחיאל׳ן מיט דער איבעריקער חברה האָט מען שוין איבער־געטראַכט די פינצטערסטע געדאַנקען. בלויז אַ גרופּקעלע פון צען, האָט

מען באַגעגנט זיך אויפן צווייטן טאָג אין וואַלד, און יענע האָבן ניט געוואוסט, וואָס ס׳איז געשען מיט די איבעריקע.

אויפן דריטן טאָג זיינען זיי שוין געווען אַזוי אויסגעשעפּט און פאַר־הונגערט, אַז מען האָט קוים געקאָנט אַ טריט מאַכן. מען איז געפאַלן פון די פיס, אָבער אָפּרוען האָט מען ניט געקאָנט, ווייל אַלעמאָל האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף נייע מחנות דייטשן.

און צווישן דער דאָזיקער חברה האָבן זיך געפונען די דרייסטסטע פאַרטיזאַנען, אַזוינע וואָס האָבן שוין הונדערטער מאָל, און מערער פון הונדערטער מאָל, באַוויזן צו טריאומפירן איבערן טויט.

*
**

די גרעסטע דייטשישע כוחות זיינען געווען אין פאַרצעווע. כמעט די גאַנצע דייטשישע אַרמיי פון נאָענטן פראָנט האָט זיך דאָרטן געפונען. און ס׳איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן אַ פּלאַן, וואָס איז געווען אַזוי פאַנטאַס־טיש־געוואַגט, וואָס בלויז דערפאַר וואָס ס׳איז שוין ניט געווען קיין אַנדער ברירה, האָט מען אים אָנגענומען.

און דער פּלאַן איז געווען זיך גראַדע דורכרייסן דורך פאַרצעווע גופא, דורך דער דייטשישער אַרמיי. דער וואַלד האָט זיך פאַרענדיקט סאַמע אונ־טער פאַרצעווע, און דאָרטן האָבן די דייטשן ניט געפונען פאַר נויטיק צו פאַרשטעלן דעם וועג, מחמת וואוהין קאָנען שוין דאָרטן די פאַרטיזאַנען לויפן? סיידן קיין פאַרצעווע. אדרבא, זאָלן זיי לויפן אַהין, אַז זיי ווילן.

פון עק וואַלד ביז דער שטאָט, דאַרף מען בלויז דורכלויפן אַ פעלד מיט תבואה, און דאָרטן, וואו דאָס פעלד ענדיקט זיך, הויבן זיך אָן די גערטנער. דורך די גערטנער קאָן מען אָנקומען צו אַ געוויסער גאַס, וואָס דאָס איז דער הויפּט־טראַקט צווישן פאַרצעווע און לובלין. אויב מען וואָלט נאָר געקאָנט דורכלויפן דאָס שטיקל ברייט פון דער דאָזיקער גאַס, איז מען געראַטעוועט, ווייל אויף יענער זייט, וואָס איז ווי אַ טאָל, געפינען זיך בלאָטיקע לאָנקעס, און די בלאָטיקע לאָנקעס זיינען געווען פריי פון גרויסע באַוואָפנטע כוחות, סיידן קליינע פּאָסטנס.

איז שוין אויסגעקומען, ווי איינער, וואָס האָט קיין אַנדער ברירה ניט זיך צו ראַטעווען, סיידן ער וועט דורכשפּרינגען אַ גרויסן פייער. איז אויב דער שפּרונג וועט געטאָן ווערן מיט אַזאַ בליציקער שנעלקייט, אַז די פלאַ־מען וועלן ניט אויספייען אַ כאַפּ צו טאָן די קליידער, וועט מען זיך אפשר ראַטעווען.

יאַקובאָוויטש האָט זיך שוין געמוזט געזעגענען מיט זיין פּע־טע־ער.

דאָס דאָזיקע שטיק שווער געווער, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס, האָט אים אַזוי אָפּגעצערט, אויסגעזויגן יעדעס פּיצעלע כוח פון אים. און דער דאָזיקער פּע־טע־ער, איז געווען באַזונדערס טייער, מחמת ס׳האָט ניט איין דייטשישן טאַנק צעשמעטערט. ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק, הינטער אָסטראָוו, האָט דאָס געצווונגען אַ גרויסן דייטשישן כוח מיט דריי טאַנקען צו לויפן צוריק אין פּאַניק.

האָבן די חברה זיך געלאָזט אַהין, אין דער פאַרצעווער ריכטונג, און דאָס איז געווען אַן ערך פון 2 קילאָמעטער. מען איז געגאַנגען און גע־גאַנגען. זיי זיינען געווען אַזוי מיד, אַזוי אויסגעשעפּט, אַז ס׳האָט זיך אויס־געדאַכט מען וועט שוין קיינמאָל אַהין ניט דערגיין.

און אַז מען איז סוף כל סוף יאָ דערגאַנגען אַהין, צו יענעם עק וואַלד, הינטער פאַרצעווע, איז געווען אַזוי, ווי מען האָט אויסגערעכנט פריער: קיין דייטשישע כוחות האָבן ניט פאַרשטעלט דעם וועג.

מען איז אַריין אין די הויכע זאַנגען פון ווייץ. איציק פאַרצעווער האָט זיי געפירט. ווי קעץ, וואָס שפּאַנען אין גראָז, ווי טיגערן, וואָס גנב׳ענען זיך אין וואַלד, אַזוי האָבן זיי זיך געשלייכט.

און אַז דאָס פעלד האָט זיך געענדיקט, האָבן זיך אָנגעהויבן די גערטנדלעך הינטערן שטאָט. נאָך די גערטנדלעך — די הייזער, נאָך די הייזער איז געלאָפן דער טראַקט.

מען איז אַריין אין די גערטנדלעך, זיך פאַרשטעקט צווישן די קוס־טעס, צווישן די בעבלעך־פּלאַנצונגען און זיי האָבן געהערט, ווי איבער דער גאַס אין דער אַבסאָלוטער פינצטערניש, גייט אָן אַ גרויסע באַוועגונג. דאָס האָבן געהאַלטן זיך אין איין ציען אַרטילעריע, טאַנקען און געפּאַנ־צערטע מאַשינען, מיט אויסגעלאָשענע פּרזשעקטאָרס, כדי ניט צוציען די סאָוועטישע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן געהודזשעט ערגעץ ווייט אין די הימלען.

ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, און די טאַנקען און מאַשינען האָבן געהאַלטן אין איין גיין. און זיי, די פאַרטיזאַנען, דאַרפן בלויז איין שמאָלן פּאַס פון דער גאַס, אויף דורכצולויפן.

און אויף וואָס האָט מען געוואַרט? מען האָט געוואַרט אויף אַ קליינעם איבעררייס. זיי ווייסן שוין פון דערפאַרונג, אַז שטענדיק מאַכט זיך אַ סיבה. אַ טאַנק פאַרהאַקט זיך פּלוצלונג, און מוז זיך אָפּשטעלן כאָטש אויף אַ מינוט, און אַלע טאַנקען הינטער אים מוזן זיך אויך אָפּשטעלן. אָבער איצטער שטעלט מען זיך ניט אָפּ. זיי ציען זיך און ציען זיך. אַן אייבי־קער שטראָם.

מען האָט זיך אָבער דערוואָרט. אויף איין קורצע ווײַלע האָט זיך די באַוועגונג אָפּגעשטעלט.

— חברה, האָט פּסח אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, — אויף אַלע פיר, און שנעל ווי אַ בליץ.

ווי אַ פּינטל מיטן אויג האָט געדויערט דאָס אַריבערפּליען פון דעם שטיקל ברייט פון דער גאַס אויף אַלע פיר. פּסח׳ן, וואָס איז געווען דער לעצטער אַריבערצופּליען, האָט אַ זעלנער באַמערקט, און אויסגעשאָסן. ס׳איז געוואָרן אַ בהלה צווישן די דייטשן, אָבער מען האָט ניט געוואוסט וואָס און ווען. און דער זעלנער אַליין האָט מסתמא אויך ניט געוואוסט, צי דאָס איז טאַקע געווען אַן אמת׳ע מענטשלעכע געשטאַלט, וואָס איז ווי אַ בליץ דורכגעשפּרונגען די גאַס און מאָמענטאַל פאַרשוואונדן געוואָרן, צי אפשר איז דאָס געווען אַ בהמה, צי אַ חיה.

***

און פון יענער זייט זיינען אויך געווען גערטנדלעך, און אין דער נידער אין טאָל — אַ טיפער ראָוו מיט וואַסער, און נאָכן ראָוו מיט וואַסער, האָבן זיך אָנגעהויבן די בלאָטיקע לאָנקעס . . .

אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן, וואָס האָט הפנים געהאַלטן דעמאָלט אין אויסקוקן די פּאָזיציע פון שונא האָט אַרויסגעלאָזט אַ ליכט־באָמבע, אַ „זשיראַנדאָ", האָט מען דאָס גערופן, וואָס קאָן זיך האַלטן אַן אָנגעצונדענע אין דער לופטן אַן ערך אַ האַלבע שעה. האָט מען זיך אויסגעצויגן אין די בלאָטעס, געמאַכט זיך פלאַך, און געלעגן און געוואָרט, ביז דאָס ליכט אין הימל וועט זיך אויסלעשן.

און דאָ הויבט שוין אָן באַלד צו טאָגן, און מען קאָן שוין ניט לויפן ווייטער . . . פונדערווייטנס האָט מען דערזען צוויי כאַטעס. דער אָנהויב פון אַ דאָרף. מען איז צוגעקראָכן אויף אַלע פיר צו דעם ערשטן הויז, אַריין איבערוויניק, און פאַרהאַלטן אַלע שטוביקע, קיינעם ניט געלאָזט אַרויס אינדרויסן.

און דאָ פון דער צווייטער כאַטע, איז די פויערטע צוגעקומען און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. זי איז געקומען לייען אַ כלי, האָט מען זי אויך פאַרהאַלטן . . . אין אַ האַלבער שעה אַרום, איז דער שכנה׳ס מיידעלע געקומען צו לויפן, געוואָלט וויסן, וואָס די מאַמע זאַמט זיך אַזוי לאַנג, האָט שוין דאָס מיידעלע אויך געמוזט פאַרבלייבן אין שטוב. שפּעטער האָט דער שכנה׳ס מאַן אָנגעקלאַפּט, האָט מען אים אויך פאַרהאַלטן.

און דאָ, די קי אין די שטאַלן האָבן געמוקעט, די פערד האָבן גע־

הירזשעט, ווייל מען האָט זיי ניט אַרויסגעטריבן אויף פּאַשע, און אויך קיין עסן ניט דערלאַנגט.

דערווייל האָבן זיך די חברה דערוואוסט פון די פּויערים אין הויז, אַז אין דאָרף געפינט זיך אַ קאָמענדאַנט פון דער אַרמיי לידאָווע. אין יעדן דאָרף כמעט איז שוין געווען אין יענער צייט אַ קאָמאַנדאַנט פון דער אַרמיי לידאָווע, צי אָפן, צי באַהאַלטן.

ביינאַכט האָט מען אַרויסגעשיקט שליחים צום קאָמאַנדאַנט. יענער האָט אַלעמען גלייך באַזאָרגט מיט שפּייז, און מיט פורן און מען האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון באָר, אויסמיידנדיק די הויפּט־שליאַכן, וואָס זיינען געווען באַלייגט מיט די אָפּטרעטנדיקע דייטשישע כוחות.

אין באָר האָט זיי דערוואַרט אַ גרויסע פרייד: אַלע חברה כמעט פון דער אידישער גרופּע צוזאַמען מיט יחיאל׳ן האָבן זיך דאָרטן געפונען. און ווי אַזוי זיי האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער אַרומרינגלונג, איז שוין געווען פונקט אַזוי געוואַגט, און העלדיש, ווי די גרופּע פון 30, וואו פסח האָט זיך געפונען.

— פּאַרטיזאַנען, — האָט יחיאל ברייט געשמייכלט, — ווייסן ניט וואָס אַזוינס ס׳הייסט: אוממעגלעך.

כן יאבדו...

אין באָר איז געווען באַראַנאָווסקי׳ס גרופּע סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען, און פּוילישע אָפּטיילונגען, צוזאַמען אַ 600 מאַן.

— און 600 מאַן, פּאַרטיזאַנער, — האָט דער קליינגעוואוקסיקער, גע־פאַקטער גבורה׳דיקער גענעראַל באַראַנאָווסקי געזאָגט, — באַשטייען פאַר אַ גאַנצער דיוויזע פון שונא. באַזונדערס איצטער, ווען די דייטשן לויפן אין אַזאַ פּאַניק.

און די דייטשן אין זייער לויפן האָבן איבערגעפלייצט ניט נאָר די הויפּט־שאָסייען, נאָר אויך די זייטיקע וועגן, וואָס האָבן זיך געצויגן דורכן וואַלד. מען האָט געמערקט, אַז ס׳איז שוין ניטאָ קיין סדר ביי זיי. מען איז געלאָפן אין פּאַניק. מען איז געלאָפן וואוהין ס׳האָט זיך געלאָזט, אַבי ניט צוריקצוואָוועגס. די רויטע אַרמיי איז כמעט געווען הינטער זייערע פּיאַטעס.

און די זאַסאַדעס וואָס די דאָזיקע 600 פּאַרטיזאַנען, די אויסגעפּרואוו־טטע שבעאויסגעפּרוואוסטע, האָבן פאַרלייגט איבער די וואַלדיקע שליאַכן האָט גורם געווען, אַז צענדליקער טויזנטער דייטשן מיט זייערע אַלע גע־

ווערן זאָלן דערנאָכדעם אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו דער רויטער אַרמיי.

די דייטשישע טאַנקען זיינען געלאָפן איינער אויפן אַנדערן, און חברה האָבן שין פאַרשפּאַרט זיך צו צילעווען, וואוהין מען האָט געוואָרפן דעם גראַנאַט, האָט געטראָפן.

— היינט איז זייער יום־הדין, — האָט באַטשאַן, הינקענדיק אויף זיין קוליע, געהאַלטן אין איין וואָרפן גראַנאַטן און געשריען — היינט שלאָגן מיר מיט זיי כפּרות: „זה כפּרתי, זה חליפתי, זה תמורתי" . . . זה הנאַצי ילך צו זיינע דייטשישע אבות אין גיהינום . . .

***

דער פּלאַן פון גענעראַל באַראַנאָווסקי איז געווען זיי דערלאַנגען איבּ־מיטן. זיי איבערברעכן דעם רוקן, ווי ער האָט דאָס אָנגערופן.

ווען די פּאַרטיזאַנען האָבן דערלאַנגט מיט גראַנאַטן און מיט אַנטי־טאַנקען־ביקסן, אין רוקן פון אָפּטרעטנדיקן קאָלום, זיינען גלייך אָנגעלאָפן „עס־עס"־לייט אויף מאָטאָרציקלעטן מיט באַפעלן, אַז מען זאָל ענטפערן מיט פייער אויפן וואַלד. אָבער די זעלנער זיינען געווען פּאַראַליזירט פון שרעק. זיי האָבן אפילו ניט געוואוסט, אַז דאָס שיסן אויף זיי די פּאַרטי־זאַנען, געמיינט, אַז די רויטע אַרמיי האָט זיי אַריינגעכאַפּט אין אַ פּאַסטקע. און אַז די „עס־עס"־לייט, איז יאָ געלינגען צו צווינגען די זעלנער זיך שטעלן קעגן, זיינען די פּאַרטיזאַנען גלייך אויסגערונען און אויסגעוואַקסן אומגעריכט אויף אַן אַנדערן פּונקט.

די בעסטע שיסער, די פלינקסטע גראַנאַטן־וואַרפער, די שטאַלנסטע חברה האָבן זיך געפונען צווישן די 600 פּאַרטיזאַנען, וואָס האָבן זיך פאַר־לייגט אין די זאַסאַדעס. גאָלע אַזוינע חברה, וואָס זיינען געבליבן לעבן נאָר אַדאַנק איבערמענטשלעכער גבורה. ניט דער מערדער, דער פראָסט; ניט דער מערדער — דער הונגער; ניט דער מערדער — דער נאַצי; ניט פייער, ניט קעלט, ניט די קויל האָט זיי געקאָנט נעמען.

באָריס, וואָס איז שוין געווען כמעט סאַמע דאָרטן אין קאַלך־אויוון פון סאַביבאַ־לאַגער, אַן אויסגעשמירטער אין בלאָטע, אַן אַ היטל, איז אַרויפגעקראָכן אויפן שפּיץ פון העכסטן בוים מיט זיין אויטאָמאַטישער ביקס, געשאָסן און געשריען צו די דייטשן, טאָקע אויף זייער לשון:

— ערן־פאַלק, ערן־פּאַלק! דאָס שיסט דער יודע פאַן סאַביבאַ, ערן־פאַלק, ערן־פאַלק . . .

ביי יוחנן דעם מאַריאַנקער, איז זיין נאָז שוין געווען לענגער, ווי דאָס

פּנים. אַן אויסגעמאַטערטער פון די לעצטע גורל׳פולע טעג, איז ער גע־לאָפן און געפאַלן, און ניט אויפגעהערט צו שיסן.

זיין ברודער, גדליה דער שלאַנקער, מיט דעם איידעלן געשניצטן פּנים, ער האָט געשאָסן און געוויינט.

אַ סך אידישע פּאַרטיזאַנען האָבן געשאָסן און געוויינט. געוויינט, וואָס זייערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער, פרויען און זייערע קינדער־לעך האָבן שוין ניט דערלעבט דעם דאָזיקן טאָג פון נקמה און נצחון.

דאָרא, די געראַטנסטע צווישן אַלע פּאַרטיזאַנקעס, האָט פאַרלוירן דאָס היטל. אירע קורץ־געשוירענע זיידענע האָר האָבן זיך צעפּאַטלט, אַ היב־קענדיקע אויף אַ פּוס, מחמת אַ שטיוול האָט איר שטאַרק אָפּגעריבן די הויט, איז זי געלאָפן פון איין פּאָזיציע צו דער צווייטער, און געזוכט דאָס בעסטע, דאָס פּערפעקטסטע אָרט, פונוואַנען צו שיסן.

נח׳קע, וואָס די גאַנצע צייט אַלס פּאַרטיזאַן, האָט קיינמאָל ניט גע־טראָפן מיט אים אַ וועלכע ס׳איז סיבה, ער זאָל ניט קאָנען אָנטייל־נעמען אין אַן אַקציע, האָט גראָדע איצטער, אין דעם טאָג פון אַלע טעג, ניט געקאָנט טאָן גאָרניט. ער האָט זיך אויסגעוויכנט אַן אַקסל. געוואָלט זיך באַרימען פאַר זיין גרעטאַ׳ן, ווי פלינק ער קאָן קריכן אויף די בוימער. איז ער געווען גוואַלדיק פאַרביטערט. די איינציקע זאַך, וואָס ער האָט גע־קאָנט טאָן, איז שעלטן די דייטשן. האָט ער זיי געשאָלטן מיט אַלע קללות, וואָס ער האָט געוואוסט אין וואַרשע, און אויך די וואָס ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט אין וואַלד פון די פּאַרטיזאַנען, באַזונדערס פון דער רוסישער חברה.

די ניט־לאַנג צוגעקומענע אידישע חברה, פופציק אין צאָל, אַנטלאָ־פענע פון מאַידאַנעק, האָבן אונטער דער קאָמאַנדע פון זייער פירער, מעטיק, אפילו אויף איין סעקונדע זיך ניט אָפּגעשטעלט. זייערע ביקסן האָבן אַזש געברענט. פאַררויכערטע, פאַרסאַזשעטע, האָבן זיי זייער גאַנצן לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין זייער עבודה.

דער זאַהאַיקער פּאַצאַן, דער אינגל־פּאַרטיזאַן מיט דעם קאָפּ האַרטע שטייענדיקע האָר, ער איז גאָר געקראָכן אויף אַלע פיר סאַמע צום שליאַך. געוואָלט זיין זיכער, אַז יעדע קויל, וואָס ער לאָזט אַרויס פון זיין ביקס זאָל טרעפן אַ דייטש.

רעב יאַנקל האַלאָונער מיט זיינע צוויי שיינע טעכטער, האָבן אַלע דריי געשאָסן פון ביקסן. רעב יאַנקל האַלאָונער מיט דער שיינער לאַנ־גער גרויער באָרד האָט זיך געצילעוועט פון זיין ביקס אויף די שונאים, און געשריען:

— כן יאבדו, כן יאבדו! (אַזוי זאָלן זיי פאַרלוירן גיין).

כאַנטשע די קודעניצער, פון די ערשטע פאַרטיזאַנקעס, האָט זיך אַרומ־געטראָגן מיט איר אַפּטייקל צווישן די פאַרטיזאַנען, טאָמער ווערט עמיצער פאַרוואונדעט און מען דאַרף הילף, אָבער קיינער האָט ניט געדאַרפט איר הילף.

און פּסח? פּסח׳ס האַרץ איז געווען פול מיט ביטערניש און ווייטאָג.

— קוקט, — האָט ער געזאָגט צו די מאַריאַנקער, — ווי זיי לויפן, די קרעציקע. אומגעבראַכט אַ גאַנצע וועלט און איצט לויפן זיי, ווי פאַר־סמ׳טע מייז. זיך געבאָדן אין בלוט, געשמעטערט קינדערשע קעפּלעך אין די ווענט פון די הייזער, געוואָרגן זייערע מאַמעס, פאַרברענט מיליאָנען טאַטעס, חרוב געמאַכט שטעט, און איצטער, קוקט, קוקט ווי זיי לויפן . . .

***

ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. דער הימל איז געווען רויט. ס׳האָבן גע־ברענט טאַנקען, ס׳האָבן געברענט געפּאַנצערטע מאַשינען, און סאָוועטישע עראָפּלאַנען זיינען געפלויגן אַהין און צוריק און געשליידערט חורבן אויף די אַנטלויפנדע דייטשן.

די „שהחיינו"

און פאַרטאָג איז שוין די רויטע אַרמיי געווען עטלעכע שפּאַן פון וואַלד, און די פאַרטיזאַנען האָבן נאָך גאָרניט געוואוסט.

פּסח מיט די מאַריאַנקער און נאָך חברה זיינען געשלאָפן ווי די גע־הרג׳עטע. פּשוט געפאַלן פון אויסגעשעפּטקייט, פון אַ גאַנצער נאַכט זיך יאָגן צווישן די בוימער נאָך אַנטלויפנדיקע דייטשן.

בלויז אַ פּאָר שעה זיינען זיי אָפּגעשלאָפן, ווי ס׳וועקט זיי אַ פּויער אַ פאַרבינדלער, און זידלט זיך כלומר׳שט:

— העי, אין אייער מאַמעס מאַמען אַריין! וואָס כאַליעט איר דאָ? די רויטע אַרמיי וואַרט דאָך שוין אויף אייך.

— וואו?! ווען?! — האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט אין פּאַניק.

— אָט דאָרטן, אויפן שאָסיי, — שמייכלט יענער. — אַ סאָוועטישער טאַנק. איך האָב אים אַליין געזען. רויטע אַרמייער שטייען לעבן טאַנק און טיילן פּאַפּיראָסן צו די פּויערים.

די חברה, שוין ניט ווי די העלדישע פאַרטיזאַנען, נאָר ווי אַ כאַפּטע קינדער, וואָס מען האָט זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זייער מאַמע איז

שוין געקומען צו פאָרן פון ווייטן וועג, האָבן זיך געלאָזט לויפן.

— סטאָי! (שטיי), — האָט אַ צילעווע געטאָן אויף זיי אַ רויטער אַר־מייעץ מיט זיין אויטאָמאַט, — „קטאָ ווי טאַקיע? (ווער אַזוינע זייט איר?).

— יעווריעיסקיע פּאַרטיזאַני (אידישע פּאַרטיזאַנען).

— כאַראַשאָ, — האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם אויטאָמאַט, — כאָדיטיע סיודא (קומט אַהער).

עס זיינען געשטאַנען לעבן טאַנק אַ פינף רויטע אַרמייער, פאַרסאַ־זשעטע, פאַרריזלטע, אָבער שמייכלענדיקע.

— „ברוך אתה ה׳ אלוהינו מלך העולם, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה״ (געבענטשט ביזטו גאָט אונזער גאָט, דער מלך פון דער וועלט, וואָס האָט אונז געמאַכט לעבן, אויפגעהאַלטן און דערגרייכן די דאָזיקע צייט), — האָט יאַנקל האָלאָווּנער געמאַכט די ברכה הויך אויפן קול.

— וואָס אַזוינס זאָגט ער? — האָט דער עלטסטער פון די פינף רויטע אַרמייער אין אַ לעדערנעם רעקל, מיט גוואַלדיק שטאַרקע פּלייצעלעך, אַ פרעג געטאָן.

— ער בענטשט אייך, — האָט פּסח געענטפערט און ס׳זיינען אים גע־שטאַנען טרערן אין די אויגן.

— וואָס איז בענטשן אָן אַ טרונק, — האָט יענער געגעבן אַ כיטרען וואונק מיטן אויגל, און ער האָט אַרויסגענומען פון טאַנק אַ גרויסן ער־דענעם קרוג מיט וויין.

און די חברה, דורכגעבאַקענע און דורכגעברענטע פון אַלע פייערן, דורכגעוואיעטע פון אַלע ווינטן און זאַווערוכעס, האָבן געזופּט פון קרוג און געוויינט, ווי קליינע קינדער . . .

דער דאָזיקער טאַנק און נאָך אַנדערע סאָוועטישע טאַנקען, וואָס זיינען דערנאָכדעם אָנגעקומען, האָבן זיך געלאָזט קיין פּאַרצעווע און די חברה האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיי.

דער שליאַך אויף וועלכן זיי זיינען איצט געפאָרן, איז געווען פריי, אַזוי פריי און אָפן, אַז מען האָט זיך ניט געגלויבט, ס׳האָט אַזש אויסגע־קוקט ווי אַ חלום.

און דורך די דערפער, וואָס די טאַנקען זיינען דורכגעפאָרן, זיינען פּויערים און פּויערטעס און קינדער נאָכגעלאָפן און באַוואָרפן מיט בלומען.

דער קאַפּיטאַן טראָקער, דער וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פּאַראַשוט מיט די קאַסטשיושקער חברה, האָט געטראָגן אַ פּוילישן מונ־דיר מיט אַן אָדלער, האָבן די פּויערים אים באַפאַלן און אָנגעהויבן צו קושן.

— ענדלעך זיינען אונזערע געקומען, — האָבן זיי געזאָגט איינער

צום אַנדערן, מיינענדיק, אַז דאָס איז די פּוילישע אַרמיי אַריין.

און הינטער פּאַרצעווע האָט מען באַגעגנט נאָך רויט־אַרמייאישע טאַנ־קען און אויטאָמאָבילן, אויף וועלכע עס האָבן זיך אָנגעהאַנגען פּאַרטיזאַנער.

און אַז מען איז אַריין אין שטאָט, זיינען אַלע אַראָפּגעשפּרונגען פון די טאַנקען און פון די אויטאָמאָבילן. באָרוועסע, אָפּגעריסענע, פאַררויכערטע, באַוואַקסענע, מיט די ביקסן אויטאָמאַטן און גראַנאַטן, ווי אמת׳ע וואַלד־גזלנים, האָבן זיי אויסגעזען.

דער זאַהאַיקער פּאַצאַן, דער 12־יאָריקער יאַט מיט די שטעכיקע שוואַרצע האָר, מיט די פלינקע פליייצעלעך, אַ באָרוועסער, מיט דער ביקס אין די הענט, האָט געשפּאַנט פאָראויס מיט אַזאַ שטאָלץ, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען סאַמע דער הויפּט־פירער פון אַלע פּאַרטיזאַנען אין די אַרו־מיקע וועלדער . . .

***

און אַז באַטשאַן איז אַריין אין פּאַרצעווע אַ הינקענדיקער אויף זיין קוליע האָבן אַלע שטאָטישע קריסטן אויסגעגלאָצט די אויגן. געמיינט, אַז ער איז געקומען פון יענער וועלט.

ער איז אַריינגעלאָפן צו זיין באַקאַנטער פּוילישער פרוי אין הויז, וואו ער האָט פאַרן אַנטלויפן אין וואַלד איבערגעלאָזט זאַכן, געכאַפּט אַ קישן, אים אַריינגעטראָגן אין שענק און געהייסן דעם שענקער שטעלן בראָנפן פאַר דעם קישן.

— איך הייס געבן בראָנפן, — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — חברה, מאַכט אַ „לחיים“.

ער איז אַריין אין קיך פון שענק, געוואָרן אַ גאַנצער באַלעבאָס, גע־שלעפּט פון די טעפּ און דערלאַנגט די חברה:

— עסט, מיינע ליבע געסט, ס׳איז אויף מיין חשבון.

אין דעם דאָזיקן שענק פלעגט ער תמיד טרינקען, ווען ער איז געווען אַ טרעגער. דער שענקער, אַ קריסט, איז געווען זיינער אַן אַלטער באַ־קאַנטער.

(באַטשאַן האָט שוין ווייטער פון פּאַרצעווע ניט געוואָלט גיין. עס איז דאָך זיין שטאָט, וואוהין וועט ער שוין גיין? ער איז געוואָרן דער אָר־גאַניזאַטאָר פון דער פּאַרצעווער מיליץ און אויך דער גרינדער פון קלוב פון די אידישע פּאַרטיזאַנען אין פּאַרצעווע. ס׳איז אים אָבער לאַנג ניט באַשערט געווען זיין גדולה. דער האַרציקער באַטשאַן, ער איז אין עטלעכע טעג אַרום געפאַלן ניט פון די הענט פון די נאַציס, נאָר פון די הענט פון

די פּוילישע אויסוואורפן, פון דער אַרמיי קראַיאָווע. זיי האָבן זיך אַרייַנגעריסן אין פאַרצעווע און אַרומגעגאַנגען מיט אַ ליסטע פון הויז צו הויז צו זוכן פאַרטיזאַנען. איינמיטן דער גאַס האָבן זיי אים דערשאָסן, דעם ליכטיקן אידישן פאָלקס־העלד).

און די חברה האָבן געזוכט אידן אין פאַרצעווע. און זיי האָבן נאָך אַלץ ניט געקאָנט גלויבן אַז ס'איז טאַקע געווען אידן־ריין. פון אַזאַ גרויסער קהילה איז געבליבן בלויז איינער. אַ קריסט, אַ באַן־אַרבעטער, האָט אים אויסבאַהאַלטן ביי דער סטאַנציע אין אַ קעלער.

און קיין פאַרצעווע זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע פאַרטיזאַנען פון געגנט און אויך די אַלע לעבן־געבליבענע פון דער אָפטיילונג, וואָס איז אַוועק מיטן שטאַב און צעקלאַפּט געוואָרן הינטער אָסטראָווע.

עס איז אָנגעקומען אַ באַפעל אַז אַלע פאַרטיזאַנען זאָלן זיך לאָזן קיין אָסטראָווע. די באַפעלקערונג פון שטאָט האָט צוגעשטעלט פורן און אַלע האָבן זיך געלאָזט אויף דעם אַלט־באַקאַנטן שליאַך דורכן פאַרצעווער וואַלד אין דער ריכטונג פון אָסטראָווע.

און די דערפער אַרום האָבן געברענט. זיי האָבן שוין ניט איבערגעלאָזט, די נאַציס, קיין שטיין אויף אַ שטיין, בשעת זיי האָבן אָפּגעטראָטן. ספּעציעלע צינד־אָפּטיילונגען זיינען געגאַנגען און באַגאָסן יעדע הויז מיט אַזאַ פליסיקייט, וואָס אַז זי האָט זיך נאָר צוגערירט צו די ווענט, האָט גלייך אָנגעהויבן פלאַקערן. דאָס גרויסע דאָרף ווירוק, וואָס האָט זיך געצויגן אפשר אַכט קילאָמעטער לאַנג, איז אינגאַנצן אַוועק מיטן פייער.

און איידער מען האָט דערגרייכט אָסטראָווע, האָבן דערווייל די פאַרטיזאַנער געמאַכט אַן אָבלאַווע אויפן וואַלד. גרופּקעלעך דייטשן, אָפּגעשניטן פון זייערע אָפּטיילונגען, האָבן זיך דאָרטן אַרומגעבלאָנדזשעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ירחמיאל־חיים וועט דאָס הייסן . . .

ס׳איז געווען אינמיטן דער נאַכט ווען פּסח איז אַריין צו פּאַלאַשקע׳ן אויף דער פּאַדווירע.

פּאַלאַשקע׳ס אָרעמער אויסגעדאַרטער הונט האָט זיך ניט געוואָרפן אויף פּסח׳ן, נאָר זיך באַהאַלטן אין דער סטאַדאָלע צווישן דער שטרוי און שיעור ניט אויסגעגאַנגען פון שרעק, און מורא געהאַט אַרויסצושמעקן אינדרויסן וואו דער גאַנצער סדר פון דער וועלט האָט זיך איבערגעקערט. טויזנטער שווערע קאַנאָנען אין מזרח, אין מערב, אין צפון און אין דרום, האָבן געהאַלטן אין איין בוכקען . . . די ערד האָט זיך געריסן . . . דונערן פון צאָרן און פאַרלענדונג האָבן זיך געקייקלט אין די וויטן...

צענדליקער דערפער אָרום און אָרום, אונטערגעצונדן פון די אָפּ־טרעטנדיקע נאַצישע חיילות, האָבן געפלאַקערט אין טייכן פייער, דער הימל איז געווען בלוטיק־רויט און אויך די שטערן . . .

מיטן ווינט זיינען אַלעמאָל אָנגעפלויגן פונדערווייטנס אָפּגעריסענע שטיקער געוויין. דאָס האָבן די פויערים מיט זייערע ווייבער און קינדער פון די אַרומיקע דערפער געוויינט אויף זייער חורבן.

און ווי נאָר פּסח איז אַריין אויף דער פּאַדווירע, האָט ער גלייך דער־הערט סאָניע׳ס פאַרצווייפלטע געשרייען מיט אַזאַ פּיין, מיט אַזאַ ווײ, אָן אַ ברעג און אָן אַ שיעור.

און ניט פון בוידעם האָבן זיך געטראָגן סאָניע׳ס פאַרצייפלטע גע־שרייען, נאָר פון דער כאַטע. אָבער אַלע פענצטער זיינען געווען פינצטער־בלינד, קיין פיצעלע שיין איז נישט אַרויסגעדרונגען.

און אירע ווײ־געשרייען זיינען געווען אָן אַ פיצעלע האָפענונג, ווי איינער וואָס וויל שטאַרבן.

און אַז פּאַלאַשקאַ האָט געעפנט פאַר אים די טיר און אים אַריינגע־לאָזט אינעווייניק, האָט ער געטראָפן סאָניע׳ן אויף אַ געלעגער אויף דער ערד מיט פאַרמאַכטע אויגן, קאָרטשענדיק זיך אין איבערמענטשלעכע ליידן.

אין אויוון האָט געפלאַקערט, און עס האָבן זיך געקאָכט דאָרטן גרויסע טעפּ. פּאַלאַשקאַ׳ס מאַן איז געזעסן אַ צעשויבערטער, אין די אונטער־וועש אויפן פּעקליק, און געשמייכלט מיט זיין שטענדיקן חסר־דעה׳דיקן שמייכל.

און דער אויסגעדאַרטער פּאַלאַשקאַ׳ן האָט פּסח קיינמאָל נאָך ניט גע־זען אַזאַ אויפגעמונטערטע.

— ביזט געקומען, מיין זון, אין דער ריכטיקער צייט, — האָט זי זיך

פאַרנויגט פאַר אים, — זי איז אין די לעצטע געבורט-ווייען.

סאַניע האָט אויפגעמאַכט די אויגן, דערזען פּסח'ן, און אויסגעשטרעקט אירע הענט צו אים.

ער האָט געקניט אויף דער ערד, זיך איינגעבויגן צו איר, אַריינגענומען איר ביז-גאָר-אויסגעפּייניקטע פּנים אין זיינע הענט, איר אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— סאָנעשע, נשמה מיינע! די רויטע אַרמיי איז שוין דאָ. אומעטום איז זי שוין דאָ.

האָבן זיך צעשטראַלט אירע פורפור בלויע אויגן אי מיט אַזאַ אומגעהויערן פּיין, אי מיט אַזאַ אומגעהויערער פרייד.

און דערנאָכדעם?

דערנאָכדעם האָט סאַניע ווידער געשריען אויף די העכסטע קולות, ווען די געבורט-ווייען האָבן צוריק אָנגעהויבן רייסן שטיקער פון איר לייב. אָבער אירע געשרייען זיינען שוין ניט געווען פון איינער, וואָס וויל שטאַרבן, נאָר פון איינער וואָס וויל לעבן, וויל שטאַרק לעבן.

פּאַלאַשקאַ האָט אי פּסח'ן, אי איר משוגענעם מאַן אַרויסגעשיקט אינדרויסן.

און אינדרויסן איז די גאַנצע נאַכט אַרום געווען איין ריזיקע שריפה. נאָר די דערפער האַליאַ, ליובין און אַ פּאָר אַנדערע, האָט דאָס אויסגעמיטן.

און די ערד האָט זיך אויך געוואָרפן אין גרויסע ווייען. און דער וואַלד נאָענט דערביי, ווי אַ לעבעדיקע זאַך, האָט געהאַלטן אין איין ציטערן און וויינען מיט אַ ברומענדיקער געדיכטער באַסאָווער שטימע.

דער משוגענער פויער איז אַריין אין דער סטאַדאָלע און דאָרטן שוין געבליבן. פּסח האָט געשפּאַנט איבער דער פּאָדווירע אַהין און צוריק, אַהין און צוריק . . . וויפל וויאַרסט האָט ער אָפּגעשפּאַנט אין יענע שעה'ן?

און ווען סאַניע'ס מוח-שפּאַלטנדיקע געשרייען האָבן אויפגעהערט און ס'איז דאָרטן פלוצלונג געוואָרן אינעווייניק אין כאַטע אַזוי שטיל, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן.

און אַז ער האָט גלייך דערהערט דאָס געוויין פון אַ פּיצל מענטשלעך נפש'ל, האָט ער זיך גאַרניט געגלויבט די אייגענע אויערן, און ס'איז פאַר אים געווען אַזאַ גרויסער וואונדער.

פונוואַנען גאָר פלוצלונג וויינט אַ קינד דאָרטן אינעווייניק אין כאַטע? און איז טאַקע מעגלעך, אַז דאָס איז דאָס קינד, וואָס סאַניע האָט דאָס די גאַנצע צייט געטראָגן פאַרבאַהאַלטן אין איר טראַכט?

און אַז ער איז אַריין אינעווייניק איז שוין געווען חסד אויף איר פּנים.

אַ שטראַלנדיקע רואיקייט, אַ לויכטנדיקע פרידלעכקייט. און פּאַלאַשקע איז געשטאַנען איבער איר אַנגעבויגן, און אין אירע הענט האָט זי פאַר־זיכטיק געהאַלטן איינגעהילט אין אַ קאָלדרע דאָס נאַקעטע בלינדע מענ־טשעלע, וואָס האָט אַזוי רחמנות׳דיק געוויינט.

און דערנאָכדעם? דערנאָכדעם האָט זיך פּסח אין זיין גאַנצער לענג אויסגעצויגן אויף דער ערד, צוגעלייגט זיך לעבן סאָניע׳ן און זיי זיינען ביידע איינגעשלאָפן . . .

און דערנאָכדעם האָבן זיי זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט אין איין און דער זעלבער רגע. דאָס פּיצעלע האָט ווידער געוויינט און זיך געריסן ביז אין די העכסטע כלים מיט זיינע יונגע לונגען.

אין די קליינע שויבעלעך פון די צוויי קליינע פענצטערלעך פון פּאַ־לאַשקע׳ס כאַטע האָט אַריינגעשיינט אַ לויטערער ביז גאָר גאָלדענער פרי־מאָרגן, און איבער דער איינציקער גאַס פון דאָרף איז געווען אַ גרויסער גערודער, ווי טויזנטער רעדער וואָלטן זיך געהאַלטן אין איין קייקלען, ווי טויזנטער מענטשן וואָלטן געהאַלטן אין איין רעדן.

טויזנטער רעדער האָבן זיך טאַקע געהאַלטן אין איין קייקלען, און טויזנטער מענטשן האָבן געהאַלטן אין איין רעדן. דאָס איז אַ גרויסע אָפּטיילונג פון דער רויטער אַרמיי דורכגעפאָרן דעם דאָרף אין הונדערטער טאַנקען און געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן.

און זיי האָבן אויך געזונגען לידער פון נצחון און פון פרייהייט. פּסח מיט סאָניע׳ן האָבן געוויינט. געוויינט מיט פרייד און אויך מיט ווייטאָג. זיי זיינען די לעצטע לעבן־געבליבענע פון זייערע משפחות.

און דאָס פּיצעלע ערשט־געבוירן אידעלע האָט אויך געוויינט, און ניט פון דעם, וואָס זיין טאַטע און מאַמע וויינען. ס׳האָט פאַרשטייט זיך, נאָך גאָרנישט געוואוסט. עס האָט געוויינט, ווייל ס׳האָט געוואָלט עסן. האָט סאָניע אים געגעבן עסן פון איר ווייס־קלאָרער אָנגעפולטער ברוסט.

און דאָס קליינע נפש׳ל האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער מאַמע׳ס ברוסט מיט גרויס אימפּעט און געהאַלטן אין איין ציען פון איר די זאַפטן פון לעבן . . .

ירחמיאל־חיים וועט דאָס קינד הייסן. אַ נאָמען נאָך סאָניע׳ס און פּסח׳ס טאַטעס . . .

ס
ו
ף